STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01024

DOS GEZANG FUN HSIDES

N. Shemen

Permanent preservation of this book was made possible
by Judith Weiss Cohen Blecher
in memory of
Rose K. & Eugene J. Weiss

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. שמן

דאָס געזאַנג פון חסידות

Idisch
SOCIEDAD HEBRAICA ARGENTINA
BIBLIOTECA
BUENOS AIRES 21.320 / I-II
T. II

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

142

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע ביכער — צום סוף פונעם בוך

נ. שמן

דאָס געזאַנג פון חסידות

די ראָל פון חסידיזם אין אונדזערע דורות

צווייטער באַנד

✶

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, תשי״ט—1959

N. SHEMEN

Dos Gezang fun Chasiduth

DI ROL FUN CHASSIDISM IN UNZERE DOIRES

The Song of Chassiduth

THE ROLE OF THE CHASSIDIC MOVEMENT IN OUR TIMES

VOL. II

SOCIEDA[illegible]
BIBLIOTECA
BUENOS AIRES 21.320 /I-II
T. II

Copyright, 1959

All rights reserved by the author

N. SHEMEN

197 Lonsmount Drive,

Toronto 10, Ontario, Canadá

אינהאַלט פון צווייטן באַנד

דריטער טייל

קאַפּיטל ניין: דער אומאַנער ניגון און זיין השפּעה

1) אַ ניגון וואָס האָט געשטאַרקט און געמוטיקט ייִדישע הערצער 7
2) שמחה און נגינה אין בראַסלאַווער חסידות — — — — — — 17
3) די פילאָזאָפיע פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער — — — — — — — 23

קאַפּיטל צען: דער טאַלנער ניגון

1) טשערנאָבילער דינאַסטיע — — — — — — — — — — — 34
2. טאַלנער ניגון — — — — — — — — — — — — — — 35
3) ר׳ יאָסעלע טאַלנער — — — — — — — — — — — — 38

קאַפּיטל עלף: נגינה פון ראָפּשיץ

1) ר׳ נפתלי ראָפּשיצער — — — — — — — — — — — — 42
2) ניגון ראָפּשיץ — — — — — — — — — — — — — — 49
3) ראָפּשיץ־באָבאָוו — אַן אייגנאַרטיקער צענטער און אויפלעב פון חסידות — — — — — — — — — — 57
4) ר׳ חיים סאַנדזער — — — — — — — — — — — — — 68
5) וויזשניצער נגינה — — — — — — — — — — — — — 73

קאַפּיטל צוועלף: לומדות און נגינה

1) פּשיסכע און דער נייער דרך אין חסידות — — — — — — — 79
2) ר׳ יצחק וורקער — — — — — — — — — — — — — — 82
3) איזשביצע־ראַדזין — — — — — — — — — — — — — 89
4) סאָכאָטשעווער חסידות — — — — — — — — — — — — 97
5) ר׳ אברהם לאַנדאַ, טשעכאַנאָווער רבי און רב — — — — — 113
6) נוסח אָסטראָווצע — — — — — — — — — — — — — 127
7) דער סאָקאָלאָווער רבי — — — — — — — — — — — — 138

קאַפּיטל דרייצן: גערער חסידות

1) די ירושה פון גער — — — — — — — — — — — — — 145
2) הונדערט יאָר גערער חסידות — — — — — — — — — — 150
3) דער „שפת אמת" — — — — — — — — — — — — — — 157
4) ר׳ אברהם מרדכי זצ"ל — — — — — — — — — — — 162
5) נגינה אין גער — — — — — — — — — — — — — — 171
6) די לעצטע טעג פון ר׳ אברהם מרדכי זצ"ל — — — — — — 175

קאַפּיטל פערצן: **פּיר דורות בעלז**

1) פאַרערונג צו בעלז — 182
2) אָפּשטאַם און דינאַסטיע — 183
3) ר׳ ישכר־דוב — 185
4) השפעה פון ר׳ אהרן — 190

קאַפּיטל פופצן: **די איגר־משפחה אין לובלין**

1) אָפּשטאַם פון ר׳ לייבעלע איגר — 197
2) דער זיידע — 204
3) ר׳ לייבעלעס תורהס — 212
4) משפחה־פאַרצווייגטקייט — 218
5) די צוואה פון ר׳ אברהמעלע איגר זצ״ל — 226

קאַפּיטל זעכצן: **אדמו״ר ר׳ צדוק הכהן מלובלין**

1) דער ריז צווישן ריזן — 241
2) ביאָגראַפיש — 242
3) לובלין און איזשביצע — 250
4) ווען דער כהן איז געוואָרן רבי — 254
5) סדר הלימוד און ספרים — 260

קאַפּיטל זיבעצן: **מאָדזשיצער ניגון**

1) דער ניגון פון „אָז ישיר...“ — 269
2) דינאַסטיע און פאַרצווייגונג — 272
3) דער אַלטער מאָדזשיצער רבי — 280
4) דאָס ליכט וואָס האָט געלויכטן... — 293
5) ביאָגראַפישע שטריכן — 298
6) גרויס אין שירה און אין תורה — 302
7) שאַפער פון נגינה — 307
8) די קונטרסים „תפארת ישראל“ — 310
9) אינעם היכל פון מאָדזשיצער נגינה — 322
10) דער היסטאָריקער פון חסידות און פאָרשער פון נגינות מאָדזשיץ — 324
11) שטרעבונג קיין ציון — 333

מילואים און הוספות

1) מלכות ריזשין — 335
2) ראָפּשיץ — 338
3) דער אָנטייל פון גערער רבין אין ציבור־לעבן — 341
4) ר׳ אברהם לאַנדאָ — 344

דריטער טייל

קאַפּיטל ניין

דער אומאַנער ניגון און זיין השפּעה

1. אַ ניגון וואָס האָט געשטאַרקט און געמוטיקט יידישע הערצער

מיט אַן ערך פופצן יאָר צוריק האָב איך געשריבן וועגן בראַסלאַוו־אומאַנער ניגון, וואָס האָט אויף מיר אַלס קינד, געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה און געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק. ווען איך בין עלטער געוואָרן, רייפער געוואָרן און געפאָרן קיין לובלין צום רבין, צו דעם אדמו״ר הגה״צ ר׳ שלמה איגר זצוק״ל הי״ד, האָט מיך אַלץ געצויגן צו יענעם ניגון, וועלכן איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט פון אַן אומאַנער חסיד, ר׳ בן־ציון, וואָס פלעגט צו אונדז קומען פון צייט צו צייט און בין מנחה למעריב אַזוי לאַנג געטאַנצט און געזונגען ביז דער גאַנצער עולם פלעגט מיטטאַנצן, און באַזונדער זעליג מלמד, וועלכער פלעגט אַ סך דאַווענען. עס האָט מיך שטענדיק געוווּנדערט ווי אַזוי קומט דער זעליג צו לובלינער חסידות, ער וואָלט זיך דאָך בעסער צוגעפּאַסט צו די אומאַנער, ווי מען האָט זיי גערופן טויטע חסידים וויזט אויס, אַז אויך ר׳ בן־ציון האָט דאָס דערפילט, בעת ער האָט צום ערשטן מאָל געטראָפן דעם זעליג מלמד, אַ יונגערמאַן אין די דרייסיקער, וועלכער פלעגט ממש ציילן די ווערטער פון דאַווענען איינמאָל, נאָכאַמאָל און אַ דריט מאָל: „הודו לד׳ כי טוב, ה־ו־ד־ו ל־ד׳ כ־י ט־ו־ב — כי טוב!״.

אין לובלין ביים רבין האָבן מיר געזען אויך אַן אַנדערן דרך. דאָרט האָט אַלץ „געלעבט״, ממש פייער אין דער לופטן, אַ לעבעדיק חסידות....

אייניקע פון מיינע יוגנט־חברים זענען דאָך געוואָרן אומאַנער חסידים. זיי האָט באַצויבערט די וווּנדערלעכע לעגענדע פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער, די תורה פון מאָראַלישע געבאָטן, דער מיסטיציזם און ר׳ נחמנס פילאָזאָ־פיעס — דער רבי, וואָס איז געבליבן לעבעדיק פאַר טויזנטער ייִדן.

יאָ, דעם ניגון, וואָס איך האָב געהערט פון ר׳ בן־ציון, האָט זיך אָנ־געהויבן: אוי, אוי, אוי, געוואַלט, מען שלאָגט! מ׳שלאָגט, מ׳שלאָגט!!! און דעם ניגון האָט ער געזונגען מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַזאַ ברען, ביז אַלע ייִדן אין קאַראַהאָד זענען אָפּגעשטאַנען און ער איז געבליבן איינער אַליין טאַנצנדיק.

חברה יונגוואַרג האָט נאָכגעקוקט אָט דעם פאַרדעכטיקן פאַר אונדז ר׳ בן־ציון, וועלכן מיר פלעגן זען אַ גאַנצן טאָג פאַרטאָן אין קליינע ספרימלעך, און ווי מען האָט אונדז דעמאָלט דערקלערט, זענען עס געווען קבלה־ספרים. צווישן די ספרים האָבן מיר געטראָפן די „לקוטי מהר״ן״, „לקוטי עצות״ (געזאַמלט און רעדאַגירט פון ר׳ נחמן בראַסלאַווערס תלמיד ר׳ נתן בן ר׳ נפתלי הערץ פון נעמיראָוו) אויך די מעשיות פון די זיבן בעטלער, א״אַנד. ספרים.

צווישן די ספרים האָבן מיר געפונען דאָס ספר „רזיאל המלאך״, אַ קבלה־ספר, וואָס איז, ווי ייִדן גלויבן, פאַרפאַסט געוואָרן פון אדם הראשון. מיר האָבן גראָד דערין געפּרוּווט אַריינקוקן, אָבער ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט. פאַר אונדז איז געווען גענוג, אַז דאָס איז אַ ספר פון ערשטן מענטש, און אַז דער מלאך רזיאל, וואָס דערציילט גאָטס סודות, האָט עס געלערנט מיט אדם הראשון די סודות פון דער וועלט. די צייכענונגען אין ספר, די פאַר־שידענע ווערטער־קאָמבינאַציעס, האָבן אין אונדז אַרויסגערופן וווּנדער און שרעק.

איך האָב זיך אָבער מער באַקאַנט מיט דער התנהגות פון די אומאַנער חסידים אין לובלין. ווי באַקאַנט, איז לובלין אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג געוואָרן דער צענטער פון בראַסלאַוו־אומאַנער חסידות.

נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, ווען די רוסיש־סאָוועטישע גרעניץ איז פאַרשלאָסן געוואָרן פאַר אומאַנער „עולי־רגל״ און זיי האָבן מער ניט גע־

קענט גיין אויפן קבר הרבי זצ״ל, פלעגן זיך בראַסלאַווער חסידים פון אומע־טום צונויפקומען חודש אלול קיין לובלין און זיך משתטח זיין אויפן אַלטן לובלינער בית־הקברות, ביים אוהל הרבי מלובלין. פון דעם „חוזה״ האָבן אומאַנער חסידים שטאַרק געהאַלטן. ר׳ יעקב יצחק, לובלינער רבי, זצוק״ל, האָט אַמאָל געזאָגט צו זיינעם אַ תלמיד, וועלכער האָט אים דערמאָנט, אַז יעדער ייִד דאַרף זיין אין צער אויפן חורבן בית־המקדש: „דאַרפסט וויסן, אַז מיר זאָגן „תקון חצות״, מיטן גרעסטן געוויין און קלאָג — און דאָך איז עס מתוך שמחה״ — דאָס איז אייגנטלעך די לערע פון בעש״ט, פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער, דעם גרויסן דענקער אין דער חסידישער וועלט. די דאָזיקע טעאָרעטישע לערע האָב איך געזען בפועל, אין דער פּראַקטיק, ביי אומאַנער חסידים. אין זייער קלאָגן, אין זייער תפילה און אין זייער צער איז געווען בטחון, אומענדלעכער אָפּטימיזם און גרעניצלאָזע פרייד.

איך האָב די אומאַנער חסידים געזען אין זייער ריזיקן קלויז, אויף שעראָקאָ גאַס, ווו זיי האָבן געדאַווינט ימים־נוראים בצבור, געלערנט בצבור — און געגעסן בצבור. אַ קאָמונע בזעיר אַנפּין. איבער דער צייט פון די הייליקע, פאַרכטיקע טעג האָבן זיי געלעבט קאָלעקטיוו.

פאַרשטייט זיך, אַז דער מוראַדיקער דלות האָט, ווי מען זאָגט, געפּייפט פון יעדן ווינקעלע: דאָס צעבראָכענע מעבל און געשיר, דער אומסאַניטאַרער צושטאַנד — אָבער אין פּוילן האָט מען זיך מיט אָרימקייט ניט געשעמט. דאָרט האָט מען געהאַלטן, אַז „יאה עניותא לישראל...״ די הויפּט זאַך — די זוכעניש און דראַנג נאָך געטלעכקייט, דערלייזונג, לייטערונג פון דער מענטש־לעכער נשמה און דערנענטערונג צו גאָט. אין מיטן פון טעגלעכן געראַנגל פאַרן שטיקל ברויט, האָבן אומאַנער־בראַסלאַווער חסידים געזוכט געליי־טערטע רעליגיעזע עקסטאַטישקייט — און דאָס האָבן זיי געפונען אין די ווערק פון זייער רבין ר׳ נחמן, וואָס האָט אין זיך געטראָגן די געטלעכקייט און די טראַדיציע פון בעל־שם טוב, האר״י, ר׳ שמעון בן יוחאי און פון די אַנדערע מקובלים.

אויך אין וואַרשע האָבן די אומאַנער חסידים געהאַט אַ גרויס שטיבל. דער פירער און פּראָפּאַגאַנדירער פון אומאַנער חסידות איז געווען ר׳ יצחק ברייטער (אָדער רייטער), אַ לובלינער ייִד, אַ בוכהאַלטער פון פּראָפעסיע,

גראַד איינער, וואָס האָט זיך מיט מיר אָנגעהערט פאַמיליאַריש און וואָס האָט זיך אַפילו באַמיט מיך צו געווינען פאַר זיין דרך.

ר׳ יצחק ברייטערן איז אַפילו כדאי צו ווידמען אַ באַזונדער קאַפּיטל. דאָ ווילן מיר אָבער בלויז שרייבן וועגן בראַסלאַווער חסידות. דאָס בראַס־לאַווער שטיבל אויף נאַוואָליפּיע 38, איז געווען פון די באַרימטע חסידים־שטיבלעך אין וואַרשע. דאָרט פלעגן אָנקומען מענטשן מארבע פינות העולם. מ׳פלעגט קומען אָנקוקן אויף בייז־וווּנדער די „טויטע״ חסידים, ווי מען האָט גערופן די אומאַנער־בראַסלאַווער חסידים, צוליב דעם וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט פאָרן צו קיין לעבעדיקן רבין. דאָרט האָט מען געטראָפן אַ מאָדנעם דאַווענען, יעדער פאַר זיך באַזונדער, איינער זאָגט, אַ אַנדערער שרייט; אַ דריטער זיפצט און וויינט — און אַ פערטער טוט מיט אַלע כוחות זאָגן שירה, ממש „כל עצמותי תאמרנה״... און ווען עס קומט צו „ברכו״, זענען זיי אַלע פאַראייניקט און דער „ברכו״ הילכט אָפּ אינעם גאַנצן אַרום פון דער יידישער וואַרשע.

„געוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מייאש!״ די ווערטער זענען מיט גרויסע אותיות אויפגעשריבן אויף אַ פּאַפּיר מיט אַ צושריפט אין העברעיש: „אין שום יאוש בעולם!״.

„געוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מייאש״, — איז געווען די לאָזונג פון יענע טייערע, הייליקע נשמות. מיט אָט דעם אָפּטימיזם זענען די אומאַנער חסידים פון נאַוואָליפּיע, געפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע. מיט אָט דעם שטאַרקן בטחון זענען זיי אין גאַז־אויוון געגאַנגען. ווי עדי־ראיה פון שרעק־לעכן גיהנום גיבן איבער, האָבן אַפילו די נאַצי־פּייניגער נישט געבראָכן זייער שטאַנדהאַפטיקייט, אַפילו אין „עת הזעם״, אין צייט פון שרעקלעכן אומ־גליק, האָט זיך דער בראַסלאַווער ניגון געטראָגן איבער די וואַרשעווער גאַסן, וועלכע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טייכן יידיש בלוט. דער ניגון, דורכגעווייקט אין בלוט און טרערן איז אויף אייביק פאַרגעסן געוואָרן. ער איז אומגעקומען, צוזאַמען מיט זיינע זינגער, די איידעלע, געלייטערטע הייליקע יידישע נשמות.

ווי ביטער עס ווערט אויפן האַרצן וואָס פון אָט דעם נעכטן איז שוין געוואָרן ווייטע פאַרגאַנגענהייט. עס איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן! אין דער פינצטערער צייט פון שרעקלעכע שחיטה־יאָרן, איז אויסגעגאַנגען דאָס

מתיקותדיקע געזאַנג פון חסידישע מעלאָדיעס און ר׳ נחמן בראַסלאַווער האָט אין עולם־העליון דאָס אַלץ געמוזט פאַרשווייגן. ווי צום דור וואָס האָט דער־לעבט צו זען ווי ארזי הלבנון, אדירי התורה, צדיקים וקדושים זענען אומ־געקומען מיט די ערגסטע מיתות משונות און עס שרייט דאָס בלוט הנשפך כמים, עד מתי? „תנקום על בית ישראל ועל עם ד׳ כי נפלו בחרב״!...

***

רבי נחמן בן ר׳ שמחה איז געבוירן געוואָרן שבת, ר״ח ניסן, תקל״ב (1772), אין דער שטאָט מעזשיבעזש, פּאָדאָליער גובערניע, אין סאַמע ווי־געלע פון חסידות. זיין פאָטער ר׳ שמחה, איז געווען דער זון פון ר׳ נחמן האָראָדענקער, אַ תלמיד פון דעם בעש״ט און זיין מוטער פייגע איז געווען די טאָכטער פון האָדל, די באַרימטע טאָכטער פון בעש״ט.

אין מעזשיבעזש, וווּ עס האָט געלעבט און געווירקט זיין גרויסער זיידע ר׳ ישראל, וועלכער איז דאָרט נפטר געוואָרן און וועמענס קבר געפינט זיך אויפן אָרטיקן אַלטן בית הקברות — דאָרט, אין דער, פאַר חסידים, הייליקער שטאָט, — צווישן די גרעסטע רביי׳שע פּערזענלעכקייטן, איז ר׳ נחמן דער־צויגן געוואָרן. ווען ער איז בלויז זעקס יאָר אַלט געווען האָט ער זיך שוין נוהג געווען ווי די גרויסע מקובלים. ער פלעגט זיך אויך „משתטח״ זיין אויף דעם קבר הבעל־שם־טוב, צו רעדן מיטן זיידן. זיין מוטער פייגע איז געווען באַוווּסט אַלס בעלת־רוח־הקודש און אויך אירע צוויי ברידער ר׳ משה־חיים אפרים (דער מגיד פון סידילקאָוו, מחבר פון „דגל מחנה אפרים) און ר׳ ברוך מעזשיבעזשער האָבן פיל געווירקט אויף אים.

ווערנדיק דערצויגן אין אַזאַ הייליקער חסידישער אַטמאָספערע, האָט דאָך ר׳ נחמן געזוכט אַן אייגנאַרטיקן אָריגינעלן דרך אין חסידות. ער האָט אַלץ אָנגעהויבן פון דאָס ניי און אַזוי ווי דער זיידע, פאַרלאָזט די שטאָט, אַרויס אין דאָרף, אין וואַלד, אויפן פעלד, זיך באַהעפטן מיט דער נאַטור; ער האָט געזען די מעגלעכקייט פון דערהויבן זיך צו די הימלען דורך דער נאַטור, געפונען דעם אייביקן קאָנטאַקט פון גאָט, מענטש און נאַטור. אין התבודדות האָט ער דערזען דעם „מלא כל הארץ כבודו״, וואָס איז „ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין״, אַז גאָט איז אינעם מענטש, מיט אים און אַרום אים.

באַהעפטנדיק זיך מיט דער נאַטור, האָט ער אויפן פעלד באַקומען די געטלעכע אינטויציע, די גייסטיקע שעפערישקייט און געשאַפן זיינע טיפ־

זיניקע חסידיש־פילאָזאָפישע ספרים און מאמרים און ניט ווייניקער דעם רייכן פאָלקלאָר דורך וועלכן די חסידות עטיק און עסטעטיק האָט געפונען אויסדרוק.

ווילן מיר דאָ, פאַרשטייט זיך, ניט שרייבן אַ פולשטענדיקע מאָנאָגראַפיע וועגן רבי נחמן בראַסלאַווער, וועמעס לעבן און שאַפן איז איינגעהילט אין אַ זייער דיקן „פעלץ" פון חסידישע לעגענדעס און אין דער ספערע פון חסידות־פאָרשונג פאַרנעמט ער אַן אייגנאַרטיקן אָרט. זיין פּאַעטישע נשמה און אימאַגינאַציע, ווי זיין טיפזיניק דענקען האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט תורות און לערעס, נאָר געזוכט אויך קינסטלערישן אויסדרוק און תיקון. „יעדער גרעזל, זאָגט ר' נחמן, זאָגט שירה". ער הערט און פילט דאָס געזאַנג זייערס און ער זינגט מיט זיי צוזאַמען. ער גלויבט שטאַרק אין קאָסמישן כח פון תפלה. מען דאַרף, האַלט ער, דאַווענען מיטן גאַנצן כח, אַריינלייגן די קאָסמישקייט אין די אותיות פון תפלה און מתקשר זיין די תפלות מיט די פון צדיק הדור, וועלכער ווייסט די כוונות און די טויערן פון יעדער תפלה.

ער האָט ביים לעבן געהאַט אַ סך קעגנערשאַפט, אויך אין דער חסידישער וועלט, וועלכע האָבן ניט גורס געווען זיין דרך און זיינע נייע חסידות־געדאַנקען. דער שטאַרקסטער קעגנער זיינער איז געווען דער שפּאָלער זיידע, ר' לייב, אַ תלמיד פון באַרימטן בעל־שם־טובס נאָכפאָלגער, ר' יעקב־יוסף פּולנאָהער, דער „מוכיח פון פולנאה" 1), ווי מען האָט אים גערופן. וועגן אים ווערט געזאָגט: „על פיו יצאו ועל פיו יבאו כל דברי הבעש"ט". אין אַלע זיינע ספרים, באַזונדערס אין דעם „תולדות יעקב־יוסף" ציטירט ער כסדר דעם בעש"ט.

ר' נחמן האָט געהאַט פאַרערער צווישן די גדולים פון חסידים און רבנים. אַזוי האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן זיין פעטער ר' ברוך מעזשיבעזשער, ר' אברהם קאַליסקער, וועלכער האָט זינט דעם יאָר תקל"ז געוווינט אין ארץ־ישראל, ר' גדליה פון ליניץ, ר' אברהם־דוד כמעלניקער און אַ סך אַנדערע.

1) מחבר פון ספרים: פורת יוסף, צפנת פענח, תולדות יעקב יוסף און אַנד. געב. אין אָנהייב פון 17טן י"ה און נפטר געוואָרן כ"א תשרי תקכ"ט (לויט האָראָדעצקי, נפטר כ"א טבת תק"ל. זע אויך, אָשר פריצקר, נתיב לחסידות ולהשכלה, תל־אביב, תשט"ו.

ר׳ נחמן בראַסלאַווער האָט אויך, ווי דער האר״י הקדוש, געהאַט אַ מענטשן וועלכער האָט פאַרצייכנט אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט, דערקלערט זיינע געדאַנקען און באַשריבן זיין לעבן, ר׳ נתן נעמיראָווער. ער איז געוואָרן אַזוי צוגעבונדן צו אים, ווי ר׳ חיים וויטאַל צום האר״י. ער האָט גע־אָטעמט מיטן אָטעם פון זיין רבין. פון יאָר תקנ״ט, זינט ער איז געוואָרן אַ בראַסלאַווער חסיד, האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן זיין רבין און יע־דעס וואָרט פון רבין געבראַכט אויף דעם פּאַפּיר. ניט אומזיסט דריקט זיך אויס ר׳ נחמן, אַז „זינט ר׳ נתן איז געקומען צו אים, איז ער זיכער, אַז אַפילו אַ וואָרט זיינס וועט נישט פאַרלאָרן ווערן״.

ר׳ נתן נעמיראָווער איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1830. ער האָט פאַר־אייביקט דעם רבינס תורה־שמועסן, תורה־געדאַנקען, פילאָזאָפיע, הלכה און בכלל אַלץ וואָס דער רבי האָט וועגן עס איז אַרויסגעזאָגט. ער האָט צוזאַ־מענגעשטעלט און רעדאַגירט די „לקוטי מהר״ן״, „לקוטי עצות״, „לקוטי תפלות״, „חיי מהר״ן״, „שמות״ „שמות הצדיקים״, „ספר המדות״ און פיל אַנדערע ספרים. ער האָט אין זיינע בריוו (׳מכתבים״) איבערגעגעבן אַן אַ שיעור פאַקטן פון זיין רבין. ער האָט פּאָפּולאַריזירט די פילאָזאָפיע פון ר׳ נחמן, וואָס איז אַ סך באַזירט אויף די ספרי הזוהר והאר״י, וועלכע זענען געשריבן, לויט ר׳ נחמנס מיינונג, ברוח הקודש, און אויך אויף די לערעס פון זיין זיידן דעם בעש״ט. דער עיקר אמונה, לויט ר׳ נחמן, איז די פשוטע, איינפאַכע, אמת־פאַלקסטימלעכע, אָן די חקירות און אָן דער התחכמות. בראַסלאַוו־אומאַנער חסידים האָבן אַ ספּעציעלע תפלה פאַר אמונה פשוטה:

„זכני לעבוד אותך באמת, בתמימות ובפשיטות גמור בלי שום חכמות כלל. שמרני והצילני ברחמיך הרבים מחקירות וחכמות חיצוניות וזרות. רחם עלי ועל כל ישראל וזכני בחסדיך העצומים לתמימות באמת״ 2).

ר׳ נחמן בראַסלאַווערס ספרים זענען אָנערקענט געוואָרן ביי די גדולי האדמורי״ם. ר׳ צדוק הכהן מלובלין האָט אפילו צוגעגעבן הגהות3) און אין

---

2) זע, לקוטי תפלות.

3) ספר המדות מרבנו... נחמן מברסלב... עם מראה מקומות מהרה״צ נחמן אבד״ק טשהערין... ומאת מוה״ר צדוק הכוהן מלובלין ועתה הדפסנוהו מחדש... ירושלים...

חסידישע ספרים ווערן זיינע מיינונגען געשאַצט און געאַכטעט און גאָר באַזונדערס זיינע אָנשויונגען וואָס שייך שמחה און נגינה.

„ווען אַ מענטש — זאָגט ער — הערט דאָס קול פון שמחה־ניגון... כאָטש דער מנגן איז ניט קיין געהויבענע פערזענלעכקייט... ווערט ער פאַרבונדן מיט השית״ב, מיט דער מלכות פון קדושה... עס איז פאַראַן טבע־געזאַנג אין דער בחינה פון השמים מספרים כבודו... דאָס איז היינטיקער געזאַנג. לעתיד לבא וועט בטל ווערן די טבע און די וועלט וועט געפירט ווערן בלויז דורך דער ווונדערלעכער השגחה און עס וועט דערוועקט ווערן אַ ניי געזאַנג, אַ שיר חדש, אַ ווונדער־ניגון וואָס וועט אויסגעשפילט ווערן אויף אַ פידל מיט 72 סטרונעס... דער ניגון וועט אַנטרינקען דעם גן־עדן.

„יעדער פאַסטעך האָט זיך זיין ניגון, לויט די גראָזן און לויט דעם אָרט ווו ער געפינט זיך. יעדער גרעזל האָט זיך זיין געזאַנג און פונעם גראָזן־געזאַנג ווערט געשאַפן דאָס פאַסטעך־ליד דורך וועלכער די גראָזן וואַקסן בעסער... ארץ־ישראל האָט זיך אַן אייגן געזאַנג אין דער בחינה פון „קחו לכם מזמרת הארץ״ 4)

ר׳ נחמן בראַסלאַווער האָט זיך, ווי געזאָגט, אַנגעליטן פריער פון די מתנגדים און אויך פון אייניקע אדמורי״ם, וואָס האָבן ניט גורס געווען זיין דרך־החסידות. אָבער מערקווירדיק, די משכילים האָבן אים רעספּעקטירט און ער האָט געהאַט אויף זיי אַ גרויסן איינפלוס. די משכילים אין אומאַן, ווו ער האָט זיך אַריבערגעצויגן אין יאָר 1810, האָבן פון אים שטאַרק געהאַלטן.

וועגן דעם פאַרוואָס ער האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין אומאַן, זענען פאַראַן פאַרשידענע לעגענדעס. זיין תלמיד ר׳ נתן, גיט אָן אַז די סיבה איז געווען דאָס אַלטע היסטאָרישע בית־עלמין אויף וועלכן ס׳ליגן צענדליקער טויזנטער קדושים 5). חיים ליבערמאַן, ווייזט אָן 6) אויף נאָך סיבות און אַז אומאַן האָט זיך גוט צוגעפּאַסט צו זיינע התנהגות און ער האָט דאָרט געהאַט

4) לקוטי מוהר״ן, לקוטי עצות, וואַרשא, תרל״ה. זען פריער, באַנד 1, קאַפּ 3, ז״ז 86—96; 103; קאַפּ. 4, ז״ז 142—143; 141—148; 154—155; 161; 165. אויך זען י. ל. מימון, סיני, טבת, תשי״ט.

5) זע חיי מוהר״ן, לעמבערג, 1874, כ״ה—כ״ט; דובנאָוו, דברי ימי עם עולם, ב׳, ז׳ 98.

6) ייוו״אָ־בלעטער, באַנד 29, נומ׳ 2, ז״ז 201—203.

די פּריינטלעכע באַציִונג מצד די אָרטיקע משׂכּילים, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפֿונען גאָר אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן. אומאַן איז דאָך דאַן געווען באַקאַנט אַלס השׂכּלה־שטאָט און ר' נחמן האָט געוואָלט אַרויסברענגען די „הייליקע פֿונקען" וואָס האָבן נאָך געטליִעט.

די משׂכּילים וואָס האָבן אומעטום באַקעמפֿט די גוטע ייִדן, די חסידישע מנהיגים, האָבן גאָר מקרב געווען דעם בראַסלאַווער און ר"ח ליבערמאַן שרייבט:

„פֿון די אַלע טשיקאַווע מעשׂיות איז קלאָר איין זאַך, אַז די באַציִונגען צווישן ר' נחמן און די אומאַנער זענען געווען גאָר פֿריינטלעכע און אַז זיי פֿלעגן זיך אָפֿטער טרעפֿן און שמועסן צווישן אַנאַנד" 7).

ר"ח ליבערמאַן באַרירט אויך אַ גאָר וויכטיקן ענין, וועגן „חסידיש לשון קודש", אָפּוועגנדיק יוסף פּערלס באַהויפּטונג אין זיין „מגלה טמי־רין", אַז די חסידים האָבן געשאַפֿן אַ פֿאַרגרייזטן לשון־קודש. ער מאַכט נאָך דעם דאָזיקן ספּעציעלן לשון און פּראָפֿ' יוסף קלויזנער בויט אויף דעם זיין טעאָריע, אַז חסידים האָבן דאָס געשאַפֿן אַ משונהדיקן לשון־קודש. ליבערמאַן ווייזט אָן אויף דער ניט־ריכטיקייט פֿון אָט דער טעאָריע, חסידים, ווייזט ער, האָבן גראָד יאָ געשריבן אין אַ זאַפֿטיקן אָבער פֿאָלקסטימלעכן העברעיִש 8).

רבי נחמן האָט געוואָלט פֿאַרבינדן, פֿאַראייניקן און פֿאַרקניפּן אַלע ברעקלעך און מאַכן פֿון זיי אַ פֿולע גאַנצקייט. אינעם ברויזנדיקן ים פֿון לעבן, אינעם שטענדיק געווירבל און שטורעם האָט ער דערפֿרייט ייִדישע הער־צער, זיי געשטאַרקט און געזאָגט צו יעדן ייִדן: „דו האָסט אַ באָדן, אַ היים, אַ דאַך איבערן קאָפּ" — „דו דאַרפֿסט שפּירן אין דיר, אַרום דיר, איבער דיר די קראַפֿט וואָס שטיצט דיך און לאָזט דיך נישט פֿאַלן"... ער האָט געקוקט מיט אַ זיכערן, פֿעסטן בליק אין דער ווייטקייט אַריין און אין דער הויך אַרויף און דעריבער אַרום זיך געשאַפֿן אַזוי פֿיל פֿייערלעכקייט, אַזוי פֿיל התלהבות, אַזוי פֿיל ענטוזיאַזם... דעריבער אַזוי פֿיל נשמות מתקן גע־ווען, די נשמות „דאַזלין ערטילאַין" מחזר למושב געווען.

---

7) דאָרט, ז"ז 203—205, באַריכות, ציטירט פֿון „סיפּורים נפלאים וועגן „התנה־גות אדמו"ר זצ"ל עם הריסטוקרטין שבאומן".

8) דאָרט, ז' 211.

ער האָט געהאַט געגוג קעגנערשאַפט און מחלוקת. בלויז אייניקע רבנים האָבן אים אָפּגעגעבן כבוד און מסכים געווען אויף זיין ספר „לקוטי מהר״ן״. איינער פון די גדולי הרבנים ר׳ אפרים זלמן מרגליות פון בראָד, שרייבט אין זיין הסכמה: „אדם גדול בתורה ובחסידות, איש קדוש מבין חידות, יודע תעלומות חכמה ושושן סודות, מפענח נעלמים, תלמוד ואגדות... 9)

אויך דער קאָזשעניצער מגיד ר׳ ישראל ז״ל, האָט אייפּגענומען זיין ספר מיט פרייד און התפעלות. צווישן אַנדערן שרייבט ער: לכי חזו מפעלות אלקים אשר פעל ועשה איש חי רב פעלים מקבצאל... אמרים דברים נפלאים... שלח אלי... חד מן ידידי ה״ה הרב המאור הגדול בנן של קדושים, מופת הדור גדול מרבן שמו נודע בשערים מו״ה נחמן נ״י, נכד לרבנו ה״ק בעש״ט זלה״ה...

מען דאַרף דאָ נישט איבערחזרן וועגן דער פאַרערונג און איבערגעגעבנקייט מצד זיין תלמיד ר׳ נתן וועלכער קאָן פשוט ניט אַרויסגעבן וואָס ער פילט און טראַכט וועגן דער גרויסקייט פון זיין רבין.

ער שרייבט וועגן ספר לקוטי מהר״ן:

„הלא כה דברי הספר הקדוש הזה כאש וכפטיש פוצץ סלע... גדול, נפלא ונורא וחזק מאד... כל דברי הספר הנורא הזה הם השגות עליונות, גבוהות ועמוקות מאד...

אין יאָר תק״ע, נאָך דער גרויסער שרפה אין בראַצלאַוו, האָט ער זיך באַזעצט אין אומאַן. ער איז שוין דאָרט געלעגן צו בעט, קראַנק און צעבראָכן. שבת־נחמו יענעם יאָר איז ער שטאַרק קראַנק געוואָרן און ווען אַ גרויסער עולם האָט אַרומגערינגלט זיין בעט, האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זיי, געפרעגט פאַר וואָס מען איז געקומען. ער איז שוין אַן „איש פשוט״... אין יענעם מאָמענט האָט ער אָנגעהויבן רעדן וועגן דער קדושה פון ארץ־ישראל 10), וועגן זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל, געקומען צו די כחות און געהייסן זינגען... אַ סך זינגען.

ראש־השנה תקע״א (1810), איז ער שטאַרק קראַנק געוואָרן, ס׳בלוט

---

9) זען חו׳ מהר״ן, הסכמות על הספר ליקוטי מהר״ן; זען אויך, ז׳ 219.

10) מיר האָבן פריער שוין גערעדט באריכות וועגן זיין נסיעה און וועגן זיין ליבשאַפט צו ציון. וועגן ר״נ בראַסלאַווער זען, ש. א. הורודצקי, החכידות והחסידים, ד׳ באַזונדערס, ז״ז קמ״ג—קנ״ג. וועגן ארץ־ישראל און חסידות, דאָרט ז״ז נ״ה—ס״ג.

האָט זיך אים געלאָזט פון האַלדז. ער האָט אָבער ניט אויפגעהערט זאָגן תורה און איז די לעצטע מאָמענטן, פילנדיק ווי דער טויט דערנענטערט זיך, האָט ער געזאָגט: ס׳שטייט פאַר אונדז אַ גרויסער באַרג און איך ווייס ניט צי מיר גייען צום באַרג, צי דער באַרג קומט צו אונדז...

דינסטיק פרי, דעם פערטן טאָג סוכות, האָט ער אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה. ווען די תלמידים האָבן אָנגעהויבן וויינען האָט ער זיך אין די לעצטע גסיסה־מינוטן אויפגעכאַפּט, אויסגעדרייט זיך צו זיי, וואָס האָט געהייסן אַז ער פאַרלאָזט זיי ניט. ער האָט געלעבט ביז מיטאָג־צייט. ווי די תלמידים דערציילן, האָט ער דאַן געזאָגט, „כ׳וויל בלייבן מיט אייך... איר זאָלט קומען צו מיר״... ער איז אינגאַנצן אַלט געווען 38 יאָר.

די דאָזיקע לעצטע ווערטער, ווי אַלע לערעס פון זייער גרויסן אומ־שטערבלעכן רבין היטן אומאַנער חסידים. אומאַנער חסידים האָבן געוווּסט ווי אָפּצושאַצן וואָס זייער רבי האָט געמיינט פאַר זיי: לערער, וועג־ווייזער, באַזינגער, טרייסטער, אין פרייד און אין לייד געשטאַנען מיט זיי, געבראַכט און אַנטפּלעקט פאַר זיי די גרויסע האָפענונג און געפילט זייער טראַגיזם. ער האָט זיי געפירט מיט זיין וויזיע, געעפנט פאַר זיי די לאַבירינטן פון אויפגעשטראַלטער האָפענונג, באַלויכטן פאַר זיי זייער לעבן און דער טאָ־פּלטער פינצטערניש און פאַרלוירנקייט. ער איז געווען זייער גייסטיקער באַפרייער און ער האָט זיי גייסטיק געהיילט.

2. שמחה און נגינה אין בראַסלאַווער חסידות

אין אַלע זיינע ווערק לויבט ר׳ נחמן בראַסלאַווער שמחה ביי ייִדן; אינעם גאַנצן לעבן, סיי אין רוחניותדיקן, סיי אין מאַטעריעלן, וויל ער, אַז עס זאָל זיך פילן די שמחה, וואָס איז דער בעסטער באַוויז פון דער „אמונה פשוטה״. די דאָזיקע אמונה, האַלט ער, באַפרייט דעם מענטש פון מעלאַנ־כאָליע און עצבות; שטאַרקט דעם מענטשנס שכל און פירט אים אין דער וועלט פון לויטער גייסטיקייט. דער ניגון פאַרנעמט דעריבער אין ר׳ נחמנס חסידות אַ גאַר גרויס אָרט און אין „לקוטי עצות״ איז דאָ אַ באַזונדערער מאמר וועגן נגינה, וואָס איז אַ באַשטאַנדטייל פון זיינע אָנשויונגען און

קאָנצעפּציעס. דורך נגינה קאָן מען דערגרייכן די אמונה עליונה, די העכסטע מדרגה פון דער „חכמה עליונה".

דאָס העכסטע געזאַנג, האַלט ער, וועט געזונגען ווערן לעתיד לבוא, אין דער צוקונפט־וועלט, ווען אַלע פעלקער וועלן האָבן די ריכטיקע אמונה, די אַזוי־גערופענע אמונה עליונה. דעמאָלט וועט די וועלט זינגען דאָס אמתע געזאַנג, דעם אמתן ניגון. דאָס זאָל מען אויך האָבן געמיינט אין תלמוד, ווען מען האָט געזאָגט אויף „אז ישיר" — שר לא נאמר אלא ישיר — מכאן לתחית המתים מן התורה, ווייל דעם אמתן זמר פון היכער אמונה קאָן נאָר דער צדיק־הדור, וואָס איז בבחינת משה, און דעמאָלט ווען עס וועט פאַר דער גאַנצער וועלט נתגלה ווערן די אמתע אמונה, וועלן אַלע פאַלשע ניגונים איינגעשטילט ווערן און עס וועט זיך בלויז הערן דאָס געזאַנג, דער ניגון פון משה, דער עכטער הייליקער מוזיקאַלישער טאָן.

געזאַנג, ווי מיר האָבן אין די פריִערדיקע קאַפּיטלען געזען, שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין חסידות. שוין דער בעש"ט האָט אַ סך געהאַלטן פונעם כח פון ניגון. ער פלעגט אַ סך זינגען מיט זיינע תלמידים און חסידים. מיט שמחה, געזאַנג און טאַנץ האָט ער געהיילט די צעבראָכענע געמיטער פון די פאַרזאָרגטע יידן, זיי געשטאַרקט און פריילעך געמאַכט. אין די ספרים פון זיין נאָענטסטן תלמיד ר׳ יעקב־יוסף וועגן וועמען דער בעש"ט האָט אַמאָל געזאָגט: „רבונו של עולם, איך וויל פון דיר ניט קיין שכר עולם הבא אויף די אַנדערע מעשים מיינע, נאָר בלויז דאָס וואָס איך האָב דיר געבראַכט אַזאַ יאָסעלע", באַזונדערס אין דעם באַרימטן ספר „תולדות יעקב יוסף", וווּ עס ווערן געבראַכט 280 מאמרים פון בעש"ט, ווערט פיל ציטירט פון בעל־שם־טוב וועגן דער וויכטיקייט פון שמחה של מצוה וואָס ברענגט צו דבקות ד׳... „עצבות, האָט דער בעש"ט געלערנט, איז אַ גרויסע שטערונג צו עבודת השם בלב שלם".

אין דער חסידישער ליטעראַטור ווערט פיל גערעדט וועגן דעם עקסטאַז פון תפלה און ניגון, וואָס דערוועקט בענקשאַפט און גלוסטונג צום פאָטער אין הימל און פירט אַרויס די אינערלעכע געדאַנקען און געפילן, אויף אַזוי וויט, אַז עס האָט זיך געשאַפן דאָס ווערטל, אַז „מיט נגינה קאָן מען עפענען די הימלישע טויערן און דורך עצבות קאָן מען זיי נאָר שליסן".

אַזוי אויך דער רבי ר׳ דוב־בער, דער גרויסער מעזריטשער מגיד, דער

ממלא מקומו פון בעש״ט, וועלכער האָט פאָרגעזעצט דעם בעש״טס חסידות, און האָט אויך געווונען פאַר חסידות די רבנות־לומדישע וועלט פון ליטע, רייסן, פוילן און גאַליציע. אויך דער רבי ר׳ בער האַלט פון שמחה אַלס אַן עיקר אין חסידות דורך וועלכער מ׳קאָן מקשר זיין אַלע עולמות אין השי״ת. אַלע תלמידים זיינע האָבן פּאָפּולאַריזירט דעם געדאַנק וועגן דער וויכטי־קייט פון שמחה און געזאַנג.

די נגינות פון בעש״ט און פון זיינע וויכטיקע נאָכפאָלגער ר׳ שניאור־זלמן פון לאַדי, ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער, ר׳ אהרן קאַרלינער און ר׳ מיכל זלאָטשעווער, זענען גוט באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט. דער לעצטער וועלכער ווערט פאַררעכנט אַלס דער מוזיקאַלישער נאָכפאָלגער פון בעש״ט, האָט אַליין געשאַפן ניגונים, און אויך דער בעל התניא און חב״ד־באַגרינדער האָט פאַרפאַסט צען ניגונים, לויט די עשר ספירות. די נגונים זענען געווען תורה שבעל־פה, אָבער דאָך ניט פאַרגעסן געוואָרן און איבערגעגאַנגען בירושה דורך חסידישע דינאַסטי׳עס, וועלכע האָבן מעורר געווען דורך אָט די הייליקע ניגונים און גערעפנט יענע היכלות וועגן וועלכע עס ווערט געזאָגט אין די קבלה־ספרים, אַז זיי ווערן ניט געעפנט נאָר דורך ניגונים (אויף ר׳ יחיאל־מיכל פון זלאָטשעוו האָבן חסידים געזאָגט, אַז ער איז אַ גלגול פון חבקוק הנביא).

קיינער האָט אָבער ניט אַזויפיל גערעדט וועגן חשיבות פון ניגון ווי ר׳ נחמן בראַסלאַווער, דאָס ליכטיקע אייניקל פון בעש״ט, וועלכער האָט געשאַפן אַזאַ ניגון ווי „מעין עולם הבא״. די נגינות פון בראַסלאַווער חסי־דים זענען אינגאַנצן אַנדערש פון די ניגונים פון חב״דער חסידים, אָדער פון אַ באַרדיטשעוו־זלאָטשעווער ניגון. די בראַסלאַווער האָבן געשאַפן אַן אייגנאַרטיקן ספּעציפישן נוסח אין זינגען און האָבן געשאַפן ניגונים אויף פאַרשידענע געלעגנהייטן: ניגונים פאַר פיוט פון די ימים־נוראים, ניגונים צו דער הגדה של פסח אאַז״וו.

ר׳ נחמן בראַסלאַווער שטעלט זיך אָפּ אויף די פאַרשידענע ניגונים: ניגון פון נאַטור און ניגון פון מענטש. עס איז נישטאָ נאָך איינער פון די צדיקים, וואָס זאָל אַזויפיל רעדן און אַנאַליזירן די מוזיקאַלישע כוחות אין דער וועלט, וואָס שטראַלט אַרויס פון דער בריאה. און ניט בלויז פון ניגון רעדט ער, נאָר אויך פון ריקוד, פון טענצל, האָט ער אַ סך צו זאָגן. ווען מען

ווערט מיטגעצויגן מיטן ניגון און טאַנץ־באַגלייטונג, פאַרלירט מען זיך; מ׳פאַרלירט די וואָכעדיקייט און מען דערגרייכט די קאָסמישע הויכן, דעם גייסטיקן לוסט. און דער וואָס האָט דאָס ניט טועם געווען, ווייסט פשוט ניט דעם טעם פון גייסטיקן תענוג, דורך ניגון און טאַנץ.

ווי אַ גרויסע פּאָעטישע נשמה האָט ער אינטויטיוו באַנומען דעם סוד פון נגינה, וואָס שטייט זייער הויך און איז דער „מאַנטל פון דער שכינה״.

דאָס העכסטע אין דער וועלט איז די שיינקייט, לירישקייט פון אַ ניגון. אין זיינע ספרים באַווייזט ער אונדז, אַז אַפילו דער, וואָס קאָן ניט זינגען אין דער עפנטלעכקייט, זאָל זינגען ביי זיך, אין זיין הויז. מיט זיך, צווישן בני־בית, ווייל יעדער אבר האָט זיך זיינע תנועות און זיי מוזן קומען צום אויסדרוק דורכן ניגון.

עס איז צו באַוווּנדערן ר׳ נחמנס חוש הנגינה, זיין פּאָעטיש־קאָסמישן געפיל, וואָס האָט ניט קיין גלייכן.

אין אַלע זיינע ספרים, וועלכע זיין תלמיד ר׳ נתן האָט רעדאַגירט און געדרוקט, ווערט אומעטום גערעדט וועגן דעם גרויסן באַדייט פון געזאַנג. „ווען די וועלט, האָט ער אַמאָל געזאָגט, זאָל זיך צוהערן צו מיינער אַ תורה מיטן ניגון און ריקוד, וואָלט זי געווען „בבחינת ביטול היש״. זי וואָלט בטל געוואָרן פאַר דעם גרויסן גייסטיקן תענוג״. דער תלמיד דערציילט טאַקע פון רבין, אַז ער פלעגט זיך פירן, נאָך יעדן תורה־זאָגן, צו זינגען און טאַנצן פון גרויס התעוררות און ווער עס האָט ניט בייגעווווינט אַזעלכע טענץ, האָט קיין גוטס נישט געזען אין זיין גאַנץ לעבן... ווער עס האָט יאָ געזען, ווי דער רבי טאַנצט אין התעוררות, האָט געוויס געהאַט הרהור תשובה אויף אַלע זיינע באַגאַנגענע זינד... עס איז אָבער אוממעגלעך צו שילדערן און איבער־געבן דעם רבינס ריקוד און די התלהבות פון די אַרומיקע.

ר׳ נחמן בראַסלאַווער האָט אין האַרצן געטראָגן דעם צער פון דער וועלט. ער האָט אָבער ניט געלאָזן דעם צער פאַרוואַנדלען אין עצבות, אין מרה שחורה. ער האָט דעם צער געלייטערט אין שמחה. דינען גאָט, האָט ער געהאַלטן, קאָן מען נאָר מיט שמחה. אינעם עקסטאַז פון לייד, זינגען אַ ניגון און דערהייבן זיך מיט פרייד. ווו אַ ייד גייט, דאַרף ער מיטפירן זיין ניגון. דאָס האָט ער אַרויסגעלערנט פון דעם וואָס יעקב אבינו האָט אָנגע־

זאָגט זיינע קינדער, ווען ער האָט זיי געשיקט קיין מצרים: „קחו מזמרת הארץ", וואָס מיינט דאָס געזאַנג פון לאַנד.

ר' נחמן האָט פאַרשטאַנען, פשוט אָנגעטאָפּט די ווערטער פון „נעים זמירות ישראל" — „זמירות היו לי חוקיך". עס איז ביי אים געווען גאָר פאַרשטענדלעך דער דין, אַז „השיר מעכב את הקרבן" (ערובין י"א, ע"א). ווי אַ גרויסער מיסטיקער, מקובל און בקי אין אַלע ווינקעלעך פון יידישן מיסטיציזם און ניט ווייניקער אין תלמוד און מדרשים, איינער פון די גרעסטע מקובלים אין דער חסידישער וועלט, האָט ער אויף זיין ספּעציפישן אופן אַנטפּלעקט, אין אַ געוויסן זין, דעם באַדייט און סוד פון ניגון. ער האָט עס געקענט דעפינירן ביזן סאַמע וועזנטלעכסטן סובסטאַנץ. ער איז געווען בכח אָנצוווייזן ווי דער ניגון וואַקסט אַרויס פון אַ גייסטיקער אַטמאָספערע, דער אַבסאָלוטער פרייד, ווען מען קען זיך אָפּזאָגן פון דעם חומריותדיקן גליק און זיך פאַרטיפן אין די הימלישע סימפאָניעס פון מוזיק־קלאַנגען, מיטן געפיל פון דערהויבנקייט, מיטן געפיל פון „עלית נשמה"...

לאָמיר הערן וואָס זיין תלמיד ר' נתן בן ר' נפתלי הערץ, ברסלוב, שרייבט אין זיינע „מכתבים" וועגן שמחה און נגינה ביי זיין רבין ר' נחמן. אויף אים זאָגן בראַסלאַווער חסידים, אַז ער האָט מקיים געווען „לא מש מתוך אהלו של רבו"... אַז ער האָט זיך אינגאַנצן מבטל געמאַכט, און געווידמעט אַלע זיינע כוחות, אַלע זיינע חושים אויף צו פאַרשטיין, צו דער־קלערן און צו פאַרשפּרייטן די לערעס פון זיין רבין — „להשקות מתורת רבו לאחרים"...

אין אַ בריוו, דאַטירט ערב יום־כפור תקצ"ט, צו אַן איבערגעגעבענעם בראַסלאַווער חסיד, שרייבט ער אים. חזק ואמץ לילך בדרך האמת... צו האָבן השתפכות הנפש אַ שעה יעדן טאָג און נאָכדעם זיך צו שטאַרקן מיט אַלע כוחות צו זיין פריילעך, און דאָס זעלבע זאָגט ער אָן אומצייליקע מאָל צו זיין זון ר' יצחק, אַז ער זאָל זיך דערווייטערן פון עצבות און זיין בשמחה און יעדער ווונטש איז לראותך בחיים, ושלום ושמחה. אין איין בריוו פון זעלבן יאָר, שרייבט ער צום סוף: — „עיקר שכחתי — כי ביותר צריכין לחזק עצמו בשמחה..."

איין ריכט־ליניע גייט דורך אַלע זיינע בריוו: בטחון, ווי ער זאָגט, נאָר בטחון, אמת און שמחה. אין אַ בריוו וואָס ער האָט געשריבן הושענא־רבא

תר״ב, ווי ער רופט אָן דעם טאָג יום הקדוש והנורא, שרייבט ער: „ניט געקוקט דערויף וואָס ביים שרייבן האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ גרויס געוויין, דערמאָנענדיק זיך, ווי ווייט די גשמיותדיקייט פון מענטש דערווייטערט אים פון הייליקייט... דאָך, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז עס איז ניט די צייט פון וויינען, אַז מען דאַרף זיך פרייען, טאַנצן בלב שלום און זאָגן צוזאַמען: ווייל איז אונדז, ווייל איז דעם פאָלק ישראל. און ער ענדיקט דעם בריוו מיטן צושריפט אין ידיש: „און פאַרט האָף און נאָר האָף״.

אין אַ בריוו פון אומאַן צו זיין חסיד ר׳ אברהם בער (דאַטירט ג׳ וארא תר״ב) שרייבט ער צווישן אַנדערן: באַלד נאָך שבת חנוכה בין איך געפאָרן „זאת חנוכה״ קיין טירעוועצע (אַ שטעטל נאָך אומאַן). דאָרט האָב איך זיך אויפגעהאַלטן צוויי שבתים... עוסק געווען אין די הייליקע שמועסן אין תורה פון אדמו״ר ז״ל און זיך אַזוי געפרייט, אַז דער גאַנצער עולם האָט געהויבן פיס און מיר האָבן אַ סך געטאַנצט... און ער, אונדזער רבי, איז אונדזער לערער אויף דער וועלט און אויף דער קומענדיקער, אויף אייביק... איך האָב באַקומען אַ בריוו פון מיין זון, ר׳ איציק שיחי׳, אַז ער איז געווען אין טולטשין צוויי שבתים, אַז ער איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן בכבוד גדול און מיט גרויס פרייד און ביים טיש־פירן, האָט ער געזונגען אונדזערע ניגונים, איינמאָל געזונגען דעם „אסדר לסעודתא״ פון אדמו״ר ז״ל, און אַז מען האָט געטאַנצט מיט אים אַ גאַנצן טאָג... דאָס ספר „לקוטי מהר״ן״ איז דאָרט פאַרקויפט געוואָרן — אָבער קיין געלט איז ניט צו דערוואַרטן... פשוט דער עולם, וואָס האָט געקויפט די ספרים און געמאַכט די רקידות, איז דאָך באַשטאַנען פון אָן אָרימען עולם. אומאַנער חסידים זענען מערסטנס געווען פון די אָרימערע שיכטן, ווי אַמאָל די ערשטע בעשטס חסידים.

צווישן די אומאַנער איז דאָך דער „יאה עניותא לישראל״... אַ פרינ־ציפּ אין אַ געוויסן זין. זאָגט דאָך דער „זוהר״ אויף איין אָרט, אַז די תפלה פון דעם אָרימאַן קומט פאַר השי״ת, פריער פון אַלע תפלות פון דער וועלט.

אין זיין ספר „לקוטי עצות״ (וואַרשע, תרל״ה), איז דאָ אַ באַזונדערער פרק וועגן ממון, פרנסה, עשירות ועניות — און ר׳ נחמן דריקט זיך אויס זייער שאַרף קעגן די גרויסע עשירים, וואָס האַלטן זיך גרויס, זיינען קאַרג אין זייער עבודת ד׳... ער זאָגט אויך, אַז פאַר אַן „איש כשר״ איז אין די

היינטיקע צייטן ניט גרינג אָנצוזאַמלען אַ פאַרמעגן. עס איז גאָר גוט וואָס גרויסע צדיקים זענען אָרימעלייט...

3. די פילאָזאָפיע פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער

דער רבי, ר׳ נחמן בראַסלאַווער, וועלכער האָט געלערנט זיינע תלמי־דים, אַז מ׳דאַרף תמיד דינען גאָט מיט שמחה און טאָקע אַליין אויך זיין פריילעך, ניט דערלאָזן צו זיך קיין עצבות, האָט אָבער אין האַרצן, תמיד געטראָגן דעם צער פון דער גאַנצער וועלט, בפרט פון די מענטשן וועמעס וואַכזאַמער פירער און עצה־געבער ער איז געווען.

ר׳ נחמן האָט געפילט דעם צער פון גלות, געוווסט פון ביטערן גלות לעבן און מיט אַלע כוחות געוואָלט פאַרטרייבן די מרה שחורה, די מעלאַנ־כאָליע פון יידישן האַרץ, וויסנדיק, אַז דאָס קאָן פירן, חלילה, צו דאָס ערגסטע, אַז עצבות פאַרטרייבט און דערווייטערט דעם מענטש פון עבודת הבורא, דערווייטערט אים פון גאָט.

„די רשעים — ווייזט ער אָן — זינגען ניגונים פון עצבות, ווייל זיי זענען אויסן צו דערווייטערן דעם מענטש פון גאָט. דער צדיק אָבער, דאַרף זיך באַמיִען צו פאַרוואַנדלען צער און יסורים אין לויטער שמחה, און מקבל זיין יסורים באהבה, און דאָס קאָן ער טאָן דורך געזאַנג און טענץ. דורכן געזאַנג קומט דער מענטש צו אמונה און בטחון, קומט ער צו „ראש אמנה"...

דערציילן זיינע תלמידים זייער אַ סך פון זייער רבינס זינגען און טאַנצן. זיי דערציילן וועגן זיין אייגענעם ניגון וואָס ער פלעגט אָפט זינגען און אַז קיינער האָט אים ניט געקאָנט נאָכזינגען. דורך שמחה און געזאַנג, פלעגט ער זאָגן, מוז זיך דער מענטש דערהויבן צו אַ העכערער מדרגה. אַזאַ ענ־לעכן געדאַנק געפינט מען אין דער פילאָזאָפיע פון שפינאָזע, אַז דורך שמחה, ווערט דער מענטש פעיִק צו ווערן דער חלק אלקי ממעל...

דאָס טאַנצן, פאַרשטייט זיך, ביי בראַסלאַווער חסידים, איז ניט געווען קיין סתם האָפּען. עס איז געווען אַ טאַנץ פון „וגילו ברעדה". עס איז ניט געווען קיין פרייד אין דעם זין פון דעם פאָלקס־ווערטל: „דער רבי האָט געהייסן פריילעך זיין". עס איז געווען אַ רוחניותדיקע פרייד, אַ פרייד, וואָס

האָט אַרויסגערופן גרויס התעוררות. עס איז ניט געווען סתם אַזוי שמחה פון „נפש הבהמיות‟, פון גשמיות. עס איז געווען אינערלעכע פרייד, וואָס גייט דורך מיט אַ ציטער, יענער חסידישער ציטער, וואָס מאַכט דעם ייִד פאַר אַ חסיד.

די שמחה, וואָס ר׳ נחמן בראַסלאַווער האָט געלערנט, איז ניט געווען די טאָג־טעגלעכע שמחה פון קערפּערלעכע פאַרגעניגנס, וואָס איר מקור איז עגאָיזם און זעלבסט־צופרידנקייט און שטאַמט אָפּ פון דער השקפה: האי עלמא כבי הלולא דמיא, חטוף ואכול, חטוף ושתה ואל תדאג ליום המחר...‟ אַזאַ שמחה פירט גאָר אָפט צו יאוש און פעסימיזם. די שמחה פון בראַס־לאַווער איז די שמחת הנפש, די שמחה וואָס איז אייביק, די גייסטיקע שמחה, וואָס שטאַרקט דעם מענטשלעכן שכל.

„שמחה — זאָגט ר׳ נחמן — איז פון די וויכטיקסטע פונדאַמענטאַלע עלעמענטן, וואָס דערנענטערן דעם מענטש צו השי״ת. די מערסטע מענטשן, דערווייטערן זיך פון השי״ת דערפאַר, ווייל זיי זענען באַהערשט פון מרה־שחורה און פון פעסימיזם‟ 1). דער עיקר איז, דער מענטש זאָל זיך ניט מייאש זיין אַפילו אין די ערגסטע מאָמענטן, ווייל ס׳איז גאָרנישט נישטאָ קיין יאוש, לויט די ווערטער פון זיין תלמיד ר׳ נתן נעמיראָווער: „גאָט איז מיט דיר, נעבן דיר... קיין יאוש איז גאָרנישט פאַראַן‟ 2).

ר׳ נחמן בראַסלאַווער פילט דעם צער פון דער וועלט, אָבער אינעם צער געפינט ער עפּעס גוטס, נאָר דעם עפּעס זעט ניט דאָס מענטשלעכע אויג און דעריבער דאַרף מען האָבן די שטאַרקע אמונה, די „אמונה פשוטה‟, וואָס שאַפט דעם שמחת הנפש און דערהויבט דעם מענטש.

„זיי וויסן — זאָגט ער אויף אַן אָרט — אַ צעבראָכן האַרץ איז ווייט ניט דאָס זעלבע ווי עצבות. דאָס לעצטע מיינט בייזקייט, צאָרנדיקייט. דאָס ערשטע — ווי אַ זון, וואָס פאַרזינדיקט זיך פאַר זיין פאָטער, ווי אַ קינד וויינט פאַרוואָס דער פאָטער פאַרלאָזט אים. דאָס איז אַ הויכע מדרגה און השי״ת איז דערפון שטאַרק צופרידן‟ 3).

---

1) לקוטי מהר״ן, רפ״ב.
2) זע „מכתבים מר׳ נתן‟.
3) לקוטי עצות, התבודדות, ר״ג.

ווי מיר האָבן שוין פריִער געזען איז ר׳ ישראל בעש״ט, דער מיסד פון חסידות, אויך דער באַגרינדער פון חסידישן ניגון. ער איז ניט בלויז געווען דער טעאָרעטיקער פון אַ נייער שיטה, נאָר געהאַט דאָס גרויסע פּאָע־טישע האַרץ, דאָס מוזיקאַלישע אויער און אין התבודדות צווישן בערג און פעלד, אויף גאָטס פרייער נאַטור, געהערט דאָס געזאַנג פונעם קאָסמאָס, דאָס געזאַנג פון דער נאַטור, דאָס געזאַנג פון יעדן גרעזל, פון יעדער בלום... מיט זיין פּאָעטיש האַרץ באַנומען די הערלעכע סימפאָניע פון וועלט־באַשאַף און זיך געפרייט צוזאַמען מיט אַלע גאָטס ברואים...

האָט דער בעש״ט געשאַפן ניגונים, געשאַפן חסידיש געזאַנג. ניט אַלע האָבן אָבער געקענט פאַרשטיין דעם בעש״טס שירה; ניט יעדער האָט פאַר־מאָגט אין זיך די כלים צו קענען מקבל זיין די סודות פון בעש״טס ניגון... איז דאָ אויף דערויף אַ ווונדערלעך משל:

איינער האָט שיין געשפּילט אויף אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט מיט אומגעוויינלעכער זיסקייט. די אַרומיקע האָבן זיך ניט געקענט איינהאַלטן און געטאַנצט ביזן אויבערשטן דיל פון גרויס שמחה און באַגייסטערונג. וואָס נענטער מען איז געווען צו דעם קינסטלער, אַלץ מער פאַרגעניגן האָט מען געהאַט. איז אָבער אַריינגעקומען אַ טויבער, וועלכער האָט די אָנגע־נעמע, זיסע מוזיקאַלישע טענער ניט געהערט, בלויז געזען דאָס „האָפּען״, האָט ער זיי באַטראַכט פאַר משוגעים, ווייל „לשמחה מה זה עושה?״. וואָלט ער אָבער געווען קלוג, געוווּסט און פאַרשטאַנען אַז זיי טאַנצן דערפאַר, ווייל די מוזיק רופט אַרויס דעם טאַנץ, וואָלט ער אויך מיטגעטאַנצט 4).

דעם בעש״טס גאָר נאָענטע תלמידים האָבן איבערגענומען פון אים דעם סוד פון ניגון, אַזוי ר׳ בער, דער מעזריטשער מגיד, אַזוי ר׳ יעקב־יוסף פּולנאָער און איבער אַלע ר׳ מיכל זלאָטשעווער, דער אָרטיקער מגיד, וועל־כער איז באַרימט אין דער חסידישער וועלט מיט זיין דרך. ער האָט איבער־געגעבן דעם סוד הנגינה צו זיינע חברים און תלמידים — און דער סוד איז איבערגעגאַנגען צו ר׳ שניאור־זלמן פון לאַדי און צו ר׳ נחמן בראַס־לאַווער. דער לעצטער האָט געשאַפן אַ גאַנצע פילאָזאָפיע וועגן באַדייט פון

4) דגל מחנה אפרים, יתרו.

ניגון. אין יעדער זאַך געזען דעם ניגון און אומעטום געהערט געזאַנג. דעם טאָג פון שירה צום באַשעפער פון דער וועלט.

„עס איז ניטאָ — זאָגט ר׳ נחמן בראַסלאַווער — קיין זאַך אין דער וועלט, וואָס זאָל ניט האָבן זיין ניגון. אַפילו דאָס אפיקורסות האָט זיך איר ניגון... און וואָס העכער עס איז די מדרגה פון דער חכמה, אַלץ העכער איז דער ניגון... דער העכסטער ניגון — פירט ער אויס — וועט געשאַפן ווערן לעתיד לבא, ווען משיח וועט קומען, און דער דאָזיקער ניגון וועט געזונגען ווערן אָן ווערטער און אָן טענער — דער ניגון וועט דערגרייכן די בחינה פון שתיקה!...״

און נאָך מער, ר׳ נחמן לערנט אונדז ווי אַזוי און וואָס צו זינגען.

„די טבע פון ניגון, ער ציט די נשמה פון צוהערער, לויט דעם כח און דער תנועה צו דערוועקן מענטשלעכע געפילן. אוודאי, דער וואָס קאָן טאַנצן, זאָל דאָס טאַנצן זיין צוגעפּאַסט צו די טענער פון ניגון, אַזוי דאָס באַוועגן זיך פון קאָפּ, פונעם גוף און פון אַלע אברים, אַלץ גייט לויט דער באַוועגונג, וואָג און זיסקייט פונעם ניגון. ווען מען פּאַסט זיך פּינקטלעך צו דעם ניגון, דערפילט מען ווי אַלץ זינגט, דערפילט מען דעם „ביטול היש״ און דאָס איז דער גרעסטער תענוג ביים מענטש און ווער ס׳האָט ניט פאַרזוכט דעם טעם פון דעם פאַרגעניגן, דער האָט קיין פאַרגעניגן ניט געהאַט...״

„דער ניגון — זאָגט ר׳ נחמן — דאַרף זיך אַריינפּאַסן אין די ווערטער פון ליד, און אויך די באַוועגונגען פון דעם טאַנץ דאַרפן זיין צוגעפּאַסט צו דעם ניגון, ווייל אַלע דריי: ניגון, ווערטער און טאַנץ, זענען איינס, און ווער עס איז זוכה צו הערן אַזאַ ניגון מיט ווערטער און טאַנץ, וווּ אַלץ זאָל זיך צוזאַמענפּאַסן, דעמאָלט קאָן ממש די נשמה אויסגיין פאַר גרויס תענוג, ווייל עס איז גאָרנישט פאַראַן קיין גרעסער פאַרגעניגן אויף דער וועלט ווי אָט דער דאָזיקער תענוג...״

ר׳ נחמן פלעגט טאַנצן און זינגען פון צייט צו צייט און בראַסלאַווער חסידים האָבן, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, געזאָגט, אַז ווער ס׳האָט ניט געזען זיין טאַנץ, האָט קיינמאָל קיין גוטע זאַך ניט געזען. און ער אַליין האָט אויף זיך געזאָגט: „ווען די וועלט וואָלט זיך צוגעהערט צו איין תורה מיינע וואָס איך זאָג מיטן ניגון און טאַנצן, וואָלטן זיי אַלע בטל געוואָרן

פאַר מיר... אַפילו די חיות און די גראָזן וואָלטן בטל געוואָרן פון די ווונ־דערלעכע טענער..."

ליד און טאַנץ זענען פון די סאַמע וויכטיקסטע עלעמענטן אין בראַס־לאַווערס דרך אין עבודת הבורא. בראַסלאַווער חסידים, וועלכע פלעגן קומען אויף ימים־נוראים קיין אומאַן צום קבר פון הייליקן רבין, פלעגן דאָרטן פאַרברענגען עטלעכע וואָכן, אָפגעריכט צוזאַמען "תיקון חצות", געדאַוונט אין זייער גרויסן בית־הכנסת און אַלץ מיט שמחה, געזאַנג און ריקודל. פאַרן דאַווענען אַ ריקודל, מיטן דאַוונען און נאָכן דאַווענען אומאויפהערלעכע טאַנצערייַ און געזאַנג.

דער באַרימטער שריפטשטעלער און חסידות־פאַרשער ר׳ הלל צייטלין הי"ד, האָט אין זיין ספר "ר׳ נחמן מברסלב" אַ באַזונדער קאַפּיטל א"נ "רבי נחמן מברסלב על הנגינה". אַ פּראַקטפולע אָפּהאַנדלונג איבער ר׳ נחמנס בליק און קאָנצעפּציע וועגן דעם עולם הנגינה. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, זאָגט צייטלין, אַייב ניט מיט קלאָרער וויסנשאַפט, איז אינטויטיוו, אַז אמתע נגינה שטעלט מיט זיך פאַר די נשמה פונעם זינגער, זיינע שטרעבונגען, זיינע האָפענונגען, זיין לעבן און גליק. דאָך, איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד פון זינגען צו זינגען און דער אונטערשייד איז אַן עיקרדיקער, אַ פונדאַמענ־טאַלער... "יעדער פאַסטעך, האָט זיך זיין ניגון, לויט די גראָזן און פאַשע פון דעם אָרט און אומגעבונג, ווייל יעדער גרעזל, האָט זיך זיין פרק שירה און פונעם גראָז געזאַנג שאַפט זיך דעם פאַסטעכס ניגון"...

"עיקר דבקות און באַהעפטונג מיט השי"ת איז דורך נגינה" 5). עיקר המשכה פון קדושהדיקן לעבנס־גייסט איז דורך נגינה... און די פרייד אין דער צוקונפט־וועלט וועט זיין דורכן קול פון שיר" 6). די קונסט קען זיין גרויס אַפילו דורכן מויל, נאָך גרעסער, ווען עס קומט פון אַ קינסטלער דורך כלי־זמר... 7)

הלל צייטלין גיט אַ פילאָזאָפישע אויסטייטשונג צו דעם בראַסלאַווערס טעאָריעס מכח נגינה, פונקט ווי שאָפּענהויער, זעט ר׳ נחמן בראַסלאַווער

---

5) נשיאת כפים, הלכה ח׳.
6) הלכות אבידה ומציאה, חלק ג׳.
7) פריה ורביה, חלק ג׳.

אין דער מוזיק אַן אויסדרוק פון געטלעכן ווילן, די אַנטפּלעקונג פון די געהיימע געטלעכע כוחות. דאָס געזאַנג פון עקזיסטענץ, פון דער האַרמאָניע אינעם וועלט־באַשאַף...

ניטאָ, זאָגט צייטלין, צווישן די חכמי־ישראל נאָך איינער, וואָס זאָל אַזוי פאַרשטיין דעם ווערט פון דער נאַטור און איר באַווירקן דאָס רעליגיעזע געפיל ווי ר׳ נחמן בראַסלאַווער — זיין אַריינבליקן אין דעם נאַטור־צויבער, זיין באַנעמען די מיסטיק פון אַלע נאַטור־דערשיינונגען איז געווען די וויזיע פונעם „חוזה״, וואָס באַהעפט זיך מיט אַלץ, וואָס ער זעט און ער ווערט נכלל מיט אַלץ וואָס ער באַנעמט און פילט...

„פונקט ווי דודס כנור (האַרף) האָט אויטאָמאַטיש אָנגעהויבן שפּילן, ווען דער צפון־ווינט האָט אין אים אַ בלאָז געטאָן, אַזוי איז ר׳ נחמנס האַרץ אָנגעפּילט געוואָרן מיט געטלעך געזאַנג, ווען ער האָט דערזען פאַר זיך די גרויסע וועלט, די גרינע גראָזן, די גרויסע וועלדער, די טייכן, קוואַלן און ימים — ער האָט ווי אַ גרויסער חוזה באַנומען דעם גאַנצן פּראַכט און צויבער פון דעם קאָסמאָס און דערהערט דאָס אייביקע געזאַנג פון מיסטעריעזן אוניווערז״.

דערציילט מען פון ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער, אַז בעת אַ חתונה האָט מען מכבד געווען אַ וווּנדערלעכן מנגן, ער זאָל זינגען אַ זמרל. האָט ר׳ מאָטעלע געזאָלט זאָגן:

— דער בעש״ט ז״ל האָט געזאָגט: ווען אַ גרויסער צדיק הערט נגינה פון ווּעמען עס זאָל ניט זיין, פון מויל, אָדער דורך פידל, קאָן ער באַלד דערקענען און וויסן די מעשים פון מנגן... איך האָב צו דער מדרגה נאָך ניט דערגרייכט... ווען איך הער אָבער דעם יונגנמאַן זינגען, פיל איך ווי דער שם „הויה״ ליגט אויף זיין צונג...

רבי נחמן בראַסלאַווער האָט פאַרטיפט און ברייטער געמאַכט די לערע פון בעש״ט און זיינע תלמידים וועגן געזאַנג, פרייד, תפילה און טאַנץ. אַ נייעם אינהאַלט האָט ער געגעבן דער דאָזיקער קאָנצעפּציע אין פאַרבינדונג מיט דער נאַטור־באַהעפטונג, מיט נאַטור־פרייד.

„זאָלסט וויסן, זאָג ער אויף אַן אָרט, ווען אַ מענטש דאַוונט, טוט תפילה אין פעלד, קומען אַלע גראָזן און העלפן אים, גיבן אים כוח אין תפילה״.

ר׳ נחמן האָט געשאַפן די דאָזיקע חסידות־פילאָזאָפיע אין וועלכער עס ווערט פאַרבינדן די הערלעכע נאַטור מיט דער געטלעכער ליבע; עס איז דער בונד צווישן דעם ריין עסטעטישן געפיל און דעם הייליק־רעלי־גיעזן און ווי עס ווערט וועגן אים באַכגעזאָגט, זאָל ער געוועזן זאָגן וועגן די גראָזן:

„עס איז גוט צווישן זיי פרום צו זיין״.

די שיינע פּרעכטיקע נאַטור ווירקט אויף דער מענטשלעכער נשמה, ווירקט אויף דער עמאָציע און נישט ווייניקער אויפן געדאַנק און דעם גייסט פון מענטש.

רבי נחמן האָט שטאַרק געווירקט אויף זיינע תלמידים. ער האָט פאַר־מאָגט דעם צויבער, מיט וועלכן מען קען ווירקן אויף מענטשן. אַזוי מיט זיין ניגון, אַזוי מיט זיין זיפץ — און ניט ווייניקער מיט זיין זאָג...

דערציילט זיין תלמיד ר׳ נתן נעמיראָווער.

„עס איז שוין קלאָר די גרויסע בושה און יראה, וואָס איז שטענדיק געווען אויף זיין געזיכט, אַז אַזעלכעס איז נאָך ניט געזען געוואָרן. דער הייליקער רבי נחום טשערנאָבילער האָט אים געזען אין זיין יוגנט אין דאַ־ווידאָווקע, איז ער נתפעל געוואָרן פון דער שטאַרקער יראה אויף זיין פּנים און געזאָגט: וואָס עס איז געשריבן, למען תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו — זעט מען בחוש, ביי אים...

„און זיינע אויגן, דערציילט זיין תלמיד האָבן געלויכטן ווי די זון און לבנה. דערצו נאָך שבת קודש... זיין ליכטיק רויט פּנים! דער וואָס האָט ניט געזען זיין הייליקייט, פלאַמיקייט, שבת קודש, דער וואָס האָט ניט געהערט זיין קידוש, זיין ניגון „אתקוני סעודתא״, „אזמר בשבחין״, דער וואָס האָט ניט געזען זיין טיש און ניט געהערט זיין ניגון אויף „כל מקדש״, „מנוחה ושמחה״, „אשת חיל״, און „מעין עולם הבא״ — דער, וואָס האָט דאָס ניט געזען, דער האָט קיין גוטס קיינמאָל ניט געזען... עס איז אוממעגלעך איבער־צוגעבן אַפילו בלויז אַ טייל פון דער שיינקייט, הייליקייט, שטאַרקער מורא, זיסע וווּנדערלעכע דבקות, וואָס איז געווען מיט ענוה און אמת און וואָס אַזעל־כעס איז ניט געזען געוואָרן...

אין אַלע זיינע דערציילונגען וועגן גרויסן רבין פאַרגעסט ער קיינמאָל ניט צו דערמאָנען וועגן זיין רבינס גרויסקייט אין נגינה.

דער תלמיד ר׳ נתן, וועלכער חתמעט זיך אויף די בריוו נתן מברסלב, דערמאָנט אין אַלע זיינע מכתבים: „אשרינו שזכינו לראות ולשמוע מה שראינו ושמענו...״ און צו זיין זון, ר׳ יצחק שרייבט ער: „אביך המצפה לשמוח בך בזה ובבא״.

אין אַ בריוו פון יאָר תקפ״א, דריקט ער זיך אויס מיט אַזוי פיל באַגייסטערונג וועגן זיין רבין, אַז ער זאָגט „כי דברי רבני ז״ל כפטיש יפוצץ סלע... השי״ת יזכרו... לחשוב תמיד תורתו ושיחותיו... והעיקר להיות בשמחה תמיד״... אין אַן אַנדער בריוו פון יאָר תקפ״ד שרייבט ער זיין זון, אַז די „מרה שחורה, דאגות און מחשבות, מזיקין ופוגמים מאד״... ער וואָרנט אים צו זיין פריילעך און האָבן האָפענונג, ער איז זיכער „כי לא יטוש ד׳ אותך למען שמו של רבינו ז״ל... אין אַן אַנדער בריוו, נאָכדעם ווי ער שטאַרקט זיינע חסידים, זיי זאָלן זיך ניט מאַכן קיין עגמת נפש פון די רדיפות און בזיונות אויף זיי און אויף „אדמו״ר הנורא הנשגב זצק״ל״, שרייבט ער צו דעם זון און צו די בראַסלאַווער חסידים: „פרייט זיך מיט גאָט וואָס האָט אונדז געהאָלפן צו זיין אין קרייז פון הייליקן רבין״. ער איז זיכער אין דער גיכער מפלה פון די שונאים און קעגנער, ווייל ס׳איז ניט קיין קלייניקייט וואָס זיי האָבן געטאָן.

אין אַ בריוו פון יאָר תקצ״ג, שרייבט ער צו זיין זון, ער זאָל מיט אַלע כוחות זען פאַרגעסן אין די צרות און זיין בשמחה אין די ימי אדר, און פאַרענדיקט מיט אַ יידישע לאָזונג, מן־הסתם פון אַן אומאַנער ניגון און „טאָקע פאַרט, פאַרט און פאַרט... חזק ואמץ ושמח נפשך בכל עת...״

ר׳ נחמן בראַסלאַווער ז״ל איז געווען דער טיפער דענקער, וויזיאָנער און מענטש מיטן גרויסן פאָעטישן האַרץ. ער האָט אַרויסגעקוקט פון זיין פענצטער און געזען ווייטע חזיונות — און זיין שטוב איז געווען באַלויכטן מיט אַ גרויס ליכט, אַ גרויסן לאָמפּ — ער האָט די שטוב באַלויכטן — דער גרויסער שאַפונגס־גייסט, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין די שפּאַלטן פון דער מיסטיק.

עס איז דאָ, זאָגט ער אין אייביקער וועלט־ניגון, אַ גרויסער ניגון, אַ הייליקער... אין יעדן יידישן האַרץ איז דאָ אַ חלק פונעם ניגון — אַמאָל קומט אַ דרוק און זאַמלט אין זיך צונויף די חלקים און זאָגט במילא אַרויס דאָס הערלעכע אייביק־געטלעכע געזאַנג.

רבי נחמן האָט געזונגען דאָס דאָזיקע גרויסע געזאַנג מיט דער פּראַכט און הערלעכקייט — רבי נתן, זיין געטרייער תלמיד און אַלע זיינע נאָכפאָלגער האָבן אין דעם געזען רוח הקודש, הייליקע מאָמענטן, וואָס רופן אַרויס שמחת הנפש אינעם הייליקן ציטער וואָס גייט ביי אים זאַלבענאַנד...

איינער פון די גאָר ווייניקע וואָס האָט באַנומען פילאָזאָפיש די לערעס פונעם בראַסלאַווער, איז געווען ר׳ הלל צייטלין הי״ד, וועלכער האָט אין זיך סינטעטיזירט ליטווישע לאָגיק און פוילישע געפיל: מוח און האַרץ און האָט דעם חסידיזם אויפגענומען, אפשר טיפער נאָך ווי מאַרטין בובער אָדער אהרן מאַרקוס. צו זיין מיסטיש טראַכטן און חסידישע התלהבות, האָט ער געהאַט דעם דיכטערישן בליק, באַגלייט מיטן פילאָזאָפישן אַנאַליז — און דעריבער האָט ער אונדז געקענט אַזוי קלאָר אויפקלערן דעם באַדייט פון חב״ד און פון ר״ן בראַסלאַווער אין דער חסידות־קאָנצעפּציע 8).

אין זיין סעריע „דער גרויסער זעער פון פּאָדאָליע״ 9) שרייבט צייטלין וועגן די צוויי לשון־קודשדיקע בריוו פון רבי נחמנען און וועגן אַ דריטן בריוו פון זאַסלאַוו, וואָס איז גאָר לעצטנס נתפרסם געוואָרן דורך ר׳ שמואל הורוויץ פון ירושלים 10) און ער גיט צו:

„מעדקווירדיק איז דער דערמאָנטער בריוו דערמיט, וואָס ער איז אין יידיש געשריבן, נאַטירלעך, אין עכט־רביישן יידיש מיט אַ צומיש פון פיל לשון־קודש...״ 11)

און ווייטער:

„לאַנג האָט זיך אָבער נישט געצויגן אָט דער „קו הבריאה״. צוריקקערנדיק אַהיים פון דער נסיעה קיין נאָוואָראַטש, זאַסלאַוו און אַנדערע שטעט (אין זומער פון יאָר תקס״ז), האָט ער אָנגעהויבן הוסטן. „באַלד ווי

8) וועגן הלל צייטלין און זיין גרויס, כמעט רביש הויז אויף שליסקע 60, אין וואַרשע, האָבן מיר שוין עטלעכע מאָל געשריבן. דאָ, האָבן מיר בלויז אין עטלעכע שורות געוואָלט אָנווייזן, אַז בלויז ער, דער פילאָזאָפיש־רעליגיעז־חסידישער דענקער האָט געקענט באַנעמען חסידות.

9) „דער מאָמענט״, וואַרשע, נומער 149, פרייטיק, 30סטער יוני 1933, ז׳ 9.

10) זע, נייע אויסגאַבע פון רבי נתנס „עלים לתרופה״, וואַרשע, תר״ץ, גענוי נוסח פון בריוו: ה. צ. אין „מאָמענט״ גיט דאָרט פולן בריוו: „אין זיין אייגנאַרטיקער אָרטאָגראַפיע, נישט פאַרפעלנדיק און נישט ענדערנדיק קיין אות״

11) דאָרט, באריכות, אינטערעסאַנטע פירושים פון ה. צ.

ער האָט אָנגעהויבן הוסטן, דערציילן זיינע תלמידים, האָט ער גלייך געוווסט, אַז ער וועט נסתלק ווערן, דען באַלד האָט ער שוין אָנגעהויבן רעדן וועגן זיין הסתלקות, נאָר השית״ב מיט זיין גרויסן חסד האָט מיט אונדז געטון גרויסע נסים דערמיט, וואָס ער האָט נאָכדעם געלעבט עטוואָס מער ווי דריי יאָר״.

„באַלד ווי ער איז געקומען פון יענער נסיעה — דערציילן זיינע תלמידים ווייטער — האָט ער אָנגעהויבן רעדן וועגן זיין הסתלקות און געזאָגט, אַז ער האָט גרויסע פחדים. ער האָט אויך געזאָגט, אַז ער האָט באַדאַרפט האָבן ששים גבורים אַרום זיך, ווי עס האָט געהאָט דער בעש״ט ז״ל״.

הלל צייטלין קען גוט ר׳ נחמנען, זיינע חסידים און תלמידים און ווייסט ווי אַזוי איבערצוגעבן זיין לעבן, זיין פילאָזאָפיע און זיין סביבה.

אין יאָר תקס״ח — שרייבט ער — באַלד נאָך סוכות, איז רבי נחמן אָפּגעפאָרן קיין לעמבערג. מיר, פשוטע מענטשן, זעען די זאַך אַזוי: דער הוסט האָט דעם חולה געשטיקט. די לעבנס-זאַפטן זענען אויסגעטריקנט געוואָרן, דאָס זעלבסט-געפיל — שלעכט, דער גייסט — דערשלאָגן, ביי זיך אין בראָסלאָוו און אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, האָט ער קיין רעכטע דאָקטוירים נישט געפונען, איז ער געפאָרן צו פּרובירן מזל קיין לעמבערג. פאָרט אַ גרעסערע שטאָט. אפשר וועט אים דאָרט דער אויבערשטער צושיקן אַ גוטן דאָקטער, און דורך אים — אַ רפואה שלימה.

רבי נתן, וואָס האָט אָבער געקוקט מיט גאַנץ אַנדערע אויגן אויף רבי נחמנען און זיך דערביי פעסט געהאַלטן ביים גלויבן, אַז מען דאַרף קיין מגע־ומשא נישט האָבן מיט דאָקטוירים און מיט קיין מעדיקאַמענטן, ווייל ס׳איז דאָ נאָר איין גוטער דאָקטער אויף דער וועלט, דער „רופא ורחמן״... ער, רבי נתן, זעט קודם-כל, אין רבי נחמנס נסיעה קיין לעמבערג, ווי אין אַלע זיינע נסיעות, סודי־סודות, און דערנאָך, נישט קאָנענדיק פאַרלייקענען פאַר זיך אַליין דעם פאַקט, אַז רבי נחמן האָט זיך דאָרט געהיילט אין לעמבערג ביי דאָקטוירים, זאָגט ער: „ווען ער איז געווען אין לעמבערג, איז ער געווען אין גרויס סכנה, ווייל ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט רפואות.

און הלל צייטלין שרייבט ווייטער:

אַזוי צו אַזוי — די לעצטע שורה איז געווען זייער אַ טרויעריקע. רבי נחמן איז געקומען פון לעמבערג קראַנק און צעבראָכן...

זייער שווערמוטיק קלינגען פאַלגנדיקע ווערטלעך פון רבי נחמנען, נאָך זיין צוריקקער פון לעמבערג:

„איך בין ווי חוני המעגל, וואָס האָט אָפּגעשלאָפן זיבעציק יאָר. איך האָב געמיינט, אַז אַלע האָבן מיך שוין פאַרגעסן. ווען איך בין געקומען קיין וואָרנאָוויצי און איינער פון אנשי־שלומנו איז צו מיר צוגעשפרונגען, האָט ער מיך ממש מחיה געווען".

„איך בין היינט, האָט ער אויך געזאָגט, ווי דער, וואָס די וועלט קאָן גאָר נישט אויסקומען אָן אים, און מען האָט אים געכאַפּט און איינגעשלאָסן אין אַ חדר: זיץ!".

דאָס אַלץ דערציילט וועגן דעם כאַראַקטער פון בראַסלאַווער, וועגן זיין לעבנס־פילאָזאָפיע, וועגן זיינע שטימונגען אין די ערגסטע אומשטענדן, אין די מאָמענטן, ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט דער וועלט, מיטן לעבן.

קאַפּיטל צען

דער טאַלנער ניגון

1. טשערנאָבּילער דינאַסטיע

דער ראש פון דער טשערנאָבילער דינאַסטיע, פון וואַנען עס שטאַמט דער טאַלנער אָפּצווייג, איז געווען ר׳ נחום טווערסקי, באַקאַנט אַלס ר׳ נחום טשערנאָבילער (ת״ץ—תקנ״ח — 1730—1798). דאָס שטעטל טשערנאָביל געפינט זיך אין קיִעווער גובערניע.

ר׳ נחום האָט אַלע זיינע יאָרן, סיי איידער ער איז געוואָרן רבי און סיי שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען באַרימט אַלס רבי, געלעבט אין גרויס דחקות און אָרעמקייט, פריִער אַלס מלמד און שפּעטער אַלס מגיד. זיין דרך אין חסידות, האָט איינגעשלאָסן תעניתים און סיגופים, אָפּריכטן „תיקון חצות״ איגמיטן נאַכט. ער האָט געלעבט הצנע לכתדיק אַלע זיינע יאָרן. ער האָט געהאַט די גבורה מקבל צו זיין יסורים באהבה.

ר׳ נחום איז שטאַרק פאַרערט געווען צווישן די גדולי החסידים און אדמור״ים, ר׳ שניאור־זלמן טיטולירט אים: „איש אלקי קדוש יאמר לו״ 1).

זיין זון ר׳ מרדכי (מאָטעלע טשערנאָבילער), באַקאַנט אַלס טשערנאָ־

---

1) זע, ש. א. הורודצקי, החסידות והחסידים, ספר שני, דביר„ תרפ״ח, ז״ז נ״ז—פ״ם; וורפל־רפאל, ספר החסידים; א. ד. טברסקי, ספר היחס מטשרנוביל און אַנד. ווען ס׳איז אַמאָל קראַנק געוואָרן ביי ר׳ שניאור־זלמנען זיין טאָכטער, האָט ער געשיקט אַ שליח מיוחד צו ר׳ נחומען קיין טשערנאָביל ער זאָל בעטן רחמים פאַר איר... זע, בית רבי; תולדות הרש״י ברדיטשוב, תרס״ג, ז׳ ב״ח. זען, י. ל. מימון: „מידי חודש בחדשו״, סיני, חשון, תשי״ט.

בילער מגיד (תק״ל—תקצ״ז), האָט געירשנט פונעם פאָטער דאָס אדמור״ות און איינגעפירט אַ נייעם דרך. איבערגענומען די פּאָפּולאַריטעט און איינ־פלוס פונעם פאָטער אָבער ניט דעם דרך פון דוחק און עוני. ער האָט איינ־געפירט אַ רחבותדיקן חסידישן הויף, איינגעפירט אַ „מעמדות״־סיסטעם צו קריגן רעגולערע צוגעשיקטע געלטער פון די חסידים.

ר׳ מאָטעלע האָט געשאַפן דאָס נייע פאָלקישע חסידות און איז געווען, ווי האָראָדעצקי שילדערט אים, אַ „פּראַקטישער צדיק״, באַליבט ביי די מאַסן, פאַרערט ביים פאָלק 2). זיין וועג, ניט דעם זיידנס, האָבן נאָכגע־פאָלגט זיינע אַכט זין און זיינע צענדליקער איניקלעך און אור־איניקלעך. זיין זון ר׳ אהרן, דער בן בכור, איז באַטראַכט געוואָרן אַלס זיין אָפּיציעלער ממלא־מקום אין טשערנאָביל און אַלע זיינע ברידער אויסער איינער, האָבן אים באַטראַכט אַלס אַזעלכן און אים אָפּגעגעבן דעם געהעריקן כבוד.

ר׳ אברהם איז געוואָרן טריסקער מגיד, באַרימט געווען אַלס בעל־מופת אָבער דאָך געווען כפוף צו ר׳ אהרן הגדול. איינער פון ר׳ מאָטעלעס זין, ר׳ דוד (תקס״ח—תרמ״ב) איז געוואָרן באַזונדערס באַרימט צוליב זיין נגינה. ער האָט אויך געפירט חסידות מיט גרויס פּאַרנעם, פריִער אין וואַ־סילקאָוו און נאָכדעם אין טאַלנע — אָבער דאָך באַטראַכט זיין ברודער דעם טשערנאָבילער אַלס מורה־דרך.

אַלע טשערנאָבילער איניקלעך זענען געווען חובבי נגינה, ר׳ אברהם האָט געהאַט ביי זיך אַלס מנגן דעם באַרימטן ר׳ אברהם נישוויצער, אָבער טאַלנע איז זיי איבערגעגאַנגען, שאַפנדיק פון נגינה אַליין אַן עבודה, אַן עיקר אין חסידות.

2. טאַלנער ניגון

וועגן טאַלנער ניגון, און גאָר באַזונדערס, וועגן ר׳ יאָסעלע טאַלנער אַלס דעם שאַפער־קאָמפּאָזיטאָר פון די טאַלנער ניגונים, איז אַ סך געשריבן געוואָרן 1). ר׳ דודל טאַלנער האָט פריִער געהאַט אַלס ימים נוראים־בעל

---

2) זע, ספר ג׳, ז״ז פ״ה—צ״ז.

1) זע מ. ש. גשורי, לחסידים מזמור, ז׳, י״ז און ז׳ כ״ז.

תפילה ר׳ הערשעלע טאַלטשינער און נאָכדעם ערשט געקראָגן ר׳ יאָסעלען אַלס זיין שטענדיקן חזן און דער לעצטער האָט גערדאַרפט שאַפן פאַר יעדן שבת אַ נייעם ניגון און ווי חסידים זאָגן, האָט ער געשאַפן פינף הונדערט ניגונים. טאַלנע איז געוואָרן אַ דאַנק דעם ניגון אַ חסידישער צענטער ניט בלויז אין אוקראַינע 2). חסידים זענען געקומען הערן אַ פּרעכטיקן ניגון, הערן אַ גוט וואָרט און לערנען פון דער פּקחות ביי ר׳ דודלען.

ניט בלויז מיט נגינה איז ער געווען אַנדערש, נאָר בכלל מיט זיין לערנען חסידות און פּראַקטישקייט. ער האָט למשל אָנגעוויזן זיינע חסידים, ווי אַזוי מען קאָן אַ סך לערנען פון די מאָדערנע דערפינדונגען; אַ וועג אין לעבן, די באַן — שנעלקייט; זריזות, ווייל אַ מינוט איז מען שוין פאַר־שפּעטיקט; דער טעלעגראַף לערנט, אַז יעדעס וואָרט קאָסט געלט... דער טעלעפאָן ווייזט, אַז מ׳רעדט דאָ, הערט מען דאָרט, דערביי האָט ער אויפ־געהויבן זיינע אויגן צום הימל... דער דרך פון נגינה, און צו דעם האָט אַ סך בייגעטראָגן זיין הויפּט־מנגן, ר׳ יאָסעלע, האָט דאָך מער פון אַלץ גע־פירט דערצו, אַז טאַלנע, אַן אָרים יידיש שטעטעלע אין אוקראַינע, זאָל אַזוי באַרימט ווערן אין דער חסידישער וועלט.

ר״ דוד טווערסקי, איינער פון די אַכט זין פון ר׳ מאָטעלע טשערנאָ־בילער, דער בן־ בכור פון ר׳ נחום, תלמיד פון בעש״ט און פון מעזריטשער מגיד, איז נאָך ווייטער אַוועק פון זיידנס שיטה פון אָרימקייט ווי אַ מעלה פאַרן חסידות. ער איז געווען דער זעקסטער זון ר׳ מאָטעלעס און דאָך באַ־וויזן צו געווינען די גרעסטע פּאָפּולאַריטעט, באַזונדערס אין אוקראַינע. ער האָט אין טאַלנע אויפגעבויט אַ גאָר גרויסן הויף וואָס האָט מיט זיך פאַר־געשטעלט אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ מיט די טייערסטע מעבל ,מיט די שענסטע מאַלערייען — אַ רחבות וואָס איז געווען כמעט אומפאַרגלייכלעך אין חסי־דישע הויפן.

אינעם זאַל ווו דער רבי האָט געזאָגט תורה און געפּראַוועט טיש, האָבן געקענט אַריין טויזנטער יידן און דאָרט זיצן באַקוועם, דאָרט געהאַט זייערע שבת־יום־טוב סעודות, פילנדיק זיך גייסטיק דערהויבן, פילנדיק דעם טעם פון זיין אַ נהנה מזיו השכינה...

---

2) באַריכות אין מ. אַשעוראָוויטשעס ווערק וועגן אוקראַינער שטעט.

ייִדן אין אוקראַינע האָבן ממש געשטרעבט און געחלומט פון קומען קיין טאַלנע, זען די רחבותדיקייט, הערן אַ ניגון און אַ בליק טאָן אויפן רבין, דעם ייִדישן מלך. אומצייליקע מעשיות ווערן דערציילט פון דער גדולה און רחבותדיקייט אינעם טאַלנער הויף. זיי קלינגען ממש לעגענדאַריש. דער יערלעכער בודזשעט אין טאַלנע, דערציילן חסידים, האָט דערגרייכט אין הונדערטער טויזנטער רובל, קאָלאָסאַלע סומעס.

צו דעם רחבות און רייכקייט פון וואָס דער טאַלנער רבי האָט געגאָסן, האָט דאָרט געהערשט אהבת ישראל, ווי אַן עיקר העיקרים אין עבודת־השם און אין דרך החסידות. דער רבי האָט יעדן ייִדן געהאַט אויפן קאָפּ, געזען ס׳זאָל הערשן צווישן זיינע חסידים, פריינטשאַפט און ליבשאַפט און שטאַרק מליץ טוב געווען אויף ייִדן. וועלנדיק זיך טרעפן מיט ייִדן, טרייסטן און שטאַרקן ייִדן אינעם פינצטערן תחום־המושב, פלעגט ער פון צייט צו צייט זיך אַרויסלאָזן אויף נסיעות און ניט סתם אַזוי אין אַ בויד, ווי ס׳איז דאַן געווען דער דרך, נאָר אין די טייערסטע קאַטשן און קאַרעטעס ביי וועלכער ס׳זענען געווען אין געשפּאַן די בעסטע, שענסטע סוסים — און אַלץ האָט גע־מאַכט אַן אויסערגעוויינטלעכן איינדרוק און געצויגן די אויפמערקזאַמקייט.

ער האָט דערפון געהאַט געננוג אויסצושטיין פון די וואָס האָבן ניט גע־האַלטן פון אַזאַ דרך אין חסידות, אָבער מערסטנס פון די משכילים וואָס האָבן זיך אַפילו ניט צוריקגעהאַלטן פון דורכפירן אַ מסירה צום גובערנאַ־טאָר אין קיִעוו. די מסירה האָט צוו״אַגד אויך געזאָגט, אַז ער האַלט זיך פאַרן מלך ישראל. אַלס באַווייז איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז ער זיצט אויף אַ זילבערנער שטול אויף וועלכער ס׳זענען אויסגעקריצט די ווערטער „דוד מלך ישראל חי וקים!״. זיי האָבן אויך אויסגעטראַכט אַ מסירה, אַז דער רבי האָט גורם געווען אַ טויט־פאַל אין טאַלנע. און דער רבי איז אַרויסגעפאָ־דערט געוואָרן צום גובערנאַטאָר אין קיִעוו, כדי די אָנקלאַגן זאָלן אויס־געפאָרשט ווערן.

דער גובערנאַטאָר, אַ שונא ישראל, האָט זיך באַצויגן אין אָנהייב זייער שטרענג און גערעדט צום רבין ווי צו אַ פאַרברעכער. ר׳ דודל האָט אים אויף אַלץ געענטפערט קלאָר און זאַכלעך, געהיטן כבוד המלכות... ווען דער לעצטער האָט אַ געשריי געטאָן: „זאָג דעם אמת!״, ערשט דאַן איז ער אַרויס פון געדולד און אַן אויפגעציטערטער געשריִען צום גובערנאַטאָר:

צו מיר רעדסטו אַזוי? מיר, באַשווירענע פון באַרג סיני, צו זאָגן דעם אמת, באַפעלסטו צו זאָגן דעם אמת, טראַכסטו, אַז מיר וועלן זאָגן שקר?

דער גובערנאַטאָר האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן צו רעדן אין אַ ווייכערן טאָן, זיך אַנטשולדיקט און געלאָזט ר׳ דודלען פריי.

דער הויפּט־כח פון טאַלנע איז, ווי געזאָגט, געלעגן אין דער נגינה, וואָס איז געווען אַ צוציִונגס־קראַפט פאַר טויזנטער חסידים און נאָכפאָלגער.

3. ר׳ יאָסעלע טאַלנער

דער טאַלנער רבי איז אָבער ניט בלויז אַליין געווען אַ מנגן, נאָר געזען אַז אין זיין הויף זאָל תמיד זיין אַ גרויסער מנגן און מיט אים — אַ חזנים־קאַפּעליע אויף צו זינגען חסידישע ניגונים. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון יענעם חסידישן טייטש אויפן פסוק „והיה כנגן המנגן ותהי עליו יד ד׳״, אַז ווען דער מנגן באַטראַכט זיך ווי אַ כלי־שיר, דאַן רוט אויף אים, דער געט־לעכער גייסט, דאַן קומט אויף אים „יד ד׳״! ווייל ווערטער קענען ניט אויס־דריקן אַלץ, וואָס דער מענטש פילט אין דער טיפעניש פון זיין נשמה. געזאַנג, קלאַנגען פון ווערטער, מעלאָדיעס, מוזיק קאָנען אַ סך מער ווירקן ווי ווערטער און דעריבער, איז פאַר יעדן פּאָעטישן אויסדרוק און צויבער, נייטיק דאָס ליד, דער קלאַנג וואָס באַנעמט דעם זין פון די ווערטער. אַ פאַקט איז, אַז קבלה איז דורכגעדרונגען מיט פּאָעזיע און געזאַנג, אַזוי אין דער עפּאָכע פון אר״י הקדוש (1534—1572), אַזוי אין דער עפּאָכע פון קבלה מעשית, אַזוי אין דער עפּאָכע פון קבלה עיונית און אַזוי אין דער עפּאָכע פון חסידות, אָנהייבנדיק פונעם בעש״ט און זיינע נאָכפאָלגער. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פונעם דין אַז „כל בעלי השיר יוצאין בשיר״, וואָס האָט אין זיך אויסער דעם ריין הלכהשן יסוד, אויך דעם סימבאָלישן 1) און האָט אויך שטאַרק געהאַלטן פונעם דין, אַז „השיר מעכב את הקרבן״, באַזירט אויפן פסוק: „זמירות היו לי חקיך״ 2).

1) שבת נ״א, ע״א; זע, תורה אור, חב״ד, בראשית אָנהייב־וואָרט יבל.
2) זע, ערכין י״א, ע״א.

אַ לענגערע צייט איז ביי ר׳ דודל טאַלנער געווען חזן און הויפּט־זינגער דער שוין דאָן באַרימטער יאָסעלע (1883—1919), דער זון פון פּייסי דעם חזן 3), וועגן וועמעס אומקום עס שרייבט אויספּירלעך דער חזן־פאָרשער אליהו זאַלודקאָווסקי און וועמעס אינטערעסאַנט בילד איז אַריין אינעם ווערק פון חזן ב. סטאָלניץ 4). דער דאָזיקער ייִד וואָס האָט אַזויפיל חיות אַריינגעבראַכט אין ייִדישע הערצער האָט אָבער געענדיקט זייער טראַגיש — ער איז אומגעקומען ל״ג־בעומר, תרע״ט (1919) אין נאָוואָמירגראַד, דורך פּאָגראָמשטשיקעס וואָס זענען באַפאַלן די שטאָט.

ווי עס ווערט איבערגעגעבן אין די דערמאָנטע ווערק, איז עס פּאָרגע־קומען אויף אַזאַ אופן: ער איז אַהיימגעקומען זען זיינע קינדער און אין דעמזעלביקן טאָג, זענען די כוליגאַנעס באַפאַלן די שטאָט, פּאָגראָמירט ייִדי־שע הייזער און אָוועקגעפירט 50 בעלי־בתים, צווישן זיי, אויך ר׳ יאָסעלען (דאָן געווען באַקאַנט אַלס ר׳ יאָסעלע ר׳ דודס), זיי אַרויסגעפירט פון שטאָט, געהייסן זיי אַליין גראָבן די קברים און זיי לעבעדיקערהייט באַגראָבן.

צוליב דעם וואָס ער האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אַלס שאַפער פון נגינה און פאַרענדיקט אַלס קדוש, איז כדאי צו דערציילן, וואָס חזנים־פאָרשער שרייבן וועגן אים און טאַקע מער פּרטימדיק וועגן זיין געהייליקטן טויט.

יאָסעלע איז געבוירן געוואָרן אין טאַלנע. זיין פאָטער איז געווען חזן־מנגן „פּייסי דער חזן" און שטאַרק אויסגענומען מיט זיין חזנות. דער זון האָט אָבער איבערגעשטיגן דעם פאָטער, געוואָרן באַרימט אַלס שאַפער פון „שטימונגס־ניגונים". ר׳ דודלען איז ער שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער האָט אים צוגענומען, ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג, אַלס מנגן ביים טיש און שפּעטער אַלס הויפּט שליח־ציבור פון די טאַלנער חסידים.

„דער טאַלנער רבי — שרייבט זאַלודקאָווסקי — איז געווען אַ גרוי־סער ליבהאָבער פון נגינה און ניט נאָר ליב געהאַט חסידישע ניגונים... ער פלעגט אויך שטאַרק הנאה האָבן פון קלאַסישע געזאַנגען און פלעגט זיך מחיה זיין הערנדיק אַ גוטן פידלער... גאָר באַזונדערס פלעגט ער אָבער

3) אויספּירלעך וועגן אים אין אליהו זאַלודקאָווסקיס „קולטור־טרעגער פון דער ייִדישער ליטורגיע", 1930, ז״ז 172—176.

4) ב. סטאָלניץ, נגינה אין ייִדישן לעבן, 1957, ז׳ 158.

באַגייסטערט ווערן פון ר' יאָסעלעס ניגונים. ווען ער פלעגט אַמאָל אַריינ־פאַלן אין עצבות, האָט אים ר' יאָסעלע מיט זיין זינגען פריילעך געמאַכט. באַזונדערס האָט זיך ר' יאָסעלע אויסגעצייכנט אין זיינע ימים נוראימדיקע תפילות. ער פלעגט דאָ אַריינלייגן אַזויפיל האַרץ און נשמה, אַז די מתפללים פלעגן זיך באַוואַשן אין טרערן און ר' דודל פלעגט אויף אים דעמאָלט קוקן מיט דאַנק אין די אויגן.

נאָך ר' דודלס פטירה, איז ר' יאָסעלע איבערגעגאַנגען צו ר' דודלס ברודער ר' יוחנצע פון ראַכמעסטריווקע און מען דערציילט, אַז דער רבי ר' יוחנצע מיט אַלע זיינע זין (כולם צדיקים), האָבן זיך צו „כל נדרי" אָנ־געטאָן אין ווייסן און זענען געשטאַנען אַרום דעם עמוד ,נעבן ר' יאָסעלען, מיט די ספרי־תורה, וועלכע זענען געווען אָנגעטאָן מיט ווייסע מענטעלעך און ווען ר' יאָסעלע האָט אויסגעשריִען „על דעת המקום..." איז אַ שרעק געפאַלן אויף אַלע מתפללים...

נאָך ר' יוחנצעס פטירה, איז ר' יאָסעלע אָנגעקומען צו ר' דודלס זון ר' מאָטעלע קיין זלאַטאָפאָליע. יעדער רבי פון דער טאַלנער דינאַסטיע האָט גערעכנט פאַר אַ גליק און כבוד צו האָבן ר' דודלס ליבלינג, ר' יאָסעלען, פאַר זיין חזן און מנגן ביי זיך אין הויף.

וועגן זיין טראַגישן אומקום גיט ז. איבער דאָס פאָלגנדיקע:

„ער איז געקומען זען זיין טאָכטער דבורה־לאה און איידים ר' נחום ספיוואַק, אין נאָוואָמירגראַד. כוליגאַנעס האָבן דאַן, בעת דער רעוואָלוציע, פאַגראָמירט די שטאָט, צונויפגענומען 50 פון די חשובסטע אין שטאָט, צווישן זיי, ר' יאָסעלען מיט זיין איידים, און זיי געצוווּנגען גראָבן קברים הינטערן שטאָט און דערנאָך זיי לעבעדיקערהייט באַגראָבן...

עס איז געוואָרן אַ שרעקלעכע יללה, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז דאָס גראָבן זיי די קברים פאַר זיך. האָט זיי אָבער ר' יאָסעלע אויפגעפאָדערט ניט צו וויינען, און האָט מיט זיי געזאָגט ווידוי און תהילים און אויפגעמונ־טערט זיי צו זינגען זיינעם אַ באַקאַנטן זמרל. ווען די באַנדיטן האָבן שוין כמעט געהאַט פאַרשאָטן די קברים, האָט זיך נאָך אַלץ געהערט ר' יאָסעלעס שטימע, וועלכע איז דערנאָך אויף אייביק אַנטשוויגן געוואָרן מיט אַ האַרצ־רייסנדיקן „שמע ישראל". אָט אַזוי טראַגיש ,האָט געענדיקט זיין לעבן דער חזן

ר׳ יאָסעלע, וועלכער האָט אָנגעפילט טויזנטער ייִדישע הערצער מיט באַגייס־טערונג״.

צווישן די מנגנים פון טאַלנע, איז אויך געווען ר׳ משה טולטשינער (פאָטער פון ר׳ מאניש חזן ביים סאַדיגערער). ר׳ דוד טאַלנער האָט אים שטאַרק מקרב געווען. אויך ר׳ זלמן אומאַניער (באַקאַנט אַלס קאָסטאַנטינער חזן), פלעגן זיך נוהג זיין קומען אויף שבת בראשית צו ר׳ דודל טאַלנער און דאָרט מהנה געווען ניט בלויז מיט חזנות, נאָר אויך געזונגען ביים טיש.

דאָס איז די געשיכטע פון טאַלנע, פונעם רבין און זיין מנגן — אַ ניגון וואָס האָט באַהויכט דעם גרויסן האָריזאָנט פון דער אוקראַיִנע און באַזאָפּטיקט און באַטויט דעם אוקראַיִנישן באָדן.

טאַלנע איז חרוב געוואָרן דורך די פּעטליורצעס אין די יאָרן 1918־1919, בעת זייער דורכפאַל ביי אומאַן אינעם קאַמף מיט די קאָמוניסטישע אַרמייען. זיי זענען אַריין אין טאַלנע און אויפגערייצט די אַרומיקע פּאָליאַקן קעגן די ייִדן און צוזאַמען געגרייט אַ טאָטאַלע שחיטה אויף די עטלעכע טויזנט ייִדישע איינוווינער.

דער פּלאַן פון גענצלעכער פאַרטיליקונג איז צעשטערט געוואָרן דורך אַ קריסטין, וועלכע האָט איינגעשטעלט איר לעבן בכדי אָפּצוראַטעווען די ייִדן. זיי האָבן אָבער דאָך ניט געקילט זייער רציחה און אויסגעמאָרדעט צענדליקער ייִדישע משפחות.

נאָך יענע פּאָגראָמען, איז טאַלנע שוין מער ניט געקומען צו זיך און אויפגעהערט צו זיין אַ צענטער פון חסידות. אונטערן סאָוועטישן רעזשים איז אָפּגעווישט געוואָרן יעדער סימן פונעם אַמאָליקן דאָרטיקן חסידישן לעבן, פון די אַמאָליקע חסידישע הייף און עס איז געוואָרן אויס טאַלנע אויפן אוקראַיִנישן באָדן.

קאַפּיטל עלף

נגינה פון ראָפּשיץ

1. ר׳ נפתלי ראָפּשיצער

ווי עס איז שוין פריִער באַמערקט געוואָרן איז אין אוקראַיִנע און גאַליציע געבוירן און געשאַפן געוואָרן דאָס חסידות. דאָרט איז צום ערשטן מאָל געהערט געוואָרן דער חסידישער ניגון. אַזוי ווי מיר שרייבן נאָר וועגן חסידישער נגינה און ניט אין אַנטאָלאָגישן נוסח, וועלן מיר זיך, האַלטנדיק ביי דער טעמע, בלויז באַרירן אייניקע פּאַזן פון גאַליצישן חסידות וואָס האָט אין משך פון 200 יאָר אַרויסגעגעבן הונדערטער אדמורי״ם, גרויסע ליכטיקע פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן פיל בייגעטראָגן צו אונדזער פילפאַרביקער ליטעראַטור און פאָלקס־לעבן. מיט זייערע מעדיטאַציעס, מיט זייער ניגון, פאָלקלאָריסטיש שאַפן שטעלן זיי צוזאַמען אוצרות פון יידישער מחשבה און יידישן געפיל.

אין גאַליציע איז דאָס חסידות געוועזן גאָר טיף פאַרוואָרצלט, מער ווי ערגעץ אַנדערשוואו. אפשר דערפאַר האָבן די משכילים פאַרפירט אַזאַ העפטיקע מלחמה קעגן חסידיזם. אַזוי האָט דער באַרימטער שרייבער פון השכלה־דור, יצחק ערטער, אין זיין „הצופה לבית ישראל״ סאַטיריש־סאַרקאַסטיש אָפּגעשפּעט פון די חסידישע רביים, אָפּגעלאַכט פון די חסידים און זייערע מנהגים, געחוזקט פון חסידישן מקובל, וואָס איז פאַרטיפט אין די סודות התורה און וועלט־באַשאַף. זיי האָבן לויט זיין מיינונג פאַרפינצטערט די וועלט...

און ניט נאָר דער סאַטיריקער ערטער האָט חוזק געמאַכט פון חסידות..

אויך די אַנדערע משכילים פון יענער עפּאָכע ווי שלמה־לייב ראַפּאָפּאָרט (שי״ר — 1866־1790), יוסף פּערל, דער חסיד וואָס איז געוואָרן אַ באַקעמפער פון חסידות, שלום הכוהן, דער אַרויסגעבער פון „בכורי העתים״, דער שפּינאָזיסט שלמה רובין און אַנדערע 1).

חסידות איז אָבער וואָס אַמאָל מער געוואַקסן אין גאַליציע. חסידיזם האָט געבליט אין די גאַליצישע שטעטלעך. האניפּאָל, זלאָטשאָוו, סאַסעוו, סאַנדז, ראָפּשיץ, ראָמאַנאָוו, בעלז א״אַ שטעטלעך אין גאַליצישן קרייז זענען געוואָרן צענטערן פון חסידישער פּראָפּאַגאַנדע, פעסטונגען פון חסידות. וויפל אַסאָסיאַציעס און רעמיניסצענצן די דאָזיקע שטעטלעך רופן אַרויס ביי אונדז, די דאָזיקע שטעטלעך — יידיש לויט זייער באַפעלקערונג, כאַראַקטער און שטאַנד, באַרימט מיט דער התלהבותדיקער חסידות און דבקות וואָס האָט געהערשט אין זיי. עס האָט אין זיי געברויזט מיט יידיש־חסידיש לעבן; מיט יידישער טראַדיציע און אייגנאַרטיקייט. די דאָזיקע „ערים נכח־דות״ זענען איבערפולט געווען מיט אַ מאַקסימום יידישער דינאַמיק און פלאַמפייערדיקייט. דער חסידישער ניגון האָט זיך געטראָגן איבער די ספערן און האָריזאָנטן פון זלאָטשעוו און סאַנדז, פון ראָפּשיץ און באָבאָוו, סאַדיגורע און ריזשין... אינעם געזאַנג איז נתגלה געוואָרן דאָס יידיש־חסידישע

---

1) פונקט ווי אין ווילנע, אַזוי איז אויך אין קראָקע אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ חרם אויף חסידים, אָבער אין גאַליציע איז דער חרם כמעט ווי ביט אָפּגעהיט געוואָרן. צווישן די גאַליצישע משכילים, וואָס האָבן ביטער געקעמפט קעגן חסידות, איז געווען יוסף פערל פון טאַרנאָפּאָל, אַ ייד אַ גרויסער משכיל און דערצו נאָך אַן עושר מיט איינפלוס, וואָס האָט דאָמינירט די קהילה אין טאַרנאָפּאָל.

דער דאָזיקער יוסף פערל, אַ „שאַרפער״ משכיל, האָט באַוויזן אַראָפּצונעמען פון כסא הרבנות דעם אַכציק־יאָריקן טאַרנאָפּאָלער רב ר׳ יהושע העשעל באב״ד (מחבר פון ספר „שו״ת יהושע״, געדרוקט, זאָלקיעוו 1829), אַ באַרימטער וועלט־גאון און אַרויפגעזעצט אויפן רבנות־שטול זיין חבר ר׳ שלמה ליב (יהודה) ראַפּאָפּאָרט, וועלכער איז, ניט געקוקט אויף זיינע קענטענישן אין חכמת ישראל, ביט געווען קיין פאַרגלייך אין רבנות־אויטאָריטעט, צו דעם שטאָט־רב. ער איז אויך אַרויסגעטראָטן אין אַן אָפענעם קאַמף קעגן די חסידים און פאַרעפנטלעכט אַ פאַמפלעט א״נ „מגלה טמירין״. די שנאה זיינע צו חסידות זאָל זיך נעמען דערפון, וואָס ער איז אין דער יוגנט געווען אַ חסיד. פערל האָט זיך באַנוצט מיט די געמיינסטע מיטלען אין זיין קאַמף קעגן חסידיזם. ער האָט זיך באַנוצט אפילו מיט מסירות... באריכות וועגן דעם אין דעם זייער אינטערעסאַנטן ווערק פון ד״ר רפאל מאַהלער: „דער קאַמף צווישן השכלה און חסידות אין גאַליציע״ (ייוואָ 1942).

הארץ. דורכן געזאנג איז דער בעש״ט נתגלה געוואָרן אין יענע ליכטיקע ניסן־טעג פון יאָר תצ״ד.

די חסידישע וועלט האָט שטאַרק געהאַלטן, אַז נגינה און מוזיק איז מעורר צו העכערע מדרגות, צו העכערע כוונות. איינער פון די באַרימטע חסידישע פירער ר׳ הלל באַברויסקער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ווער עס קאָן נישט זינגען, דער קאָן קיין חסיד נישט זיין 2).

אַזוי האָבן חסידים געזונגען ווען זיי האָבן זיך פאַרדבקהט, געשאַפן מעלאָדיעס אָן ווערטער און לידער מיט ווערטער, אויך מיט ווערטער אין אונדזער יידיש לשון ווי די ניגונים פון קאַרלינער, פון ר׳ לוי יצחק באַר־דיטשעווער און אַנדערע. ניט בלויז שיינע מעלאָדיעס זענען עס געווען, שיין מיט יידישן חן און פאָלקסטימלעכקייט. עס איז געווען אין זיי פייער, התלה־בות, ברען און עקסטאַז. עס איז געווען טיף־יידיש געזאַנג, פון די קוואַלן פונעם עכט־יידישן שטייגער, פון די יידישע טרוימען. אינעם חסידישן ליד איז געקומען צום אויסדרוק די אהבה, די ליבשאַפט צו השם יתברך. ווי דערשלאָגן, דערנידעריקט, געשטראָפט מ׳זאָל ניט זיין, טאָר מען אַלץ ניט אַריינפאַלן אין מרה־שחורה, אין פאַרצווייפלונג — ווייל דער רבונו של עולם איז דאָך אונדזער „טאַטע זיסער, איז דאָך אַ האַרציקער פאָטער געטרייער...״

די חסידישע פאָלקס־לידער, ניט וויכטיק ווער עס האָט זיי געשאַפן, וועלכער „גוטער ייד״ האָט זיי געזונגען, האָבן פאַרטריבן דעם אומעט און חושך אינעם יידישן האַרץ. און דאָ מיינען מיר ניט דווקא די לידער פון ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער, וועלכער ווערט באַטראַכט אַלס איינער פון די אינטערעסאַנטסטע און מערקווירדיקסטע חסידישע געשטאַלטן, אַלס גרוי־סער אוהב ישראל, וועלכער פלעגט ביים עמוד צי ביים טיש זיך אויס־טענהן מיטן רבונו־של־עולם און מיט זיין „טאַטעניו״ אויף פשוטן מאַמע־לשון, פאַרטיידיקן דאָס יידישע פאָלק, אויסרעכענען זיינע מעלות...

חסידים האָבן זייער פיל געזונגען. זיי האָבן געזונגען לידער מיט ווער־טער און ניגונים אָן ווערטער, טיש־ניגונים צוגעפּאַסט צו זמירות און טיש־ניגונים מיט אוי־אוי־בים־באַם אין די פאַרדבקהטע בין השמשותדיקע שעהן, פריילעכע טיש ניגונים ווי ביים אוקראַינישן גאַליציש־פּוילישן חסיד און

---

2) ספר „נתיב רש״י״.

ערנסט פאַרטראַכטע ווי ביים ליטווישן חסיד. און אויך לידער פון די אַרו־מיקע פעלקער, וואָס חסידים האָבן איבערגענומען און מייסטעריש איבער־געפורעמט אין יידיש־חסידישן שטייגער.

יעדער חסידישער הויף האָט זיך געהאַט זיין מנגן, זיין זינגער, וועמען די חסידים פלעגן נאָכזינגען סיי די מאַרשן, סיי די „פאַלן", סיי די „פריי־לעכסן". עס פלעגן אויך זיין רביים־קאָמפּאָזיטאָרן, וועלכע פלעגן זיך אָפּ־געבן מיט נגינה, האָבן אַליין געשאַפן און פאַרפאַסט חסידישע פאָלקס־לידער. איינער פון די רביים, וואָס האָט געהאַלטן זינגען אַלס אַ הויפּט־עבודה און האָט אַליין פאַרפאַסט לידער, איז געווען דער ראָפּשיצער רבי ר' נפתלי־צבי האָראָוויץ, אַ תלמיד פון „חוזה" פון לובלין, ר' יעקב־יצחק האָראָוויץ 3).

אין ראָפּשיץ פלעגט מען זינגען די חסידיש־סקאַרבאָווע ניגונים. דער ראָפּשיצער רבי פלעגט גאָר אָפט זינגען מיט גרויס מתיקות ר' אייזיקל קאַליוועס (ר' יצחק־אייזיק טויב, אבד"ק קאַלוב, אונגאַרן) פּאַסטעך־ניגון:

וואַלד, וואַלד, ווי גרויס ביסטו
כלה, כלה, ווי ווייט ביסטו
— — — — — — — — — — — — — —

ער האָט דערקלערט, אַז אָט דער השתוקקות־ניגון איז דאָס ליד פון בענקשאַפט צו שכינה פונעם פּאַסטעך און דאַרף גאָר געזונגען ווערן מיט די ווערטער:

גלות, גלות ווי גרויס ביסטו!
שכינה, שכינה, ווי ווייט ביסטו!
גלות, גלות, ווער אָוועקגענומען,
וועל איך שכינה צו דיר קומען!

עס איז אַ פּרעכטיק ליד פון בענקשאַפט צו גאולה און הייליקער שכינה.

3) ס'איז מיר פאַרלוירן געגאַנגען אַ גרעסערער טייל פון דער דאָזיקער אַרבעט און אויף דער שנעל, בחפזונדיק קען דאָס ניט ווערן רעהאַביליטירט... אָבער דאָך בלייבט דאָס בילד גאַנץ און מיר באַקענען זיך מיט דער נגינה און עבודה ביים ראָפּשיצער.

עס זענען פֿאַראַן דרייערליי גלותן — פֿלעגט זאָגן דער פּולנאָהער: ייִדן זענען אין גלות ביי די גויִים; די לומדים זענען אין גלות ביי די עמי־הארצים און די ערלעכע תלמידי־חכמים זענען אין גלות ביי די שלעכטע... דער גלות ביי ייִדן — פֿלעגט זאָגן דער בעלזער רבי, ר׳ שלום רוקח, — איז ערגער ווי דער גלות ביי גויִים, ווייל דער גלות ביי ייִדן לאָזט ניט קומען די גאולה, האַלט צוריק דאָס קומען פֿון משיחן. דער ערשטער גערער רבי ר׳ יצחק־מאיר אַלטער (תקנ״ט—תרכ״ו), דער באַרימטער תלמודישער גאון, מחבר פֿון „חידושי הרי״ם“ און אַנדערע ספֿרים, וועלכער האָט אין די זיבן יאָר, וואָס ער האָט „געפֿירט טיש“, צוגעצויגן צענדליקער טויזנטער חסידים און געוואָרן דער „מאיר עיני הגולה“ אין ברייטסטן זין פֿון די ווערטער, אין יענע „שבע שני השובע“, ווי חסידים רופֿן זיין זיבן־יאָריקע הנהגה, פֿלעגט זיך אָפֿט באַנוצן מיט שאַרפֿזיניקע ווערטלעך. ער האָט געטייטשט דעם פּסוק והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים (שמות, ו׳, ו׳), איך וועל אייך אַרויסנעמען פֿון אייער אייגענעם סבלות מצרים, ווייל דאָס ערגסטע איז, ווען מען איז אין גלות ביי זיך...

אויך דערציילט מען, אַז דער רבי פֿון לובלין, ר׳ יעקב־יצחק הורוויץ, פֿלעגט זאָגן, אַז ער האָט ליבער אַ פֿריילעכן אויפֿגערוימטן עם־הארץ, וואָס קאָן נישט מער ווי דאַוונען, איידער אַ פֿאַרעצבותדיקן פֿאַרטרויערטן למדן. עצבות, פֿלעגט ער זאָגן, שמעקט מיט אפּיקורסות... זיין תלמיד ר׳ נפֿתלי צבי הורוויץ, דער ראָפּשיצער רבי (נפֿטר תקפ״ז — 1827), האָט אָט דעם געדאַנק אויסגעברייטערט און מיט גרויס מסירת־נפֿש זיך באַמיט צו דערוואַרעמען און אויפֿפֿלאַקערן דעם הייליקן ניצוץ אין יעדן ייִדס נשמה, דורך אַ לידל, אַ „פֿריילעכס“, אַ טענצל, אָדער דורך אַ שפּריכווערטל. ער האָט געהאַלטן, אַז אַ שפּאַס, אַ גלייכווערטל און אַ לידל זענען אַ וויכטיק געווער אינעם קאַמף קעגן מעלאַנכאָליע און מרה־שחורה, וואָס איז אַ גרויסע שטערונג צו דינען גאָט מיט פֿרייד און מיט התלהבות. ער האָט דעריבער אויף פֿאַרשידענע ענינים רעאַגירט מיט הומאָר, מיט שאַרפֿזין און געפֿירט זיין טיש מיט געזאַנג און פֿרייד.

אין נאָמען פֿון רבי נפֿתלי ראָפּשיצער דערציילן חסידים אומצייליקע הלצות און גלייך־ווערטלעך. ס׳ווערט דערציילט פֿון אים, אַז ער זאָל אַמאָל געווען זאָגן, אַז ווען ער וועט זען אויף יענער וועלט, אַז מען פֿירט אַ נאַר

אין גן־עדן אַריין, וועט ער ניט נתפעל ווערן און אים נאָכלויפן און שרייען:
„אַ טיפש בלייבט אַ טיפש, און איך בין אים ניט מקנא".

ער האָט אויך אַמאָל געזען ווי אַן עם־האַרצישער פרומאַק קלאַפּט זיך שטאַרק אין קאָפּ אַריין בעתן דאַוונען. האָט ער געשמייכלט און זיך אָנגע־רופן: „איך האָב דערפון גרויס הנאה, ווייל ממה־נפשך: מיינט ער טאַקע אין אמתן, פון גאָטס וועגן, איז דאָך גוט; און אויב ניט, אויב ער וויל נאָר מענטשן זאָלן זען ווי פרום ער איז, איז דאָך אוודאי גוט, זאָל אים כאָטש ווייטאָן דער קאָפּ!".

פון אים ווערט אויך נאָכדערציילט, אַז ער זאָל געזוען אויך זאָגן אַ הלצה אויפן חשבון פון חסידים, דערקלערנדיק דעם אונטערשייד צווישן „רזין" (סודות, אויפן קבלהאיסטיש־אַראַמייִשן אויסדרוק) און „רזין דרזין" וואָס חסידים באַנוצן זייער אָפט. „רזין" — האָט ר' נפתלי געזאָגט, איז אַזאַ תורה וואָס דער רבי פאַרשטייט און די חסידים פאַרשטייען ניט. „רזין־דרזין" איז אַ תורה וואָס דער רבי אַליין פאַרשטייט אויך ניט...

דעם מאמר אין דער גמרא (ברכות): אשרי יושבי ביתך — בחד אפי; אשרי תמימי דרך בתמני אפי (אשרי יושבי איז פאַרפאַסט לויט איין אלף־בית און אשרי תמימי דרך — לויט אַכט אלף־ביתן), האָט ער געטייטשט אַזוי: אויב מען געהערט צו די אשרי יושבי ביתך, צו די וואָס זיצן בקביעות אויף אַן אָרט, דאַן איז „בחד אפי", קאָן מען שטענדיק האָבן איין פנים, תמיד זיין דערזעלביקער. ווען מען איז אָבער פון די „אשרי תמימי דרך", זייענדיק אָפט אין וועג, דאַן איז מען „בתמני אפי", בייט זיך אומאויפהער־לעך ביים מענטש דאָס פנים, די אויפפירונג; ער מוז זיך צופּאַסן צו די איינוווינער און צו די באַדינגונגען פון יעדן אָרט („אזלת לקרתא — הלך בנמוסה").

דעם פסוק „את מחתות החטאים האלה בנפשותם"4) פלעגט ער טייטשן, די ערגסטע, די זינדיקסטע בעלי־מחלוקת זענען יענע, וועלכע מישן אַריין דערביי דעם „נפש", פירנדיק זייערע מחלוקתן כלומרשט אין נאָמען פון תיקון הנשמה, אין נאָמען פון פרומקייט...

אויף דעם פסוק „תמים תהיה עם ד' אלקיך"5) פלעגט ער אַזוי זאָגן:

4) במדבר, י"ז, ג'.
5) דברים, י"ח, י"ג.

„עס טרעפט זעלטן, אַזביידע זאַכן זאָלן זיין צוזאַמען גאַנץ: עפ״י רוב איז, אָדער דו ביסט „גאַנץ״ אָדער דאָס יידישקייט איז „גאַנץ״. אויב דו ביסט „גאַנץ״, ד״ה אַז עס פעלט דיר גאָרנישט, דאַן איז דאָס יידישקייט צעבראָכן און הינקט אונטער; אויב ווידער דאָס יידישקייט איז „גאַנץ״ איז אַ סימן, אַז דו ביסט מסתמא צעבראָכן, בשעת אַ מענטשן גייט שלעכט — איז ער פרום... דעריבער: „תמים תהי׳ עם ד׳ אלקיך״ — עס זאָל הערשן אַ טאָפּלטע שלימות, אַז אויך ווען דו ביסט „גאַנץ״, ווען דיר איז גוט, זאָלסטו זיין גאַנץ מיט גאָט...

דער רבי פון לובלין, דער „חוזה״, דערציילט די וועלט, האָט אים אַמאָל פאַרגעהאַלטן פאַרוואָס ער חכמהט זיך שטענדיק און זאָגט גלייכ־ווערטלעך.

— עס שטייט דאָך — זאָגט צו אים דער „חוזה״ — „תמים תהיה עם ד׳ אלקיך״, און נישט „חכם תהיה״... איז דאָך דערפון געדרונגען, אַז תמי־מות איז העכער פון חכמה!

— יאָ, רבי, — ענטפערט אים ר׳ נפתלי, — מען דאַרף אָבער האָבן גרויס חכמה, כדי צו קענען זיין אַ תמים מיטן רבונו של עולם!... ר׳ פנחס קאָרעצער פלעגט זאָגן: „כ׳האָב מורא, כ׳זאָל ניט זיין קליגער ווי פרומער...״

רעדנדיק וועגן תמימות, איז כדאי צו באַטאָנען ,אַז די העכסטע מעלה ביי יידן, איז תמיד געווען תמימות. מיר זען אין דער תורה, ווי נח ווערט געלויבט אַלס צדיק תמים 6) און צו אברהם־אבינו זאָגט גאָט: התהלך לפני והיה תמים 7) און יעקב אבינו ווערט טיטולירט אַלס איש תם 8) און דער צדיק ביי די אומות העולם ווערט אָנגערופן „איש תם וישר״ 9).

דוד המלך לויבט די „תמימי דרך״, די פשוטע ערלעכע יידן 10) און אַזוי זיין זון שלמה לויבט תמימותדיקייט.

---

6) בראשית, ו׳, ט׳.

7) דאָרט, י״ז, א׳.

8) דאָרט, כ״ה, כ״ז.

9) איוב, א׳, א׳, ח׳; ב׳, ג׳.

10) תהלים, קי״ט; משלי, י״, כ״ח.

די תורה איז גרויס, ווייל זי איז תמימה 11) און אויך כביכול ווערט טיטולירט מיט זיין תמימות: תמים פעלו און תמים דרכו 12).

תמימות מיינט אָבער ניט סתם אַזוי נאַיוויטעט; תמימות מיינט גאַנצקייט, ערלעכקייט, אויפריכטיקייט, אָפנהאַרציקייט.

רבי נפתלי ראָפשיצער איז אַמאָל, שבת הגדול, געקומען זייער אַ פאַרמאַטערטער פון דער שול נאָך דער דרשה. וואָס ער האָט דאָרט געהאַלטן. פרעגט אים די רביצין:

„וואָס ביסטו אַזוי מידז?".

„איך האָב זייער אַ שווערע אַרבעט — זאָגט ער — מיט די גבירים, אויפצוּוועקן ביי זיי אַ רחמנות־געפיל, זיי זאָלן געבן צדקה צו די אָרימעלייט..."

„האָסט כאָטש עפּעס געפּועלט"? — פרעגט אים די רביצין.

„יאָ, — ענטפערט ער — איך האָב געווירקט אויף אַ העלפט: די אָרימעלייט זענען גרייט צו נעמען, אָבער צי די רייכע זענען גרייט צו געבן, — איז נאָך אַ פראַגע..."

ס'איז אַמאָל געפאַלן תשעה־באב, מוצאי־שבת, האָט ר' נפתלי ראָפּשיצער געהאַלטן אין איין זינגען ביי שלוש־סעודות, שטאַרק אויפגעהאַלטן דעם שבת־קודש, ביז מ'האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ס'איז שוין ביינאַכט, תשעה־באב... האָט ער געענטפערט: וואָס ווילט איר? מיר האָבן אַזאַ גוטן אורח, שבת, זאָל ער נאָך זיין מיט אונדז. תשעה־באב, איז ניט פון די בעסטע אורחים, זאָל ער וואַרטן... 13).

2. ניגון ראָפּשיץ

ס'ווערט דערציילט, אַז דער האַמבורגער רב, באַקאַנט מיטן נאָמען, ר' איציקל האַמבורגער, איז אַמאָל געוועזן אויף אַ רבנישער אסיפה, האָט ער געשטעלט די רבנים אַ האַרבע קשיא און הערביי צוגעגעבן, אַז ווער ס'וועט

11) דברים, ד"ב, ד'.
12) תהלים, י"ט, ח'.
13) זע, מנשה אונגער, חסידות און לעבן.

פאַרענטפערן די דאָזיקע האַרבע שטעלע אין דער גמרא, וועט ער זיך מיט אים משדך זיין (ער האָט געהאַט אַ טאָכטער).

ס׳איז געווען אַ שווערע קשיא און קיינער האָט ניט געקענט געבן קיין גוטן, אויסגעהאַלטענעם תירוץ. בלויז איינער, ר׳ חיים, אַ רב אין אַ קליין פּויליש שטעטל, לינסקע, האָט פאַרענטפערט די קשיא און געזאָגט, אַז ער האָט אַ טייער קינד, מענדל (שפּעטער געווען באַקאַנט אַלס ר׳ מענדל ליני־סקער), און איז גרייט זיך משדך צו זיין מיטן באַרימטן האַמבורגער רב, ווו ס׳איז געווען תורה וגדולה במקום אחד.

ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַ זמן חתונה.

ווען די צייט איז געקומען זענען די עלטערן מיטן חתן געפאָרן קיין האַמבורג און געקראָגן דאָרטן אַ גרויסע אויפנאַמע, ביי ר׳ איציקלס מחותנים. שפּעטער איז דער חתן אַוועק אין בית־מדרש לערנען, דער פאָטער ר׳ חיים איז געבליבן אויף דער אכסניא און די מחותנתטע איז געגאַנגען זען די כלה.

זי גיט אַ קוק אויף דער כלה, ס׳ווערט איר נישט גוט, זי פאַלט אין חלשות, זי לויפט גלייך צוריק צו דער אכסניא, כאַפּט איר מאַן, לויפט אין בית־מדרש און האַלט אין איין שרייען: לאָמיר פאָרן צוריק, זי וועט ניט לאָזן איר קינד חתונה האָבן מיט אַ קאַליקע... די כלה האָט געהאַט אַ הויקער און אַ שרעקלעך מיאוס פּנים.

הכלל, די עלטערן פאַרלאַנגען פונעם חתן, צוריקפאָרן אַ היים... דער חתן וויל אָבער ניט. ער אַליין גייט אַריבער צו דער כלה, גיט אַ בליק אויף איר און באַשליסט: ס׳איז זיין זיווג.

ניטאָ קיין ברירה, זאָגט ר׳ חיים צום האַמבורגער רב, אָבער לאָמיר שוין זען צייל̇ן דעם נדן!

— ניין, כ׳האָב ניט וואָס צו ציילן. איך האָב פאַרלוירן דאָס גאַנצע געלט, גרויסע היזקות געהאַט און קען ניט סילוקן דעם נדן...

זייער אַנגעבייזערט, איז ר׳ חיים געלאָפן אין בית־מדרש כאַפּן דעם חתן און אַוועקלויפן מיט אים. די מוטער שרייט נאָך מער, ניט קיין סחורה און ניט קיין געלט... „מיין יונג קינד, וועסט חרטה האָבן, ווען ס׳וועט שוין זיין צו שפּעט, קום אַ היים און לאָז איבער די האַמבורגער גליקן...״

דער חתן, וויל בשום אופן ניט אַוועקפאָרן. עס העלפט ניט דאָס וויינען און יאָמערן פון דער מאַמע. אויב איר ווילט, זאָגט ער זיי, קענט איר אַהיימ־פאָרן. איך וועל שוין דאָ בלייבן.

זעענדיק, אַז זיי האָבן ניט קיין אַנדער ברירה, זענען זיי געגאַנגען צו דער חופה. נאָך דער חופה, ווען מ'האָט געפירט חתן־כלה צו דער „גילדער־נער יויך", האָט ר' איציקל געבראַכט אַ פול זעקל מיט רענדלעך, אַ סך מער וויפיל ער האָט צוגעזאָגט.

ווען דער מחותן האָט געפרעגט: וואָס איז דאָס? פאַרוואָס האָט ער זיך מיט אים גערייצט? האָט ער אים געענטפערט גאָר פשוט.

— אַזוי ווי איך האָב געוווסט, אַז ער נעמט זי ניט צוליב שיינקייט, האָב איך אים געוואָלט אויספּרובירן, צי ער נעמט זי ניט צוליב געלט, וואָס איז לויט דער גמרא אַ גרויס געפאַר פאַר קינדער, ווייל די גמרא זאָגט דאָך, הנושא אשה לשם ממון, הויין לו בנים שאינם מהוגנים... איצט, זע איך, אַז ער נעמט מיין טאָכטער צוליב דעם, ווייל זי איז זיין זיווג, איז עס דאָך לשם שמים, האָף איך צו השם־יתברך צו האָבן נחת פון דעם פּאָר און זען ביי זיי אַ דור ישרים יבורך. און דער ווונטש איז מקויים געוואָרן. זיי האָבן געהאַט דעם זון וואָס האָט געבראַכט אַ סך פרייד ניט בלויז זיינע עלטערן, נאָר טויזנטער יידן, זייער זון איז געווען ר' נפתלי לינסקער, וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס ר' נפתלי ראָפּשיצער 1).

מעשי אבות סימן לבנים:

ווי דער פאָטער, אַזוי האָט ער אויך ניט געהאַט קיין הצלחה צו אַ שידוך. ר' נפתלי האָט געקראָגן זייער אַ שלעכטע פרוי; זי האָט אים אָנ־געטאָן אַ סך צרות און פאַראומערט זיין לעבן... דאָס האָט אים גאָר ניט צוריקגעהאַלטן פון זיין בשמחה, פון זיין פריילעך; ער האָט זיין צער אויס־געלאַכט און דאָס האָט אים געהאָלפן אין זיין לעבנס־גאַנג.

ר' נפתלי צבי הורוויץ, ווי זיין פולער נאָמען איז געווען, האָט געלייגט דעם חותם אויף דעם מערב־גאַליציאַנער חסידות. דער ראָפּשיצער ניגון האָט פאַרהילכט דעם מערבדיקן טייל גאַליציע און געזונגען האָט דער ראָפּ־שיצער אַ סך. אַ גרויסער קאָמפּאָזיטאָר פון חסידישע ניגונים געווען. כמעט דאָס גאַנצע דאַווענען פלעגט ער זינגען. פאַר יעדער תפילה אַ נייעם ניגון פאַרפאַסט. און אַזוי — די נאָכפאָלגער פון ראָפּשיצער דרך. אַלע ראָפּשיצער

---

1) זע, שיחות יקרים, ז"ז ב"ח—ב"ט.

איינציקלעך זענען געווען גרויסע מנגנים, די אַפּשטאַמיקע פון ראָפּשיצער גזע זענען געווען פּאַרפאַסער פון פאַרשידענע ניגונים. אייניקע פון זיי פלעגן אַפילו אָנפירן מיט אַ „קאַפּעליע“ און האָבן געזונגען בציבור מיט משוררים. ר׳ אשרל האָראָוויץ, אַן אייניקל פון ראָפּשיצער פלעגט פאַרפאַסן מאַרש־וואַלסן און וואַלעכלעך און זיך אָפּגעגעבן מיט נגינה מיט דער פולער ערנסטקייט. אַן אנדער אייניקל, דער באַרימטער באָבעווער רבי ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם ז״ל הי״ד, פלעגט פאַרפאַסן ניגונים, וואָס פלעגן געזונגען ווערן אין דער גאַנצער חסידישער וועלט.

פרייטיק־צו־נאַכטס פלעגט דער ראָפּשיצער זינגען „לאל אשר שבת“ מיט אַ ניגון, וואָס ווערט אָנגערופן „די מלאכים מעלאַדיע“ און וואָס ער האָט מקבל געווען פון „חוזה“ און ווי חסידים דערציילן איז דאָס פאָר־געקומען אַזוי:

דער „חוזה“ (דער זעער — אַזוי האָט מען אים גערופן צוליב זיין וויטן בליק), איז אַמאָל ביים טיש פרייטיק־צו־נאַכטס, אַריינגעפאַלן אין גרויס דבקות. די חסידים אַרום אים, זעענדיק ווי דער רבי שוועבט אין די עולמות העליונים, זענען שטיין געבליבן אַרום טיש עטלעכע שעה, ביז דער רבי האָט זיך אויפגעכאַפּט און מיט גרויס שמחה אָנגעהויבן זינגען „לאל אשר שבת“, מיט אַן אומבאַקאַנטן ניגון. נאָכן זינגען, האָט דער רבי דערציילט, אַז ער האָט געהערט אין די עולמות העליונים ווי די מלאכים זינגען שירה. דאָס געזאַנג „לאל אשר שבת“ מיט אָט דער מעלאָדיע. ביים טיש איז גע־זעסן דער ראָפּשיצער, וועלכער האָט באַלד איבערגענומען די מלאכים־מעלאָדיע און איינגעפירט דעם זעלבן ניגון צו זינגען פרייטיק־צו־נאַכט פאַרן בענטשן. דאָס איז געבליבן אַ מנהג אין ראָפּשיץ און ביי אַלע פון דער ראָפּשיצער גזע, ווי ביים פריער דערמאָנטן באָבעווער רבי. ביים ראַזוואַ־דאָווידער רבי ר׳ משה און ביי אַנדערע.

ר׳ נפתלי ראָפּשיצער האָט אַזוי פיל געהאַלטן פון געזאַנג, אַז ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז נאָר דורכן כוח פון נגינה קאָן מען זיך דער־האַלטן אין דעם ביטערן גלות.

אין זיין בוך „חסידות און לעבן“ 2), אין וועלכן מנשה אונגער גיט

2) ז״ז 109—110. וועגן ראָפּשיץ־סאַנדז זען פריער קאַפּ. 4, ז״ז 173—175; קאַפּ. 6, ז״ז 245—246.

אונדז אַ גענויע כאַראַקטעריסטיק וועגן דער ראָלע פון חסידות און איך היסטאָרישע פונקציע, ווידמעט דער מחבר אַ פּרק א״נ „חסידות און נגינה״ און ברענגט אַלס פאַקט די חסידישע לעגענדע, וואָס דערציילט, אַז איינמאָל איז דער ראָפּשיצער רבי געשטאַנען שמחת־תורה ביי זיין פענצטער און אַראָפּגעקוקט אין הויף אַריין צו די הונדערטער חסידים, וועלכע האָבן גע־טאַנצט פאַרן קלויז. דעם רבינס צורה האָט געשטראַלט פאַר שמחה און די אויגן האָבן געגליט פאַר פרייד, פּלוצלונג, דערזעט מען, דעם רבינס פּנים פאַרטונקלט זיך און ער ווערט טרויעריק. די חסידים האָבן אָנגעהויבן טאַנצן פּאַמעלעך, איינער נאָכן אַנדערן האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצושאַרן פון רעדל.

פּלוצלונג גיט דער רבי אַ געשריי:

„שאַ! שאַ!״...

די חסידים האָבן אויפגעהערט טאַנצן און דער רבי האָט זיך פאַר־טראַכט אויף אַ ווײַלע און דערנאָך אַ זאָג געגעבן:

„און אַז אַ גענעראַל פאַלט אין שלאַכט, נו, שטעלט מען דערפאַר אָפּ די מלחמה? מלחמה איז מלחמה! לאָמיר טאַקע ווייטער טאַנצן!״...

די חסידים האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער רבי האָט געמיינט מיט זיינע דיבורים, אָבער דער רבי האָט אין זיי אַריינגעגעבן אַזויפיל התפּעלות, אַז זיי האָבן דערנאָך שעהנלאַנג געטאַנצט און דער רבי האָט מיט זיי מיט־געטאַנצט...

נאָך הבדלה, ווען דער עולם איז געקומען זיך געזעגענען, האָבן זיי זיך דערוווּסט וואָס דער רבי האָט געמיינט מיט זיינע רייד: אַ גרויסער צדיק איז נפטר געוואָרן שמחת־תורה פאַרנאַכט. דער רבי האָט דאָס געזען מיט רוח־הקודש. ער איז אויף אַ מאָמענט געוואָרן פאַרזאָרגט, אָבער באַלד זיך דערמאָנט, אַז מ׳טאָר ניט פאַרצווייפלען, אַז „ווען אַ גענעראַל פאַלט אין שלאַכט, שטעלט מען דערפאַר נישט אָפּ די מלחמה״, און דעריבער געהייסן ווייטער טאַנצן און מיט נאָך מער התלהבות, צו פאַריאָגן דעם טרויער, דעם שונא פונעם מענטש...

אין די חסידישע הויפן פלעגן געזונגען ווערן פאַרשידענע סקאַר־באָווע חסידישע ניגונים. אַ טייל פון זיי „בעל־שמסקע ניגונים״, בראַסלאַ־ווער און חב״דער ניגונים. ס׳ווערן אויך געזונגען ניגונים פון רבין ר׳

אלימלך פון ליזשענסק, פון רבין פון לובלין, פון קאָזשעניצער מגיד, פון פשיסכער, פון קאָצקער, פון גערער הויף, פון קאַזימיר־מאָדזשיץ, פון ראָפּ־שיץ־באָבעוו און פון די אַנדערע גזעס. פאַראַן אַ סך אָריגינעלע ניגונים, כאָטש מ׳קען ניט פעסטשטעלן זייער אָפּשטאַם. וועלכער חסידישער הויף האָט עס ניט געהאַט בקבלה עטלעכע סקאַרבאָווע ניגונים. אין טשאָרטקאָוו פלעגט מען זינגען לידער אָן ווערטער, בלויז מעלאָדיעס און חסידים פלעגן זאָגן, אַז די לידער שטאַמען נאָך אָפּ פון ר׳ דוד־משה, דעם זון פון ר׳ ישראלטשע ריזשינער און אַז די נגינה איז דאָס געזאַנג פון דער תורה, דאָס ליד פון בטחון און אהבה צו השם־יתברך.

ר׳ נפתלי ראָפּשיצער איז אַליין געווען אַ שאַפער פון נגינה און האָט געהאַט חסידים, וואָס האָבן פאַרפאַסט לידער. פון קאַליווער רבין האָבן מיר שוין דערמאָנט וועגן זיין כח אין נגינה. פון קאָזשעניצער מגיד זענען באַ־קאַנט עטלעכע לידער. באַרימט איז זיין „מלאכים ניגון״, וואָס ער האָט געהערט, לויט דער לעגענדע, אין הימל, ווען די מלאכים האָבן אַריינגע־פירט אין גן־עדן אַריין ר׳ שמואל זביטקאָווער פון פראַגע, וועלכער האָט אָפּגעראַטעוועט פראַגע ביי וואַרשע פון אַ פּאָגראָם בעת אַ וואַרשעווער אויפשטאַנד קעגן צאַריסטישן רוסלאַנד. דער פשיסכער רבי, ר׳ שמחה־בונם, האָט געהאַט אַ זון, ר׳ אברהם־משה, האָט ער פאַרפאַסט ניגונים. איין לידל מיט יידישער ווערטער 3).

קעגנער און פאַרשער פון חסידות האָבן שוין פאַרצייכנט הונדערטער און הונדערטער חסידישע לידער, חסידישע רעפּעטיטאַטיוון, חסידות שאַ־פונג אויפן מוזיקאַלישן געביט. מיטן כח פון ניגון האָבן דעם בעל־שם־טובס נאָכפאָלגער געוואָלט אויפהויבן דעם מענטש און מיט אים די ערד. די קדושה, הימליש־ערדישע קדושה, לייטערן, רייניקן דאָס ערדישע און עס אָנפילן מיט הייליקע פרייד.

ניט קיין ווונדער איז די ראָלע פון נגינה אין דער חסידישער וועלט. רבי שלמהלע ראַדאָמסקער, מחבר פון ספר „תפארת שלמה״, דערציילט די לעגענדע, אַז נפטר געוואָרן ערב שבת פאַרנאַכט, ווייל מ׳האָט אין גן־עדן געדאַרפט האָבן אַ בעל תפילה מקבל שבת צו זיין. ר׳ שלמה הכהן ראַבי־

---

3) זע מ. אונגער, חסידות, ז״ז 105—106.

נאָוויטש, ווי דעם ראַדאָמסקערס נאָמען איז געווען, איז דער תלמיד פון רבין ר׳ בער פון ראַדאָשיץ.

שעפער פון חסידישער נגינה זענען אויך געווען, ווי געזאָגט, דער רבי ר׳ אשרל רימאַנאָווער, דער זון פון ר׳ מאירל דזשיקאָווער, דער רבי ר׳ אברהם־משה פון פשיסכע, זון פון רבין ר׳ בונם (תקכ״ז—תקפ״ו) א״אַ.

חסידישע ניגונים זענען אָבער על־פי־רוב געשאַפן געוואָרן פון פאַר־שידענע חזנים און בעלי־תפילה פון די רבייִשע הויפן. אין סאנדז איז געווען באַרימט ר׳ אַביש־מאיר פון קראָקע, וועלכער פלעגט „באַ־שטעלן" די ניגונים פאַרן הויף. דער ריזשינער האָט געהאַט אַ בעל־תפילה מיטן נאָמען ר׳ יהושעלע סקווערער. ר׳ דוד טאַלנער האָט געהאַט צוויי חזנים: ר׳ הערשעלע טולטשינער און „ר׳ יאָסעלע דעם רבינס", ווי חסידים האָבן אים גערופן. אין טשאָרטקאָוו איז געווען אַ חזן ר׳ מאַניש. אַזוי האָט אין פוילן יעדער חסידישער הויף געהאַט זיין בעל־מנגן. אין גער איז יאָרן לאַנג געווען בעל־תפילה דער באַוווסטער חסיד ר׳ משה־נח אַזשערקאָווער. פון די אַנדערע באַרימטע מנגנים אין גערער הויף זענען אונדז באַקאַנט ר׳ יהודה־לוי ווישאָגראָדער און ר׳ ישראל יפה פון קאַליש, שאַפער פון חסידישער נגינה 4).

אויך אין בעלזער הויף, ווו דאָס דאַווענען איז געווען אויף אַ גאַנץ אַנדער נוסח, ווער ס׳האָט בלויז איינמאָל געדאַוונט מיטן מנין פון אַ בעל־זער רבין, ווייסט די אַנדערשקייט פון אַ בעלזער דאַוונען, אָבער אויך בעלז האָט געהאַט איר בעל־מנגן, איר דאַוונער פאַרן עמוד. דער ליבלינג חזן־זינגער פון בעלזער הויף איז פאַר אַ צייט געווען חזן יהושעלע ראָזענצווייג.

דער חסידישער ניגון איז אין משך פון יאָרן שטאַרק פאַרצווייגט גע־וואָרן. יעדער הויף מיט זיין אייגענעם נוסח, מיט זיין ריטם און מיט זיינע תנועות. דאָך קומען אַלע ניגונים פון איין שורש, פון איין מקור — פון איין קאָלעקטיוון ריטם מיט באַזונדערע ניואַנסן, אייגענע סובטעלע פלאַטערן — ווי אַן אָפשפיגלונג פון עכטן אייגנאַרט.

חסידות האָט באַאַרבעט דעם קולט פון געזאַנג. אָן נגינה, האָט קיין שום רבי ניט געפירט קיין טיש שבת און יום־טוב. דאָס אינערלעך געזונ־

---

4) וועגן דעם ווייטער.

גענע, דאָס ניגונדיקע, האָט פאַריאָגט דאָס גרויזאַם־וואָכעדיקע, דעדריקנ־דיקע, עצבותדיקע. דאָס לידל האָט געשלאָגן מיט וואַרימקייט, האָט גע־בראַכט נחמה דער צעווייטיקטער נשמה, האָט די וואָכעדיקע גרויקייט פאַר־יאָגט און געבראַכט דאָס שבת יום־טובדיקייט, די לעבעדיקייט, דערהויבנ־קייט, שעפערישקייט...

פאַרשידענע חסידישע ניגונים זענען געשאַפן געוואָרן, דורך וועלכע ס'אַנטפּלעקט זיך דער באַזונדערער נוסח פון חסידיש־גייסטיקן לעבן אין פוילן, גאַליציע, אוקראַינע, ליטע און רוסלאַנד.

אין פוילן זענען מערסטנס געשאַפן געוואָרן חסידישע „טיש־ניגונים" — אַ לאַנגער פּאַמעלעכער ניגון אין עטלעכע „פּאַלן", געזונגען ביים רבינס טיש. אינעם טיש־ניגון איז אויך אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אַ „וואָלעכל", אַ פאַסטעך־ניגונדל.

אין גאַליציע זענען געווען מער פאַרשפרייט די טאַנץ־ניגונימלעך און די „מאַרשן", וועלכע לאָזן זיך לייכט נאָכזינגען און שאַפן גוטע שטימונג און רופן אַרויס אַ „רקידהלע".

אין אוקראַינע, אויך ביי די חב"ד־חסידים, זענען געווען אַממייסטנס אָנגענומען די דבקותדיקע ניגונים, די ניגונים, וואָס ווערן געזונגען אַלס אַ מין „השתפכות הנפש", ווען מוח און האַרץ טרעפן זיך צוזאַמען.

אין אַלע ניגונים צוזאַמענגענומען, שפיגלט זיך אָפּ די אַלגעמיינע חסידישע עוואָלוציע, די אינעווייניקסטע געלייטערטקייט, די „שלהבתא בגומרא", דאָס פלעמל מיט דער קויל... דער חסידישער קאָלעקטיווער ריטם, וואָס איז געשטאַלטיקט געוואָרן די לעצטע צוויי יאָרהונדערטער אין מזרח־אייראָפּע. דורך דעם ניגון אַנטפּלעקט זיך דאָס ספּעציפיש יידיש־אייראָפּעישע לעבן, וואָס האָט זיך געפורעמט אין משך פון די לעצטע טויזנטער יאָר אַלס שעפערישסטער יידישער קיבוץ, דורך דעם ניגון אַנטפּלעקן זיך די היסטאָרישע רעפלעקסן און מענטאַליטעט פון חסיד, פון רבין, פון „גוטן ייד".

נאָכפאָלגער און ממלא־מקומו פון ר' נפתלי איז געווען זיין איידים ר' אשר ישעי' רובין (נפטר, תר"ה), רבי פון טויזנטער חסידים, פון ר' חיים סאַנדזער און זיין זון ר' יחזקאל, שינעווער רבי און מחבר פון „דברי יחזקאל".

3. ראָפּשיץ־באָבאָוו — אַן אייגנאַרטיקער צענטער און אויפלעב פון חסידות

ראָפּשיצער חסידות ווי טשערנאָבילער אין דער אוקראַינע איז צע־שטויבט און צעברעקלט געוואָרן אין „קליינע הייפעלעך". יעדער „אייניקל" האָט געפירט טיש פאַר זיך און געוואָרן אַ רבי — אַ „גוטער ייד"...פירנ־דיך זיך אויפן ראָפּשיצער דרך מיט נגינה, אָריגינעלער און נאָכגעזונגענער. די צוויי מער באַקאַנטע אין דער ראָפּשיצער דינאַסטיע זענען געווען דער ראָזוואָדאָווער און דער דזשיקאָווער.

דער רבי ר' משה האָראָוויץ, דער ערשטער ראָזוואָדאָווער רבי, איז געווען אַ זון פון דזשיקאָווער רבין ר' אליעזר האָראָוויץ און אַן אייניקל פון ראָפּשיצער. זיין געזאַנג איז געווען פון לויטערן סגנון, פון דאָס לי־רישסטע אין חסידות־נגינה.

דורך שידוכים פאַר זייערע זין און טעכטער האָט ער איבערגעלאָזן אַ פאַרצווייגטע דינאַסטיע אין די פאַרשיידענע טיילן פון גאַליציע און דאָכט זיך אויך אין פוילן. איינער פון זיינע איידימס איז געווען דער דזשאַבנער רבי ר' שלום דוד אונגער, אייניקל פון באַרימטן זשיקאָווער רבין ר' מאירל האָראָוויץ, און פון דאָמבראָווער רבין ר' מרדכי־דוד אונגער, תלמיד פון „חוזה" פון לובלין 1).

דער דזשיקאָווער האָט געצויגן זיין יחוס פון דערמאָנטן ר' מאירל, ר' אליעזרל, ר' יהושעלע אאַז"וו, ביזן ראָפּשיצער, און די ראָפּשיצער דינאַס־טיעס, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, זענען אויך געווען פאַרוואָרצלט אין סאנדז. אַזוי איז עס געווען אַ גרויסער צווייג אינעם בוים פון חסידות, וואָס האָט זיך געטיילט אין קלענערע צווייגעלעך.

---

1) מנשה אונגער, וועלכער שטאַמט פון דעם חסידישן הויף, דזשאַבנע־דזשיקאָוו און איז ווי אַ בן־בית גוט באַקאַנט מיט דער התנהגות אין די דערמאָנטע חסידישע הויפן, גיט איבער, אַז די קינדער פון ר' אליעזר דזשיקאָווער, האָבן געשפּילט אויף פאַרשידענע אינסטרומענטן און געהאַט אַן אייגענע קאַפּעליע פון בלויז רביאישע קינדער. די קאַפּעליע פלעגט שפּילן ביי אַ מלוה־מלכה, חנוכה ביים ליכט־צינדן, חול המועד סוכות אין דער סוכה אאַז"וו.

דער לעצטער דאַמבראָווער רבי ר׳ יחיאל האָט געשטאַמט פון אַט דער גזע ראָפּשיץ, דאַמבראָווע (אַ שטעטל אין מערב־גאַליציע, ביי טאַרנע) און פון זידיטשעווע. ער האָט אויך אָנגעהאַלטן די ראָפּשיצער טראַדיציע פון נגינה ביזן סוף. ווי ס׳איז איבערגעגעבן געוואָרן פון עדי־ראיה, איז זיין מסירת־נפש בעתן אומקומען פון די נאַצי־באַנדיטן געווען דאָס העראָישסטע קאַפּיטל אין צדיקס לעבן.

עס איז געווען פּרייטיק צו נאַכט, ה׳ חשון תש״ג. די נאַציס האָבן גע־כאַפּט דעם דאַמבראָווער רבין מיט נאָך אַ צוויי מנינים יידן, זיי אַרויסגעפירט אויפן אָרטיקן בית־הקברות. דער רבי האָט באַוויזן צו באַזאָרגן אויף שבת צוויי חלות, געקרעכצט האָט ער בלויז, וואָס עס איז אים נישט באַשערט צו גיין אין מקוה זיך טובלען לכבוד שבת און הערצו נאָך אַזאַ הייליקן טאָג (ער האָט געוווסט אויף וואָס מען האָט אים געבראַכט אויפן בית־הקברות).

דער רבי האָט מקבל־שבת געווען אין דער שטיל. מיט אים זענען די דאַמבראָווער יידן געשטאַנען ביים אָפענעם קבר, וואָס זיי האָבן געמוזט אויסגראָבן פאַר זיך.

נאָכן דאַוונען, דער רבי זאָגט „גוט־שבת״, זאָגט שלום־עליכם, מאַכט קידוש מיט התלהבות. נאָכן קידוש, דער רבי פאַלט אַריין אין גרויס הת־להבות, זינגט מיט גרויס ברען און מיט אים זינגען מיט אַלע יידן; מען מאַכט אַ ריקודל און אַזוי טאַנצנדיק צום קבר איז געקומען דער באַפעל: „שיסן!״. די נאַציס האָבן געעפנט די מיילער פון זייערע מאַשין־ביקסן און אַזוי איז געווען: „יצאה נשמתם בקדושה, בטהרה״...

דאָס דאַמבראָווער בית־הקברות איז פאַרפולט געוואָרן מיט די קברים פון מלאכי ד׳, די קדושים פון ראָפּשיץ־דאַמבראָווער דינאַסטיע און דער דאַמבראָווער צדיק, האָט ווי יענע קדושים תנאים, די עשרה הרוגי מלכות, געדאַרפט זאָגן: „קבלו עליכם דין שמים״...

עס דערמאָנט אונדז אין דער לעגענדע, וואָס דערציילט, אַז ר׳ משה־לייב סאַסאָווער האָט זיך געהייסן מקבר זיין מיט מוזיק. ווי עס ווערט דער־ציילט אין „קהל חסידים החדש״, ווערט די מעשה אַזוי איבערגעגעבן:

דער רבי ר׳ משה־לייב סאַסאָווער האָט שטאַרק געהאַלטן פון דער מצוה הכנסת כלה. ער פלעגט זיך שטאַרק מתעסק זיין מיט אָרעמע חתונות. ער פלעגט אַרומפאָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך און צונויפזאַמלען געלט, כדי

חתונה צו מאַכן אַרימע כלות. איינמאָל אויף אַן אַרימע חתונה האָט הער סאַסאָווער זיך שטאַרק משמח געווען. ווען מען האָט די כלה געפירט צו דער חופה און קלעזמאָרים האָבן געשפילט, איז דער רבי אַריינגעפאַלן אין אַזאַ התלהבות, אַז ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אַ געהויבענעם חסיד און געזאָגט:

„איך ווינטש מיר, ביי מיין לויה, זאָלן קלעזמאָרים שפּילן דעם זעלבן ניגון, וואָס מען שפּילט איצט צו דער חופּה...

דעם צדיקס בקשה איז, לויט דער לעגענדע, דערפילט געוואָרן.

אין יאָרן אַרום, ווען דער סאַסאָווער רבי איז נפטר געוואָרן און מען האָט אים אין אַ ווינטער טאָג געפירט צו קבורה, איז עטלעכע מייל פון סאַסעוו געשטאַנען אַ שליטן, אויסגעזעצט מיט מוזיקאַנטן, גרייט צו פאָרן אויף אַ חתונה. פּלוצלונג האָבן די פערד זיך אַ ריס־געטאָן פון אָרט און זיך גע־לאָזט לויפן צום בית־הקברות, ווו מען האָט דעם צדיק געבראַכט מקבר צו זיין.

די חסידים, דערזעענדיק אינמיטן אַ לוויה אָנקומען אַ שליטן מיט מו־זיקאַנטן, האָבן געוואָלט דורס זיין די קלעזמאָרים, וואָס זיי זענען געקומען זיך רייצן מיט זיי. אין יענעם מאָמענט האָט זיך אַ חסיד דערמאָנט אין הייליקן צדיקס ווערטער און עס גלייך איבערגעגעבן די אַנדערע חסידים און אַ בית־דין איז געזעצט געוואָרן, וואָס האָט געפּסקנט, אַז מען דאַרף מקיים זיין דעם צדיקס ווילן...

די קלעזמאָרים האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי, האָבן אָנגעהויבן שפּילן דאָס חתונה־לידל און טרערן זענען זיי גערונען פון די אויגן.

אונטער טענער פון אַ חתונה־ניגון האָט מען מקבר געווען דעם היי־ליקן צדיק און אין געזאַנג האָבן חסידים באַווינט זייער רבין און געקלאָגט אויף זיין פטירה. עס איז אַ הערלעכע חסידישע לעגענדע 2).

וויפל וואַסערן זענען אָפּגעפלאָסן אין דעם יאָרהונדערט צווישן סאַ־סאָווער און דאָמבראָווער רבין. וויפיל ייִדיש בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן! האָט זיך דער גרויסער צדיק, אוהב־ישראל, ר' משה־לייב סאַסאָווער גע־קאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ ייִדישער צדיק וועט אַזוי הערציק זינגען דאָס היי־

---

2) זע מנשה אונגער, ז"ז 108—109.

ליקע שבת געזאַנג פון אר״י הקדוש „אזמר בשבחין למעל גו פתחין״ — זינגען ביים אָפענעם קבר, וואָס פאַרשאָלטענע בלוט-דורשטיקע חיות אין מענטשן-געשטאַלט האָבן געצווונגען זיי אויסצוגראָבן...

**

דער באָבאָווער רבי ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם איז געווען דער ממלא־מקום פון דער גרויסער סאַנדזער דינאַסטיע, און אויך פאַרגעשטעלט מיט זיין דרך דאָס ראָפּשיצער חסידות, זינגענדיק די „סקאַרבאָוע״ ראָפּשיצער ניגונים. אין באָבאָוו איז אויך געזונגען געוואָרן דער ניגון „לאל אשר שבת״, וואָס ווערט געזונגען פרייטיק צו נאַכט און וואָס ווערט אויך אָנגערופן „דער מלאכים-ניגון״ און שטאַמט נאָך פון „חוזה״ פון לובלין, ר׳ יעקב־יצחק הור־וויץ זצ״ל. ר׳ בן־ציון איז געבוירן געוואָרן צו זיין פאָטער ר׳ שלמה אין סאַנדז אין יאָר תרל״ג. אין תרס״י געוואָרן רב און רבי אין גרונבער פון די ישיבות „עץ חיים״ אין גאַליציע.

באָבאָוו האָט געצויגן איר יניקה אין חסידות פון סאַנדז, ראָפּשיץ, לובלין, ליזשענסק, מעזריטש ביזן בעל־שם־טוב און אין דעם באָבאָווער ניגון איז געקומען צום אויסדרוק דאָס הערלעכקייט אינעם חסידיזם, וואָס האָט זיין שורש אין בעל־שמס ניגונים, וואָס האָט זיך פאַרצווייגט אין פאַרשיידענע נוסחאותן, לויטן אופן זינגען, לויט דעם ריטם און אינטערפּרעטאַציע, וואָס האָט אויך צו טאָן מיט דער געגנט און שטימונג און האָט זיך זיינע קאָלאָ־ראַטורן.

באָבאָוו האָט אַ סך געשאַפן אין דער חסידישער נגינה, די סאָרט ניגו־נים, וואָס ווערן גערופן „מאַרשן״, טיש־ניגונים און טאַנץ־ניגונימלעך. די דאָזיקע ניגונים ברענגען אַריין לעבעדיקייט, שאַפן אַ גוטע שטימונג, רופן אַרויס התלהבות, עקסטאַז, פייערדיקייט און דאָס איז דאָך אַן עיקר אין חסידות, וואָס האָט געלערנט, אַז דער עיקר איז אָפּצוטאָן זיך פון טרויער און צו זיין פריילעך („והעיקר להסיר העצבות ולאחוז בשמחה״).

באָבאָוו האָט זיך געשטעלט אויפן יסוד פון חסידישן ניגון און אויפגע־פאַסט זיין באַדייט און ראָל אינעם חסידישן לעבן. די גדולי המקובלים און די גרינדער פון דער חסידות־באַוועגונג האָבן אַלע גערעדט וועגן באַטייט פון ניגון, וואָס הערהייבט דעם מענטש צו העכערע מדרגות, צו דבקות השי״ת, צו דערגרייכונג פון רוח־הקודש, גילוי־שכינה און נבואה. דער כוח

פון ניגון איז זייער גרויס, דורך דעם ניגון, שרייבן, קבלה־ספרים, ווירקט מען אין די הימלען, אויף די מלאכים און אויף מענטשן.

באָבאָוו איז אָבער געבליבן אָן אַ ניגון... די טויערן פון נגינה זענען געשלאָסן געוואָרן זינט יענע טעג, ווען דער וועלט־מערדער האָט באַטראָטן דעם גאַליצישן באָדן. די בערג, די טאָלן — באָבאָוו, אַלץ איז טויט־שטיל זינט דער שוידערלעכער מלחמה מיט אירע שמערצלעכע פּיינען, מאַסן־מאָרדן און פולשטענדיקן חורבן פון אַ בליִענדיקן ייִדישן ישוב.

און אויך ער, דער הייליקער באָבאָווער רבי, ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם זצ״ל איז געפירט געוואָרן צו דער שחיטה אין אַ פרייטיק־צו־נאַכט פון יאָר תש״א. אינמיטן זמירות שבת, ווען די גאַנצע בריאה זינגט אין איין כאָר צום באַשעפער, איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס זיסע געזאַנג, וואָס האָט אַזויפיל ייִדישע הערצער פריילעך געמאַכט און זיי צוגעצויגן צו עבודת ד׳.

עס איז אומגעקומען דער גרויסער באָבאָווער רבי און מיט אים דער גרעסטער טייל פון דער האַלבערשטאַם־משפחה. איז דען מעגלעך איבערצוגעבן דאָס, וואָס מען פילט בעתן דערמאָנען, אַז מיר מאַכן דאָ אַ פּאַפּירענע מצבה אַזאַ הערלעכע דינאַסטיע, ווי עס איז געווען באָבאָוו־סאַנדז?! מען איז דאָך אַפילו ניט בכוח אויסצושרייען דעם ווייטיק ווען מען דערפילט די גרויזאַמקייט פון זעקס מיליאָן קברים און צווישן זיי קברים פון קדושי עליון, געלייטערט אין קדושה און טהרה, פּאַטריאַרכאַלן לויטן אויסקוק פון אונדזערע אור־פּאָטערס — און איצט אַ שאָטן פון דער פאַרגאַנגענהייט. עס דריקט אויפן האַרץ די כסדרדיקע פראַגע פאַרוואָס? פאַרוואָס דער עונש פון אויסשעכטן דאָס פאָלק ישראל?...

מען דערמאָנט זיך אָן די אַמאָליקע קדושים. עס שטייט פאַר די אויגן ר׳ אמנון פון מיינץ מיט זיין „ונתנה תוקף״... עס לאָזט זיך אַפילו ניט קלאָגן ווען אַלץ אַרום איז קלאָג! אַ וועלט איז אַזוי גרויזאַם פאַרשוווּנדן...

מיטן חסד ד׳ זענען געבליבן לפליטה גדולה צוויי זין, דער עלטסטער ר׳ שלמהלע שליט״א, וועלכער געפינט זיך איצט אין אַמעריקע און דער מיטעלער זון, ר׳ יחזקאל דוד שליט״א, וועלכער געפינט זיך אין ארץ־ישראל. ביידע ברידער זענען, ווי דער גרויסער פאָטער זייערער, גרויס אין לערנען אין נגינה און אין אָרגאַניזאַטאָרישקייט. זיי באַמיִען זיך אויף ווײַ־

טער צו שפינען דאָס גאָלדענע געוועב פון חסידות און פון אַ לעבן, וואָס איז געווען כולו קודשדיק.

ר׳ שלמה איז באַקאַנט אַלס למדן, גדול אין נגלה, אין הלכה. ווען ער איז נאָך ניט געווען קיין 20 יאָר אַלט, האָט ער שוין געהאַט סמיכת רבנות פון די גדולי הרבנים. ער איז אַ צייט געווען דער פּאַקטישער פירער פון דער באָבאָווער ישיבה, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר תר״מ פון זייער זיידן ר׳ שלמה זצ״ל. דער פאָטער האָט זיך שטענדיק סומך געווען אויף זיינס אַ מיינונג.

ר׳ יחזקאל דוד, וועלכער איז אין ישראל, האָט שוין באַוויזן צו אָר־גאַניזירן אַ באָבאָווער ישיבה אין ירושלים, צו דערציִען יידישע יונגעלייט אינעם דרך התורה והחסידות, ווי עס איז געפירט געוואָרן אין באָבאָו אונטער דער הנהלה פון זייער פאָטער הי״ד, וואָס האָט זוכה געווען מעמיד צו זיין טויזנטער תלמידים גדולי תורה און בנים מנהיגים.

לאָמיר האָפן, אַז פּונקט ווי מיט שיבת־ציון נאָך גלות בבל איז באַנייט געוואָרן די „שירת ציון״ (נחמי׳ ב׳, כ״פ), וועט אויך איצט געזונגען ווערן דאָס נייע געזאַנג פון גאולה און אויפלעבונג פון ישראל סבא און מיט אַלע זיינע קולטור־ווערטן. לאָמיר האָפן אויף דעם גרויסן מאָמענט פון תחיה און תקומה, ווען אינעם געזאַנג פון חסידות, וועט אויך געהערט ווערן דאָס אייגנאַרטיקע באָבאָווער געזאַנג אויף די בערג פון ציון און ירושלים. דאַן וועט געזונגען ווערן די „שירה חדשה — שבחו גאולים!״.

ווען מיר רעדן פון באָבאָווער און ראָפּשיצער נגינה, מוז מען אויך דערמאָנען, אַז איינער פון די אייניקלעך, דער רבי ר׳ אשרל האָראָוויץ רימאַנאָווער, אַ זון פון ר׳ מאירל דזשיקאָווער, וועלכער איז געווען דער עלטסטער זון פון ר׳ מאירל און אַן אייניקל פון ר׳ נפתלי צבי ראָפּשיצער, איז געווען באַרימט אין דער חסידישער וועלט אַלס קאָמפּאָזיטאָר און פאַר־פאַסער פון חסידישע ניגונים, האַרציק־זיס געזאַנג אין דער טראַדיציע פון ראָפּשיץ, דבקות, השתוקקות און בעש״ט סגנון.

זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ר׳ אשרל געוווינט אין ווין, עסטרייך, און די מערסטע חסידים זיינע זענען געווען אין גאַליציע און אין קאָנגרעס־פוילן. ער פלעגט אָפט קומען צו זיינע חסידים און האָט מיטגע־בראַכט מיט זיך ניי־פאַרפאַסטע ניגונים. ווי אַ מחבר פון „מארשן״, „וואַלצן״

און „וואָלעכן״ האָט דער רבי ר׳ אשרל אַריינגעבראַכט צום חסידיש־מזרח־דיקן טאָן די איידעלע טענער פֿון דער מערבדיקער נגינה.

קענענדיק נאָטן, האָט ער זיך דאָך ווייניק־וואָס באַנוצט מיט דער מו־זיקאַלישער שריפֿט, נאָר ווי די אַנדערע רבים, געשאַפֿן בעל־פּה, און אין די טענער אַריינגעפֿלאָכטן די פּעדים פֿון געזאַנג, וואָס ער פֿלעגט הערן אין די קור־ערטער מאַריענבאַד, קאַרלסבאַד און אַנדערע זומער־וווינונגען, ווו ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער וועלטס מוזיקאַ־ליש שאַפֿן, מיט סעקולאַרע מוזיק, וועלכע ער פֿלעגט מתקן זיין דורך אי־בערפֿורעמען זיי און געבן זיי דעם חסידיש־ייִדישן שטריך. מתקן זיין לי־דער, איבעראַרבעטן לידער — דאָס האָבן דאָך געטאָן אַלע צדיקים אדמו־רי״ם פֿון בעש״ט אָן. דאָס האָט געהייסן אַרויסנעמען די הייליקע צנורות פֿון דער מעלאָדיע, וואָס זוכט אַ תיקון און איז דערווייל מגולגל געוואָרן אין ניט־ריכטיקע מיילער...

אַפֿילו אין מיליטערישע „מאַרשן״, געשפּילט פֿון מיליטערישע מוזיק־קאַפּעליעס, פֿלעגט ר׳ אשרל געפֿינען אַ חסידישן נוסח און עס איבער־געאַרבעט און געבראַכט צו זיינע חסידים, וואָס האָבן זייער ליב געהאַט זייער רבינס ניגון.

ווי וויט נגינה און טאַנץ איז געווען ליב אין דעם דזשיקאָווער הויף, קאָן אונדז דערציילן די לעגענדאַרישע מעשהלע, וואָס קורסירט ביי דזשי־קאָווער חסידים:

עס איז געווען ווען די „באָבע דבורה״, די רביצין, ר׳ מאירל דזשי־קאָווערס ווייב, איז קראַנק געוואָרן און געהאַלטן ביי גסיסה. געווען איז דאָס אחרון של פּסח און אין הויז איז מען געווען שטאַרק פֿאַרזאָרגט און פֿאַר־טרויערט. פּלוצלונג רופֿט אַריין איר זון ר׳ יהושעלע, די חסידים און הייסט זיי מאַכן אַ רקידהלע אַרום איר בעט.

די חסידים, פֿאָלגנדיק זייער רבין, האָבן מיט טרערן אין די אויגן זיך געשטעלט אַרום דעם בעט פֿון דער גוססדיקער רביצין און האָבן געטאַנצט. כל־זמן די חסידים האָבן געטאַנצט האָט די רביצין ניט געקאָנט נפֿטר ווערן. די נשמה האָט ניט געוואָלט פֿאַרלאָזן דעם גוף. ערשט ווען מען האָט אָנגע־צונדן ליכט און דער רבי האָט געמאַכט הבדלה, האָבן די חסידים אויפֿגע־הערט צו טאַנצן, דעמאָלט האָט די רביצין אויסגעהויכט איר נשמה...

דער דזשיקאָווער יחוס ציט זיך נאָך פון של״ה הקדוש, וועלכער האָט אויך געהייסן הורוויץ. און די גזע האָט דורות לאַנג אַרויסגעגעבן באַרימטע גאונים און צדיקים און איז געווען פאַררעכנט אַלס גרעסטער יחוס אין גאַליציע.

אין פאַמיליען־לעבן איז דעם רבין ר׳ אשרל ניט געגאַנגען אַזוי גוט, און פאַר אַ צייט איז אַנגעגאַנגען אַ שרעקלעכע מחלוקה אין רימאַנאָווער הויף און ווי חסידים האָבן געזאָגט, איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל דורך אים און מיט אים האָט מען געוואָלט שלום־מאַכן צווישן די צוויי דינאַס־טיעס: די סאַדיגורער־ריזשינער און ראָפשיץ־דזשיקעוו־סאַנדזער.

ווען ר׳ אשרל איז נאָך געווען זייער יונג, האָט מען אים שוין גע־שדכנט שידוכים, פון די שידוכים איז זיין פאָטער געפעלן געוואָרן דער שידוך מיטן רימאַנאָווער רבין ר׳ יוסף הכהן פרידמאַן (באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט אַלס ר׳ יוסילע כהן־גדול), און די כלה איז געווען די שיינע מלכהלע, די בת־יחידה פון דעם רימאַנאָוו־סאַדיגורער רבי.

מלכהלעס יחוס ציט זיך פון איר באַוווסטן זיידן ר׳ צבי־הירש הכהן פון רימאַנאָוו, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ שניידער און איז, אַ דאַנק זיין ווערן אַ משרת און מקורב צו ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער און ר׳ נפתלי ראָפשיצער, געוואָרן באַרימט אַלס צדיק הדור און האָט זוכה געווען, אַז דער צדיק און גאון הדור ר׳ חיים האַלבערשטאַם, דער סאַנדזער רב, זאָל ווערן זיין תלמיד־חסיד 3).

אויף די עלטערע יאָרן, אַלס אַלמן, האָט ער נאָכאַמאָל חתונה געהאַט מיט אַ ניינצן יאָריקער אלמנה, מיטן נאָמען מלכהלע פון וועלכער ער האָט געהאַט פיר קינדער, צווישן זיי, אַ ייִנגעלע יוסעל, דער שפּעטער באַרימטער רבי יוסעלע כהן גדול פון רימאַנאָוו.

מיט דעם יאָסעלע האָט פּאַסירט פאָלגנדעס: ווען ער איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, איז זיין פאָטער ר׳ הירש, שוין אַ טיפער זקן, נפטר געוואָרן. זיין מוטער, נאָך אַלס אַ יונגע אלמנה, האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ ישראלטשע ריזשינער און דערצויגן אירע קינדער אין סאַדיגערע, לויטן ריזשינער שטייגער און דרך.

---

3) זע „עשר צחצחות״.

נאָך צוואַנציק יאָר פאַרברענגען אין סאַדיגורער הויף, איז ר׳ יאָסעלע צוריקגעקומען קיין רימאַנאָוו, און איבערגענומען די הנהגה פון זיין פאָטער, ר׳ הירש רימאַנאָווערס חסידים.

אין רימאַנאָוו איז אים געבוירן געוואָרן אַ בת־יחידה מלכהלע, די שפּעטערע פרוי פון ר׳ אשרל רימאַנאָווער, וועלכער האָט איר מאַן פאַרשאַפט אַ סך צרות, צער און לייד.

באַלד נאָך די תנאים איז זיין פאָטער ר׳ מאירל דזשיקאָווער געפאָרן מיט אים קיין סאַנדז, כדי צו האָבן די ברכה פון סאַנדזער רב.

חסידים דערציילן, אַז ר׳ חיימען איז דער שידוך ניט געפעלן געוואָרן. דער סאַנדזער, דערהערנדיק פון שידוך, איז אַריינגעפאַלן אין גרויס עצבות, זאָגנדיק, אַז „פון דעם מעל וועט קיין ברויט ניט זיין״, אַן אָנצוהערעניש, אַז דער שידוך וועט נישט עולה יפה זיין.

סאַנדז האָט דאָך ניט געקענט מסכים זיין צו די דערנענטערונג מיט סאַדיגורע, די צוויי הויפן צווישן וועלכע עס איז דאַן אָנגעגאַנגען אַ שאַרפע מחלוקה. דער קריג צווישן סאַנדז און סאַדיגורע־ריזשין איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט דן געווען לשרפה תפלין און מזוזות, געשריבן פון אַ סופר, וואָס איז געווען אַ סאַדיגורער חסיד 4).

דאָס פייער פון מחלוקת האָט געפלאַקערט און עס איז אוממעגלעך געווען עס צו פאַרלעשן.

דעם טריסקערס מגידס זון, דערציילן חסידים, איז אַמאָל געווען ביי ר׳ חיים סאַנדזער. דער לעצטער האָט אים געבעטן בלייבן אויף שבת אין סאַנדז. דעם טריסקער מגידס זון האָט אים געזאָגט, אַז ער קאָן בלייבן אויף שבת ביי אים, בתנאי, ער זאָל אים פאַרזיכערן, אַז שבת־קודש וועט גאָרנישט גערעדט ווערן וועגן סאַדיגורע.

שבת ביים טיש, ר׳ חיים האָט אין גרויס התלהבות געזאָגט תורה און אין דערמיט אַריינגעוואָרפן ווערטער קעגן סאַדיגורער התנהגות. דעם טריסקער מגידס זון האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט פון אָרט, ווי אַ פּראָטעסט קעגן די ווערטער פון ר׳ חיים. דער לעצטער האָט נאָך אַמאָל אין משך

---

4) זע מנשה אונגער, „חסידות און לעבן״, ז׳ 112; דאָס איז פאַרשטייט זיך די שאָטן־זייט פון חסידות.

פון תורה שמועסביים טיש אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט קעגן סאַדיגורער חסי־דישן דרך און דער טריסקער האָט שוין אָפן באַמערקט וועגן דעם נעכטיקן צוזאָג מצד דעם רבין.

ר׳ חיים האָט דערויף געענטפערט, אַז עס איז אַ מצוה צו זאָגן דעם אמת וועגן סאַדיגורע און אַז זייער צופיל רחבותדיקייט און מלכות־פירונג איז ניט דער דרך פון בעש״ט און די גדולים פון חסידיזם.

דער זון פון טריסקער מגיד, דערציילן חסידים, זאָל אויף דעם האָבן געמאַכט אַזאַ באַמערקונג:

— רבי, האָט דער יצר־הרע שוין אייך אַמאָל אָפּגערעדט ניט צו טאָן די דאָזיקע מצוה. אמר ונעלם!

דערמיט איז פאַרענדיקט געוואָרן דער שמועס צווישן צוויי הייליקע צדיקים, ריזן אין דער חסידישער וועלט.

ר׳ אשרל, ווי מיר האָבן פריער געזאָגט, האָט חתונה געהאַט מיט דער מלכהלען מיט גרויס פּראַכט און גלאַנץ, כדת משה וישראל און מיט חסידישן פּאָמפּ, אָבער ניט אין די אָפיציעלן רעגירונגס־אינסטאַנצן.

דאָס יונגע רבישע פּאָרל האָט זיך געלעבט גליקלעך. געהאַט צוויי קינדער, אַ טאָכטער און אַ זון, וועמען מען האָט אַ נאָמען געגעבן נאָכן על־טער־זיידן ר׳ הירש. דער שטן האָט אָבער מרקד געווען. עס איז אַנטשטאַ־נען אַ מחלוקה צווישן שווער און איידעם. אין אָנהויב איז די טאָכטער פון ר׳ יאָסעלע און פרוי פון ר׳ אשרל געווען נייטראַל, אָבער אונטערן איינ־פלוס פון איר מוטער, האָט זי זיך געשטעלט אויף דעם צד פון אירע על־טערן. דאָס האָט געפירט צו אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל און שאַנדע פאַרן רי־מאַנאָווער הויף. דער פּראָצעס, וואָס איז אָנגעגאַנגען, האָט אויפגעשטור־רעמט גאַנץ גאַליציע.

דער אויבערפּראָקוראָר פון סאַנאָק, האָט אויפן פאַרלאַנג פון מלכהלען, באַשולדיקט ר׳ אשרלען, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט דער פריילן מלכה פרידמאַן אָן איר צושטימונג און אַז אַ יידישער רב און רבי האָט אַזוי גע־ווינט אויף „פרייע ליבע״ און אַזוי געהאַט צוויי קינדער.

מלכהלע איז אַליין אויפגעטראָטן אַלס עדות. איר דערשיינען אין גע־ריכט האָט אָבער געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג. אָפילו דער פּראָקוראָר האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער פאַרטיידיקונג. ער האָט דאָך

געוווסט דעם אמת, אַז די הייראַט איז דורכגעפירט געוואָרן לויטן יידישן דין, מיט דער צושטימונג פוןביידע פאַמיליעס און אויף דעם שענסטן אופן.

ר׳ אשרל איז באַלד באַפרייט געוואָרן. מלכהלע איז אַ פאַרשעמטע אַהיים געפאָרן צו אירע עלטערן אין רימאַנאָוו. ר׳ אשרל האָט דאַן געוווינט אין קראָקע און געהאַט טויזנטער חסידים. זי האָט באַקומען אַ גט און געזעסן ביי אירע עלטערן...

ווי חסידים דערציילן, איז די שטימונג אין רימאַנאָווער הויף געווען זייער אַ געדריקטע. מיט יאָרן שפּעטער האָבן זיך אַפילו דערהערט שטימען פון חרטה. דער ריס איז אָבער געווען אַן אייביקער. דורך דעם סופר ר׳ לייבוש פון קראָקע, וועלכער איז געווען אַ פייערדיקער רימאַנאָווער חסיד און ביים פּראָצעס אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע דעם איידעם, איז דורכגעפירט געוואָרן די אומאַנגענעמע שליחות פון ברענגען מלכהלען אַ גט.

ווען ער האָט איר געגעבן די מתנה, וואָס זי האָט געמיינט, אַז דאָס האָט ער געבראַכט פון חסידים, האָט ער איר אַ זאָג געגעבן פאַר צוויי עדות: „דאָס איז דיין גט!״.

די רביצין האָט זיך שטאַרק צעוויינט און ר׳ לייבוש סופר מיט די צוויי עדות זענען אַנטלאָפן. רימאַנאָווער חסידים האָבן אָבער געזאָגט, אַז ר׳ לייבוש איז נענש געוואָרן פאַר זיין בגידה אינעם רבין ר׳ יאָסעלע און פאַר זיין העלפן דורכפירן אַ שליחות פון גט „בעל כרחו״.

אַזוי זענען געווען פאַרשידענע מאָמענטן אינעם הויף פון אָט דער גרויסער דינאַסטיע.

די אָפּשטאַמיקע פון ראָפּשיץ און סאַנדז, פאַרשפּרייטנדיק חסידות אין גאַליציע און אין אַנדערע מקומות, האָבן אַ סך מחדש געווען מיט זייער שאַפן חסידישע נגינה.

דער באָבאָווער רבי, ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם, ז״ל הי״ד (תרל״ד— תש״א) האָט געהאַט גרויס איינפלוס אין מערב־גאַליציע, ראשית, צוליב זיין נייעם דרך אין צוציען יוגנטלעכע, ממש קינדער פון זעקס יאָר אַלט און העכער, און צווייטנס, צוליב זיין שאַפן פאַרן עולם־הנגינה. ער האָט אַפילו געשאַפן טאַנץ־ניגונים. ניט באַנוצנדיק זיך מיט קיין נאָטן, האָט ער אָבער געהאַט אַ געוואַלטיקן חוש פון נגינה. זיין זמר „יה רבון עלם״, צייכנט זיך אויס מיט אַלע חסידישע ניואַנסן אין דבקות און השתפכות־הנפש.

ער האָט געהאַט די זכיה, אַז די קייט פון באַוואוסער חסידות וואָס שליסט אויך איין די דינאַסטיע פון סאנדזער צדיק און גאון און פון דאָמבראָווער רבין ר׳ מרדכי־דוד אונגער און אַנדערע גדולי האדמורי״ם זאָל האָבן המשך דורך דעם איצטיקן על־פּי־נס געראַטעוועטן זון פון ר׳ בן־ציון, ר׳ שלמהלע שליט״א זאָל פירן דאָס חסידות אויפן אַלט-נייעם שטייגער און מושך זיין טויזנטער יידן צו דעם דרך פון חסידות.

דער צווייטער אין פּאָפּולאַריטעט אין מערב־גאַליציע מיט זיינע ניגונים איז געווען ר׳ אשר הורוויץ 5), פריער דערמאָנטער רימאַנאָווער רבי. ער איז נאָך דעם ערשטן קריג אַוועק קיין ווין, דאָרט געשאַפן אַ חסידישן צענטער און פון צייט צו צייט געקומען אין גאַליצישע שטעט צו זיינע חסידים און געזונגען די ניי־געשאַפענע וואָלעכן — און ווי מ. ש. גשורי באַמערקט — האָט ער איבערגענומען פון דער מערב־איראָפּעישער מוזיק און עס אַזוי פאַריידישט און פאַרחסידישט, אַז דאָס פרעמדקייט איז אָפּגעשיילט און אָפּגעווישט געוואָרן.

4. ר׳ חיים סאנדזער

ר׳ חיים האַלבערשטאַם (תקנ״ג — תרל״ו), דער סאנדזער רב, איז געווען דער גדול אין תורה און אהבת־ישראל און פון זיין רבין ר׳ נפתלי ראָפּשיצער, האָט ער איבערגענומען דעם דרך פון עבודה דורך נגינה 1). דער ראָפּשיצער האָט דאָך געהאַלטן אַז דורך דעם ניגון קען מען עפענען אַלע הימלישע טויערן און דורך עצבות שליסט מען זיי 2). ניגונים האָט ער געהאַלטן קומען פונעם מקור הקדושה, ווייל די טומאה ווייסט ניט פון קיין נגינה, די טומאה איז דער מקור פון עצבות...

ר׳ חיימס אהבת ישראל איז ניט געווען בלויז טעאָרעטיש, נאָר האָט זיך אויסגעדריקט אינעם טעגלעך־פּראַקטישן לעבן. ווי ר׳ פּינחס קאָרעצער, האָט ער אויך פאַרטיידיקט אַפילו בעלי־עבירה און געזוכט אַרויסצוקריגן

---

5) זע, מ. ש. גשורי, לחסידים מזמור, ז׳ כ״ד. זע אויך, באַנד 1, קאַפּ. 4.

1) זע, א. י. בראָמבערג, מגדולי החסידות, ירושלים תש״ט.

2) דאָרט, ז׳ מ״ח.

פון זיי די הייליקע ניצוצות, ווי עס איז געווען די שיטה פון בעש״ט און ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער.

ס׳האָט אַמאָל געטראָפן, אַז אַ ייד האָט צוגענומען די פּרנסה פון אַן אַנדערן ייד. האָט דער סאַנדזער רב אים גערופן און שטאַרק אויסגעמוסרט. ווען יענער האָט אים געענטפערט, אַז מיט זיין האַנדלונג האָט ער גאָר מקיים געווען אַ מצווה, ווייל יענער איז אַ רשע, אַ פּושע־ישראל, און דעריבער איז גאָר אַ מצווה אים קובר צו זיין, האָט ר׳ חיים אים געפרעגט, פונוואַנען ווייסט איר אַז עס איז אַ מצווה אומצוברענגען אַ רשע? איך וועל אייך ברענגען אַ ראיה אַז עס איז ניט קיין מצווה צו באַגראָבן אַ רשע — און די ראיה איז פון רש״י און פון מדרש.

דער מדרש זאָגט: פאַרוואָס האָט גאָט געבראַכט פינצטערניש אויף מצרים? כדי די רשעים פון דור זאָלן אויסשטאַרבן אין דריי טעג פון חושך און די מצרים זאָלן ניט זען ווי יידן פאַלן און זאָגן אַז אויך יידן ווערן געשלאָגן און אין דער צייט האָבן די יידן קובר געווען זייערע מתים, די רשעים און פושעים.

רש״י קאָמענטירט דעם פּסוק „והי׳ לכם למשמרת״ (שמות י״ב, ו׳, ו׳) ס׳איז געקומען די צייט איך זאָל מקיים זיין מיין שבועה צו אברהם אבינו, אויסצולייזן זיינע קינדער. זיי האָבן אָבער ניט געהאַט קיין מצוות, האָט זיי גאָט געגעבן די מצווה פון דם פסח און דם מילה... אויב ס׳זאָל זיין אַ מצווה קובר צו זיין רשעים — פירט אויס ר׳ חיים — האָבן זיי דאָך געהאַט די מצווה פון באַגראָבן די רשעים אין די דריי פינצטער־טעג, ווייזט דאָך אויס אַז דאָס איז ניט קיין מצווה.

אהבת ישראל און צדקה זענען פונדאַמענטאַל אין זיין חסידות4) און כמעט אַלע זיינע הכנסות זענען צעטיילט געוואָרן צווישן אָרימעלייט און פון צייט צו צייט פלעגט ער אָרויספאָרן שאַפן געלט אויף צו קענען געבן גרויסע סכומים לשם מצווה פון צדקה.

נגינה, ווי געזאָגט איז ביי אים געווען אַן עיקר גדול. זיין טיש איז געפירט געוואָרן מיט די העכסטע טענער פון נגינה און דבקות. ער האָט

---

3) דאָרט, באריכות.

4) דאָרט, ז״ז ס״ח—פ״א; פ״ב—צ׳.

געהאַט ספּעציעלע מנגנים ביים טיש. ימים נוראים פלעגט ער אַליין דאַווענען מוספים. איינער פון די ניגונים וואָס איז זייער אָפט געזונגען געוואָרן, איז געווען דעם קאַליווערס ניגון, „וואַלד, וואַלד, ווי גרויס ביסטו״... וואָס פלעגט פריער געזונגען ווערן אינעם אונגאַרישן אָריגינאַל פונעם באַרימטן מנגן ר׳ מענדל הוסטער און נאָכדעם, האָט ער עס אַליין געזונגען.

פון זיינע טיש־ניגונים דאַרף דערמאָנט ווערן זיין זמר „לאל אשר שבת״, וועמעס מחבר איז דעם בעל־הפלאהס זיידע, ר׳ יהושע ארוך (טאַר־נער רב). דער דאָזיקער זמר איז אין דער חסידישער וועלט באַקאַנט אַלס „מלאכים־ליד״ און איז נאָך געזונגען געוואָרן ביים חוזה אין לובלין, נאָכ־דעם ביים ראָפּשיצער און שפּעטער ביים סאַנדזער און זיין זון, דער שינעווער רבי.

פון די גדולי המנגנים ביים סאַנדזער רב, איז געווען אַבוש־מאיר, אַ ייד אַ למדן און חסיד, אַ וואונדערלעכער קאָמפּאָזיטאָר, כאָטש ער האָט קיין נאָטן ניט געקענט 5) דער ראַדאָמסקער פלעגט פון צייט צו צייט קומען צו אים, ספּעציעל שבועות און דאָרט געזונגען און די אהבה צווישן די צוויי צדיקים איז געווען אין לשער.

ווי אַזוי ער האָט מכבד געווען תלמידי חכמים איז געגוג צו ברענגען איייניקע פאַקטן ווי בראַמבערג גיט זיי איבער.

ס׳איז אַמאָל געקומען צו אים אַ יונגערמאַן לערנען. האָט אים ר׳ חיים נוהג כבוד געווען אַביסל איבער דער מאָס און דער יונגערמאַן האָט זיך אָנגערופן אין זיין באַשיידנקייט: — רבי, איר גיט מיר אָפּ כבוד ווי איך וואָלט געקענט גאַנץ ש״ס און איך קען קוים איין מסכת. ער האָט דערביי דערמאָנט אַ ירושלמי (מכות, פ״ב, ה״ו), אַז אַ תלמיד־חכם וואָס קען בלויז איין מסכת, טאָר ניט קריגן כבוד פאַר מער ווי דאָס...

דער סאַנדזער רב האָט אים דערויף געענטפערט:

— דאָס איז אמת, אָבער ווייסט איר דען וויפל כבוד מ׳דאַרף אָפּ־געבן אַ מענטשן וואָס קען אַ מסכת?... 6)

נאָך אַ פאַל וואָס ווייזט אויף זיין כאַראַקטער און מדות פון געבן כבוד

5) דאָרטן באריכות.
6) זע, דאָרט פּרטים.

תלמידי חכמים בעת ער איז אַמאָל געווען אין אונגוואַר, איז ער אַריינגעגאַנגען צו ר׳ מאיר א״ש, דעם אָרטיקן רב, וועלכער איז געווען אַ גדול בתורה און דער לעצטער האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און איינגעאָרדנט אַ ספּעציעלע סעודה פאַרן סאַנדזער רב. ביים עסן האָט ער געבעטן דעם סאַנדזער צו זאָגן אַ דבר תורה, און דער לעצטער האָט דאָס געטאָן מיט פאַרגעניגן פאַרן כבוד פון די מסובין, די חשובי העיר...

ווען ר׳ חיים האָט פאַרענדיקט, האָט דער אונגוואַרער רב צעלייגט אויף אַן אומטאַקטישן אופן דעם פּלפּול. דער גאַסט האָט גאָר נישט געענטפערט. נאָכן בענטשן האָט ער זיך געזעגנט מיט דער גרעסטער פריינטלעכקייט און דער רב האָט געשיקט זיין זון ר׳ מנחם, אויך אַ גרויסער למדן, אים צו באַגלייטן צום וואָקזאַל.

ביים געזעגענען, פרעגט אים דער זון, צי ער האָט עפּעס וואָס צו זאָגן צו זיין פאָטער. ענטפערט אים דער סאַנדזער רב, ער זאָל אים זאָגן, אַז ער זאָל נאָכקוקן די און די מקומות. דער זון האָט דאָס איבערגעגעבן זיין פאָטער, וועלכער האָט באַלד דערזען, אַז דער סאַנדזער איז געווען אינגאַנצן גערעכט מיט זיין פּלפּול. ער האָט מאָמענטאַל געהייסן צוזאַמענרופן אַן אסיפה אין שטאָט, ביי וועלכער ס׳זענען אָנוועזנד געווען די פּני העיר און ער האָט עפנטלעך דערקלערט זיין טעות, אַז דער סאַנדזער רב איז גערעכט... דערביי האָט ער דערציילט, אַז זיין רבין דעם חתם־סופר האָט מען ניט געטאָרט איבערהאַקן אינמיטן לערנען, בעת ער האָט געזאָגט זיין שיעור. ווען מ׳האָט אים אַמאָל מפסיק געווען און איבערגעגעבן, אַז ס׳איז דאָ אַ בריוו פון סאַנדזער רב, ווענן אַ גט וואָס דער חת״ס האָט געפּסלט און דער סאַנדזער האָט געהאַלטן, אַז ר׳איז כשר, האָט ער זיך יאָ אָפּגעשטעלט אינמיטן לערנען, באַמערקנדיק, „דער פּאָליאַק קעמפט גוט...״ 7).

דער סאַנדזער רב האָט געהאַט אַ סך תלמידים, גדולי הרבנים און ער אַליין איז אויך געפאָרן צו אַ צאָל גדולי האדמור״ים, ניט אַכטנדיק וואָס ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ תלמיד מובהק פון ר׳ נפתלי ראָפּשיצער.

נאָך דער הסתלקות פונעם ראָפּשיצער, איז ער געפאָרן צו זיין איידעם ר׳ אשר, נאָכדעם צו ר׳ אליעזר דזשיקעווער, מיט וועמען ער האָט זיך שפּע־

---

7) דאָרט, ז׳ ז צ׳—צ״א.

טער משדך געווען. ער איז אויך געפאָרן צו ר׳ שלום בעלזער, צו ר׳ צבי הערש זידיטשויווער, צו ר׳ מאירל פרעמישליאַנער און צו ר׳ ישראלטשע ריזשינער. ער איז אויך געווען ביים חידושי הרי״ם און זיך געהאַלטן זייער נאָענט מיטן גערער רבין.

וועגן זיין נסיעה צו ר׳ ישראלטשע ריזשינער, ווערט דערציילט, אַז ר׳ שמעון סופר, קראָקעווער רב, זאָל אים געווען פרעגן: צי וואָס דאַרפט איר פאָרן קיין ריזשין, ווען איר אַליין זייט דאָך רבי?

האָט ער אים געענטפערט: ס׳זענען דאָ ביי יידן צווי בערג: דער באַרג סיני אויף וועלכן יידן האָבן מקבל געווען די תורה און דער באַרג מוריה אויף וועלכן ס׳איז געבויט געוואָרן דאָס בית־המקדש.

פאַרוואָס איז טאָקע געבויט געוואָרן דאָס בית־המקדש אויפן הר המוריה און ניט אויפן הר סיני, אויף וועלכן ס׳איז געגעבן געוואָרן די תורה?...

דער תירוץ איז, אַז דאָס אָרט ווו אַ ייד שטרעקט אויס זיין האַלדז פאַר השית״ב איז גרעסער ווי דאָס אָרט, ווו די תורה איז געגעבן געוואָרן 8) גלויבט מיר, האָט ער אויסגעפירט, ביים ריזשינער האָב איך געזען יעדע מינוט די גרייטקייט אויסצושטרעקן דעם האַלדז פאַרן כבוד פון השית״ב. אַזאַ פאַרערונג, האָט ער געהאַט פאַרן ריזשינער און דער לעצטער האָט אים אַרויסגעוויזן געוואַלטיקע התקרבות און אים אָנגערופן „בית דין הגדול״, אָבער פונקט ווי ער האָט פאַרהערלעכט די גזע פון מעזריטשער מגיד, זיין אייניקל דעם ריזשינער ווו מ׳האָט געזען מלכותדיקייט, אַזוי האָט ער גערודפט דעם ריזשינערס קינדער, ווען ער האָט געזען ביי זיי זאַכן וואָס זענען אים ניט געפעלן.

זיבן יאָר איז אָנגעגאַנגען די מחלוקה, ביז דער פטירה פונעם סאנדזער רב; אָבער דאָס איז געווען אַ מחלוקת לשם שמים... 9)

זיין עלטסטער זון ר׳ יחזקאל שרגא האַלבערשטאַם (תקע״ג — תרנ״ט), דער שינעווער רבי, האָט נאָכגעפאָלגט דעם פאָטערס דרך, סיי אין חסידות, סיי אין מדות און סיי אין לומדות, וואָס ער האָט אייך געהאַט בירושה פון זיין זיידן דעם לייפניקער רב, ר׳ ברוך־פרענקל־תאומים, דער „ברוך טעם״.

---

8) ז״ז צ״ו—צ״ז.

9) דאָרט, באריכות.

ער איז געווען דער איידעם פֿון וויזשניצער רבין, ר׳ ארי׳ לייב ליפשיץ, דער „ארי׳ דבי עילאי״, איידעם פֿון ר׳ משה טייטלבוים, מחבר פֿון ספר „ישמח משה״, אויף וועמען מ׳האָט געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט די נשמה פֿון ירמיה הנביא: געטרויערט אויפֿן חורבן ירושלים און תמיד געהאַלטן גרייט זיינע יום־טובדיקע בגדים, טאָמער קומט משיח, זאָל ער ניט דאַרפֿן זיך פֿאַרזוימען מיט צוגרייטן זיך מלבושים...

5. וויזשניצער נגינה

חסידות וויזשניץ האָט אַ פֿאַרגאַנגענהייט פֿון אַרום צוויי הונדערט יאָר און אָנגעהויבן האָט עס מיט שירה וזמרה. דער אָפּשטאַם איז פֿון קאָסעוו (קוסוב), אַ גאַליציש שטעטל ביים גרעניץ צווישן פּוילן און רומע־ניע. אין דער דאָזיקער געגנט, האָט אויך דער בעש״ט פֿאַרבראַכט זיין יוגנט איידער ער איז נתגלה געוואָרן 1).

אין יענער געגנט, האָט געלעבט אַ ייד מיטן נאָמען ר׳ יעקב קאָפּל (נפטר געוואָרן אלול תקמ״ז). ער האָט זיך באַקענט מיטן בעש״ט און גע־וואָרן זיין תלמיד און דער בעל־שם האָט אים מכבד געווען צו זיין דער בעל תפלה און מנגן אינעם קלויז ווו ער האָט געדאַוונט. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט צו הערן זיין זיס קול.

ר׳ יעקב קאָפּל האָט זיך שטאַרק דערווייטערט פֿון רבנות. ער איז געווען אַ פּשוטער קרעמער, אָבער ווי חסידים דערציילן, איז ער געווען אַ גרויסער בעל־מופת און פֿלעגט אַ סך פֿאַרברענגען מיטן בעש״ט אין די קאַרפּאַטן־בערג און דער בעש״ט האָט אים אָנגעטרויט די מאַרמאַראָשער געגנט אַרום קאָסעוו־וויזשניץ, ווו זיין זון ר׳ מנחם־מענדל, געבוירן אין קאָ־לאָמיי (תקכ״ח — תקפ״ז) האָט געגרינדעט די האַגער דינאַסטיע 2).

ביי ר׳ מנחם־מענדל קאָסעווער, האָט נגינה פֿאַרנומען אַ גאָר גרויס

---

1) זע, מ. ש. גשורי, נגוני הצדיקים לבית האַגער בקוסיב־וויזניץ, סיני, כרך כ״א, ירושלים, תש״ז, ז׳ פ״ט.

2) זע, יקותיאל יהודה גרינוואַלד, טויזנט יאָר יידיש לעבן אין אונגאַרן, ניו־יאָרק, תש״ו, ז׳ 231; י. וורפל (רפאל), ספר החסידות, תל־אביב, תש״ז, ז״ז ב״ב־ב״ג.

אָרט אין זיין עבודת השם. ער האָט געטאָן שידוכים מיט די גרויסע רביישע דינאַסטיעס און ספּעציעל זיך געהאַלטן נאָענט מיט זיין מחותן ר׳ נפתלי ראָפּשיצער (הורוויץ) און ווען ביידע פלעגן זיך צוזאַמענקומען אויף אַ שבת פלעגן אַלע היכלות הנגינה געעפנט ווערן. ער, ווי ר׳ נפתלי, האָט געהאַלטן אַז אפילו אין גלות און אין צער, מוז מען דינען צו השית״ב דורך שמחה פון נגינה, דורך דער דערהויבונג פון געזאַנג...

ר׳ נפתלי, אויף וועמען מ׳האָט געזאָגט דעם פּסוק „וזרח השמש ובא השמש״, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אינעם טאָג פון בעש״טס פּטירה, האָט געזוכט אַלע מעגלעכקייטן, אַפילו דורך בדיחה און גלייכווערטל, פריילעך צו מאַכן יידישע הערצער, דורך פרייד צו ברענגען דעם מענטשן נענטער צום אמת. ער האָט דאָך געטייטשט דעם „קומי רוני בלילה״. אַז אפילו אין דער גלותדיקער נאַכט־פינצטערניש דאַרף מען זינגען.

אין קאָסעוו־וויזשניץ איז שמחה געקומען צום אויסדרוק בלויז דורך נגינה — דורך אַ וואָלעד אין וועלכן ס׳איז געוועזן טרויער מיט פרייד צו־זאַמען. דורך נגינה האָט מען באַזיגט די סטרא אחרא און די אַלע וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען די קדושה פון ישראל. אינעם כח פון נגינה האָבן זיי געזען די מעגלעכקייט גובר צו זיין דאָס שלעכטס. נאָך מער, זיי האָבן געהאַלטן, אַז פריער פאַרן דאַווענען קומט דאָס געזאַנג, אַז „רנה״ קומט פאַר תפלה ווי עס ווערט געזאָגט: „לשמוע אל הרנה ואל התפלה״...

זיין זון ר׳ חיים האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דאָס געזאַנג־חסידות און אויך איינגעפירט דעם חסידישן טאַנץ ווי אַ טייל פון דער עבודה אינעם חסידיזם. ביים טיש פירן האָט מען דאָרט אַ סך געזונגען. אויף דער על־טער, האָט ער אויך איינגעפירט צו זינגען „כל מקדש״ ביי דער סעודה שלישית, שבת פאַרנאַכט 3).

ר׳ חיים האָט געהאַט דריי זין, דער יינגסטער ר׳ מענדעלע האָט זיך באַזעצט אין וויזשניץ, ניט ווײַט שטערן זיין עלטערן ברודער, וועלכער איז געבליבן אין קאָסעוו. ביידע שטעטלעך זענען אינעם זעלביקן געגנט צווישן גרעניצן...

---

3) זע, גשורי, דאָרט ז״ז צ״א, צ״ג, צ״ה; נ. סטאָלניץ, מוזיק אין יידישן לעבן, ז״ז 181—190.

ר׳ מענדעלע איז געווען דער איידעם פון ריזשינער און שפּעטער האָט ער זיך משדך געווען מיט די סאַדיגערער־ריזשינער דינאַסטיעס, אומעטום איז ער געווען פאַרערט און באַליבט און געקראָגן דעם רוב בנין ורוב מנין פון קאָסעווער עולם. אַלע האָבן געצויגן קיין וויזשניץ, צו ר׳ מענדעלען, דעם גדול בנגלה ובנסתר, דעם גרויסן אוהב ישראל און דער עיקר, מיט דער געבענטשטער אומפאַרגלייכלעכער שטימע. חסידים זאָגן עדות, אַז ווען ער האָט ר״ה געדאַוונט מוסף, געזאָגט מלכיות, זכרונות און שופרות, האָט מען ממש געזען התפשטות הגשמיות און דינעווער חסידים פלעגן איבער־געבן, אַז זינט ר׳ הערש מלך, דעם „בני יששכר״, האָט מען נאָך ניט גע־הערט אַזאַ נעימותדיק זיס דאַווענען ווי ביי ר׳ מענדעלע וויזשניצער 4).

וויזשניץ האָט געשאַפן אַן אייגענעם נוסח, סיי אין שיר און סיי אין תפלה, געשאַפן דעם נגינה־סינטעז פון בעש״טס התלהבות, מעזריטשער דבקות, באַרדיטשעווער פאַלקסטימלעכקייט און חב״דער מעדיטאַציע — און מ׳האָט מוסיף געווען אַ סך צום דאַווענען און זינגען. אַפילו פסוקי דזמרה, וואָס אין אַנדערע חסידישע הייף, זאָגט מען זייער שנעל, בחפזונדיק, האָט מען דאָרט זיך נוהג געווען צו זאָגן בנעימותדיק, אָנהייבנדיק מיט געזאַנג פון „אדון עולם״, געזונגען „נשמת״ און אַנדערע ספּעציעלע זמרהדיקע טיילן פון שבתדיקן דאַווענען.

דער זון זיינער ר׳ ברוך האַגער (תר״ה — תרנ״ג), דער ממלא מקומו אין אַלע הינזיכטן איז נפטר געוואָרן זייער יונג, געווען מנהיג פון זיין עדה בלויז אַכט יאָר און איבערגעלאָזט נאָך זיך אַכט זין און דריי טעכטער. דער עלטסטער, ר׳ ישראל, איז געוואָרן דער אָפיציעלער ממלא־מקומו אין וויזש־ניץ און צוגעצויגן אויף דאָסניי טויזנטער חסידים פון בוקאָווינע און טראַנ־סילוואַניע. מיטצומאַכן אַ וויזשניצער ריקוד באַגלייט מיט די ווערטער: „וטהר לבנו לעבדך באמת״..., זאָגן סליחות אין וויזשניץ, דאַווענען ימים־נוראים אין וויזשניצער הויף — דאָס האָט געמיינט אַ גרויסע איבערלעבע־ניש, מען איז מיטגעריסן און דערהויבן געוואָרן. ס׳איז געווען אַ גרויסער מאָמענט פאַר אַ חסידישן ייד, צו הערן אין וויזשניץ זאָגן „הנשמה לך״...

4) גשורי, דאָרט, ז׳ צ״ה.

אָדער „אל מלך יושב על כסא רחמים...״ 5) און דאָס האָט טאַקע געצויגן חסידים און זיי באַאיינפלוסט.

נאָך דער פּטירה פון ר׳ ישראל, אין עלטער פון 76 יאָר (תרצ״ו), איז וויזשניץ צעטיילט געוואָרן צווישן זיינע פיר זין, די יונגערע צוויי, גערא־טעוועטע פונעם אייראָפּעיִשן גיהנום, זענען געווען עולה קיין ארץ־ישראל. ר׳ אליעזר, דער וויזשניצער רב, און ר׳ ברוך (סערעטער רב) און דאָרט אויפן באָדן פון די אבות און די אבות פון דער קבלה המעשית און עיונית (טעאָרעטישע און פּראַקטישע קבלה) האָבן זיי באַניינט און אויפגעבליט וויזשניצער חסידות און וויזשניצער נגינה.

וויזשניץ האָט אויך געהאַט ספּעציעלע מנגנים, ר׳ ניסן יוסט, וועל־כער האָט געדינט מיט זיין נגינה איבער פערציק יאָר און ר׳ קלמן זינגער, דער אָפיציעלער בעל־תפלה ביי די דריי צדיקים, ר׳ מענדעלע, ר׳ ישראל און ר׳ ברוך. ער האָט עולה געווען אין ארץ־ישראל און דאָרט נפטר געוואָרן.

ר׳ ניסן יוסט (תרל״ו—תש״ד) הי״ד, איינער, ווי גשורי שילדערט אים, פון די „אבירי היוצרים של נגוני חסידים 6), איז געבוירן געוואָרן אין דזשיקעוו, גאַליציע און אָנגעפאַנגען זינגען נאָך אין ראָפּשיץ, ביי די איי־ניקלעך פון ר׳ נפתלי הורוויץ אין דזשיקעווע, אין ראָזוואַדאָוו און אַנד. מקו־מות פון ראָפּשיצער הויף.

ווען וויזשניץ איז געוואָרן פאַרבונדן מיט דזשיקעוו־ראָפּשיץ מחות־נימשאַפט און ר׳ ישראל איז געווען ביים „אמרי נועם״ און זיך באַקענט מיט ר׳ ניסנס זינגען, האָט ער אים אויסגעבעטן צו האָבן אים ביי זיך און ר׳ ניסן האָט מיט באַנייטע כוחות זיך באַוויזן אויפן וויזשניצער האָריזאָנט.

ווי געזאָגט, איז דער לעצטער וויזשניצער רבי ר׳ אליעזר האַגער עולה געווען נאָכן קריג אין ישראל (נפטר געוואָרן ב׳ אלול, תש״ז). דער מחבר פון „דמשק אליעזר״ איז אויסער גאון אין תורה און נגינה, אויך גע־ווען אַ קאָלירדייכע פּערזענלעכקייט און אַ גרויסן עסקן, אַ סך געהאָלפן אין דער רעטונג פונעם שארית הפליטה, געשטאַנען זייער נאָענט צו דער

5) דאָרט, באריכות וועגן נוסח וויזשניץ. איינער פון די ברידער, ר׳ חיים־מאיר (געב. וויזשניצע, רומעניע, תרמ״ח) איז געוואָרן רבי אין גרויסוואַרדיין.

6) זע „שערים״, כ״ו חשון, תשי״ג (14. 11. 52).

ריכטונג פון פועלי אגודת ישראל און צו זיין ישיבה אַרויסגעוויזן אַ פּאַר־טערלעכן אינטערעס און אַזוי אַרום באַטראַכט געוואָרן אַלס פּאַטער פון טויזנטער ייִדישע קינדער (קיין קינדער האָט ער ניט געהאַט).

דאָס שטעטל וויזשניץ, איז פאַרן חורבן־אייראָפּע געװען אַ דורכאויס ייִדיש שטעטל, געהאַט אַ ייִדישן שטאָט־פּרעזידענט, ייִדישע פּאָליציי, אַנ־דערע ייִדישע באַאַמטע — און זייער קליידונג און האַלטונג איז געווען פּאַט־ריאַרכאַליש. שבת יום־טוב האָבן זיי געטראָגן שטריימלעך, לאַנגע קאַפּאָ־טעס און אַ שבת־גוי געמוזט ברענגען פון די אַרומיקע דערפער.

נאָכן חורבן איז וויזשניץ איבערגעפלאַנצט געוואָרן אין אַ שיכון ביי בני ברק, וווּ עס האָבן זיך באַזעצט איבער הונדערט חסידישע משפחות און דער רבי האָט דאָרט באַזאָרגט די גרויסע עדה ניט בלויז מיט בתי ספר, מיט אַ ישיבה, מיט אַ בית־מדרש — נאָר אויך מיט אַלע ווירטשאַפטלעכע איינריכטונגען, מיט פאַבריקאַציע, מיט אַגריקולטור־מכשירים אד״גל.

אויף אַן ענלעכן מוסטער, האָט דער ברודער ר׳ ברוך אויפגעבויט אַזאַ שיכון אין חיפה און אַזוי אַרום פאַרנעמט חסידות וויזשניץ אַ גרויס אָרט אין בנין הארץ והמדינה און די צוויי ברידער ר׳ חיים־מאיר און ר׳ ברוך שליט״א זענען ממשיך וויזשניצער חסידות אויפן אַמאָליקן שטייגער, ביי די קאַרפּאַטן־בערג, וווּ עס האָבן שפּאַצירט אין דבקות און התבודדות דער בעש״ט מיט זייער זיידן ר׳ יעקב־קאָפּל.

***

די נאַצישע מערדער־האַנט האָט אַ תל געמאַכט פון פוילישן ייִדנטום, חרוב געמאַכט גאַליציאַנער שטעט און שטעטלעך, אומגעבראַכט רביים, פירער פון חסידישע דינאַסטיעס. געבליבן זענען בלויז די חורבות, די סודות־פולע פעלדער און וועלדער, איינגעהילט אין די וווּנדערבאַרע פאָלקס־לעגענדעס וועגן „גוטע ייִדן״. עס איז געקומען דער סוף פון יענעם אייגנאַרטיקסטן קאַפּיטל אין דער רומפולער געשיכטע פון ייִדן אין פוילן...

אויף יענע שליאַכן וועלן שוין מער קיין חסידישע וועגענער זיך ניט שלעפּן. דאָס וויגעלע פון חסידות, די ערטער, וווּ דער בעל־שם־טוב און זיינע נאָכפאָלגער האָבן געלעבט און געווירקט, דאָרט, וווּ ס׳האָבן זיך פאַר־

מירט חסידישע דינאַסטיעס און ווי דער חסידישער ניגון האָט זיך געהערט איבער ווייטע האָריזאָנטן — דאָס אַלץ איז חרוב געוואָרן. עס זענען פאַרגאַזט און פאַרברענט געוואָרן די צענדליקער רבבות פון עם־ישראל...

ראָפּשיץ, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די באַרימטע רביישע גזע, איז אָפּ־געווישט. די ראָפּשיצער זענען געבליבן אין דעם פאַרניכטונגס־לאַגער אין בעלזעץ. אַפילו דאָס ברומען פון אַ חסידישן ניגון, אַפילו אַ ווידערקלאַנג הערט מען מער נישט. אומגעקומען אַ ברייט־פאַרצווייגט און טיף־פאַרוואָר־צלט יידיש לעבן און וואָס פאַר אַ זין האָט עס דאָס קרעכצן און קינות זאָגן, ווען די גאַנצע ערד איז אָנגעפּילט מיט יידישע ביינער און דורכגעזאַפּט מיט יידיש בלוט? ווער איז אימשטאַנד איבערצוגעבן די שווידערלעכקייט פון אונדזער תקופה?

דער שונא האָט פאַרניכטעט אונדזערע ביאָלאָגישע און גייסטיקע רע־זערוון, לענדער גאַנצע פאַר יידישע בית־עלמינס געמאַכט...

וועלן מיר בכח זיין פאַנאַנדערצובלאָזן די איבערגעבליבענע פונקען? וועלן מיר נאָך קומען צו זיך נאָך די פאַטאַלע אומגליק־פּאַסירונגען?...

אַ פאָלק ר׳ עקיבאס, האָט הערא:יש אויסגעהויכט זיין נשמה באחד, וועט כאָטש פאַרן איבערגעבליבענעם פון אויסדערוויילטן פאָלק שיינען די מזרח־זון פון אויסדערוויילטן לאַנד?

לאָמיר האָפן, אַז יאָ.

לאָמיר האָפן, אַז אין מדינת־ישראל וועט די זון שיינען פאַר אונדז און ס׳וועלן זיך הערן די הערלעכע געזאַנגען איבער די בערג פון גליל און אויף די פלאַכן פונעם נגב...

מיר זענען עדות פונעם גרויסן בוי־פּראָצעס פון באַבאָוער חסידות דורך דעם מנהיג און ממלא־מקום ר׳ שלמה האַלבערשטאַם און סיי פון „קרית צאַנז״, דורכן קלויזנבורגער רב און רבי ביי נתניה.

קאַפּיטל צוועלף

לומדות און נגינה

1. פשיסכע און דער נייער דרך אין חסידות

איינער פון די מערקווירדיקסטע געשטאַלטן אין דער חסידישער וועלט, איז בלי־ספק געווען דער רבי ר׳ שמחה־בונם (געב. אין וואָדיסלאַוו, אין תקכ״ה; נפטר אין פשיסכע, י״ב אלול, תקפ״ז), אויף וועמען דער „יוד הקדוש״ (זיין רבי) האָט געזאָגט: „ער איז דאָס פינטעלע פון מיין האַרץ״ 1) און אַז אין אים געפינט זיך אַן „אוצר פון יראת שמים״ 2). אַן אָפּשטאַמיקער פון גדולים, האָט אים דער פאָטער אַוועקגעשיקט אין מרחקים לערנען תורה. דאָרט, אין די מערב־אייראָפּעיִשע לענדער, האָט ער אויך געלערנט אַנדערע וויסנשאַפטן, געלערנט פילאָזאָפיע און מאַטעמאַטיק. צוריקקומענדיק, האָט ער חתונה געהאַט קיין בענדין, דאָרט געגעסן „קעסט״, ווי דער שטייגער איז געווען און דאָרט זיך אויך דערנענטערט צו חסידות 3).

פריִער איז ער געפאָרן צו ר׳ משה לייב סאַסעווער, נאָכדעם צום קאָזשעניצער מגיד, ר׳ ישראל און אונטער דער השפעה פון ר׳ דוד לעלעווער, געפאָרן צום „חוזה״ קיין לובלין און געוואָרן איינער פון זיינע מקורבים. אָבער ווען דער „יוד הקדוש״, איז אַוועק פון זיין רבין, דעם לובלינער, ר׳ יעקב־יצחק, איז ער מיטגעגאַנגען מיט זיין עדה און געוואָרן דער איבער־

---

1) נפלאות היהודי, ז׳ 15.

2) מאיר עיני הגולה, קנ״ג.

3) באריכות זע. צ. מ. ראַבינאָוויץ, ר׳ שמחה בונם מפשיסחא; מנשה אונגער, פשיסכע און קאָצק. זיין פאַמיליען־נאָמען איז געווען בעניהאַרדט.

געגעבנסטער תלמיד פונעם פייערדיקן פשיסכער ר׳ יעקב־יצחק און נאָך יענעמס הסתלקות, געירשנט דעם גרעסטן טייל, רוב בנין ורוב מנין פון פשיסכער חסידים. ווי ישראל בערגער (דער בעל „האורות״) גיט איבער 4), האָט דער רבי ר׳ בונם געהאַט 44 הויפּט־תלמידים, צווישן זיי, ר׳ מנחם־מענדל פון קאָצק, ר׳ יצחק ווורקער, ר׳ יחזקאל קאָזמירער, ר׳ יעקב ראַדזי־מינער, ר׳ מרדכי־יוסף איזשביצער, ר׳ יצחק־מאיר פון גער, ר׳ מאיר־יחיאל פון מאָגעלניצע, ר׳ שמואל שינעווער, ר׳ אלכסנדר זושא פון פּלאָצק א״אַנד.

ער איז געווען אין בענדין אַ לענגערע צייט, דאָרט געגעסן קעסט און געזעסן על התורה ועל העבודה. ווען די צייט פון זיך אויפהאַלטן ביים שווער־שוויגער האָט זיך געענדיקט און ער האָט אָנגעהויבן זוכן אין טראַכטן וועגן פּרנסה, האָט מען אים פאַרגעשטעלט פאַר די באַרימטע בערקאָ (דוב) און טעמערל (תמר) בערגסאָן, זון און שנור פון באַרימטן נדבן ר׳ שמואל זביטקאָ־ווער, איינער פון די גרעסטע יידישע גבירים אין פּוילן און גרויסער חשוב ביי די פּוילישע קעניגן און פירשטן. זיין ראָלע אינעם קאָשטשיושקאָ־אויפ־שטאַנד פון 1794, האָט אים געשטעלט אַ בכבודיקן מאָנומענט אין דער גע־שיכטע פון פּוילישן יידנטום און אים פאַרזיכערט אַן אָרט אין גן־עדן, לויט די פאַרזיכערונגען פון די גדולי האדמור״ים און רבנים.

ר׳ שמחה־בונם איז געוואָרן אַ בן־בית ביי די בערגסאָנס, תמרל האָט אים שטאַרק מקרב געווען און ער איז געוואָרן ביי זיי אַן אָנגעשטעלטער. אַ שאַרפער פון דער נאַטור, און אַ יונגערמאַן מיט עילויאישע פעיקייטן און פּקחות, האָט ער קיינעם ניט נושא פּנים געווען, אויסער ווען יענעם איז דאָס געקומען. ער האָט זיך אָבער באַצויגן מיטן גרעסטן רעספּעקט און אַרויס־געוויזן געוואַלטיקע פאַרערונג צו בערקאָן און תמרלען, די באַרימטע חסי־דותטע וואָס האָט זיך פאַרדינט צו זיין די שנור פון ר׳ שמואל זביטקאָווער, וועלכער האָט מיט גאָלדענע רענדלעך געראַטעוועט יידן פון קאָזאַקן־איבער־פאַל אויף פּראַגע און איז אַזוי אַרום אַריינגעוועבט געוואָרן אין דער חסי־דישער לעגענדע, אויך אין שייכות מיט אַ ניגון. (ווי ר׳ חיים בלאָך, מחבר פון „היכל לדברי חז״ל ופגמיהם״ און אַנד׳ ספרים, גיט מיר איבער, איז תמרל געווען די טאָכטער פונעם סטאַניסלאַווער רב ר׳ ליבוש הורוויץ).

ר׳ שמואל זביטקאָווער, דערציילט די לעגענדע, האָט אין יענעם אויפ־

---

4) זע, רמתים צופים, קול שמחה, חדוות שמחה א״אַנד.

שטאַנד וואָס איז געווען אַ דורכפאַל, אָוועקגעשטעלט פאַר זיין הויז צוויי פעסלעך — אין איינעם זענען געווען גאָלדענע רענדלעך און אין צווייטן — זילבערנע מטבעות און ער האָט געלאָזט וויסן די קאָזאַקן, אַז דער, וואָס וועט אים ברענגען אַ לעבעדיקן ייִדן, וועט ער אים געבן אַ גאָלדענעם רענדל און פאַר אַ טויטן — בלויז אַ זילבערנעם.

פאַרשטייט זיך, אַז די רוסישע קאָזאַקן האָבן זיך באַמיט צו ברענגען לעבעדיקע ייִדן. עס זענען אָבער אויך געבראַכט געוואָרן טויטע, און אַזוי אַרום האָבן די טויטע לכה״פ, זוכה געווען צו קומען צו קבר־ישראל.

ר׳ שמואל זביטקאָווער איז אינעם זעלביקן יאָר געשטאָרבן און אויך וועגן דעם האָט די חסידישע לעגענדע עפּעס צו דערציילן. אינטערעסאַנט איז, וואָס דער קאָזשעניצער מגיד, אַליין אַ מנגן, האָט דאַן געזונגען אַ נייעם ניגון פאַר „אין קצבה לשנותיך״ און דערציילט, אַז דעם ניגון האָט ער געהערט זינגען די מלאכים אין הימל, ווען זיי זענען אַנטקעגנגעגאַנגען ר׳ שמואל זביטקאָווערן. דער דאָזיקער ניגון איז נאָכדעם געזונגען געוואָרן ביי ר׳ נפתלי ראָפּשיצער און שפּעטער ביי זיינע אייניקלעך און אור־אייניקלעך. דער מלאכים־ניגון איז באַרימט אין חסידישן געזאַנג.

ר׳ שמחה־בונם, זייענדיק אַן אָנגעשטעלטער אין דער דאָזיקער פירמע, באַזונדערס אין דער געהילץ־אָפּטיילונג, פלעגט דאַרפן אָוועקפאָרן אין מרחקים, באַזונדערס אין דייטשלאַנד, ווו ער האָט צוגעזען די אַסימילאַציע און דעם שמד, וואָס שטאַרקט זיך אין יענע לענדער. ער האָט זיך דאַן געקליידט ווי אַלע סוחרים אין מערב־אייראָפּע, ווייל זייענדיק אַנדערש געקליידט, האָט ער געהאַלטן, וועט ער האָבן מער השפּעה אויף אַרויסצוציִען די הייליקע פונקען („ניצוצות קדושה״) פון דער טומאה. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער נאָכגעפאָלגט בעת ער איז שוין געוואָרן דער רבי פון פּשיסכער חסידים 5). דאָס שענסטע אין דער חסידישער וועלט, דאָס בעסטע פון לומדישן פּוילן און דאָס האַרץ פון פּוילישן חסידיזם.

5) דער חסידות־פאָרשער, ר׳ אהרן מאַרקוס, אין זיין ספר „החסידות״ (הוצ׳ נצח, תל־אביב, תשי״ד, ז״ז 124; 128—135), דערציילט אין נאָמען פון יצחק מאָזעס, אַז דער רבי ר׳ בונם און ר׳ נפתלי ראָפּשיצער זענען געווען די פּקחים פונעם דור און אַז דער לעצטער האָט געוויזן ביידע דרכים אין חסידות, אייסטערישנדיק געפּילפּל חסידות אויף מוח־און־מחשבה חסידות, וואָס האָט ביי אייניקע פונעם בעש״טס חדר אַרויסגערופן קעגנערשאַפט.

2. ר׳ יצחק ווורקער

ר׳ ישראל־יצחק קאַליש (תקל״ט—תר״ח), באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט אַלס ר׳ יצחק אָדער ר׳ איטשע ווורקער, איז געווען איינער פון די מערקווירדיקסטע פּערזענלעכקייטן און געלאָזן טיפע שפּורן אין חסידות פּוילן, גרינדער פון דער ווורקער דינאַסטיע, באַגרינדער פון אַמשינאָווער חסידות און גייסטיקער פאָטער פון אַלעקסאַנדערער חסידות. זיין חסידישע שיטה איז באַזירט אויף אַלע דריי זיילן אויף וועלכע די וועלט שטייט: תורה, עבודה און גמילת־חסדים. געשטעלט דעם טראָפּ האָט ער אויף דאָס לעצטע. ער האָט אהבת ישראל דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה און געוואָרן דער רבי לוי־יצחק אין פּוילן 1).

ניט געקוקט אָבער, וואָס ער איז געווען דער היפּוך פון ר׳ מענדל קאָצקער, האָט ער דאָך שטאַרק געהאַלטן פון זיין חבר אין פּשיסכע, געווען זיין פאַרערער און אַפילו אויסגערעדט דעם איזשביצער, הלמאי ער איז אַוועק און געוואָרן אַ מנהיג פון אַן עדה, ווען זיין רבי האָט נאָך „געפירט טיש״ אין קאָצק. ער איז דער ליבהאָבער פונעם פּעבל, פון דער מאַסע, פונעם פאָלק. ער איז דער גרויסער שתדלן און זאָרגער פון זיין עדה, בעת ר׳ מענדל איז בלויז פאַראינטערעסירט אין די יחידי סגולה, אין די גע־ציילטע, דערהויבענע מענטשן.

געבוירן אין זשאַריק, ביי טשענסטאָכאָוו אין יאָר תקל״ט, צו זיין פאָ־טער ר׳ שמעון, באַקאַנט אַלס דער „שוואַרצער ר׳ שמעון״, אַ חסיד פון ר׳ דוד לעלעווער, האָט ער פון קינדוויז אָן, איינגעזאַפּט אין זיך די מידה פון ליב האָבן יידן און ניט בלויז יידן, נאָר בכלל יעדע בריאה, יעדעס באַשע־פעניש, אַפילו דעם צומח, וואָס האָט אין זיך לעבן...

ר׳ יצחק ווורקער האָט אויך פון קינדוויז אָן זיך ממש „געוואַלגערט אין שטויב״ פון צדיקים, סיי צווישן פאָלקס־רביים און סיי צווישן שאַרפע קעפּ. ער האָט געשאַפן דעם חסידישן דרך וואָס האָט סינטעטיש פאַרבונדן די צוויי עלעמענטן: למדנות און פאָלקסטימלעכקייט — דאָס פּוילנדיקע

---

1) זען, הרב דוד ויסברוד (הלחמי), ארזי הלבנון, תל־אביב, תשי״ט, ז׳ 91.

האָרץ אין דער בחינה פונעם באַרדיטשעווער און די חברשאַפט מיט קאַצ־קער שאַרפקייט און גערער לומדות.

אָנגעהויבן מיט לובלין, ביים „חוזה", איז ער געקומען צום „יוד הקדוש", אויך מיטן זעלבן נאָמען ר' יעקב־יצחק הורוויץ, נאָכדעם צום רבין ר' בונם, וועלכער האָט, ווי זיין רבי, פאַרשאַרפט דאָס לובלינער חסי־דות און נאָכדעם איבערגעוואָרצלט דאָס פלאַמיקע חסידות אין ווורקע און אַמשינאָוו 2) און אַ סך בייגעטראָגן צו דער נייער תקופה פון חסידות פוילן.

וועגן זיין שיטה אין חסידות, איז אַ סך געשריבן געוואָרן. מיר ברענ־גען דאָ צוויי ווערטלעך פון אים, בכדי צו דערקענען זיין לעבנס־אויפפאַ־סונג. ער האָט געטייטשט די משנה וואָס זאָגט: „מה בין תלמידיו של אברהם אבינו לתלמידיו של בלעם הרשע..." 3) פאַרוואָס מאַכט מען ניט קיין חילוק צווישן אברהם און בלעם, נאָר גאָר צווישן זייערע תלמידים?

דער תירוץ איז: ס'איז זייער שווער געווען צו דערקענען דעם חילוק צווישן אברהם אבינו און בלעמען... ווייל דער לעצטער איז געווען געגנוג צבוע און היפאָקריט צו פאַרבלענדן די אויגן פון מענטשן... דערקענט האָט מען בלעמען דורך זיינע תלמידים, די רשעים, וועלכע האָבן זיך ניט אויס־באַהאַלטן מיט זייער רשעות.

ס'זענען צו אים אַמאָל געקומען צוויי מענטשן וואָס האָבן געוואָלט איינגיין אין אַ שותפות, פאַרלאַנגענדיק פון אים, ער זאָל אָנשרייבן פאַר זיי דעם קאָנטראַקט. האָט ער דאַן גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און אָנגעשריבן די אותיות: א', ב', ג', ד' — און עס אויסגעטייטשט פאַר זיי. אַלס אָנהייב־ווערטער: אמת — ברכה! גזלה — דלות!... אַז מען גייט מיט אמת הערשט ברכה און אַז מען גייט מיטן שקר און מגזלט... קריגט מען דלית, אָרימקייט!

ווורקע האָט, ווי מיר האָבן פריער שוין דערמאָנט זיך אויסגעצייכנט מיט אייגנאַרטיקער נגינה. אַ ווורקער ניגון איז געווען אָנגעזאָפּט מיט געפיל־טיפקייט דורך וועלכער דער חסיד האָט זיך אַליין דערקענט. זיין נשמה איז אַנטפּלעקט געוואָרן דורכן ניגון...

---

2) זע, א. י. ברומברג, מגדולי החסידות, ספר שלישי, האדמו"ר הזקן ר' ישראל יצחק מוורקי ובניו האדמורי"ם דוד מאַמשינוב ור' מנחם־מנדל מוורקי, תשי"ב.

3) אבות, ה'; ארזי הלבנון, דאָרט באַריכות איבעם פרק תולדות חייהם של אדמורי אַמשינוב, ז"ז 91—113.

זיין זון, ר׳ מענדעלע 4), גיבן איבער חסידים, האָט פאַרפאַסט דעם דביקותדיקן װוּרקער ניגון:

„װער עס האָט זיך דערהאַלטן אונטער מיין באַלקן
איז אַ סימן, ר׳האָט ליב געהאָט דעם טאַטן דעם אַלטן,
נישט געדאַװנט, נישט געלערנט
אָבי דעם בורא־עולם ניט דערצערנט
נישט געדאַװנט, נישט געלערנט
אָבי דעם בורא־עולם ניט דערצערנט.
לאָמיר נישט זאָרגן, װאָס עס װעט זיין מאָרגן
בעסער פאַרריכטן דעם קאַליע־געמאַכטן נעכטן
בני היכלא דכסיפין...״ 5)

חסידות װוּרקע־אַמשינאָװ האָט אָנגעהאַלטן ביזן חורבן פונעם אייראָפּעישן ייִדנטום. ביים סוף פונעם ערשטן װעלט־קריג (ט״ז כסלו, תרע״ח) איז נפטר געװאָרן רבי מנחם ב״ר יעקב־דוד קאַליש פון אַמשינאָװ, אַן אייניקל פונעם װוּרקער. ער איז פאַררעכנט געװאָרן אַלס איינער פון די גדולי האדמורים; אַ דערהױבענע פערזענלעכקייט. ער האָט זיך אױסגעצייכנט אין דער מדה פון אהבת־ישראל און װי דער אַלטער װוּרקער, איז ער אױך געװען אַ גרױסער עסקן און טוער לטובת דעם פּױלישן ייִדנטום.

נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער, אין יאָר תרל״ח, איז ער אױפגענומען געװאָרן אַלס רב און רבי אין אַמשינאָװ און ניט געקוקט דערױף, װאָס ער איז נאָך געװען גאָר יונג, איז דער גאַנצער אַמשינאָװער עולם געפאָרן צו אים און נאָך טױזנטער חסידים זענען געקומען צו אים און אַפילו די צדיקי־הדור האָבן פון אים שטאַרק געהאַלטן און זיך מיט אים באַראָטן װעגן אַלע צבורדיקע פּראָבלעמען. ער איז באַטראַכט געװאָרן פאַר אַ קדוש־עליון און איז שטאַרק באַליבט געװען.

זיינע דריי זין, רבי יוסף, אַמשינאָװער רבי; רבי שמעון־שלום, רבי

4) ער האָט געהאַט צװיי זין, ר׳ יעקב־דוד קאַליש (הקע״ד—תרל״ח), אַמשינאָװער רבי און ר׳ מנחם־מענדל, װוּרקער רבי.

5) זע, מנשה אונגער, פון אייביקן קװאַל, א״נ פון הרב בן־הלל, דער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״, 5טן יאַנואַר 1954.

אין אָטוואָצק; און ר׳ אברהם, רבי אין ראַדאָמסק — זענען אַלע געווען שטאַרק אָנגעזען צווישן די רביים. אויך זיין אײדעם, ר׳ יעקב מאָרגנשטערן, זון פון לאָמזשער רבי, רב אין ווישקאָוו און אין ראַדזימין, פון קאָצקער גזע, איז געווען פון די באַקאַנטע רבנים אין פוילן.

מיטן חורבן פוילן איז אויך פאַרענדיקט געוואָרן דאָס קאַפּיטל אָמשינאָווער חסידות; בלויז אַ שארית איז געראַטעוועט געוואָרן און זיך איבערגעפלאַנצט אויפן הייליקן באָדן אין מדינת־ישראל. די נאַצישע מאָרד־מאַשין האָט חרוב געמאַכט יידישע שטעט און שטעטלעך. יידישע שעפערישע ישובים און מיט זיי, גייסטיקע באַוועגונגען, רוחניותדיקע צענטערן. בכדי צו שאַפן דאָס איינהייטלעך־סינטעטישע ווערק וועגן אייראָפּעישן יידנטום, וועט דאָס חסידות מוזן באַהאַנדלט ווערן אויף דער ברייטער קאַנווע פון פאָרשונג און חסידות וורקע־אַמשינאָוו וועט געוויס פאַרנעמען אַ באַדייטנדיק אָרט. וורקע מיט איר אַנדערשקייט פון חסידות פשיסכע, איז דאָך געווען המשך פון פשיסכע און אויך דאָרט, פונקט ווי אין פשיסכע, האָט מען געזען פקחות און גרויס אָפּטימיזם. ר׳ שמחה־בונמס אייניקל הערש־מרדכי (זון פון ר׳ אברהם־משה, וועלכער האָט ניט מאריך ימים געווען און נפטר געוואָרן ז׳ חנוכה, תקפ״ט) איז געווען דער אײדים פון ר׳ יצחק וורקער.

ר׳ שמחה־בונם האָט געוויזן דעם וועג פון שמחה 6) און שירה און געלערנט, אַז דער מענטש דאַרף האָבן צוויי קעשענעס און זיך באַנוצן מיט זיי, ווען ער דאַרף זיי האָבן: אין איין קעשענע — צו האָבן דעם „ואנכי עפר ואפר" — ווען דער יצר־הרע רעדט אים אָן צו גרויסהאַלטעריי, צו גאוות און אין דער אַנדערער קעשענע — בשבילי נברא העולם, ווען דער יצר־הרע וויל אים צורעדן צו עבירות און דערמיט אים צו דערנידעריקן, צו מאַכן אים שפלדיק, אַז זיינע זינד מיינען גאָרנישט! 7)

דער רבי ר׳ בונם האָט אויך ליב געהאַט צו זאָגן ווערטלעך, דערציילן מעשהלעך און משלים. ער האָט דאָס געזאָגט, אַז דעם גאַנצן לעבן האָט ער געלערנט, ווי צו שטאַרבן...

---

6) זע, קול שמחה, בשלח.
7) זע, אור שמחה, פיטרקוב, תרע״א.

אויך אין וורקע האָט מען געזען פּקחות. אויך אין וורקע האָט מען געהערט קלוגע ווערטלעך און אויך דאָרט האָט מען געהערט לויטערן גע־זאַנג וואָס קומט פון לויטערע הימלען און ריינע הערצער.

די אייניקלעך און אור־אייניקלעך אין וורקער חסידות, אַלע אָן אויס־נאָם, זענען אָנערקענט געוואָרן אַלס גדולים אין דער וועלט פון רביים און רבנים. זיי זענען:

א. ר׳ מנחם קאַליש, אַמשינאָוו (תר״כ—תרע״ח);

ב. ר׳ ישעיה קאַליש, פּשיסכע (תרכ״ט—תש״ג);

ג. ר׳ ירמיה ברבי יעקב־דוד, אפּאלע, דערצויגן געוואָרן ביי זיין ברודער מנחם פון אַמשינאָוו 8) איז ער ביים צווייטן זיווג, געוועזן דער איידעם פון ר׳ אברהמעלע איגר, לובלינער רבי און ווי דער שווער, דער־גרייכט צו דער העכסטער מדרגה פון ענִיוות און אהבת ישראל. ער איז געוועזן דער קדוש ופּרוש — און גדולי אדמור״ים פלעגן שיקן צו אים קוויטלעך... ער האָט געוווינט אין וואַרשע און אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה, ווען די נאַציס זענען אַריין צו אים און זיינע חסידים האָבן אים גע־בראַכט צו קבורה אין הויף ווו ער האָט געוווינט.

פון די אייניקלעך דאַרפן דערמאָנט ווערן:

א. ר׳ יוסף בר׳ מנחם קאַליש, אַמשינאָוו (תרל״ח—תרצ״ו);

ב. ר׳ שמעון־שלום בר׳ מנחם קאַליש, אַמשינאָוו־אָטוואָצק־ברוקלין (תרמ״ג—תשי״ד);

ג. ר׳ אברהם בר׳ מנחם קאַליש, ראַדאָמסק (אומגעקומען דורך די נאַציס) הי״ד;

ד. ר׳ יעקב־דוד ב״ר יוסף (תרס״ו—תש״ב);

ה. ר׳ שמחה־בונם בר׳ מנחם־מענדל (נפטר געוואָרן אין טבריה, אין יאָר תרס״ז און געבראַכט געוואָרן צו קבורה ביים קבר פון ר׳ מענדל וויטעבסקער... 9)

---

8) וועגן אים, אין מיין בוך „לובלין״.

9) כמעט די גאַנצע אַמשינאָווער דינאַסטיע איז פאַרגאַנגען, צוזאַמען מיטן גאַנצן פּוילישן יידנטום, בלויז דאָ און דאָרט זענען געבליבן איינצלנע שרידים. איינצלהייטן זע, ד. ויסבורד, ארזי הלבנון, באריכות. דער סקערניעוויצער רבי ר׳ יוסף־צבי (געב׳ אין יאָר תרמ״ז, איז אין תרצ״ה עולה געווען קיין ארץ־ישראל, רבי אין בני ברק. זע, באַנד II, קאַפּ. 3׳

רעדנדיק וועגן אַלטן ווורקער, איז אוממעגלעך דורכצולאָזן און ניט דערמאָנען נאָך אַ גרויסן ווורקער — ר׳ יעקעלע ראַדזימינער, געבוירן אין ווורקע, אין יאָר תקנ״ב, צו זיין פאָטער ר׳ שלמה גוטערמאַן, אַ שניט־סוחר און שיינער בעל־הבית אינעם שטעטל ביי וואַרשע. די לעגענדאַרישע לודמירער מויד 10), האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ביים רבין ר׳ בונם זענען דאָ דריי תלמידים: איינער פאַרברענט די וועלט, דער צווייטער פאַרשיינט די וועלט און איינער דרייט זיך אין אַ רעדל און מלאכים, שרפים ציטערן פאַר אים. דעם ערשטן האָט זי געמיינט דעם קאָצקער, דעם צווייטן — דעם ווורקער און דעם דריטן — דעם ראַדזימינער, וועלכער פלעגט שטענדיק אַרומלויפן אין בית־מדרש, פאַרטאָן און חסידים האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בעל־מופת 11).

ר׳ יעקעלע ראַדזימינער, דעם רבין ר׳ בונמס אַ תלמיד, איז ווי דער ווורקער, געגאַנגען אויף אַ גאַנץ אַנדערן דרך, ווי דעם פון קאָצקער. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט מופתים, געהיילט חולאים, געהאָלפן קימפּעטאָרינס און געוואָרן אַ פּאָלקס־רבי 12), כאָטש ער האָט שטאַרק אויסגענומען ביי גדולי תורה.

דער אײדים פון ר׳ יעקב ליסער, ר׳ אליעזר, דערציילט, אַז נאָך דער פּטירה פון חדושי הרי״ם, האָט ער געוואָלט פאָרן קיין ראַדזימין און אַז דער קאָצקער האָט אים געזאָגט, הלוואי, וואָלטן געווען אויף דער וועלט נאָך אַזעלכע צוויי צדיקים, ווי ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער און ר׳ יעקעלע ראַדזימינער.

אַלס יונגערמאַן, איז ער געוואָרן רב אין ריטשעוואָל, ווו ער האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון ר׳ בעריש ריטשעוואָלער, אַ באַקאַנטער נאָמען אין דער חסידישער וועלט. דער קאָזשעניצער מגיד איז געווען אויף דער חתונה. ער האָט אָבער דאָרט געלעבט אין גרויס דחקות. אויף

10) יונגען דער „לודמירער מויד״ זע: מרדכי ביבער „יידישער קעמפער״, פסח, תשי״ב.

11) זע, מעשיות נוראים פון ר׳ משה־אהרן בערגמאַן, פּיטרקוב, תרע״ד.

12) דער סאָכאַטשעווער רב האָט געזאָגט וועגן אים, אַז איז געווען משיירי כנסת הגדולה (אביר הרועים, ז׳ ע״ה).

דער עצה פון חדושי הרי״ם, איז ער געוואָרן רב אין ראדזימין און ס׳איז געשאַפן געוואָרן די ראדזימינער דינאַסטיע.

פון זיינע הויפּט־תלמידים זענען געווען ר׳ יחיאל דאַנציקער (ערשטער אַלעקסאַנדער רבי) וועלכער איז אויך געווען אַ תלמיד פונעם וואָרקער; זיין זון ר׳ ירחמיאל־ישראל־יצחק; ר׳ יחיאל־מאיר פון גאָסטינין; ר׳ ברוך (שפּיראָ) סטוטשנער און אַנדערע.

ער איז נפטר געוואָרן י״ח תמוז תרל״ז און זיין ממלא־מקום איז געווען ר׳ שלמהלע ראדזימינער און אַזוי האָט זיך די דינאַסטיע געצויגן ביזן חורבן פּוילן.

פון וואָרקער און ראַדזימינער חסידות האָט פּויליש חסידות געקראָגן נאָך אַ גרויסן כח — ר׳ יחיאל דאַנציקער, זון פונעם צדיק־הדור ר׳ פייוול גריצער. ער איז דער פאָטער פון אַלעקסאַנדער חסידות און איז ממש דער־צויגן געוואָרן אין הויז פונעם אַלטן וואָרקער רבין ר׳ יצחק קאַליש. נאָך אים קומען די באַרימטע אַלעקסאַנדער מנהיגים ר׳ ירחמיאל־ישראל־יצחק (תרי״ג—תר״ע) און זיינע נאָכפאָלגער, וואָס האָבן דאָס קליינע וועבער־שטעטל ביי לאָדזש געמאַכט באַרימט אַלס צענטער פון חסידות.

אַלעקסאַנדער חסידות איז ניט געקומען מיט קיין נייעם דרך, נאָר פאַרגעזעצט די וואָרקער שיטה אין אַלע הינזיכטן, אָבער געהאַט אַ געוואַל־טיקע זכיה צו האָבן טויזנטער חסידים פון גאַנץ פּוילן.

ר׳ יחיאל, דער מחבר פון ספר „ישמח ישראל״, האָט פולשטענדיק נאָכגעפאָלגט די שיטה פון זיינע רביים, אַזוי ביים פראַווען טישן, אַזוי מיט זמירות, אַזוי ביים דאַווענען און אַזוי אין דער אַלגעמיינער התנהגות...

וואָס שייך נגינה האָט אַלעקסאַנדער אויך געצויגן יניקה פון וואָרקע. ערשט אין די שפּעטערע יאָרן איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג און דער עיקר אין נגינה — אַ ניי געזאַנג איז געהערט געוואָרן ביי די אַלעק־סאַנדערער טישן און אַ נייער קול־תורה איז געהערט געוואָרן אינעם קלויז דורך די תלמידים פון דער אָרטיקער ישיבה א״נ „בית ישראל״.

טויזנטער חסידים האָבן געשטראָמט קיין אַלעקסאַנדער. דער אַלעק־סאַנדער הויף האָט געהאַט אייגענע מנגנים און פּוילן איז ממש צעטיילט געוואָרן אין צוויי גרעסטע חסידישע הויפן: גער און אַלעקסאַנדער. ביידע

דינאַסטיעס האָבן זיך געקענט פאַרמעסטן מיט כחות איןביידע הויפּט־שטעט: וואַרשע און לאָדזש.

אין לובלין האָבן די אַלעקסאַנדער חסידים געהאַט אַ גאָר גרויס שטיבל און צווישן די אָרטיקע חסידים האָט מען געקענט טרעפן אָנגעזעענע בעלי־בתים, עסקנים פון ערשטער מדרגה, לומדים און שאַרפע קעפּ.

ווי געזאָגט, האָט נגינה געהאַט אַ גרויס אָרט אין אַלעקסאַנדער. איינער פון די לעצטע באַקאַנטע מנגנים, איז געווען ר׳ יעקב פּרעגער.

נאָכן חורבן, געפינען זיך דאָ און דאָרט פון די איבערגעבליבענע, וואָס וויסן צו דערציילן וועגן אַלעקסאַנדער חסידות וואָס איז געווען גרויס אין פּוילן און אין דער חסידישער וועלט אין אַלגעמיין.

דער לעצטער פון דער גרויסער דינאַסטיע, דער קדוש ר׳ יצחק־מנחם־מענדל איז אומגעקומען בעתן חורבן, השם ינקום דמו. זיין פאָטער ר׳ שמואל צבי, געב׳ אין אַלעקסאַנדער אין יאָ רתרל״ט, איז געווען דער זון פון ר׳ יחיאל זצ״ל, איז געוואָרן רבי אין יאָר תרנ״ד, באַרימט ניט בלויז מיט זיין צדקות, נאָר אויך מיט זיין לומדות 13). דער סאָכאַטשעווער רב האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער פּערזאָניפיצירט מיט זיך אַלע דריי עמודים: תורה, עבודה און גמילת־חסדים.

3. איזשביצע ־ ראַדזין

אויך איזשביצע־ראַדזין האָט זיין מקור אין פּשיסכע. איזשביצע, ווי אַן אָפּצווייג פון קאָצק, האָט ווי עס האָט דאָס פאַרשטאַנען דער גרינדער און באַגרינדער פון דער איזשביצער שיטה, ר׳ מרדכי־יוסף, אַ טיפע אָנגעהע־ריקייט צום פּשיסכער דרך.

דאָס זעט מען סיי אין „מי השלוח״, פון ר׳ מרדכי־יוסף, סיי אין „בית יעקב״ פון זיין זון ר׳ יעקב איזשביצער און סיי פון די ספרים פון זיין געטרייסטן תלמיד, דעם „כהן פון לובלין״ 1).

מערקווירדיק איז, וואָס איזשביצער־ראַדזינער חסידות איז דער עיקר באַרימט געוואָרן דורך דעם אייניקל ר׳ גרשון־חנוך־העניך (תקצ״ט־תרנ״א)

13) זע, „ארזי הלבנון״, ז״ז 146—149.

1) זע, נ. שמן, „לובלין״, באריכות; אויך „ארזי הלבנון״, ז״ז 74—78.

און גראַד צוליב הלכשע, לומדישע אויפטועז, אַזוי דורך די ספרים איז פּלפּול, אַזוי דורך די ספרים וועגן דעם חידוש פון „תכלת“, באַווייזנדיק, אַז מיר ווייסן פונעם פיש, וואָס גיט דעם דאָזיקן קאָליר און אַז מיר ווייסן גענוי דאָס הימלישע קאָליר פון תכלת.

ר׳ גרשון־העניך איז געווען פון די אָריגינעלסטע און כאַראַקטעריס־טישע פּערזענלעכקייטן — און מעשי אבות סימן לבנים... קען מען געוויס זאָגן וועגן זיידע און אייניקל: דער זיידע האָט רעוואָלטירט קעגן איין רבין, קעגן קאָצקער רבין, ווען דער לעצטער האָט זיך פאַרשלאָסן פאַר דער וועלט... דאָס אייניקל האָט רעוואָלטירט קעגן אַ וועלט! אַרויסגערופן פאַר־דרוס ביי אַ סך רביים און רבנים, קעגן דער אָפיציעלער רבניש־אדמורי־שער וועלט וועלכע האָט ניט געוואָלט אָנערקענען זיינע אַנטדעקונגען בנוגע דעם „חלזון“־פיש וואָס דאַרף זיך געפינען ביי די ברעגעס פונעם מיטל־לענדישן ים, ביי די הויכן פון זבולון שבט, לויט דער ברכה: „עמים הר יקראו — ושפוני טמוני חול!“ (פעלקער וועלן צום באַרג ווערן גערופן... און די פאַרבאָרגענע אוצרות פונעם זאַמד).

דער גאון פון הלכה און חסידות איז געווען געגוג דרייסט מחדש צו זיין אַ זאַך, וואָס דור־דורות יידן האָבן דאָס ניט געוווסט און ער איז גע־קומען זיי איבערצייגן, אין די ספרים „פתיל תכלת“, „עין התכלת“, „שפוני טמוני חול“, אַז מיר האָבן דעם חלזון, אַז מיר האָבן תכלת, און דעריבער איז די מצוה צו טראָגן תכלת. זיינע מקורים זענען: תלמוד בבלי און ירושלמי, זוהר, ספרי ראשונים און אחרונים — און אויך וויסנשאַפטלעכע באַגרינ־דונגען, אַז ער האָט געפונען דעם עכטן תכלת וואָס איז ענלעך צום ים, דער ים צום הימל, און דער הימל — צום כסא הכבוד.

דער זיידע, ר׳ מרדכי־יוסף, האָט געוואָגט צו פאַרלאָזן קאָצק, אָנהייבן אַן אייגענע הנהגה, ווערן אַ רבי לויטן פשיסכער נוסח און ניט רעכנדיק זיך מיט דער הקפּדה פון קאָצק און אַלע זיינע פאַרערער און גלייביקע אין קאָצקער אַבסאָלוטן אמת... דאָס אייניקל איז דערגאַנגען נאָך ווייטער, זיך שוין געשטיצט ניט בלויז אויף אייגענעם כח, נאָר אויך אויפן כחו של זקן, אויפן זיידנס כח און געהאַלטן פון התפשטות דקדושה, פון דער פונאַנדערוויקלונג און פונאַנדערשפּרייטונג פון הייליקייטן און געגאַנגען אַ אַ סך ווייטער פונעם „מי השלוח“ וואָס האָט תמיד געלערנט, אַז דער מענטש

מוז צוימען און גרעניצן זיינע מעגלעכקייטן און אַז בלויז דורך דינען גאָט מיט טיפן וויסן, קען דער מענטש דערגרייכן די מדה פון קדושה. אַזעלכע ענלעכע געדאַנקען ברענגט אַרויס ר׳ צדוק הכהן מלובלין, מער יסודותדיק באַגרינדעט און אַ סך מער אויסגעברייטערט.

אהרן צייטלין, אין זיין חסידות־סעריע 2) שטעלט זיך אָפּ אויף אָט דער אייגנאַרטיקער לערע פון ר׳ מרדכי־יוסף און זיין ממלא־מקום ר׳ יעקב וואָס האָט געלערנט וועגן דער באַגרעניצטקייט פון מענטשנס בחירה, וועגן בחירה מועטת (קנאַפּער אויסוואַל), ווייל ס׳איז דאָ אַ העכערער קאָנטראָל און פאַרשיידענע בירורים.

צייטלין, שיקט אונדז צו די ווערק פון ר׳ צדוק הכהן, בכדי צו קענען גרינטלעך איזשביצער חסידות, ווי דער געטרייסטער תלמיד דעם איזש־ביצערס, האָט דער כהן מיט זיין חריפות און טיף־דענקערישקייט, געוויזן דעם וועג פון לערנען תורה על פי חסידות.

ר׳ גרשון־העניך, זייענדיק דאָס גרויסע אייניקל האָט דאָך זיך פאַרנומען מער אויף אַ ברייטערן, פאָפּולערן וועג — און ער איז גאָר באַרימט געוואָרן דורך זיינע ספרים: „סדרי טהרות״, אין וועלכן ער האָט צוזאַמענגענומען אויף אַ גאונישן אופן אין פאָרמאַט פון אַ גמראָ, אַלע מאמרי חז״ל וואָס זענען נוגע טהרות און צוגעגעבן זיינע אייגענע צוויי פירושים, ווי רש״י און תוספות... דאָס ספר „ארחות חיים״ האָט אויך צו טאָן בלויז מיט הלכה און נאָכדעם האָט ער זיך גענומען צו דער אַנט־דעקונג פון תכלת, שטודירט אַלע פאַזן, סיי פון הלכישן און סיי פון וויסנ־שאַפטלעכן שטאַנדפּונקט — און אַרויסגעקומען מיט די ספרים: „שפוני טמוני חול״; „פתיל תכלת״; „עין התכלת״ מיט אַ צוגאָב פון הלכות עירו־בין. אין די ספרים ווייזט ער זיין בקיאות אין די אַלע ענינים. ער האָט פאַר דעם צוועק געמאַכט עטלעכע נסיעות צום מיטללענדישן ים, באַזוכט דעם אַקוואַריום אין נעאַפּאָל, איטאַליע און אַליין געמאַכט פאַרשיידענע כע־מישע אַנאַליזן מיט די טינט־פיש און איינגעאָרדנט אין ראדזין אַ פאַבריקל און אַ לאַבאָראַטאָריע פון פאַרשיידענע פאַרבן און קאָלירן אין די באַנוצונג פון חלזון.

2) דער מאָרגן־זשורנאַל, מאַי 14, 1950.

ר׳ גרשון־העניך האָט מצליח געווען מיט זיינע אויספאָרשונגען, זיך געגנוי באַקענט מיטן עכטן קאָליר פונעם תכלת און ווען ער איז שוין געווען גוט צוגעגרייט, האָבנדיק פאַר זיך אַלץ וואָס ווערט געזאָגט וועגן תכלת, אָנ־הייבנדיק פון די חכמי התלמוד, ראשונים ווי דער רמב״ם, רש״י ביז די אחרוני הפוסקים, איז ער ערשט אַרויסגעקומען מיט זיין אַנטדעקונג און געפירט אַ העפטיקע פּאָלעמיק מיט גדולי האדמורים און גדולי הרבנים, אַמשאַרפסטן מיטן גערער רבי, דעם שפת אמת, וועלכער האָט ממש געקי־ניגט אין גרויס פוילן, ניט געשאָנעוועט קיינעם, אַפילו ניט דעם גאון הדור ר׳ יהושעלע קוטנער, וועלכער האָט זיך צוריקגעהאַלטן פון געבן זיין הסכמה.

גרויס עגמת־נפש האָט אים פאַרשאַפט, ווען ער האָט אַפילו ניט גע־קענט איבערצייגן זיינע פריינט פון איין חסידות, ווי דעם כהן פון לובלין, דעם שבט מיהודה (ר׳ אברהמעלע איגר) און ניט דעם פוסק אחרון, דעם סאָכאָטשעווער רב, ר׳ אברהם באָרנשטיין. דער רבים האָט ניט אָנגענומען זיין אַנטדעקונג און פאַרגעזעצט מקיים צו זיין די מצווה פון „וראיתם אותו״ אָן „תכלת״.

ער האָט זיך אָבער פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט און זיך געהאַלטן ביים מאמר פון דער גמרא, אַז „דמות הרקיע הנראית לעין השמש בטהרו של רקיע...״ דאָס איז דער תכלת־קאָליר „שעומדת ביפיה ולא תשתנה״.

אינעם ברייטערן טיף־רעליגיעזן בליק, קען מען זען אַ רמז, אַז די תכלת־אַנטדעקונג איז געווען אַן אָנווונק אויף דער אתחלתא דגאולה און די אויפלעבונג פונעם זבולון־ברעג ווו עס איז באַהאַלטן דער חלזון טינט־פיש.

אינעם „ספר ההקדמה והפתיחה״ פון ר׳ גרשון־העניך, וואָס איז לעצטנס אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַ נייער אויפלאַגע פון זיין פלימעניק, ר׳ ירוחם ליינער 3) און וואָס איז אייגנטלעך די הקדמה צום „בית יעקב״ פון זיין פאָטער, געפינט מען די יסודות פון איזשביצע־ראַדזין חסידות און אַ צוגאָב פונעם אור־אייניקל, אַליין אַ למדן מופלג און מחבר פון ספרים,

---

3) עם הוספות מאת כ״ק אדוני אבי מו״ר הרב הקדוש יהושע־העשל זלה״ה, אחי המחבר וגם הערות ומאמר זכרון לראשונים תולדותיהם של צדיקים וספריהם... ממני הצעיר לבית יעקב, ניו־יאָרק, תש״י.

זכרונות און ביאָגראַפישער מאַטעריאַל וואָס וועט זיכער זיין נוצלעך פאַר דעם חסידות־פאָרשער.

אין די „תולדות", ווערט דערציילט וועגן דעם „והמורם מתלמידי מורנו רבי שמחה־בונם זללה"ה הוא כבוד אדוני אבי זקני הרב החסיד הגאון הקדוש מורנו ורבנו מרדכי יוסף... ער שילדערט זיין התנהגות, זיין גדלות, זיינע מדות און זיין גאוניות. עס זאָל הייסן, אַז ער איז ניט סתם אַזוי אַוועק פון קאָצק, ווייל ס'איז אים ניט געפעלן געוואָרן דער קאָצקער דרך און צוליב דעם ווייל ער האָט געוואָלט אַליין פראַוועון רביסטווע. עס איז געווען דערביי כוונה און אויסגערעכנטקייט; עס איז געווען דערביי חשבון און פלאַנמעסיקייט. ר' מרדכי־יוסף האָט געמוזט וואַרטן, ביז ער האָט דערגרייכט צום יאָר, ווען ער האָט געפילט די באַרעכטיקונג צו ווערן מנהיג פון אַן עדה:

„וּאאזמו"ר זללה"ה הוא היה המיוחד בחדר רבינו שמחה־בונם זללה"ה ששימש כל דרכו ולא מש מאהל התורה. ואחר הסתלקות רבינו שמחה־בונם זללה"ה שלש עשרה שנה סבל צער החבאת מערת עדולם שלא הגיע העת עדיין ללמד תורה ברבים בהפרהסיא... עד עת בא דבר ד' והגיע הזמן ורוח ד' לפעמו בשנת שש מאות לאלף הששי, הוא העת אשר עליה רמז רבי שמעון יוחאי בזה"ק וירא (קט"ז, ע"ב) וכד ייתי אלף שתיתאה דאיהו רזא דאו"ז וכו' ושם (קי"ז, ע"א) ובשית מאה שנין לשתיתאה, יתפתחון תרעי דחכמתא לתתא וכו'...". לויט דער ווערסיע האָט דער איזשביצער פלאַנירט זיין הנהגה און דאָס איז ניט געקומען אַלס דער ניט געפעלנדיקייט פון דעם קאָצקערס התבודדות און איינגעשלאָסנקייט; אוודאי ניט צוליב דער שאַרפקייט וואָס האָט געהערשט אין קאָצק. ער האָט פריער פשוט ניט גע־קענט אָננעמען קיין נשיאות...

געפירט האָט ר' מרדכי־יוסף בלויז דרייצן יאָר און איז נפטר גע־וואָרן ז' טבת, תרי"ד אין איזשביצע, אַ ליידנדיקער, דורכמאַכנדיק יסורים של אהבה פאַרן גאַנצן לעבן. זיין איינציקע טרייסט איז געווען, זעענדיק אַ ממלא־מקום, זיין זון ר' יעקב און זיינע תלמידים וואָס האָבן אים אַזוי פיל נחת־רוח פאַרשאַפט.

דאָס אייניקל, ר' ירוחם ליינער, שרייבט וועגן זיידן, דעם בית יעקב: „הוא הרחיב השער הגדול כפתחו של אולם... הוא היה גבר חכם בעוז

הד השכל בעומק הלכה ובקי בש״ס בבלי וירושלמי ומדרש, ספרא וספרי וכתבי האר״י ז״ל...״

אינטערעסאַנט איז די כאַראַקטעריסטיק וועגן ר׳ גרשון־העניך פון מיין רבין, ר׳ יהודה־לייב גרויבאַרט ז״ל, אַ גערער חסיד און גרויסער פאַר־ערער פון קאָצק. ער שרייבט וועגן אים 4):

„היה בקי ברפואות ובעל ידיעה רבה בהנדסה והמציא מכונות שונות; ידע שפת אשכנז כהוגן, היה רגיל לנסוע לצרפת ואיטליה. במסעו בדרך הי׳ כולו איש אירפאי לבוש על־פי המדה האחרונה ואינו נוהג ברבנות״... די קריטיק קעגן אים, איז אַז ער איז דער „איש ריב ומדון...״, ג. שטעלט זיך אַרויס פאַרן שפת אמת און די רבנים וואָס האָבן ניט מסכים געווען צו דער תכלת־אַנטדעקונג. ער גיט אָבער צו, אַז ער איז געווען אַן אויס־געצייכנטע, אָריגינעלע פערזענלעכקייט, אַ מחדש בחסד עליון, גדול בתורה ומרעיש את העולם בהמצאה חדשה ומפליאה...״ און ער דערמאָנט זיין תכלת־אַנטדעקונג און די ווערק וועגן תכלת: פתיל תכלת, עין התכלת, שפוני טמוני חול. ער רעדט וועגן זיין גמרא אויף כלים און אהלות וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס קעגנערשאַפט אין דער רבנישער וועלט. אויך זיינע ספרים אין הלכה ווי דלתות שערי העיר, ארחות חיים און אַנדערע זענען גאונישע ווערק.

ווען ר׳ גרשון־העניך איז נפטר געוואָרן (ד׳ טבת, תרנ״א), אין עלטער פון 52 יאָר, איז דער גרעסטער טייל פון זיין עולם געפאָרן צו זיין זון ר׳ מרדכי־יוסף־אלעזר ליינער, אַ טייל פון זיי איז געפאָרן צו זיין ברודער ר׳ אברהם יהושע העשל (נפטר געוואָרן אין כעלם, כ״ו שבט, תר״פ), וועלכער האָט זיך באַזעצט אין כעלם, אין יאָר תרנ״ב און דאָרט געזעסן על התורה ועל העבודה און געווען שטאַרק באַליבט אין שטאָט 5).

זיין זון ר׳ גדלי׳ איז געוואָרן ממלא־מקומו און דאָרט אומגעקומען צוזאַמען מיט אַלע קדושים. איינער פון זיינע זין וואָס איז לעבן געבליבן און פירט אדמו״רות אין ברוקלין, ניו־יאָרק, ר׳ ירוחם, איז באַקאַנט סיי

---

4) ספר זכרון, הוצ׳ מסורה, לודז, ז״ז 179—180. זע אויך: סיני, טבת, תשי״ט; מיין ספר „לובלין״ און ווייטער, קאַפּ. 16.

5) זע, יזכור־בוך, כעלם, ז׳ 343.

אין דער רבנישער וועלט און סיי אין דער רביי׳שער, אַלס גרויסער למדן און בקי בנגלה ונסתר.

רבי גרשון־העניעכס איינציקער זון ר׳ מרדכי־יוסף אלעזר, איז נפטר געוואָרן כ״ו שבט, תרצ״ו און זיין איינציקער זון ר׳ שמואל־שלמהלע, אַ יונ־גערמאַן, אָבער פון די עילויים אין וועמען מ׳האָט געזען דעם אויפשיינענ־דיקן ר׳ גרשון־העניעך, איז באַרימט געוואָרן אין די יאָרן פון קאַמף און אומקום אַלס איינער פון די העראָישע קעמפּער קעגן די נאַציס (ער איז געווען דער איידעם פון אַמשינאָווער רב, ר׳ יוסף קאַליש).

דער קדוש ר׳ שמואל־שלמה ליינער איז די הויפּט־פיגור אין דער גרויסער פּאָעמע פונעם דיכטער מקונן הקדוש יצחק קאַצענעלסאָן הי״ד א״ב „דאָס ליד וועגן ראַדזינער״, וואָס געהערט באמת צו דער אייביקער ירושה וואָס דער מקונן האָט געשריבן אונטער די אוממענטשלעכע באַ־דינגונגען 6).

דער העלד פון דער אָפּגעפונענער פּאָעמע איז דער יונגער ראַדזינער רבי, וועלכער איז, ווען די נאַציס זענען אַריין קיין פּוילן, אַוועק קיין וולאָ־דאַווע, אַ שטעטל ביי וואַרשע און זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן — און ווי עס ווערט איבערגעגעבן האָט ער פון דאָרט צוזאַמען מיט פּאַרטיזאַנער גע־פירט אַ קאַמף קעגן די נאַציס.

ווען די דייטשן זענען געקומען אים נעמען, דערוויסנדיק זיך וועגן זיין רופן צום קאַמף, איז ער פונקט ניט געווען אין שטוב. דער אַלטער משמש האָט זיך אויסגעגעבן אַלס רבי און די נאַצישע רוצחים האָבן אים געכאַפּט. אָבער באַלד האָבן זיי אויסגעפינען, אַז דאָס איז ניט דער רבי. זיי זענען באַלד צוריק געגאַנגען און געטראָפן דעם רבין. וועלכער האָט זיך קעגנגעשטעלט און אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

זיין טאַט האָט באַגייסטערט אַנדערע און יצחק קאַצענעלסאָן פּאַראיי־ביקט אים אין זיין קלאָג־ליד, געזאַנג ג׳, קאַפּיטל י״ד:

---

6) עטלעכע פּאָעמעס פון יצחק קאַצענעלסאָן האָבן זיך אָפּגעפונען אינעם צווייטן טייל פונעם רינגלבלום־אַרכיוו, וואָס איז אַנטדעקט געוואָרן אין דעצעמבער, 1954, אונטער די חורבות פון נאָוואָליפּקי 68, וואַרשע, און זענען צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די ידיעות בית לוחמי הגיטאות ע״ש יצחק קצנלסון, כ״ז ניסן, תשט״ו (19טער אַפּריל, 1955).

דאָס האָט פון באַגינען געדויערט ביז שפּעט —
מען זעט זיי די בערגלעך ערד נאָך, מען זעט,
מען ליגט, כאָטש באַזונדער און נאָענט אַזוי נאָענט
און ס׳רעדט יעדער בערגל און מאָנט וואָס און מאָנט
— — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

ייִדן מיליאָנען דערשטיקט און פאַרסמט
וואָלטן זיך ווינטשן אַזאַ הייפל זאַמד...
מען האָט אייך צו קבר ישראל געבראַכט —
שלאָפט־זשע... פינצטער פאַלט צו באַלד די נאַכט.
און שטילער די פיין שוין און שטומער דער ווײ —
יתגדל! אָ ווער? ווער זאָגט קדיש נאָך זיי?
דער רבי, דער רבי זאָגט קדיש, ער זאָגט
אַ ווינט, בלינד, ניט זעעוודיק קומט און צעטראָגט.
די ווערטער, די טרויעריקע ווייט און געשווינט
און ס׳ענטפערן ייִדן אָפּ אָמן אין ווינט.
אַליין דער ראַדזינער, דער רבי אַליין —
דער רבי זאָגט קדיש און עמיצער וויינט...

ר׳ שלמהלע איז געוואָרן רבי אין 1929, בעת דער שרייבער פון די שורות, האָט געוווינט אין וואַרשע. מ׳האָט געשטראָמט צו זיינע טישן, הערן זיין פייערדיקע תורה. ער האָט זיך געפירט אַנדערש, זיך געקליידט אַנ־דערש, געטראָגן אַ פּויליש היטעלע אַנשטאָט דעם שוואַרצן קאַפּעליוש. ער האָט ניט געוואָלט זיין קיין מתבודד, געוואָלט זיין מיטן פאָלק און ער האָט געענדיקט מיטן פאָלק.

ער, צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער האָט זיך געיאָגט מיט די שונאים, געלאָפן פון אָרט צו אָרט, פון וואַלד צו וואַלד, געלאָפן קיין לובלין, אַליין געבראַכט קדושים צו קבר ישראל, געגראָבן קברים פאַר ייִדישע מתים און ניט געוואָלט דערלאָזן, אַז די רוצחים זאָלן שענדן ייִדישע מתים און פון אָט דעם פּאַסיוון קאַמף, איז ער אַריבער צום אַקטיוון און אַרויסגעוויזן פּאַקטישע העלדישקייט.

ר׳ שלמהלע פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אינעם קאַפּיטל פונעם העלדישן קאַמף קעגן די ברוינע חיות וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין ווילדן געיעג פאַרצוקן מיליאָנען יידן — און וואָס קענען מיר מער צוגעבן, ווי בלויז נאָכזאָגן דעם יתגדל פון ז. סעגאַלאָוויטש:

„וואָס איז פאַרבליבן אונדז מער,
ווי די דורכגעגליטע טרער,
אויף די קבֿרים, אויף דעם אַש,
יתגדל ויתקדש״...

4. סאָכאַטשעווער חסידות

סאָכאַטשעווער חסידות איז וואָס אַן אמת, אַן אָפּצווייג פון קאָצק, דאָך באַטראַכט מען סאָכאַטשעוו פאַר אַן אייגנאַרטיקן חסידישן אומאָפּהענגיקן דרך, ווייל ער שטעלט מיט זיך פאַר בעיקר לומדות און גאונות.

צוויי וועלט־גאונים אין לומדישן זין, האָבן גלייכצייטיק געלויכטן אין פוילן: ר׳ יהושעלע קוטנער (ר׳ ישראל יהושע טרונק, תקפ״א—תרנ״ג) און ר׳ אברהמעלע סאָכאַטשעווער (ר׳ אברהם באָרנשטיין, תקצ״ט—תרע״א), איינער עלטער פונעם צווייטן — און דאָך ווערןביידע געשטעלט כמעט אויפן זעלביקן אָרט אַלס תלמודישע אויטאָריטעטן, פוסקים אחרונים אין דער רבנישער וועלט; ביידע ווערן באַטראַכט פאַר די פּערל פון קרוין־פוילן, ווי קאָצק, די קרוין פון חסידות פוילן, וואָס דער ערשטער האָט אָפּגע־שטאַמט פון פאָלקס־מענטשן, געשמאָלצן מיט גדולי תורה און דער צוויי־טער לויטער יחוס, אויפגעהאָדעוועט אין זייד, קינד פון דורות רבנים, זון פון באַוווּסטן ביאַלער רב ר׳ נחום־זאב, איינער פון די מקורבים ביי ר׳ מענדעלע קאָצקער, פריִער רב אין אלקוש און שפּעטער אין ביאַלע, מחבר פון ספרים, למדן און חסיד.

ר׳ אברהמעלע איז שוין אַלס קינד געווען באַרימט אַלס גרויסער עילוי. צו 12 יאָר האָט מען אים פאַרגעשלאָגן אַ שידוך מיטן סאָנדזער רבס טאָכטער און ווי חסידים דערציילן, איז זיין פאָטער געפאָרן מיט אים

קיין סאנדז און ר׳ חיים האָט פאַרהערט דעם חתן־בחור. דער יונגער בחור איז אָבער געווען זייער שאַרף און דרייסט זיך מפלפל געווען מיטן רבין אין לערנען... ווען דער רבי האָט אים געוואָלט נאָכאַמאָל פאַרהערן, האָט דער חתן־בחור אָנגעהויבן מיט אַ ניגון ווי מען לערנט גמרא:

— ס׳איז מיר שטענדיק קשה געווען, וואָס איז דער טעם וואָס מען פאַר־הערט אַ חתן? איז עס דאָך צוליב דעם, ווייל „כל הנותן בתו לעם הארץ כאלו כופתה ומניחה לפני ארי״ (דער וואָס גיט זיין טאָכטער צו אַן עם הארץ, איז ווי ער וואָלט זי געבונדן און איבערגעגעבן צו אַ לייב), אויב אַזוי, דאַרף מען דאָך דעם מחותן אויך פאַרהערן, ווייל די גמרא זאָגט דאָך, אַז מען זאָל ניט נעמען די טאָכטער פון אַן עם הארץ...

דער ענטפער איז, דעם מחותן האָט מען שוין פאַרהערט, ווען ער איז געוואָרן חתן. דאָס איז אַלץ ריכטיק, אויב מען נעמט אָן, אַז עס איז גענוג איינמאָל צו פאַרהערן... אויב אָבער, דער רבי וויל מיך נאָכאַמאָל פאַרהערן, הייסט עס דאָך, אַז איינמאָל איז נישט גענוג, אויב אַזוי, דאַרף מען דעם מחותן אויך נאָכאַמאָל פאַרהערן...

סיי דער רבי, און סיי דער פאָטער, זענען געבליבן ווי פאַרשטיינערט פונעם בחורלס חוצפה און עס איז געוואָרן אויס שידוך.

ר׳ חיים סאנדזער האָט צוגעגעבן: ס׳איז טאַקע אַ שיין פשטל, אָבער דאָס איז בעסער פאַר קאָצק...

און אַזוי איז טאַקע געווען, ווען פאָטער און זון זענען אַהיימגעקומען קיין עלקוש, האָט אַ שדכן פאָרגעשלאָגן דעם שידוך — און זיי זענען אַוועק קיין קאָצק.

דער קאָצקער רבי האָט געהאַט אַ צווילינג: צוויי טעכטער פון זיין צווייט ווייב, ר׳ משה חלפנס טאָכטער פון וואַרשע, האָט ער פאַר איינער פון זיי גענומען דעם יונגן עילוי, אים געגעבן קעסט, ניט געלאָזט זיך מישן צווישן עולם, נאָר תמיד געהייסן זיצן און לערנען, ווי ער איז געווען גע־ווינט פון פריער.

אינטערעסאַנט איז, אַז אויך דער חדושי הרי״ם, וועמעס פרוי איז געווען אַ שוועסטער פון דער קאָצקער רביצין, האָט אויך געוואָלט ר׳

אברהמלען ר' וועלפושעס פאַר אַן איידעם — אָבער ער האָט אים געמוזט אַוועקגעבן זיין רבין און שוואָגער, דעם קאָצקער 1).

ר' אברהם, דער גרויסער פוסק און מחבר פון די מאָנומענטאַלע הלכה־ספרים, ווי „אגלי טל" (אויף די ל"ט מלאכות פון שבת), „אבני נזר" (שו"ת אויף די פיר חלקים שו"ע), איז געבוירן געוואָרן אין בענדין, פוילן, אין יאָר תקצ"ט. זיין פאָטער, ר' זאב־נחום, איז געווען אַ גרויסער למדן און מחבר פון ספרים, האָט געשטאַמט פון רמ"א און פון ש"ך 2) און איז געווען באַרימט מיט זיין התמדה אין לערנען. זיין זון האָט אים אָבער איבערגעיאָגט סיי אין התמדה און סיי אין חריפות און נאָך אַלס קינד האָט ער פאַרענטפערט און אויפגעקלערט פאַרשיידענע שווערע שטעלן אין תלמוד און דער פאָטער איז דערפון געווען שטאַרק צופרידן, געשעפּט נחת־רוח, ווייל אַ טאַטע האָט דאָך ניט קיין קנאה... כלום אדם מתקנא בבנו?

און אַן אומגעווייניטלעכע ליבשאַפט האָט געהערט צווישן דעם שווער, דעם שאַרפן קאָצקער און דעם שטילן, רויקן בעל־מוח און בקי, דעם יונגן אברהמעלע. דער קאָצקער פלעגט נאָכזאָגן חידושים און פּילפּולים פון זיין ליבלינג־איידעם. אויך אין פאַרערן גדולי הדור, האָבן ביידע געהאַט דיזעלביקע מיינונג.

דער קאָצקער האָט תמיד אַרויסגעוויזן געוואַלטיקע פאַרערונג צום מהר"ל מפראַג און שטאַרק געהאַלטן פון זיינע ספרים. ער אַליין האָט זיך באַמיט אַרויסצוגעבן זיינע ספרים און זיי געהאַלטן פאַר די וויכטיקסטע ספרים אין חסידות 3), אָנזאָגנדיק זיין תלמיד ר' נחום ליפּנער, אַז ער זאָל ניט לערנען אין קיין אַנדערע ספרי חסידות, אויסער די ספרים פון מהר"ל, האַלטנדיק, אַז אין זיי געפינט מען די עיקרים פון חסידות און געוואָלט אַז זיין

1) זע, צבי יהודה הלוי מאמלאק מקאַליש, אביר הרועים, ז"ז י"ז—י"ח; י"ט—כ"ב: דאָרטן, אַז דער סאנדזער האָט געהאַלטן אַז שולדיק זענען געווען זיינע קינדער און אַז דאָס איז געווען די סיבה, וואָס סאנדז האָט געהאַט תרעומות אויף קאָצק.

2) זע, הקדמה צו אגלי טל און צו די שו"ת אבני נזר, או"ח תפ"ו, אהע"ז קל"ה און אַנדערע מקומות; אביר הרועים — באריכות.

3) זע, „פירושי מהר"ל מפראַג, ר' יהודה ליוואי ב"ר בצלאל ז"ל, מבוא, מאת משה־שלמה כשר, ויעקב יהושע בלכרוביץ, ירושלים, תשי"ח, ז 28, ציטירט פון א. גוטסדינר, „הארי שבחכמי פראג", עמ' רנ"ד.

איידעם ר׳ אברהמעלע זאָל דערגרייכן די מדרגה פון מהר״ל 4). דער איידעם ווידער האָט געהאַלטן, אַז זיין שווערס לערנען איז אויפן שטייגער פון מהר״ל 5).

קלאָר איז, אַז קאָצקער חסידות האָט זיך שטאַרק סומך געווען אויף די ספרים פון מהר״ל 6). אָבער, ווי דער קאָצקער דרך איז געווען, צו לערנען מיט שכל און מיט אַ קריטעריום.

איז באַקאַנט די מעשה, ווען ר׳ יצחק וווּרקער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער שווערער שטעלע אין „דברי חיים״. אין וועלכער דער מהר״ל דריקט זיך אויס, אַז ביי אברהם אבינו איז געשריבן „ושני נעריו עמו״ און ביי בלעם „ושני נעריו אתו״, וואָס דער פאַקט איז, אַז אין דער תורה געפינען זיך די פסוקים פונקט אויפן פאַרקערטן אופן און אַלע מפרשים באַמיִען זיך דאָס צו פאַרענטפערן. אָבער ר׳ מענדעלע, האָט געפרעגט ביים וווּרקער רבין: — יצחק, וואָס זאָגסטו?

האָט דער וווּרקער געענטפערט: — חלילה וחס צו באַהויפּטן, אַז דער מהר״ל זאָל געווען מאַכן אַ טעות...

האָט אים ר׳ מענדעלע געזאָגט:

— און איך זאָג דיר, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות, אַז מן השמים האָט מען אים געוואָלט ווייזן, אַז אַ מענטש קען מאַכן אַ טעות, אַז ער איז אַ בשר ודם... 7)

ר׳ אברהמעלע סאָכאַטשעווער, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט וועגן שווער, אַז ער האָט געזען אַ סך רבנים און אדמורים — אָבער זיין שווער איז אַ מלאך ד׳ צבאות, דריקט זיך אויך אויס, אַז בלויז דריי קען ער וואָס האָבן געהאַט דעם אומגעוויינטלעכן שכל: דער מהר״ל; דער בעל התניא; און דער קאָצקער...

ווי דער שווער האָט ער אויך פאַרגעזעצט שטענדיק צו לערנען אין די ספרים פון מהר״ל און בעת זיין פטירה, געהייסן זיך ברענגען דעם ספר „נתיבות עולם״, דאָרט געקוקט און געקוקט, פאַרקנייטשט עטלעכע

---

4) זע, אביר הרועים, אות קל״א.
5) שיח שרפי קודש, ג׳, ז׳ 11.
6) מבוא. דאָרט, ז״ז 29—30.
7) דאָרט, ז׳ 31; אביר הרועים, מ״ח — באריכות.

בלעטער און ווידער געבלעטערט... און אויף אים, האָט דאָך דער שווער געזאָגט: אַזאַ הויכע נשמה, איז שוין לאַנג ניט געקומען אויף דער וועלט, ער האָט אַ מוח פון ר׳ יונתן אייבעשיץ 8).

ר׳ אברהמעלע האָט אַמאָל געזאָגט אויף זיך, בעת ער האָט זיך באַ־קלאָגט אויף דער עלטער, אַז ער פילט זיך שוואַך, אַז די כוחות פון לערנען ווערן אָפּגעשוואַכט, אַז ווען ער איז אַלט געווען דרייצן יאָר, האָט ער געהאַט אויפן קאָפּ גאַנץ ש״ס בבלי מיט תוספות און אַז צו פערצן יאָר, ווען ער איז געוואָרן דעם קאָצקערס איידעם (דער קאָצקער האָט זיך געבייזערט אויף דעם מחותן, זיין פאָטער, פאַרוואָס ער האָט אים געמאַכט אַזעלכע טייערע קליידער, ווייל ער וועט דאָך אויסוואַקסן פון זיי), האָט ער אונטער דער חופה געזאָגט אַ פּלפּול פון עטלעכע שעה 9).

און פונקט ווי דער שווער האָלט פונעם איידעם, אַזוי האַלט דעם איידעם פונעם שווער. ער רעדט תמיד פון אים מיט התלהבות און גרויס באַגייסטערונג. ער שרייבט וועגן ר׳ מענדעלע קאָצקער:

„אחרי כן נכנסתי לפני ולפנים לבית חמי אדמו״ר זצ״ל מקוצק, מקור החכמה והתבונה, ממנו דרכי העיון למדתי... ולא יאומן כי יסופר השגחה הגדולה אשר השגיח עלי בעינא פקיחא גם בענין סדר הלימוד והחידושים״.

דער פאָטער זיינער, איז געוואָרן רב אין אלקוש, אַ שטעטעלע אין פוילן און נאָכדעם אין ביאַלע, ווו ער האָט געלערנט תורה טאָג און נאַכט, אַזוי אַז די צדיקי הדור האָבן געזאָגט, אַז אין זיין זכות פון לערנען עקזיס־טירט די וועלט פורים נאַכט, ווען יעדער איז פאַרנומען מיט סעודת פורים — און ער איז אַפילו דאַן ניט מבטל פון לערנען. האָט מען אים מזכה געווען מיט אַ זון וואָס האָט אים איבערגעשטיגן און שוין אַלס יונג בחורל, שרייבט ער, האָט ער געזאָגט פּלפּולים: „ועוד כך הוינאָ טליאָ למדתי אצל אאדומו״ר זצ״ל דרכי הפלפול וכד הוינאָ כבר עשר חידושים חדשתי״. אַלס צען יאָריק יינגל געזאָגט חידושים.

צו איינעם פון די גדולים שרייבט ער:

„לאשר כבוד תורתו כתב כי איננו מכיר את שמי, אכתוב שם מש־

8) זע רבי צבי יהודה מאמלאק, אביר הרועים...

9) אביר הרועים ז״ז כ״ה און ל״ט.

פחתי, אבי הריני כפרת משכבו, חי׳ הגאון מו״ה זאב־נחום האבד״ק ביאַלאַ רבתי, חותני הי׳ הרב הדומה למלאך ד׳ צבאות מו״ה מנחם מנדל זצללה״ה מקאָצק״. דער יחוס פוןביידע: פאָטער און שווער צוזאַמען.

ס׳איז אַמאָל געקומען צו אים אַ יונגערמאַן זיך מפלפל זיין. ער איז שוין דאַן געווען אין די מיטעלע יאָרן, פאַרטאָן אין חסידות און הלכה למעשה לערנען. ער האָט מיט דעם יונגנמאַן זיך מפלפל געווען, ווי ער פלעגט דאָס טאָן אין דער יוגנט. צום סוף רופט ער זיך אָן צו אים:

„גלייב מיר, אַז אויך איך בין אַמאָל געווען אַן עילוי. און ווען איך בין נאָך געווען גאָר יונג, האָב איך געקענט גאַנץ ש״ס אויף אויסנווייניק. ווען איך בין אָבער געקומען קיין קאָצק, האָב איך אויסגעפינען און בין געוואָרן איבערצייגט, אַז ניט דאָס איז דער תכלית און דאַן אָנגעפאַנגען לערנען פונדאַסניי, מיט פאַרטיפונג און התמדה 10).

און ווי דער איידעם, אַזוי האָט דער שווער פון זיין זייט תמיד אַרויס־געוויזן די גרעסטע ליבשאַפט צו זיין איידעם — און אים דערמאָנט צוזאַ־מען מיט דער חבריא קדישא, ווי ר׳ וואָלף סטריקאָווער, ר׳ העניך פון אַלעקסאַנדער, דעם חדושי הרי״ם און אַנדערע.

נאָך דער הסתלקות פון ר׳ מענדעלע קאָצקער, איז ר׳ אברהמעלע פריזער געפאָרן צו ר׳ העניכן קיין אַלעקסאַנדער, נאָכדעם צום חדושי הרי״ם און געוואָלט שוין בלייבן דאָרט אַלס שטענדיקער חסיד און פאָרער, אָבער מורא געהאַט צוליבן גרויסן כבוד וואָס מ׳האָט אים דאָרט צוגעטיילט און זיך אויסגעדריקט צו זיין ידיד ר׳ יחיאל מאיר גאָסטינינער, אַז מ׳דאַרף האָבן באַזונדערע זהירות, ניט נכשל צו ווערן דורכן כבוד...

גאָר אַ באַזונדערע פריינטשאַפט האָט געהערשט צווישן אים און דעם גאון הדור ר׳ יהושעלע קוטנער, וועגן וועמען ס׳איז לעצטנס אַ סך געשריבן געוואָרן דורך דעם אור־אייניקל י. י. טרונק 11) און ווי שוין דערמאָנט פריזער, דורך הרב יהודה אבידע (י. ל. זלאָטניק) אין זיין קאָלאָסאַל־וויכ־טיקער היסטאָריאָגראַפישער אַרבעט א״נ „עבודה לדורות״ 12).

---

10) דאָרטן באריכות. דאָס זעלביקע האָט געטראָפן ביי ר׳ צדוק כהן מלובלין.

11) אין זיינע ווערק „פוילן״.

12) דערשינען אין „הצופה״ פון יאָר תשט״ז און תשי״ז.

ר׳ יהושעלעס מוטער איז געווען אַ קיילעכדיקע יתומה אין פלאָצק 13), ווו זי האָט זיך דערנערט פון אַ שפייז־געוועלבל. האָט זיך צו איר געשדכנט אַ פעטער, אַ רייכער — אָבער ווייט פון זיין אַ בן־תירה, האָט זי ניט גע־וואָלט מיט אים חתונה האָבן און איז אַריבערגעגאַנגען צום שטאָטישן רב, ר׳ לייב חריף, אים בעטנדיק, ער זאָל פאַר איר אויסזוכן אַ תלמיד־חכם. האָט ער איר געזאָגט, אַז ער האָט פאַר איר אַ שידוך, אַ מלמד וואָס קען גוט לערנען, אָבער אַ מטופל מיט קינדער פון דער ערשטער פרוי און שוין ווייט ניט קיין יונגערמאַן... זי האָט איינגעוויליקט און חתונה געהאַט מיט ר׳ דוד מלמד — און פון דעם זיווג איז געבוירן געוואָרן דער איינציקער זון ר׳ יהושעלע (געב׳ כסלו, תקפ״א). ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן ישראל יהושע: ישראל, — ער זאָל זיין אַ חסיד ווי דער בעש״ט און יהושע — אַ חריף ווי דער פני יהושע און צווישןביידע שמות אליהו צו האָבן די גאונות פון ווילנער גאון... 14)

דער פאָטער ר׳ דוד איז געשטאָרבן, ווען דאָס עילוישע יינגל איז קוים אַלט געווען עלף יאָר און דאָס אָרימע יינגל איז געזעסן און געלערנט ניט מבטל געווען קיין מינוט אויף ליידיק גיין, אַפילו ניט אויף אָנשמירן פוטער אויפן שטיקל ברויט 15) און באַרימט געוואָרן פריִער אין פלאָצק און פון דאָרט אין דער גאַנצער יידישער וועלט אַלס דער גרויסער בקי און געוואַלטיקער חריף... ער האָט אַלץ געקענט אויף אויסווייניק און ווי זיין אייניקל זאָגט עדות, איז בכלל קיין שכחה ניט געווען פאַר אים, ניט בלויז ש״ס געקענט אויף אויסנווייניק, נאָר אויך דעם רמ״א און אַלע ראשוני

---

13) זע, אבידע, אינטערעסאַנטע פרטים פונעם שידוך און פון דער קינדהייט פון ר׳ יהושיעלע.

14) זען אבידעס אין הצופה און נאָכבאַמערקונגען. אַ שאָד וואָס די אַרבעט איז נאָך ניט דערשינען אין בוך־פאָרעם.

15) זע, באריכות די ביאָגראַפיע, געשריבן פון זיין אייניקל, ר׳ יצחק יהודה טרונק (ממלא מקום פון זיין פאָטער און זיידע אין קוטנע) א״נ „תולדותיהם של צדיקים״, ביים סוף פון ספר ישועות מלכו (ר׳ יהושילעס ספר,)אַרויסג׳ פיטרקוב, תרפ״ז; זע אויך, „פוילן״, ב׳ און ג׳ — וועגן דעם דאָזיקן מערקווירדיקן גאון און די סביבה אין וועלכער ער האָט געלעבט; זע אויך, ד. ווייסבורד, ארזי הלבנון, ז״ז 126—131.

הפוסקים, זענען געווען שגור אין זיין מויל, ניט צו דאַרפן נאָכקוקן...

ווען ר׳ יהושעלע איז געוואָרן בר־מצוה, האָט אים גענומען די טאָכטער פונעם גביריש־למדנישן מתנגד ר׳ איטשעלע פּלאָצקער אַלס איידים (ר׳ אי־טשעלע האָט זוכה געווען אַז זיינעביידע אייניקלעך זאָלן האָבן פאַר מענער די צוויי גדולי הדור, ר׳ יהושעלע און ר׳אברהמעלע טשעכאַנאָווער) און ווי עס איז באַוווסט איז ער איינמאָל געפאָרן קיין קאָצק, דאָרט געווען 14 וואָכן, אָבער דער קאָצקער האָט אים אַרויסגעשיקט. ווייזט אויס, באַמערקט הרב אבידע, אַז דער רבי האָט געזען אַז ער האָט בלויז מוח און מחשבה פאַר תורה... (ער האָט אים געזאָגט: „דו פאַר אַ היים און זיץ און לערן, און לאָמיר זען וואָס ס׳וועט פון דיר זיין" — אבידע).

אין עלטער פון ניינצן יאָר, אין יאָר ת״ר, איז ער געוואָרן רב אין שרענסק, פּלאָצקער געגנט, און דאָרט געזעסן זיבן יאָר, גוטע זיבן יאָר, אפשר די בעסטע שבע השנים הטובות... אין זיין לעבן אינעם שטעטל ווו עס זענען געבוירן געוואָרן די ברידער גרויבאַרט, איינער פון זיי, מיין רבי מובהק, ר׳ יהודה־לייב ז״ל.

אין יאָר תר״ז איז ער געוואָרן רב אין גאָמבין, די שטאָט פונעם „מגן אברהם" (הרב זלאָטניק איז דאָרט געווען רב און באַקאַנט אַלס גאָמבינער רב). דאָרטן האָט ער זיך אַ סך אָנגעליטן. דער עילוי־שער יונגערמאַן האָט זיך ניט געקענט צופּאַסן צו אַזאַ רבנות וואָס האָט געפאָדערט שטענדיקן קאַמף מיט פאַרשיידענע עזי־פּנים און דאָרט געווען בלויז 3 יאָר (אין על־טער פון 23 ביז 26 יאָר) און ממש אַנטלאָפן פון דאָרט[16]. די סיבה ווערט אָנגעגעבן, צוליב אַ חזן־שו״ב מחלוקת, ער האָט ניט געהאַט קיין סבלנות אויסצוהערן די שירים און נגינות פונעם חזן, ווען די בעלי־בתים האָבן

16) הרב אבידע, גיט איבער אַז די גאָמבינער אַפילו אין זיין צייט האָבן ניט געוואָלט רעדן וועגן יענעם טונקעלן פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דעם ישוב — זע, „הצופה" א׳ סיון, תשט״ז — 56 .5 .11. מעגלעך, אַז דאָס האָט אויך צו טאָן מיטן אַפאָריזם פון „אין נביא בעירו" — ער איז דאָך דערצויגן געוואָרן און פון דאָרט אַרויסגעוואַקסן צו באַרימטקייט אינעם דערפל אַסמאַלאָן ביי גאָמבין, וואָס האָט ביז 1939 געציילט אַרום 3,000 מענטשן — אַ לומדיש־השכלה שטאָט, אין שכנות פון זשיכלין און גאָסטינין.

גראָד יאָ געהאַט גרויס הנאה און ליב געהאַט חזנות — ער האָט זיך וועגן דעם שאַרף אויסגעדריקט, אַז בלויז די שניידער און שוסטער דאַרפן אים האָבן... און די ווערטער האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסע רעאַקציע קעגן אים.

הרב אבידע האָט באַמערקט, אַז דער פאַל איז געווען אַ יחיד במינו, אַז יידן פונעם גאַנצן לאַנד זאָלן זיך אַרויסשטעלן פאַר אַזאַ יונגינקן רב.

פון גאַמבין, איז ר׳ יהושעלע אַוועק אַלס רב אין יאָר תר״י קיין ווורקע, דאָרט שוין געהאַט געניג כבוד, געווען שטאַרק באַליבט און „דער יונגער ווורקער״, ר׳ מנחם־מענדל 17) האָט אים אויסערגעוויינטלעך מכבד געווען, אַפילו געוואָלט צאָלן פאַר זיין איינקונפט עטלעכע רובל אַ וואָך, בכדי ער זאָל בלייבן אין ווורקע, דאָרט שוין געקראָגן שאלות ותשובות פון באַרימטע רבנים. ער האָט אָבער דאָך אָנגענומען די רבנות אין פול־טוסק און געוואָרן זייער באַפריינדעט מיטן חדושי הרי״ם, פון וועמען ער האָט שטאַרק געהאַלטן, שרייבנדיק אין שייכות מיט דער שאלה וועגן מאַ־שין־מצות (תרמ״ו); חלילה לנהוג כן, אחרי שזה לערך שלשים שנה שאָסרו אותם כל גדולי ישראל שבמדינתנו ובראשם הגאון המנוח אבד״ק טשעכאַ־נאָווי והגאון מו״ה ר׳ יצחק־מאיר זצ״ל מגור״ 18).

ר׳ יהושעלע קוטנער איז געוואָרן דער גאון הדור — און זייענדיק דער גאון פון זיין צייט, איז ער געוואָרן נאָענט באַפריינדעט מיטן יונגן עילוי און שטאַרק אים מקרב געווען, אים אַפילו געשאַפן דאָס ערשטע רבנות אין קרושניעוויץ. אין אַ בריוו צו אים אין יענער צייט, שרייבט ער אים מיט אַזאַ טיטל:

„לכבוד ידידי הרב הגאון הצדיק בוצינאָ קדישאָ חסידאָ ופרישאָ, נר ישראל, עמוד העולם, פטיש החזק, מופת הדור, המאיר לארץ ולדרים, הנשר הגדול בעל כנפים, ברוחו פי שנים, שושן סודות, בנגלה ובנסתר, לו עשר ידות, כקש״ת מוהר״א נ״י אבד״ק קרושנביץ יע״א״.

אין זיין „עבודה לדורות״, דערציילט אונדז הרב אבידע וועגן דעם ערשטן צוזאַמענטרעף פון די צוויי גאוני הדור 19), אַז דאָס איז פאָרגע־

---

17) זע, מאמר פון הרב אבידע, „הצופה״, א׳ סיון תשט״ז — 11.5. 56; הרב א. י. בראָמבערג: „בית וורקי ואמשינוב״; ר„ יעקב ורדיגר, זכותא דאברהם א״אַ.

18) דאָרט, באריכות.

19) דאָרט, באריכות.

קומען אויף דער חתונה פון ר׳ יהושעלעס בן־יחיד ר׳ משה־פינחס (ממלא־מקומו אין קוטנאָ) וועלכער איז דאַן קוים געווען אין בר־מצוה עלטער און די כלה — אַן אייניקל פון ר׳ ישעיהלע פראַגער (פון פּאָטערס צד) און פון דעם ערשטן וואָרקער רבין (פון מוטערס צד). דאָס איז געווען אַ חתונה צו וועלכער מ׳איז געקומען פון גאַנץ פּוילן, ווייל אויסער די גרויסע זייַדעס, זענען צו דער חתונה געקומען די פעטערס, דער „מיטעלער״ וואָרקער ר׳ מנחם־מענדל און זיין ברודער ר׳ דוד פון אַמשינאָוו און צווישן די געסט איז אויך געקומען דער יונגער גאון ר׳ אברהמעלע, דער איידעם פון קאָצק, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקצ״ט (יונגער פון ר׳ יהושעלען מיט אַכצן יאָר) און ווען די חתונה איז פאָרגעקומען, אין יאָר תרכ״ז, איז ער אַלט געווען 28 יאָר און שוין דאַן געווען רב אין קרושנעוויץ.

ווי אַזוי די צוויי גאונים האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן און וואָס עס האָט געטראָפן מיט זיי בעת יענעם שמחותדיקן צוזאַמענטרעף, ווערט געשילדערט דורך י. י. טרונק [20], וועלכער גיט איבער פאָלגנדיקס:

אַ ייִדישער פּראָפּינאַטאָר וואָס האָט געוווינט אין אַ שטעטל ביי קרושניעוויץ, האָט געהאַט אַ גרויסן סקלאַד מיט בראָנפן און פלעגט דעם בראָנפן פאַרקויפן צו די אַרומיקע קרעטשמער... פאַר פסח פלעגט ער מאַכן אַ שטר־מכירה... איינמאָל, עס איז שוין געווען דער לעצטער טאָג פסח, האָט דער רב זיך דערמאָנט, אַז דאָס יאָר האָט ער נישט ריכטיק אויפגעשריבן דעם שטר־מכירה... דער רב איז ממש אויפגעציטערט געוואָרן, טראַכטנדיק וואָס דאָ וועט ווערן פון דעם פּראָפּינאַטאָר אַן אָרעמאַן מיט איינמאָל: חמץ שעבר עליו הפסח פון וועלכן מ׳טאָר אַפילו קיין הנאה ניט האָבן — און אַלץ צוליב אים, צוליב זיין טעות...

צומאָרגנס, אסרו־חג, איז ער זאָפאָרט געלאָפן צום פּראָפּינאַטאָר, ווען יענער האָט זיך געפילט גאָר גוט... און אים אָנגעזאָגט די שרעקלעכע בשורה. ר׳ יאַנקל — ווי זיין נאָמען איז געווען — איר זענט געוואָרן אַן אָרעמאַן, אַן אומגליק האָט געטראָפן... איר זענט געוואָרן בדלות... חמץ שעבר עליו הפסח...

מ׳האָט באַשלאָסן פאָרן צו ר׳ אברהמעלע קיין קרושניעוויץ, הערן

---

20) י. י. טרונק „פּוילן״, ערשטער באַנד.

וואָס דער גאונישער רב האָט צו זאָגן וועגן דעם... נאָך לאַנגע זוכענישן, האָט דער קרושניעוויצער רב אים געזאָגט, אַז ער קען גאָרנישט ניט טאָן און גערעכטן דעם שטעטלשן רב פאַרן קיין קוטנע, פרעגן ביים קוטנער רב און אויך אים אָנגעזאָגט, אויב ר׳ יהושעלע וועט זאָגן, כשר, טאָ זאָגט אים, ער זאָל נאָכקוקן דעם און דעם תוספות...

זיי זענען אין איילעניש אַוועק צו ר׳ יהושעלע — און דער קוטנער האָט תיכף געפסקנט: כשר!

דער רב, מיט דער שאלה, האָט אָבער ניט געוואָלט פאַרהוילן פאַר ר׳ יהושעלע דאָס וואָס דער קרושנעוויצער גאון האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אַריינקוקן אינעם תוספות...

ר׳ יהושעלע האָט אויסגעהערט און עילוייש געענטפערט:

— וואָס מיינט דער קרושניעוויצער רב, אַז איך ווייס נישט פון דעם תוספות? איך ווייס!... דער בראָנפן איז כשר!

דאָס האָט גורם געווען אַ ביסל תרעומות און רכילותניקעס האָבן געאַרבעט מעשים אויף צו שאַפן אַ רוגז — און ס׳האָט אַ שטיקל צייט געווירקט, אַז דיביידע זאָלן זיך האַלטן פונדערווייטנס... אויף דער חתונה האָט מען זיך צוריק איבערגעבעטן. אין טרונקס ווערטער:

...„ענדלעך, פאַר מיין טאָטנס חתונה, איז געשלאָסן געוואָרן דער גרויסער שלום, און דער קרושניעוויצער רב, דער גאון ר׳ אברהמעלע, איז דעמאָנסטראַטיוו געקומען אויף דער חתונה, ווו ער האָט זיך טאַקע איבערגעבעטן מיט מיין זיידן, דעם גאון ר׳ יהושעלע קוטנער״.

די פריינטשאַפט צווישן די צוויי גדולים האָט אָנגעהאַלטן כל ימי חייהם!

ווי געזאָגט, איז ר׳ אברהמעלע פריִער געווען רב אין פאַרצעוו (תרכ״ג־תרכ״ו), ווו ער האָט ממש געליטן דחקות און נאָכדעם געקראָגן דאָס רבנות אין קרושנעוויץ (תרכ״ו—תרכ״ז) און זיך אָנגעליטן פון רדיפות מצד קאָצקער חסידים (זיינע חסידים־מקורבים), וואָס האָבן געהאַלטן, אַז ער דאַרף פאָרן צו זיין שוואָגער ר׳ דוד, דעם ממלא־מקומו פון זיין שווער און ער איז גאָר געפאָרן צום חדושי הרי״ם.

ער איז דעריבער אַוועק פון דאָרט און אָנגענומען רבנות אין נאַשעלסק, ווו ער האָט זיך ווידער אָנגעליטן פון מסירות און אין יאָר תרמ״ג, נאָך

דער פטירה פון ר׳ אלעזר פולטוסקער, איז ער אויף דער באַמיזונג פון ר׳ חיים אלעזר וואַקס, דער בעל נפש חיה, רב אין קאַליש און ר׳ יהושעלעס איידעם, געוואָרן רב אין סאָכאַטשעוו, ווו ער האָט געלעבט אין גרויס כבוד, ווערנדיק אויך באַרימט אַלס פוסק אחרון און צדיק הדור 21).

י. י. טרונק, גיט איבער 22) אַז דער קורא הדורות מראש האָט דווקא געוואָלט, אַז די צוויי גאוני פוילן, דער קוטנער און דער סאָכאַטשעווער זאָלן ווערן פאַרבונדן דורך אַ שידוך: אַן אייניקל פון ר׳ יהושעלע, ר׳ יצחק יהודה טרונק, לעצטער קוטנער רב, האָט חתונה געהאַט מיט אַן אייניקל פונעם סאָכאַטשעווער, מיט דער טאָכטער פון ר׳ שמואל סאָכאַטשעווער, רב און מחבר פון „שם משמואל״.

צווישן די דאָזיקע משפחות האָט תמיד געהערשט די גרעסטע ליב־שאַפט און יראת הכבוד 23).

אינטערעסאַנט איז, אַז וואָס שייך חיבת הארץ, האָט צווישן זיי אַלע געהערשט די זעלביקע מיינונג. ר׳ אברהמעלע סאָכאַטשעווער, ווי ר׳ יהושעלע קוטנער, איז געווען אַ גרויסער חובב־ציון און ניט בלויז טעאָרעטיש, נאָר געהייסן טאָן מעשים לטובת ישוב ארץ ישראל און וועגן דעם געשריבן אין זיין ספר שו״ת „אבני נזר״ 24) אין וועלכן ער פירט אויס להלכה ,אַז עס איז אַ מצוה צו קויפן באָדן אין ארץ־ישראל און אַז די משנה וואָס לערנט אונדז: „הכל מעלין ואין הכל מוציאין״ 25) גייט אָן אפילו בזמן הזה, ווייל מיר האַלטן — זאָגט ער — ווי דער רוב פוסקים, אַז די הייליקייט פון ארץ־ישראל איז אויף שטענדיק (קידשאָ לעתיד לבא) און מ׳דאַרף זיך באַמיען ביי דער רעגירונג צו קריגן אַ רשות אַז גרופן מענטשן זאָלן קענען עולה זיין און — זאָגט ער ווייטער — דורך מקיים זיין מצוות אין ארץ־ישראל... וועט מען מערן קדושה און ברכה... נאָך מער, האַלט ער, אַז די ברכה פון

---

21) זע, בראָמבערג, האדמו״ר מסוכטשוב, פרק ה׳; אבידע, 10טער מאמר פון זיין סעריע אין „הצופה״, כ״ב סיון, תשט״ז — 1. 6. 56.

22) „פוילן״, באַנד א׳.

23) זע, שו״ת אבני נזר, או״ח הלכות לולב, סימן תפ״ג און סימן תפ״ו: נפש חיה, יו״ד, סימן נ״ז; אביר הרועים, ז״ז צ״ג—צ״ד.

24) יו״ד, חלק ב׳, סימן תנ״ד.

25) כתובות, ק״י, ע״ב.

ארץ־ישראל איז אַ געטלעכע, איבערנאַטירלעכע און מיטן אַנהייב פון אַ ישוב, קומט די ברכה און דעריבער איז עס אַ גרויסע מציה צו קויפן אַ נחלה אין ארץ־ישראל און ער פירט אויס:

„...ובכן, אתם קציני וגבירי ישראל אשר יש לאל ידכם להשתדל בהשגת רשיון, ולהוציא את הרעיון הנכבד הזה אל הפועל עליכם המצוה הגדולה הזאת ואין קץ לשכר המסייעים בזה".

ר' אברהמעלע האָט שטאַרק געשטיצט זיין פלימעניק ר' ישראל פּי־לעווער (ר' דוד קאָצקערס זון) אין זיין אַרבעט און אַגיטאַציע צו קויפן נחלאות איז ארץ־ישראל, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר דעם פראַק־טישן חובב־ציון. אויך ר' יהושעלע קוטנער האָט אַ סך געטאָן, צוזאַמען מיט זיין איידעם לטובת ישוב ארץ־ישראל.

ר' חיים ישראל פּילעווער, זון פון ר' דוד קאָצקער און אייניקל פון ר' מענדעלע, וועלכער האָט אין פּילעוו, ביים ווייסל, ממשיך געווען דעם זיידנס דרך אין חסידות, האָט אין חסידות אפשר ניט מחדש געווען. ער האָט אָבער יאָ געבראַכט אַ חידוש, רעיון פון חיבת ציון וואָס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער האָט פּראָפּאַגירט דעם דאָזיקן געדאַנק פון חיבת הארץ, זיך אַפילו געטראָפן מיט ר' שמואל מאָהילעווער און ריינעס פאַר דעם צוועק און געגרינדעט די „אגודת האלף", וועמעס ציל איז געווען צו אָרגאַניזירן אַ חסי־דישן ישוב אין ארץ־ישראל.

פון זיינע זין, איז איינער, דער סאָקאָלאָווער רבי ר' יצחק זעליג זצ"ל, הי"ד, אַרויסגעטרעטן קעגן פּאָטער, דעם „ציוניסטישן רבי" 26) פון די אַנ־דערע זין איז ניט באַקאַנט זייער שטעלונג. ער האָט געהאַט נאָך דריי וויכ־טיקע זין און געווען גרויס אָנערקענט ביים פּוילישן יידנטום, באַזונדערס אין דער חסידישער וועלט, אַזוי דער ליקעווער רב ר' הערש, אַזוי דער פּי־לעווער, ר' משה־מרדכי (באַקאַנט אַלס ר' משהלע פּילעווער), אַזוי דער קאָצקער רב ר' יוסף.

נאָך זיין פּטירה (י"ב סיון, תרס"ו) איז דערשינען זיין ספר „שלום ירושלים", וואָס אַנטהאַלט „דברים עתיקים, גבוהים ורמים ברומו של עולם,

---

26) זע, יצחק ורפל, ספר החסידות, תש"ז, ז"ז צ"ח—צ"ט

עפ״י הלכה נפלאות מעניני חיבת הארץ ומצות ישיבת ארצנו הקדושה בזמן הזה״.

ער שרייבט וועגן עליה אין ארץ־ישראל, אַז עס איז אַ מצוה צו קויפן דאָרט נחלאות און דערמיט שפּייזן אָרטיקע יידן. מען איז דערמיט מקיים אַ מצות עשה און אַ מצות לא תעשה לויטן רמב״ן און רש״י. אויב מ׳האָט נאָר אַ מעגלעכקייט עולה צו זיין, האָלט ער מוז מען דאָס טאָן. ער זעט אין דער חיבת־ציון באַוועגונג אַ הערה משמים און ער בעט ביי השית״ב, ער זאָל געבן כח און משפּיע זיין „בלב הצדיקים לשאול בשלום ירושלים״.

זיין פעטער ר׳ אברהמעלע סאָכאַטשעווער דאַנקט אים פאַר דעם צו־געשיקטן קונטרס וואָס איז מעורר צו חיבת הארץ און פאַרזיכערט אים „ובל״נ אראה גם אני להיות מן הקונה נחלה...״ און חתמעט זיך: „דברי ידידו מחו׳ ודודו המצפה להרמת קרן ישראל בכללות ובפרטות...״

ער האָט דאַן געשיקט זיין איינציקן זון ר׳ שמואל מיט זיין איידעם ר׳ מאיר צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און קויפן דאָרט אַ נחלה. איז דאַן אַרויס די גזירה פון טערקישן סולטאַן ניט צו פאַרקויפן צו יידן קיין לאַנד. דריי־סיק יאָר האָט געדויערט, ביז דער זון, שפּעטער שווער פון ר׳ יהושעלע קוטנערס אייניקל ר׳ יצחק־יהודה, קוטנער רב, באַקאַנט דאַן אַלס מיטעלער רבי, האָט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכן דעם חלום, דורך טאָן פאַר ישוב הארץ.

עס איז געווען נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע. דער קוטנער רב, ווי אַ פירער פון „מזרחי״ האָט אָנגעהויבן דעם אַקטיוו פאַר דער תחיה פון לאַנד און פאָלק און געהאַט דערויף די צושטימונג פונעם סאָכאַטשעווער רב, דעם „שם משמואל״, וועלכער האָט דאַן מורז געווען זיינע חסידים עולה צו זיין און זיך באַזעצן אינעם לאַנד פון די אבות. ער האָט דאַן שטאַרק עוסק געווען מיט הלכות וועגן מצוות התלויות בארץ.

ר׳ יהושעלע קוטנער איז צוזאַמען מיט זיין איידים, רח״א וואַקס, קאַ־לישער רב, געפאָרן אין יאָר תרמ״ה אין די אינטערעסן פון כולל רבי מאיר בעל הנס 27) און זיי האָבן מיטגעפירט פאַר דעם צוועק איבער צען טויזנט

27) דער קאַלישער רב איז געווען נשיא פונעם כולל אין פוילן. זען, נ. שמן, די ביאָגראַפיע פון אַ וואַרשעווער רב, ז׳ 41.

רובל 28). עס איז דאַן געווען אַ שמיטה־יאָר, און ר׳ יהושעלע קוטנער האָט דאַן געשטיצט להלכה למעשה די ספרדישע רבנים וואָס האָבן דערלויבט אַרבעטן אינעם שמיטה־יאָר דורך ניט־יידן און זיך ניט גערעכנט מיט דער קעגנערשאַפט פון די רבני אשכנז צו אַזאַ סאָרט „שטר מכירה״ 29).

צו דעם פריער דערמאָנטן ר׳ ישראל פילעווער שרייבט ער אַז ער זעט אינעם באַנייען דעם ישוב ארץ־ישראל, אַן אתחלתא דגאולה, ממש נבואה־ווערטער: „קרוב לוודאי שנתנוצץ רוח הגאולה״ און דאָס געשריבן מיט פופציק יאָר פאַר דער עטאַבלירונג פון מדינת־ישראל, וועמענס חג העשור ס׳איז שוין געפייערט געוואָרן.

אין שייכות מיט זיין קעגנערשאַפט צו אתרוגי קאָרפו, איז כדאי צו ברענגען זיינע ווערטער:

„...יש מסכלי הזמן שהפריזו על המדה עוד לומר שגם יהושע בן נון ציווה ליקח לו פרי עץ הדר על חג הסוכות מאיי קורפו ולא רצה ליקח מפרי עץ הדר של ארץ־ישראל, לא ידעתי אנה ראו זאת...״ 30)

דעם 11טן טאָג אין חודש אדר, תר״ע, איז ר׳ אברהמעלע סאָכאַטשעווער נפטר געוואָרן, פאַרשפּרייטנדיק תורה, הוראה אין חסידות איבער אַ יובל יאָרן און זיין בן יחיד ר׳ שמואל איז געוואָרן ממלא־מקום און געטאָן אַ סך פאַר חסידות און לומדות — און ניט ווייניקער פאַר ישוב ארץ ישראל.

ר׳ שמואל, דער מחבר פונעם ספר „שם משמואל״ איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרפ״ה און זיין זון ר׳ דוד (געב׳ ר״ח אלול תרל״ח, אין נאַשעלסק) איז געוואָרן דער מנהיג פון דער סאָכאַטשעווער עדה.

---

28) זע, אבידע, „הצופה״, ו׳ תמוז, תשט״ז — 15.6. 56; נ. סאָקאָלאָוו, „האסיף״, תרמ״ח, ז״ז 45־44, באריכות; פאַרגל׳ „תולדותיהם של צדיקים׳, ישועות מלכו, ז׳ 155; ארזי הלבנון, ז״ז 129־130.

29) ער שרייבט וועגן דעם גאָר אַן אינטערעסאַנטן בריוו צום אַלעקסאַנדער רבין ר׳ יחיאל. נ. סאָקאָלאָוו אין דערמאָנטן „האסיף״ פון תרמ״ז, דערציילט וועגן הונדערטער זעק מעל וואָס רח״א וואַקס, אַלס נשיא פונעם כולל האָט איבערגעשיקט קיין ארץ־ישראל.

30) „הצופה״, דאָרט. זע אויך, נ. שמן: די ביאָגראַפיע פון אַ וואַרשעווער רב, ז״ז 13, 42־43, לובלין, ז׳ 257. אין יידיש: „ס׳זענען דאָ נאַראָנים אין אונדזערע טעג וואָס זענען אַביסל אַריבער די מאָס און זאָגן אויך, אַז יהושע בן נון, האָט געבענטשט אתרוג איבער אַ גריכישן אתרוג פונעם קאָרפו־אינדזל... ווו זיי האָבן דאָס געזען ווייס איך נישט...״

ר׳ דוד האָט געירשנט פון פאָטער און זיידן סיי די לומדישע טיפקייט און סיי די מדה פון צדקות. ר׳ אברהמעלע האָט אים שטאַרק ליב געהאַט, זיך אויסדריקנדיק וועגן אים: „הנה נכדי יש לו שכל מקיף מן הקצה אל הקצה״... אַפילו נאָך זיין חתונה פון זדונסקאַ־וואָלאַ, האָט דער זיידע אים ניט אַוועקגעלאָזט און שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט אים 31). זעענדיק אין אים די פערזאָן וואָס וועט זיין ראוי ממשיך צו זיין סאָכאַטשעווער דרך.

רבי דוד איז פריער געווען רב אין ווישאָגראָד ביי דער ווייסל; נאָכ־דעם, געוואָרן רב אין טאָמאַשאָוו אָבער נאָך איידער ער האָט באַשטיגן דעם רבנות־שטול איז זיין פאָטער נפטר געוואָרן (כ״ד טבת, תרפ״ה) און ער איז ביי דער לויה געקרוינט געוואָרן אַלס סאָכאַטשעווער רבי און זיך באַזעצט אין אָטוואָצק, ביי וואַרשע; נאָכדעם אין פאַביאַניץ און לסוף אין לאָדזש און זיך פאַרנומען מיט עסקנות הכלל, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, זיך באַטייליקט אין דער פירערשאַפט פון דער אגודת הרבנים און אינעם פרעזידיום פון דער מועצת התורה און געגרינ־דעט ישיבות א״נ „בית אברהם״.

זיין באַציִונג צו ארץ־ישראל איז געווען ווי ויינע עלטערן — אַ שטרענג פאָזיטיווע 32) ער האָט צוויי מאָל באַזוכט דאָס לאַנד און תמיד גערעדט מיט התלהבות וועגן ישוב ארץ־ישראל און געפאָדערט פון דער אגודת ישראל זיך צו באַטייליקן אַקטיוו אינעם בנין האר״ץ 33), ווו ס׳איז מעגלעך אַ פּאָלקישער פּראָגראַם פון שמירת התורה והמצוה...

ווען די נאַציס האָבן אָקופּירט פּוילן, האָט ער אונטער אַלע גיהנומס זיך באַמיט צו פאַרבלייבן אין לאָדזש. די נאַציס האָבן אים אָנגעטאָן שרעק־לעכע פיזישע און גייסטיקע ליידן און ער איז געווען געצוווּנגען צו אַנט־לויפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין דער וואַרשעווער געטאָ, דאָרט אפילו גע־פירט טישן אין באַהעלטענישן, אין בונקערס, גערופן צו תשובה און ניט צו פאַרלירן זיך — און אין בונקערס געמאַכט מעגלעך די מסירת־נפש־דיקע פאַרזעצונג פאַר לימוד התורה פון ישיבה בחורים.

דעם 19טן יולי 1942, גיבן איבער עדי־ראיה, האָט ער זיך באַטיי־

31) זע, אבני נזר, חו״מ, סימן ס׳—ס״ג.
32) זע, פריער: אבני נזר, יו״ד ח״ב סימן תנ״ד און סימן תנ״ה.
33) ביי דער לאַנד־קאָנפערענץ פון אגודת ישראל אין פוילן, כ׳ טבת, תרצ״ד.

ליקט אין דער שטרענג־געהיימער זיצונג אויף נאָוואָליפּקי 27, צוזאַמען מיט די רביים פון אַלעקסאַנדער, אַמשינאָוו און אַנדערע. נאָכדעם, האָבן זיך אָנגעפאַנגען די גלגולים אין באַהעלטענישן און זיך אַזוי געמאַטערט אי־בער די כוחות, ביז דעם אַכטן טאָג אין חודש כסלו תש״ג (1943), איז זיין הייליקע נשמה אויסגעגאַנגען אין אַ בונקער, אויף גענשע 67, הי״ד ותנצב״ה.

5. ר׳ אברהם לאַנדאָ, דער טשעכאַנאָווער רבי און רב

דער טשעכאַנאָווער רב ר׳ אברהם לאַנדאָ איז געווען פון די אָנער־קענטסטע גאונים אין פוילן און פון די באַרימטסטע צדיקים. אַלס רבי און רב, איז ער געווען דער מערסט־געאַכטעטער ניט בלויז צווישן די פאָלקס־מאַסן, נאָר אויך צווישן אדמור״ים און רבנים — און ניט ווייניקער אַלס מחבר פון ספרים, סיי אין פלפול און סיי אין חסידות 1).

ווי זיינע ביאָגראַפן גיבן איבער, איז זיין נאָמען גאָר געווען דוב־זשינסקי, אָבער אין פאַרערונג צו זיין שווער, האָט ער אָנגענומען דעם פאַמיליע־נאָמען לאַנדאָ און באַרימט איז ער געוואָרן אַלס טשעכאַנאָווער רב 2). הרב אבידע, ווידמעט דעם גרעסטן טייל פון זיין מערקווירדיק היס־טאָריאָגראַפישער אַרבעט, דער טשעכאַנאָווער דינאַסטיע 3).

ווי הרב אבידע גיט איבער, האָט ר׳ אברהם לאַנדאָ אָפּגעשטאַמט פון גאָר מיוחסדיקע משפחות און זיין מוטער, איז אַלס יתומה דערצויגן

---

1) פון זיינע באַקאַנטע ספרים, איז וויכטיק צו דערמאָנען: אהבת חסד, בית אברהם, אַ פירוש אויף דער הגדה... זכותא דאברהם, לעצטנס דערשינען מיט אַ פולער ביאָגראַפיע דורך זיין אייניקל ר׳ יעקב ווערדיגער, תל־אביב, תשט״ז; דער־זעלביקער מחבר האָט אויך אַרויסגעגעבן דעם סידור פון זיידן און אַנדערע ספרים; לעצטנס איז אויך דערשינען אַ ספר א״ב חדושי ש״י (שו״ת און דרשות) פון אייניקל ר׳ שמואל־יצחק לאַנדאָ, לעצטער ממלא־מקום אין טשעכאַנאָוו און צום סוף קומט דאָרט, חידושים מכת״י פון ר׳ אברהם טשעכאַנאָווער און פון זיין זון ר׳ זאב וואָלף סטריקאָווער רבי און רב, אַרויסג׳ פון אור־אייניקל, זאב־וואָלף יחיאל לאַנדאָ, ירושלים, תשט״ז.

2) זכותאָ דאברהם, באריכות.

3) אַ צאָל „הצופה״־נומערן, כ׳ ניסן תשט״ז ביז י׳ טבת, תשי״ז.

געוואָרן ביי איר זיידן ר׳ זאב־וואָלף אורבאַך (רב אין לינטשיץ) און דער זיידע האָט איר חתונה געמאַכט צו אַ ייִדן אין אַ דערפל, פּאַרזענטשאָוו, מיטן נאָמען רפאל, ווו אברהמל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקנ״ז 4) און די עלטערן האָבן אים געבראַכט קיין פּלאָצק לערנען תורה. ער איז שפּעטער געוואָרן דער תלמיד פונעם גאון ר׳ לייביש חריף (צונץ), וועלכער איז דאַן געווען רב אין פּלאָצק, די שטאָט פון לומדות און השכלה.

אין פּלאָצק איז ער באַרימט געוואָרן אַלס עילוי און דער אָרטיקער פּרנס הקהילה, ר׳ דן לאַנדאָ, אַליין אַ למדן מופלג און מחבר, דערצו אַ גרויסער גביר, האָט אים גענומען אַלס חתן פאַר זיין טאָכטער.

פאַרגעקומען איז עס אויף אַזאַ אופן: דער אָרטיקער מתנגד און שווער פון דערמאָנטן ר׳ דן, ר׳ איטשעלע פּלאָצקער אויף וועמען דער קאָצקער האָט געזאָגט, אַז אַ מתנגד דאַרף מען זיין ווי ר׳ איטשעלע פּלאָצ־קער, האָט גראָד אים געוואָלט פאַר זיינער אַ טאָכטער און געשיקט זיין איידעם אים פאַרהערן... ר׳ דן, דער איידעם האָט אים אָבער געוואָלט האָבן פאַר זיין טאָכטער, און ר׳ איטשעלע פּלאָצקער איז במילא געוואָרן, דער זיידע פון ר״א טשעכאַנאָווער און אַ צווייט אייניקל די „באָבע ראַצע״, איז געוואָרן די שוויגער פון ר׳ יהושעלע קוטנער.

צו זיין חתונה האָט ער דערגרייכט בלויז דעם בר־מצוה עלטער, אין יאָר תקס״ו און געגעסן „קעסט״ ביי זיין שווער ביז תק״פ, ווען ער איז אין עלטער פון 27 יאָר אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין טשעכאַנאָוו.

יעקב ווערדיגער, אין זיין ביאָגראַפיש ווערק א״נ „זכותא דאברהם״ 5) דערציילט אַז ער פלעגט זאָגן: „מיינע אבות האָבן זיך געקענט באַהאַלטן, אָבער איך, צוליב מיינע זינד לויפט מען מיר נאָך זינט מיין יוגנט...״. ער האָט דאָך אָפּגעשטאַמט פון גרויסן אַדל, פון דער מוטערס זייט: אַ זיידע ווי ר׳ זאב־וואָלף אורבאַך, רב אין לינטשיץ — אַ יחוס ביז צום מהר״ל, בית יוסף (ר׳ יוסף קאַראָ), אַזש אַזוי ווייט ביז צו ר׳ נחוניא בן הקנה,

---

4) יצחק רפאל־ווערפל, אין זיין ספר החסידות, תל־אביב, תש״ז ז״ז פ״ט—צ׳ גיט אָן געבורטס תקמ״ט יאָר.

5) פולער נאָמען פון ספר: „בית הצדיק מציכנוב, זכותא דאברהם, מכיל תול־דות ציונים..״ דשושילתאָ קדישתאָ; לבית אדמו״ר הגאון רבינו אברהם זצ״ל לנדאָ, הצדיק מציכנוב... תש״ט.

װעלכער האָט לויט קבלה אָפּגעשטאַמט פון דוד מלך ישראל. פון פּאָטערס זייט: געשטאַמט פון קוטנע, פון ר׳ בעריש חסיד, אויף וועמען דער רבי ר׳ בונם האָט געזאָגט, אַז דער זיידע פונעם טשעכאַנאָווער האָט געהאַט די שליסלען פונעם אוצר הנשמות און דעריבער האָט ער זיך אויסגעזוכט אַזאַ גרויסע נשמה 6).

דער פּאָטער זייַנער, ר׳ רפאל, האָט זיך אויסגעזען צו זיין אַ פּשוטער ייִד, אַ דאָרפס־ייִד, אָבער ווי זיינע ביאָגראַפן ווייזן אָן, איז ער געווען אַ צדיק נסתר... און אַ גרויסער למדן 7).

וועגן זיינע רביים און מורי־דרך אין תורת הנגלה, ווייסן מיר ניט גענוי. ער דערמאָנט ניט אין זיינע ספרים אַ רבי מובהק. מיר ווייסן בלויז, אַז אין צייט ווען ער האָט זיך געפונען אין פּלאָצק און דאָרט געלערנט, איז דער שטאָט־רב געווען ר׳ לייבוש חריף, באַרימט דורך זיינע ספרים אַלס ר׳ ארי׳ ליב צונץ. אים, דערמאָנט ער, אין איין בריוו צו אים „אמו״ר״, איז דערפון צו דרינגען אַז ער האָט ביי אים געלערנט אַ שטיקל צייט. זיין הויפּט־לערנען איז געווען פאַר זיך און מיט זיך, און די ספרים זענען זיינע רביים און דעריבער אַלס יונגערמאַנטשיק שאַרף פּאָלעמיזירט אין לערנען מיט ר׳ ליב חריף, ווי דער לעצטער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אין אַ בריוו צו רבי עקיבא איגר 8).

באַקאַנט איז יאָ, אַז די שטאָט פּלאָצק, וווּ ער האָט פאַרבראַכט, איז געווען די גרויסע האַפּן־שטאָט און גרויסע סוחרים פלעגן דורכפאָרן אויפן וועג קיין דאַנציג און זיך דאָרט אָפּגעשטעלט. שוין דאַן איז פּלאָצק באַרימט געווען מיט אירע לומדים און געלערנטע, ווי זי איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס השכלה־שטאָט. דאָרט, האָט אין אַ שפּעטערן פּעריאָד געלעבט און געשאַפן דער שריפטשטעלער א. י. פּאַפּירנאַ; דאָרט האָט יצחק גרינבוים געלערנט; דאָרט האָבן די זלאָטניקס געלערנט; דאָרט האָט נחום סאָקאָלאָוו געלערנט ביים באַרימטן גאון ר׳ בעריש גרויבאַרט 9).

---

6) דאָרט, ז׳ ט׳, באריכות.

7 דאָרט, ז״ז י׳—ט״ז; זע אויך אבידע, הצופה, א׳ סיון, תשט״ז — 11. 5. 56.

8) זכותא דאברהם, דאָרט, ז״ז ט״ז—י״ז.

9) זע, אבידע, הצופה, ו׳, י״ב מנחם־אב, תשט״ז — 20. 7. 56

אין אַט דער שטאָט, זענען אין בית־מדרש געזעסן טאָג־און־נאַכט בחורים און יונגעלייט און געלערנט תורה — און דאָ צווישן די יונגעלייט איז געזעסן באַהאַלטן און פאַרשטעלט דער דאָזיקער יונגינקער ר׳ אברהמעלע — און דאָרט האָט אים אַנטדעקט דער רבי ר׳ בונם אויף איינער פון זיינע נסיעות קיין דאַנציג און גערעדט וועגן אים פאַר זיין רבין דעם „יוד הקדוש״...

אויך זיין רבי, צו וועמען ער איז שוין דאַן געפאָרן, ר׳ פישעלע סטריקאָווער, אַ תלמיד פון מעזריטשער מגיד, (דער רבי ר׳ בער), אויך ער, האָט אים צוגערעדט ער זאָל פאָרן צום „יוד הקדוש״ און דאָרט האָבן זיין תיקון 10), ווייל נאָר צווישן אַזאַ חבריא קדישא ווי ער האָט דאָרט געטראָפן, האָבנדיק פאַר זיך לומדות, גאוניות, חסידות, אַריסטאָקראַטיש חסידות, צוגעפּאַסט צו זיין דרך און התנהגות, האָבנדיק פאַר זיך דאָס פייערדיקע חסידות וואָס האָט אין זיך קולט געווען „הוד מלכות און אצילות״, האָט ר׳ אברהמל זיך געקענט געפינען.

אין פשיסכע האָט מען שטאַרק געוואָלט האָבן דעם דאָזיקן יונגענמאַן. ער איז אָבער, ווי געזאָגט, געפאָרן צו ר׳ פישעלע סטריקאָווער... דער איינציקער וואָס האָט אויף זיך גענומען די מיסיע צו האָבן דעם גאון און צדיק צווישן דער חברה, איז געווען ווי דערמאָנט, דער „דאַנציגער סוחר״. ווי אבידע באַמערקט, האָט ר׳ אברהם לאַנדאָ געקענט ווערן דאָס וואָס דער חידושי הרי״ם איז געוואָרן פאַרן פוילישן חסידות (דער גערער רבי. ר׳ יצחק־מאיר איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תקנ״ט, ד״ה יונגער געווען פון אים מיט זעקס יאָר), אָבער דער שווער זיינער, ר׳ דן, האָט ניט געוואָלט מאַכן דעם געוואַגטן, ביי אים געאיילטן, שריט, צו לאָזן זיך אויף די סכנותדיקע וועגן... און בעסער געוואָלט דער יונגערמאַן זאָל זיך אַליין אויסטרעטן אַ וועג און דאָס האָט טאַקע דער גאונישער איידעם געטאָן. ער איז ניט געוואָרן ווי דער קאָצקער אָדער גערער, אַ תלמיד פון רבין ר׳ בונם (ער איז געוואָרן רבי אין יאָר תקמ״ז, ווען ר״א איז אַלט געווען 21 יאָר, און איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקפ״ז) נאָר זיך געפירט אין נסתר,

10) זכותא דאברהם, ז״ז ט״ז—ל׳.

ווי זיין זיידע ר׳ בעריש חסיד וועלכער האָט געהאַלטן די שליסלען פון נשמות און זיך אויסגעקליבן די דאָזיקע נשמה.

פון זיינע ספרים, זעען מיר, אַז ער האָט מקפיד געווען ניט צו ענ־דערן וועלכע ניט איז מנהגים פון שולחן־ערוך, אוודאי ניט אין דעם סדר התפלה און אין די נוסחאות התפלה, ווי מיר זעען עס פונעם ספר „ויעש אברהם״, וואָס איז לעצטנס דערשינען אַלס סידור התפילה א״נ „צלותאָ דאברהם״, אַ סידור פאַר לומדים און אויך פאַר פשוטע ידן; דאָרט געפינען מיר געוואַלטיקע בקיאות און גאוניות, אַ לומדישע פאָרשונג פאַר מקורות התפילה, אין וועלכער ס׳זענען באַטייליקט זיידע און אייניקל, ר׳ אברהם און ר׳ מנחם־מענדל פון זאַוויערטשע 11).

אַלס אילוסטראַציע פון זיין אַנדערשקייט פון פשיכע־קאָצק, וועלן מיר בלויז ברענגען אייניקע מנהגים זיינע:

ער האָט געפאַסט יעדן פרייטיק און יעדן ערב ראש־חודש; ער האָט נוהג תענית געווען מאָנטיק־דאָנערשטיק־מאָנטיק (בה״ב) נאָך פסח און סוכות. ער האָט נוהג תענית געווען: כ׳ סיון, ערשטן טאָג סליחות, ערב ראש השנה, יעדן דאָנערשטיק און פרשיות שובבים אאַז״וו. ער האָט זיך קיינמאָל ניט צוגעלענט בייטאָג, אויסער שבת און יום־טוב, קיינמאָל ניט געגאַנגען שפּאַצירן און נאָך אַזעלכע חומרות, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען ווען ער איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, און דאָס אָנגעהאַלטן, ווען ער איז שוין געווען נאָך די אַכציק, אַריבער די גבורות— און נאָך אַ זאַך, ער האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט קיין געלעכטער פון זיין מויל, אַפילו ניט ביי די חתונות פון זיינע אייניקלעך און קיינמאָל ניט געזעסן אין בית־מדרש, שטענדיק געדאַוונט און געלערנט בעמידה, שטייענדיק, געדאַוונט תפילה בזמנה. דאָך נישט געענטפערט אויפן בריוו פון לובלינער רב ר׳

---

11) אַרויסג׳ אין יאָר תרצ״ו, דורך זיין אור־אייניקל הרב יעקב ורדיגר אין לאָדזש, פוילן. דער סידור ויעש אברהם, האָט געהאַט דעם פירוש פונעם אייניקל א״נ „עטרת זקנים״; איבעם איצטיקן סידור „צלותא דאברהם״, קומט דער צוגאָב, עפ״י נוסח וסדר שהתפלל רבנו אברהם זצוק״ל לאנדאָ אבד״ק טשעכאַנאָוו, פוילן, מבורר עפ״י הלכה והקבלה ע״י נכדו ותלמידו רבנו מנחם מנדל חיים זצ״ל לנדאָ, אבד״ק זאַוירצה, פולין, ונקרא „שומע תפלה״. ועליהם נלוה „שירתאָ דצלותאָ״, הערות והארות ומקורות מאת יעקב וירדיגר, חלק א׳. תשט״ז, ישראל.

יהושע העשיל אשכנזי, אויף זיין פאַרלאַנג, אַז ער זאָל שרייבן צו ר׳ לייבעלע אייגער, וועגן דער ניט־ריכטיקייט צו איגנאָרירן דאַוונען אין צייט, האַלטנדיק אוודאי, אַז דער מהר״ל איגר האָט די רעכט, ווייל די הכנות צו דעם דאַוונען, איז ביי אים אַ טייל פונעם דאַוונען 12).

זיין פּרינציפּ איז געווען: גיין דעם אייגענעם וועג און ר׳ חיים סאַנ־דזער זאָגט טאַקע וועגן אים, אַז ער איז דער יחיד בדורו זיך אַליין צו דערהייבן צו דער גרויסער מדרגה, אָן דער הילף פון צדיקים.

זיינע מנהגים, האָט ער אָנגעהאַלטן, ניט בלויז אַלס יונגערמאַן, אָדער אַלס רב, נאָר אַפילו שפּעטער, נאָך דער פּטירה פונעם רי״ם, אין יאָר תרכ״ו, ווען ס׳איז אויף אים אַרויפגעצווינגען געוואָרן אדמור״ות, האָט ער זיך געהאַלטן ביי די דאָזיקע מנהגים — און אַרויסגערופן צו זיך די גרעסטע פאַרערונג מצד די גדולי הרבנים והרביים, אַזוי פון רבי עקיבא איגר, אַזוי פון ר׳ אלי׳ גריידיצער, פון ר׳ הערש קאַלישער, פון ר׳ לייביש חריף, דער רבי פון ר׳ בונם פּשיסכער און ר׳ יצחק־מאיר וואַרשעווער, אַזוי פון ר׳ יחיאל־מאיר גאָסטינינער, פון ר׳ לייבעלע איגר, פון ר׳ אלי׳ חיים מייזל און שוין אָפּגערעדט פון סאָכאַטשעווער רב, פון ר׳ יהושעלע קוטנער, פון נפש חיה און פון אַנדערע.

אינטערעסאַנט איז די באַזונדערע נאָענטקייט זיינע צו ר׳ אברהמעלע סאָכאַטשעווער און צו ר׳ יהושעלע קוטנער. כמעט אַלע דריי איז אויס־געקומען צו זיין אינעם זעלבן געגנט און די לעצטע אין דער זעלביקער שטאָט און אין דערזעלביקער משפחה, אין דער לומדיש־רבנישער פּלאַצק. זייער ידידות איז אין לשער, ניט אַכטנדיק, וואָס אין כאַראַקטער זענען זיי געווען ווייט מן הקצה אל הקצה 13): דער ערשטער, אַ געלאַסענער, אַ פאַרזיכטיקער, אַ שטילער מענטש, איש שקט ושאנן, אַ מענטש וואָס האָט אויף זיך געקענט זאָגן: „מיום שעמדתי על דעתי לא עשיתי דבר בלי ישוב הדעת״... דער צווייטער, ר׳ יהושעלע איז געווען דער שטענדיקער עילוי, דער חריף און שנעלער עילואישער מחדש, דאָס וואָס מ׳רופט

12) זכותא דאברהם, ז׳ ל״ב; ויעש אברהם ,שפ״ה; זע אויך, ב. שמן, לובלין, ז״ז 84, 105, 135, 174, 428, 429, 442.

13) אבידע, באריכות.

אַ „ווילדער קאַפּ״, דער רבינו תם אין 19טן יאָרהונדערט, לויט נוסח פוילן. ביידע, זענען זיי געווען די אייניקלעך פון ר׳ איטשעלע פּלאָצקער, דער ערשטער אַלס אײדעם פון ר׳ דן און דער צווייטער אַלס איידעם פון דער „באַבע ראַצע״. אָבער ביידע אינגאַנצן אַנדערש אין כאַראַקטער און דאָך זיך צוגעטיילט, איינער דעם אַנדערן גרויס כבוד 14).

ר״א טשעכאַנאָווער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרל״ה, אין עלטער פון 86 יאָר. די חסידים זיינע זענען צעטיילט געוואָרן צווישן זיין עלטסטן זון ר׳ זאב־וואָלף סטריקאָווער און צווישן זיין תלמיד, דער גאָסטינינער רבי ר׳ יחיאל מאיר, וועמען שלום אַש שילדערט אַזוי הערלעך אין זיין „תהילים־ייד״.

דער טשעכאַנאָווער האָט אָנגעוויזן אויף פאַרשידענע דינים און מנהגים, ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך נוהג זיין, צו טאָן די מצוה בשלימות און האָבן פאַרפולט די מצוה... רעדנדיק, למשל, וועגן צדקה, האָט ער באַ־מערקט, אַז די הויפּטזאַך אין צדקה־געבן, איז געבן מיט צופרידנקייט, בסבר פנים יפות 15).

ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער האָט זיך אויך נוהג געווען, יעדן תשעה באב צו קומען אין שול מיט אַ נייער קינה, אָפּגעזאָגט „קינות״ און אַוועק־געלייגט די קינה אונטערן עמוד. ווען מ׳האָט אים געפרעגט דעם טעם פון דעם מאָדנעם מנהג, האָט ער געענטפערט: „איך האָב גלויבן, אַז אין משך פון יאָר וועט קומען משיח, וועט מען נישט דאַרפן זאָגן קינות״ 16).

חיבת ציון, ירושלים און אהבת ישראל — דאָס איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין זיין נשמה, שטענדיק געבעטן פאַר גאולה און געקלאָגט אויפן גורל פון זיין פאָלק. די באַרימטע רבניש־רביי׳שע חובבי ציון, ר׳ אלי׳ גריידיצער און ר׳ צבי הערש קאַלישער, האָבן תמיד זיך מיעץ געווען

---

14) ישועות מלכו, או״ח סימן מ״ג; אבידע, דאָרט, באריכות. אויך וועגן פלאָצק די שטאָט פון דער טשעכאַנאָווער דינאַסטיע און ווו ער האָט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע פאַרבראַכט די יוגנט. אין פלאָצק איז זיין עלטערער ברודער געווען רב און אויך זיין שווער ר׳ אברהם־יצחק קאַלישער האָט דאָרט געוווינט און ביי זיין טיש געגעסן „קעסט״.

15) זכותאָ האברהם, דרוש לשבת שובה.

16) מנהגי ישראל, רשומות, כרך א׳.

מיט אים און געזוכט דערמוטיקונג ביי אים פאַר זייער אַרבעט לטובת ארץ־ישראל, ווי עס באַווייזן די בריוו צו אים 17). ער האָט אָבער דאָך זיך צוריקגעהאַלטן פון געבן זיי אַ פּאָזיטיוון ענטפער, ווייל, ווי עס ווערט איבערגעגעבן, האָט ער געהאַלטן אַז מ׳דאַרף זיי נאָך האָבן אין גלות.

אינעם ספר „ויעש אברהם" פון זיין אייניקל דער זאַוויערטשער רב, ר׳ מנחם מענדל, ווערט איבערגעגעבן זיין התנהגות פאַר דעם גאַנצן וואָכנדיקן און אַזוי דעם שבתדיקן טאָג. אין „זכותאָ דאברהם" 18) ווערט אויך דערציילט וועגן זיין שטרענגן צוריקהאַלט פון אַריינמישן זיך, אַפילו אין הלכה־ענינים, אין אַנדערע מקומות. ווי עס ווייזט זיין בריוו צום שרענסקער רב, ר׳ יחיאל־מיכל, אַז ער איז זיך מונע צוליב טעמים כמוסים, צוליב באַהאַלטענע טעמים זיך צו מישן אין ענינים פון אַנדערע שטעט.

ער האָט דאָך בכלל געוואָלט זיך צוריקהאַלטן פון זיין אַ מנהיג — אָבער מ׳האָט אויף אים דאָס אַרויפגעצווינגען, אַזוי דאָס רבנות אין יאָר תקמ"ט, אַזוי דאָס ווערן אַ רבי, דורך זיינע תלמידים, ר׳ אליעזר דער כהן פון פולטוסק, אַ באַרימטע פּערזענלעכקייט אין יענער צייט און אַזוי דער גאָסטינינער רבי — און אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען, זיך צוריקגעהאַלטן פון ענטפערן אין שו"ת ענינים, ניט אַכטנדיק וואָס ער איז געווען 56 יאָר רב אין טשעכאַנאָוו. פון צייט צו צייט, האָט ער געענטפערט צו געוויסע רבנים; אַזוי האָט ער תמיד געענטפערט צו די פריער דערמאָנטע ר׳ אלי׳ גוטמאַכער, ספּעציעל וועגן ישוב ארץ־ישראל און אַזוי צו אַנדערע גדולי ישראל. ער פלעגט אַ סך עוסק זיין אין קדשים און טהרות.

פון זיינע ספרים דאַרפן דערמאָנט ווערן:

1) אהבת חסד (נשים טהרות); 2) זכותאָ דאברהם (חדושים, דרושים); 3) בית אברהם (סוגיות); 4) ויעש אברהם (פון זיין אייניקל ר׳ מנחם מנדל חיים לאַנדאָ) און אַנדערע ספרים.

הרב אבידע שטעלט זיך אָפּ גאַר באריכות אויף די זין און אייניקלעך פון ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער. ער קען גוט פלאָצק און קען אויסגעצייכנט די גאַנצע השתלשלות פון אָט דער טשעכאַנאָווער דינאַסטיע, וועמעס אָנהייב איז געווען אין פלאָצק.

---

17) כתבי הרב קאַלישער א"אַ מקומות.
18) ז"י ע׳—פ"ג.

אין דער דאָזיקער השכלה־שטאָט, איז זיין ברודער יונה־מרדכי זלאָטניק געווען רב (פריער אין די קהילות שרענסק, זאַקראָטשין, אָדער זאַקראָטשים און נאָכדעם אין פלאָצק, ווו ער איז נפטר געוואָרן ט׳ אדר, תרפ״ב) אַזוי אַרום, אַז די זלאָטניק־משפחה איז געווען גאָר נאָענט צו די טשעכאַנאָווער אייניקלעך און גאָר באַזונדערס צום זאַוויערטשער רב, ר׳ מנחם מענדל, פון וועמען ער האָט נאָכגעזאָגט אומציילִיקע פקחותדיקע ווערטער. „אַ רב — האָט ער געזאָגט — איז נאָר אַ בריה, ווען ער שטייט ביי דער שאַנק ספרים...״.

הרב זלאָטניק האָט תמיד גערעדט וועגן ר׳ וואָלף סטריקאָווער, דעם עלטסטן זון פון ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער. ער איז געווען אַ פיקח און שאַרפזיניקער און דערצו אַ פּאָעט וואָס האָט גרינטלעך באַהערשט די העברעישע שפּראַך, ער האָט אַפילו פאַרפאַסט אַ בוך לידער און צוויי העפטן זענען דערשינען א״ב „קובץ מכתבים ושירים״ 19), כאָטש ער אַליין אין זיין עניוות, האַלט זיך ניט פאַר קיין משורר און שרייבט צו זיינעם אַ פריינט וואָס האָט געלויבט זיינע שירים:

מי זה ממרחק בקול תודה חשכי יגיה
העתה זה ידידי, ראשי לעב תגביה?

מעמק עכור — בין כוכבים קני שמת,
הגידה: החלום הזה אשר חלמת?

געבוירן אין יאָר תקס״א, אין פלאָצק, האָט דער פּאָעט אין אים באַלד פון זיין קינדהייט אָן געזען אַז ער איז געבוירן צו גרויסעס. אין זיינע רייפערע יאָרן, איז ער באַטראַכט געוואָרן פאַר די גדולי החסידים אין קאָצק און נאָענטסטער חבר פונעם רי״ם.

ר׳ יחיאל־מאיר גאָסטינינער האָט אויף אים געזאָגט, אַז מ׳זאָל זיך ניט וווּנדערן וואָס ער געדענקט מער תורות פונעם קאָצקער, ווייל ער איז

19) זע, מהרי״ל גרויבאַרט, ספר זכרון; י. וירדיגר, זכותא דאברהם, ז״ז ק״ד—קכ״ה.

געווען מער אינעווייניקסטער, נענטער און נאָך מער, ער האָט גאָרניט פאַרגעסן... 20).

ער איז נפטר געוואָרן י״א אלול, אין עלטער פון 84 יאָר און זיין אוהל געפינט זיך אין סטריקאָוו, מסתמא פאַרניכטעט מיט אַנדערע בית־עלמינס אין פוילן — ער איז אָבער אַריין אינעם רייסטער פון די גדולי האדמורי״ם אין פוילן און צוזאַמען מיט זיינע ספרים, זענען אויך פאַר־אייביקייט געוואָרן זיינע פּאָעמעס. איינס פון זיי אַ פּאָעמע א״נ „ותצלח עלי רוח השיר״. ער האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך זין וואָס האָבן ממשיך געווען זיין דרך אין חסידות, איינער פון זיי איז געווען ר׳ מנחם־מענדל גאָמ־בינער, אַן אינטערעסאַנטע פערזענלעכקייט אין דער רבייזש־רבנישער וועלט.

ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער האָט געהאַט נאָך באַרימטע זין און איי־ניקלעך, געגוג צו דערמאָנען דעם ביאַלער רבין (ר׳ דוב בעריש, געב׳ תק״פ; נפטר, כ״ה סיון, תרל״ו); רבי רפאל (תקפ״ג — ערב ראש השנה, תרנ״ה); אדמור רבי יעקב מיעזעוו (תקצ״ד — י״ט טבת, תרנ״ד), באַקאַנט אַלס ר׳ יעקעלע יעזעווער און אַזוי אייניקלעך, באַוווסטע חסידים ואנשי מעשה. דער באַרימטסטער פון די אייניקלעך איז געווען דער זאַוויערטשער רב און רבי, רבי מנחם־מענדל חיים לאַנדאַ, פריער געווען רב אין קליין שטעטעלע אין פוילן, נאָווידוואָר און נאָכדעם געוואָרן רב אין זאַ־וויערטשע און באַרימט אין דער חסידיש־רבנישער וועלט. ער איז געווען — ווי הרב אבידעס ברודער, דער פּלאָצקער רב האָט אים געשילדערט — ממש אַ זעלטנקייט פון אַ פּאַטריאַרכאַלער פערזענלעכקייט און געמאַכט אויף אַלעמען אַ געוואַלטיקן איינדרוק 21).

ר׳ יעקב ווערדיגער, ווידמעט אים אַ באַזונדערן פרק אין „זכותא דאברהם״, ווייל ער, ר׳ מנחם מענדל, ווי דער זיידע, ר׳ אברהם, האָבן וואָס אַן אמת געלייגט דעם חותם אויף טשעכאַנאָווער חסידות, ער איז גע־

---

20) דאָרט, באריכות.

21) וועגן אים און זיינע קינדער זען: ארזי הלבנון, ז״ז 198—202. דעם רבי ר׳ יעקעלע יעזעווער שילדערט אין זיין פּאָעמע „אַ שטוב אין שטעטל״, דער שרייבער יצחק יאַנאַסאָוויטש, וואָס שטאַמט פון יעזעוו.

ווען דער גאון אויף אַ סך געביטן און דערצו אַן אומגעוויינטלעכער פּיקח אין ברייטסטן זין פונעם וואָרט.

געבוירן דעם פינפטן טאָג אין כסלו, תרכ״ב אַלס צווייטער זון פונעם יונגסטן פון ר״א טשעכאַנאָווער, צו ר׳ יעקב יעזעווער, האָט אים דער פּאָטער אַ נאָמען געגעבן מנחם־מענדל, דעם נאָמען פונעם קאָצקער, צוליב אַן אומגליק וואָס ס׳האָט זיך מיט אים געטראָפן, ווען ער איז אַלט געווען פיר יאָר איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ קעלער און געווען אינעם כף־הקלע צווישן לעבן און טויט, האָט אים דער פּאָטער צוגעגעבן דעם נאָמען חיים... און באַלד פון קינדהייט אָן אַרויסגעוויזן געוואַלטיקע כשרונות און מ׳האָט אויף אים געזאָגט גדולות צו וועלכער ער האָט טאַקע דערגרייכט.

ער אַליין דערציילט אין דער הקדמה צום ספר „אהבת חסד״:

„כד הוינא טליא, כבר שית שנין, לקח אותי רבינו זצ״ל לביתו נאוה קודש, מפתו אכלתי ובחדרו ישנתי ולא זזה ידו מתוך ידי וקיים בי מאחז״ל — ספי לי׳ כתורא ולמד עמי איזה שעורים בכל יום בתורה שבכתב ושבעל פה וסוגיות עמוקות בחידושים נפלאים״.

זייענדיק דער דערצויגענער ביים גאונישן זיידן און האָבנדיק אַליין אַ ווונדערלעכן זכרון איז ער געווען דער ווונדער־מענטש אין די רייען פון גדולים און ניט ווילנדיק זיך אַריינלאָזן אין רבנות, איז ער דאָך געוואָרן אַ מוסמך פון די צוויי גדולי הדור, פון ר׳ יהושעלע קוטנער און זיין איידעם ר׳ חיים אלעזר וואַקס („נפש חיה״) און געמוזט אָננעמען אַ רבנות־פּאָסטן, פריער אין אַ קלענערער קהילה און נאָכדעם אין אַ גרעסערער און אפילו געגומען אָנטייל אין דער שו״ת־ליטעראַטור.

אין איינער פון זיינע בירורי הלכה ווייזט ער זיך אַרויס פאַר דעם גרויסן חובב ציון און אין דער פראַגע פון אתרוגי ארץ־ישראל, האָט ער זיך געשטעלט אויפן צד פון די וואָס האָבן געשטעלט צום ערשט די את־רוגים פון ארץ 22).

ער איז אויך געווען דער גרויסער כלל־טוער און נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם אַרויסגעקומען מיט אַ קול קורא 23) צו פאַררופן אַ קאָנפערענץ

22) זע, „פרי הארץ״, אַ צוגאָב צום ספר „ויעש אברהם״; וועגן רח״א וואַקס, זען, ב. שמן, ביאָגראַפיע פון אַ וואַרשעווער רב, 1948, ז״ז 13, 42—43.

23) דאָרט, באריכות.

פון אַלע גדולי ישראל און פירער פון יידנטום צו טראַכטן ווי צו פאַר־בעסערן דעם מצב פון יידן. אין די בריוו פון די רבנים צו אים, זעט מען אַז דער אָפּרוף איז געווען אַ זייער גוטער. ר׳ ישכר בעריש גרויבאַרט, בענדינער רב, שרייבט אים צוו״אַנד:

„...אשריכם ואשרי המחכה... כה יתן וכה יוסיף וה׳ יהי׳ עמכם להצליח מעשיכם... הנני נכון לפקידתכם בכל לב ונפש...

הרב מיכלזאָן, דאַן אין פּלאָנסק, שרייבט אים מיט באַגייסטערונג. און אין יאָר תרס״ג, איז פאַרגעקומען די דאָזיקע, דורך זיין איניציאַטיוו, גערופענע קאָנפערענץ אין קראָקע, די ערשטע פון דעם כאַראַקטער, — אַ רבנישע פאַרזאַמלונג וואָס האָט געבראַכט אַן ענדערונג אינעם רעליגיעזן לעבן און אַרויסגערוקט רבנים צו פירערשאַפט.

ר׳ מנחם מענדל לאַנדאָ האָט אויך געהאַט זיין שטעלונג צום חנוך־וועזן, געהאַט אַ וואָרט וועגן כבוד הרבנות, אַ וואָרט וועגן סאָציאַל־עקאָ־נאָמישע פּראָבלעמען. די דאָזיקע קאָנפערענץ, איז געווען אַ פאָרגייענדיקע פאַר די אַנדערע שפּעטערע גרויסע וועלט־כנסיות פון רעליגיעזע מנהיגים, אויך אַ פאָרגייענדיקע פאַר דער אגודת ישראל קאָנפערענץ אין קאַטאָ־וויץ, אויף וועלכער ער האָט זיך ניט באַטייליקט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַוועק פון פּוילן, געווען אַ צייט אין לאָנדאָן, געקריגן איינלאַדונגען פון פאַרשידענע שטעט אין אַמע־ריקע, האָט ער באַרייזט די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. ער האָט זיך אָבער צוריקגעקערט קיין פּוילן, ווו ער איז פאַרבליבן צוליב קראַנקייט אין אָטוואָצק, ווו ער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 73 יאָר, ז׳ אדר ב׳, תרצ״ה.

זיין פּטירה איז באַוויינט געוואָרן אין אַלע קרייזן, ווי דער אגודה־אָרגאַן האָט פאַרעפנטלעכט זיין הספד־אָפּשאַצונג, אַז די פּטירה פון זאַוויער־טשער רב, איז אַ גרויסע אבדה פאַר חרדישן יידנטום 24). ער איז געווען אָנערקענט אַלס דער גאון מיטן ברייטן פאַרנעם, ווי איינער פון די ראשו־נים סיי אַלס אדמו״ר און מנהיג און סיי אַלס פּוסק און בעל הוראה.

ווי געזאָגט, האָט ער זיך אויך געמישט אין די אַקטועלע יידישע

---

24) „דאָס יידישע טאָגבלאַט״, ט׳ אדר ב׳, תרצ״ה.

ענינים, און ביים אויפקום פונעם ציוניזם, פאַרן ערשטן ציוניסטישן קאָנ־גרעס אין באַזעל, געווען געצווונגען צו פאַרעפנטלעכן זיין השקפה דורך בריוו צו רבנים וואָס האָבן געפרעגט ביי אים וועגן אַ שטעלונג און פון די בריוו, זעט מען, אַז ער האָט געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צו דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און גאָר באַזונדערס צו דער קאָלאָניזאַ־ציע אין ארץ־ישראל, צו לערנען ייִדן מלאכה, צו פאַרוואַנדלען ייִדן אין אַ שעפעריש פּראָדוצירנדיק פאָלק — אָבער ווי אַ רב, געשטעלט באַדינ־גונגען, אַז אין שפּיץ פון דער באַוועגונג, מוז אויך שטיין אַ גדול הדור, אַ גרויסע רבנישע פּערזענלעכקייט, אַ רב ירא וחרד... און אַז ס׳זאָל אי־בערגעלאָזט ווערן צו די קאָלאָניסטן די פרייהייט זיך פירן עפ״י רוחם, גייסטיקע שפּייז, זאָלן זיי זיך באַזאָרגן לויט זייער געוויסן... און מערק־ווירדיק, ווי ער זעט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אַן אויפלעבונג אין די פאַרטרוקנטע ביינער 25).

מיר וועלן פאַרענדיקן מיט איינעם פון די אור־אייניקלעך, ר׳ שמואל יצחק לאַנדאַ, וועלכער האָט אַ צייט פאַרנומען דעם כסא הרבנות פון זיידן.

ער איז געווען אַן אייניקל פון רבי זאב סטריקאָווער, עלטסטער זון פונעם טשעכאַנאָווער, און אין עלטער פון 26 יאָר אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין סאָכאַטשאָוו, די יחוס־שטאָט אין פוילן — און אין יאָר תרע״ג געוואָרן רב אין טשעכאַנאָוו, זיך אויסדריקנדיק, אַז דערמיט איז ער מקיים דעם פּסוק: „ודור רביעי ישובו הנה״, ער איז געווען דער פערטער דור פון ר׳ אברהמעלע און אַ תלמיד־מובהק פון דעם אַנדערן ר׳ אברהמעלע, דעם סאָכאָטשאָווער, דעם מחבר פון „אבני נזר״ און אַנדערע ספרים. עס געפינט זיך אינעם ספר אַ צאָל שו״ת צווישן אים און זיין רבין און תמיד מיט גרויס כבוד־באַציִונג און לויב פאַר זיין שאַרפן שכל און בקיאות.

---

25) זע „הצפירה״, תרנ״ט, נומ׳ 174; תר״ס, נומ׳ 235, 236.
„אמנם התנועה הציונית עצמה חביבה היא בעיני, כי היא הפיחה רוח חיים בהעצמות היבשות, והאידיאלים הנשגבים והחלומות הנעימים מעוררים רפאים, להשיבם לתחיה ברוח הישראלי, והרבה אשר כבר בושו בצור מחצבתם נושאים עתה דגל עמם ביד רמה והיא תפארתם. ואם כי במקצוע המעשי הדתיי עוד רחוקים המה מרוח היהדות האמתית, אכל טוב מעט מאפס, ועלינו לשמוח יקראתם בזרועות פתוחות, כי אחינו בשרנו הם וחובה עלינו לתמכם ולסעדם בכל אשר תהי לאל ידינו״.

אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די רוסן האָבן גע־כאַפּט מענטשן און זיי פאַרשיקט, האָט ער דורכגעמאַכט שרעקלעכעס. ער איז דאַן אַלס שטאָט־רב, צוזאַמען מיט די פּני העדה אַרויס אויפן בית־עלמין, להשתטח על קברות הצדיקים... ווי עס ווערט דערציילט 26) איז די גזירה אין טשעכאַנאָוו אָפּגערופן געוואָרן. אַהיימקומענדיק אַ צעבראָכענער און פאַרמאַטערטער, איז ער גלייך געגאַנגען אין בית המדרש, געענדיקט דאָס דאַווענען, בלויז דעריאָגט אויסטאָן די ר״ת תפילין און זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען בקדושה ובטהרה, כ״ד תמוז, תרע״ה — און דאָרט אין טשעכאַנאָוו ביים זיידן געוואָרן באַערדיקט אין אוהל.

לעצטנס איז אַרויס איינס פון זיינע ספרים א״נ „חידושי שי״ 27), וואָס ווייזט אויף זיין בקיאות — און אַלס אַריינפּיר, גיט אונדז דער אַרויס־געבער די תולדות פונעם מחבר און דעם סדר פון זיין התנהגות.

ס׳איז אויך כדאי צו דערמאָנען נאָך איינעם פון די אייניקלעך, דעם סטריקאָווער רבין ר׳ יעקב יצחק לאַנדאָ (זון פון ר׳ מנחם מענדל, געב׳ אין זאַלאָשין, פּוילן, אין יאָר תרמ״ב) אין יאָר תרע״ב, איז ער געוואָרן רב אין קינעוו, ביי אָסטראָוועצ און אין תרצ״ו, ממלא־מקום זיין פאָטערס אדמורות אין זגערזש. אין צייט פון דער נאַצי־אָקופּאַציע, איז ער געווען אין וואַרשע — און פון דאָרט פאַרשיקט געוואָרן אין די אומקום־לאַגערן הי״ד.

בלויז איינער איז געבליבן וואָס איז ממשיך טשעכאַנאָווער־סטריקאָווער אדמורו״ות, ר׳ אברהם לאַנדאָ, אין תל־אביב. געבליבן זענען אָבער אויך אייניקלעך, שרייבער און עסקנים.

---

26) זכותא דאברהם, באריכות.

27) כולל תשובות ובירורי הלכה בארבעת חלקי השולחן־עריך... מאת הרב הג׳ חסידא ופרישא בקש״ת ר׳ שמואל־יצחק לאנדאָ זצ״ל האבד״ק טשעכאַנאָווא ומלפ־נים רב ואבד״ק סוכוטשוב, ומלפנים רב ואבד״ק סאבאטא. ונלוה להם קצת חידו־שים מכת״י מהסבא קדישא הגאון איש אלקים אדמו״ר מרן ר׳ אברהם זצ״ל מטשע־כאַנאָווא ובגמר כמה לקוטים מבנו בכורו הסבא קדישא האדמו״ר מרן ר׳ זאב וואָלף זצ״ל מסטריקוב. נערך ונסדר ע״י בן המחבר זאב־וואָלף יחיאל לאַנדאָ, עיה״ק ירושלים תובב״א.

6. נוסח אָסטראָווצע

ווען מ׳רעדט פון לומדיש חסידות, מוז מען זיך אָפּשטעלן אויפן חסידישן דרך פון אָסטראָווצער רב, ר׳ מאיר יחיאל האַלשטאָק — דער באַרימטער זון פון אַ בייגל־בעקער, אַ למדן־וואָוניק, ר׳ אברהם יצחק הלוי. אַ סך איז געשריבן געוואָרן די לעצטע יאָרן וועגן דאָזיקן מערקווירדיקן רבין וואָס האָט געלעבט ווי די אַמאָליקע מקובלים 1). פּערציק יאָר געפאַסט, ווי ר׳ צדוק נאָכן חורבן, און דאָך דערלעבט דעם טיפן עלטער פון זיבן און זיבעציק (נפטר געוואָרן י״ט אדר, תרפ״ח) און באַטראַכט געוואָרן פון גדולים, אַלס איינער פון די „גאוני הלומדות״ אין אונדזער דור.

איינער פון די הויפּט־תלמידים פונעם אָסטראָווצער רב, ר׳ לייבוש ראָזנבערג, דיין אין לאָדזש 2) איז געווען דער ערשטער אָנצושרייבן די „תולדות״ פונעם דאָזיקן צדיק 3). געבוירן אין שטעטל סאָבין, ביי וואַרשע, תרי״ב, האָט ר׳ יחיאל־מאיר באַלד פון קינדוויַיז אָן זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער וואַקסט צו גדולות. די זקנים פון דור האָבן אויף אים געזאָגט דעם פּסוק: „וזרח השמש ובא השמש״ — נאָך דער שקיעה פון מאָגעלניצער האָט אויפגעשיינט די זון פונעם אָסטראָווצער. ער פלעגט טאַקע דערמאָנען דעם מאָגעלניצער, וועמענס נאָמען ער האָט געטראָגן, „דער רבי פון מאָגעלניצע״... 4).

זיין יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין גרויס אָרימקייט. דער פאָטער איז געווען אַ בייגל־בעקער און געדאַרפט שלעפּן די בייגל פון הויז צו הויז. צוליב דעם פאָטערס פּרנסה, האָט ער זיך צוגעוווינט צו שלאָפן ווייניק, ווייל מ׳איז אויפגעווען גאַנצע נעכט אויף צו באַקן און צעטראָגן

---

1) זע, מאָנאָגראַפיש ווערק פון איסר פרנקל, „רבינו מאיר יחיאל הלוי״, הוצאת נצח, תל־אביב, תשי״ג.

2) ער האָט פאַרצייכנט אַ טייל פון די תורה־שמועסן ביים רבין און זיי אַרויסגעגעבן א״נ „אור תורה״.

3) פאַרעפנטלעכט אין „בית מאיר״, קובץ תלמודי־פלפולי, רעדאַקטירט פון חיים־יצחק וואָהלגעלערנטער הי״ד, תלמיד פונעם לעצטן אָסטראָווצער רב הקדוש ר׳ יחזקאל זצ״ל הי״ד, חוב׳ ד׳, תרצ״ו, שבט־אדר, ז״ז ג׳—ט׳.

4) ער איז געווען אַן איידעם פון ר׳ ירחמיאל, זון פון ייד הקדוש פון פשיסכע.

די בייגל אין די אַרומיקע דערפלעך און ווען ס׳איז געקומען צו קויפן אַ זעקל מעל, האָט ער געדאַרפט אָנקומען צו הלוואות.

דער פאָטער האָט זיך אָבער ניט געדאַרפט זאָרגן פאַר קיין שכר־לימוד. אַלע מלמדים האָבן אים געוואָלט האָבן אַפילו בחינם און ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט אים זיין ברודער ירחמיאל צוגענומען צו די גרעסערע בחורים אין בית־מדרש און צוזאַמען מיט זיי געלערנט תלמוד און מפרשים, אויך דעם מהר״ם שיף, וואָס ער האָט זיך שוין אין די רייפערע יאָרן אויסגעדריקט, אַז ווען ער האָט געלערנט מהר״ם שיף, האָט ער געפילט טעם גן־עדן.

אין עלטער פון 10 יאָר, האָט אים זיין פאָטער מיטגענומען מיט זיך קיין גראָדזשיסק צום רבין. די נסיעה איז ניט געווען קיין לייכטע. פון סאָבין, זענען זיי געגאַנגען צופוס קיין וואַרשע — און אין וואַרשע האָבן זיי געהאַט אַ פאַרמעגלעכן קרוב, וואָס האָט זיי געגעבן אַ מתנה — בילעטן קיין גראָדזשיסק.

ביים גראָדזשיסקער האָט אים געזען ר׳ בערל עילוי, האָט ער אים אַריינגענומען אין דער ישיבה וואָס ער האָט אָנגעפירט, און אַלע האָבן באַוואונדערט זיינע חידושים.

אין עלטער פון 18 יאָר, זייענדיק מקיים דעם „בן שמונה עשרה לחופה״, איז ער געוואָרן אַן איידעם צום וורקער גביר ר׳ אברהמל און פאַרשטייט זיך געגעסן „קעסט״, ווי דער מנהג איז געווען. דאָרט האָט ער זיך נוהג געווען אויפצוזיין גאַנצע נעכט און לערנען אין בית־מדרש, בלויז אַהיימגעקומען און פאַרברענגט מיט פאַמיליע פון שבת צו שבת. אין יענעם פעריאָד פון זיין לעבן האָט ער זיך שטאַרק פאַרטיפט אין „מורה נבוכים״ און אין ספר „ראשית חכמה״ און גאָר באַזונדערס אין די ספרי הלכה, ווי אין טור, בית־יוסף (אין וורקער בית־מדרש האָט זיך געפונען אַ טור מיטן בית יוסף וואָס ר׳ יוסף קאַרו האָט געדרוקט בחייו). ער איז דאָן באַרימט געוואָרן אַלס דער וורקער עילוי. ווען זיינס אַ חידוש, האָט דערגרייכט צו ר׳ חיים סאנדזער, האָט דער לעצטער שטאַרק באַוואונדערט דעם יונגן חריף און אים תמיד געהייסן גריסן.

סמיכת רבנות האָט ער געקראָגן פון דריי גדולי הדור אין פוילן: פון

ר׳ יהושעלע קוטנער, פון זיין איידים רח״א וואקס און פון ר׳ אלי׳ חיים מייזל, לאָדזשער רב.

רח״א וואקס („נפש חיה״) שרייבט וועגן אים: „איך יעיד זבוב קצוץ כנפים על הנשר הגדול אשר יעוף בשמים...״. ר׳ יהושעלע קוטנער האָט וועגן אים געזאָגט, אַז ער קען פאַרענטפערן אַלע תוספות־קשיות אין דער גמרא יבמות...

אין עלטער פון 27 יאָר, איז ער אויף דער רעקאָמענדאַציע פון גראָדזשיסקער רבי און דעם דערמאָנטן רח״א (דאַן קאַלישער רב) געוואָרן רב אין סקערניעוויץ. האָט אַמאָל אויסגעבראָכן אַ מחלוקת אין דאָזיקן שטעטל, איז דער קאַלישער תיכף געקומען און שבת אויפגעעפנט דעם ארון קודש און געלייענט די סדרה פון דער וואָך (נצבים־וילך) און געוואָרנט נישט מצער צו זיין דעם יונגן גאון.

ער איז געווען רב אין סקערניעוויץ צען יאָר, געווען זייער באַליבט צווישן די אָרטיקע בעלי־בתים וועלכע האָבן אים געהאָלפן איינאָרדענען אַ ישיבה. דאָרט אָנגעהויבן זיך פירן ווי אַ נסתר, פאַסטן און פייניקן זיך, בייטאָג בלויז געטרונקען קאַווע מיט מילך און ערשט שפּעט ביינאַכט געגעסן זיין מאָלצייט. צווישן פורים און פסח זיך נוהג געווען אויסלערנען ש״ס און ניט געוואָלט מבטל זיין קיין צייט, אַפילו בלויז רעדן מיט מענטשן.

די דאָזיקע התנהגות האָט ער פאַרשטאַרקט, ווען ער איז געוואָרן רב אין אָסטראָווצע (אין יאָר תרמ״ט — 1888), מיט אַ צוגאָב, וואָס שבת־יום־טוב האָט ער גערעדט בלויז בלשון הקודש און ניט פאַרזוכט קיין פלייש אָדער פיש, אויסער שבת און יום־טוב.

נאָך דער הסתלקות פון גראָדזשיסקער רבי (ר״ח ניסן, תרנ״ב), איז ער געוואָרן געצוווּנגען צו פירן אַן עדה אַלס אדמו״ר. ער איז דאַן אַלט געווען 41 יאָר און שוין געהאַט די אָנערקענונג פון די גדולי החסידים אַלס זייער גייסטיקער מנהיג אין אַלע ענינים.

אין אָסטראָווצע האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע תקופה אין זיין לעבן: ער איז דאָרט געווען רב ניין און דרייסיק יאָר, פון דעם, אדמו״ר זעקס און דרייסיק יאָר. ער איז געווען געאַכט און באַליבט ניט בלויז ביי ייִדן; אויך ניט־ייִדן האָבן אים אַרויסגעוויזן אומגעהויערע פאַרערונג, זעענדיק אין אים די פערזאָניפיצירונג פון אַ צדיק, פון אַ מלאך בדמות אדם און ביי ייִדן

אויך אַ חד בדראַ אין חריפות און טיפקייט. ער איז געווען דער עמוד התורה אין ברייסטטן זין פון די ווערטער און וואָס שייך זיינע גימטריות און חש־בונות איז ער געווען אומפאַרגלייכלעך, פונקט ווי ער איז געווען אומפאַר־גלייכלעך אין זיין דור וואָס שייך זיין התנהגות 5).

ר׳ מאיר יחיאל הלוי, ווי ער פלעגט זיך חתמענען, האָט יאָרן־לאַנג געמוזט ליגן צו־בעט, צוליב זיינע קראַנקע, געשוואָלענע פיס. ער האָט גע־לערנט אין בעט און כמעט אַלע יאָרן געווען אונטער דער אויפזיכט פון דאָקטוירים. ווען ס׳איז אָבער געקומען פרייטיק נאָכמיטאָג, איז ער אַראָפּ פון בעט, געפאָרן צו דער מקוה — און היפּשלעך געדאַרפט זיך באַנוצן מיט די קראַנקע פיס. „אויב ניט צו גיין אין מקוה — פלעגט ער טענהן — צו וואָס דאַרף מען פיס״...

ער איז אַמאָל געווען אין ראַווע, ביי טאָמאַשאָוו און דאָקטוירים האָבן געאורטיילט אַז זיין מצב איז גאָר ערנסט און אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל ניט אַראָפּ פון בעט, אַפילו זיך ניט רירן אין בעט, צוליב דער הויכער היץ. האָט ער דאָס אויסגעפאָלגט. ווען ס׳איז געקומען תשעה־באב, האָט ער זיך ממש אַראָפּגעוואָרפן פון בעט און געלעגן אַ גאַנצע נאַכט אויף דער ערד... מוצאי תשעה־באב, זיך געשטאַרקט מיט אַלע כוחות, אַרויס אין דרויסן מקדש זיין די לבנה — און אויף צומאָרגנס, איז אים בעסער געוואָרן.

אין יאָר תרס״ג, איז ער געוואָרן געפערלעך קראַנק אויף גאַלשטיינער, דאָקטוירים האָבן אים דאַן אויפגעגעבן, באַהויפּטנדיק אַז קיין מענטשלעך האַרץ קען ניט אויסהאַלטן די דאָזיקע יסורים. ניט געקוקט אויף דער ערנס־טער סיטואַציע, האָט ער זיך געהייסן געבן אַ פּנקס און גאָר גענומען שרייבן חידושי תורה.

דער גערער רבי ר׳ יהודה אריי׳, דער „שפת אמת״, איז דאַן געקומען אים מבקר חולה זיין, עס איז געווען דאָס פּערטע אָדער פינפטע חנוכה־ליכטל, האָט ער אים געזאָגט, אַז די אַכט טעג חנוכה זענען מסוגל לרפואה,

---

5) זע, א. פרענקל, דאָרט, ז״ז 70־84; נ. שמן: „די ביאָגראַפיע פון אַ וואַרשע־ווער רב״, 1948, ז״ז 29, 49; „לובלין״, 1951, ז״ז 89—90; „אָסטראָווצער יובילייִ־בוך״, טאָראָנטאָ, 1954; י. פייגלמאַן, בית הכנסת הגדול, אנשי אָסטראָווצע, טאָראָנטאָ, 1950 און אין אַנדערע מקומות.

ווייל רפואה איז געגעבן געוואָרן בשמיני און אַז ער זאָל זיך שטאַרקן און וואַרטן ביזן אַכטן טאָג.

האָט דער אָסטראָווצער רבי אין די שרעקלעכע יסורים, אים געזאָגט, אַז ער איז ניט בכח אויסצוהאַלטן די יסורים נאָך עטלעכע טעג, נאָר ער האָפט, אַז די רפואה וועט קומען גיכער, ווייל די גמרא זאָגט, אַז אברהם אבינו האָט געהאַט אַ פערל אויפן האַלדז און יעדער קראַנקער, וואָס האָט אַ בליק געטאָן צו אים, איז גלייך געהיילט געוואָרן. יעדער צדיק — האָט ער אויסגעפירט — איז אין דער בחינה פון אברהם אבינו וואָס איז ממשיך רפואה און חסד און ער איז איבערצייגט, דעם צדיקס קומען אים מבקר חולה זיין, וועט ברענגען די געהעריקע רפואה.

ווי באַקאַנט האָט דער אָסטראָווצער רב אַ סך געטאָן אויפן געביט פון צדקה, ממש אַלץ אַוועקגעגעבן און געווען דער „עושה ומעשה" פאַר צדקה, אַליין געגעבן ברייט און אויך געשאַפן אויף אַ ברייטן אופן פאַר צדקה־צוועקן, ספּעציעל פאַר ארץ ישראל צדקה, האַלטנדיק אַז אָרימעלייט אין ארץ־ישראל, דאַרפן באַהאַנדלט ווערן ווי עני' עירך, אָנווייזנדיק פאַרשיידענע ראיות פון תנ"ך און תלמוד, אַז יידן הייסן תמיד תושבים פון ארץ־ישראל און אַלס אַזעלכע ליגט אויף זיי די התחייבות צו זאָרגן פאַר די ארץ־ישראלדיקע אָרעמעלייט.

ר' מאיר יחיאל הלוי איז געווען דער חובב ציון במעשה, ניט בלויז במחשבה, אַלס פאַקט איז געגנוג אַן אויסצוג פון גערער רבין ר' אברהם מרדכי אַלטער, וואָס שרייבט צו אים (דער בריוו איז דאַטירט, א' בשלח, תרפ"ה — 1925):

„...בן הרב הקדוש שי' סיפר לי כי קנה בית בארץ הקודש כדי להשתקע שם והייתי שבע רצון..."

וועגן זיין אומגעווייגטלעכער צדקות, איז כדאי איבערדערציילן דאָס באַקאַנטע אָסטראָווצער מעשהלע:

אין אָסטראָווצע האָט געוווינט אַ ייד מיטן נאָמען „יאַנקל לאָמפּ", אַ ייד אַן אביון. נישט האָבנדיק צו באַצאָלן שכר־דירה, האָט מען אים אַרויס־געוואָרפן, איז דעם ייד איינגעפאַלן זיך אַריינצוציען אין דער ווייבערישער שול, אין עזרת נשים. האָבן די פרנסים אים געוואָלט משלח זיין דורכן געזעץ, האָט ער זיי גערופן צום רב פאַר אַ דין תורה.

— רבי — האָט ער געטענהט — איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ גרוי־סער אָרימאַן און האָב נישט צו באַצאָלן דירה־געלט...

דער רבי האָט אים פאַרגעשלאָגן אַ דירה ביים שומר. ניין, זאָגט יאַנקל, ס'איז צו קליין פאַר מיר... הכלל, נאָך לאַנגע תחנונים, יאַנקל זאָגט, ער וועט אָפּטרעטן פון עזרת נשים, בלויז דאַן, ווען מ'וועט אים געבן פיר הונדערט רובל; קוים מ'האָט געפועלט ביי אים, אויף דריי הונדערט רובל.

אַן אַנדערע דין תורה; די אָנקלעגערין, איז די רביצין און דער אָנגע־קלאָגטער איז יאַנקל שניידער, די רביצין וויל דירה־געלט... יאַנקל האָט ניט צו צאָלן; רופט אים די רביצין צו אַ דין תורה פאַר די דיינים; ער וויל דווקא אַ דין תורה פאַרן רב... דער רב ווערט דער טוען פאַר דעם שניי־דער און זיין טענה איז באַזירט אויף פאָלגנדיקס: דאָס הויז איז נישט מיינס; די חסידים און באַלעבאַטים האָבן דאָס געקויפט פאַר מיר, ווייל איך נישט, אַז צוליב מיינס אַ מתנה זאָל אַ יידליידן...

דאָס איז געווען דער אָסטראָווצער רב. צדיק אינעם זין פון אַ רבי לוי יצחק באַרדיטשעווער. באַזיצנדיק די אַלע אַטריבוטן פון אַ למדן, איז ער געווען באַהויכט פון גרעניצלאָזער אהבת ישראל און פאַרגעשטעלט מיט זיך די גרויס־שטראַלנדיקע פערזענלעכקייט. זיך פאַרנעמענדיק מיט גע־זעלשאַפטלעכע ענינים, געזוכט תמיד צו מאַכן שלום צווישן פאַמיליעס, אויסגלייכן סכסוכים און איינשטילן מחלוקת — האַלטנדיק פונעם כלל אַז „תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם".

ווי זיינע ביאָגראַפן גיבן איבער, האָט דאָס נישט ווייניק גורם געווען צו דער השפעה וואָס ער האָט געהאַט אויף זיינע תלמידים, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען רבנים און אדמורי"ם, געגוג צו דערמאָנען אַזאַ רבנישע פערזענלעכקייט ווי הרב ר' שמואל בראָדט, היינט אין ירושלים, ער איז געווען פרעזעס פון מזרחי אין פוילן און אַ סיים־דעפּוטאַט, דאָך פלעגט ער, פאָרנדיק פון וואַרשע, פריער זיך אַריבערכאַפּן קיין אָסטראָווצע, איידער ער איז געפאָרן זען זיין בני־בית. אַלץ איז געלאָפן קיין אָסטראָוו־צע, געניסן פונעם גרויסן תורה־ליכט וואָס האָט באַלויכטן און באַשטראַלט די גאַנצע יידישע וועלט...

„דער גאַנצער דור — האָבן מיר ערגעץ אַנדערש געשריבן 6) — אַריינ־געדעכנט די אָנגעזעענסטע רבנים און אדמורי״ם... זיי אַלע פלעגן זיך באַציִען צום אָסטראָווצער רב, ווי צו איינעם פון די ראשונים אין אַלע שו״ת פון דור, ווערט ער באַטראַכט פאַר דעם גאון־אויטאָריטעט און פוסק...

„אמת, אָסטראָווצע האָט נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק געהאַט גרויסע רבנים... אָסטראָווצע איז אָבער באַרימט געוואָרן אַ דאַנק דעם כאַבינער עילוי... וועלכער האָט באַלויכטן די שטאָט מיט זיין צדקות און גאונות זינט דעם יאָר 1888. דער הייליקער ייִד לויט די העכסטע עטישע באַגריפן...

„די אָסטראָווצער שטאָלצירן מיט זייער רב און רבי און אויך מיט זיין זון, זיין ממלא־מקום, ר׳ יחזקאלע, וועלכער איז אומגעקומען דורך די נאַציס על קידוש השם אין צויזמיר־סאנדאָמירזש, י׳ טבת, תש״ג, דער זון האָט געירשנט פונעם פאָטער די בעסטע אייגנשאַפטן אין תורה און אין התנהגות.

און ווייטער:

„...דעם חותם אויף דער שטאָט האָט געלייגט דער רבי; איר וועלט־נאָמען האָט זי געקראָגן אַ דאַנק דעם רב וועלכער האָט נאָענט צו פערציק יאָר געפאַסט און בלויז פאַרן שלאָפן ביינאַכט אויסגעטרונקען אַביסל מילך מיט אַ קיכל אַלס צובייס״.

ער איז געווען דער חד בדרא אין זיין שטייגער לערנען, לויט זיין חריפות און לויט זיין שאַפן די סינטעטישע פאַרבינדונג צווישן חסידות און לומדות 7) — און ער געהערט צו דער ריי גדולי האדמורי״ם וואָס האָבן אַ סך ביי געטראָגן צום לומדישן חסידיזם אין פוילן.

ער האָט אויך געהאַט די זכיה צו האָבן אַ זון וואָס זאָל ממשיך זיין דעם דאָזיקן דרך, ר׳ יחזקאל וואָס האָט אים ממלא־מקום געווען אין תרפ״ח, איז געבוירן געוואָרן אין סקערניעוויץ, אין יאָר תרמ״ז. אין יאָר תר״ע איז ער געווען רב אין אינאוולאָדז און אין תר״פ — אין נאשעלסק. ער האָט

---

6) זע: אָסטראָווצער יובל־בוך, טאָראָנטאָ, 1954.

7) א. פרנקל, דאָרט, ז׳ 84, באריכות.

געגרינדעט אין אָסטראָווצע די ישיבה „בית מאיר“ 8). אָן אײדעם האָט ער געהאַט דעם גאָסטינינער רב און אייניקלעך געזען בחייו, גדולי תורה, אַזוי זיינע אייניקלעך ר׳ משה ישראל, שמואל, יהודה סילמאַן, זין פונעם גאָס־טינינער רב און אַזוי די קינדער ר׳ יחזקאל׳ס: אברהם נפתלי, אליעזר, יצחק, חיים און די אַנד׳.

צווישן זיינע תלמידים, האָבן זיך געפונען: ר׳ יהודה לעווין, קראָ־קעווער ראש בית דין, ר׳ לייבוש ראָזנבערג, לאָדזשער דיין, ר׳ שמואל הלוי בראָדט, היינט אין ירושלים, מיטגליד פונעם בית הדין הגדול לע־רעורין של הרבנות הראשית לישראל, הרב פישל כהן, הרב סנקביץ, הרב ז. בן־יעקב (יאַנקעלעוויטש) און אַנדערע.

וועגן ערשטן, שרייבט זיין תלמיד, חיים יצחק וואהלגעלערנטער הי״ד, אַז ער איז נפטר געוואָרן מיטוואָך, י״ז חשון, תרצ״ו, אַז ער האָט פון קינד־וויַז אָן אין זיין געבורט־אָרט, גניעוואשאָוו, ראַדאָמער גוב׳, אַרויסגעוויזן געוואַלטיקע כשרונות און אַלס יונג בחורל פון פופצן יאָר, אַריין אין דער ישיבה פון אָסטראָווצער רב און געוואָרן פון די מקורבים ביים אָסטראָווּ־צער רב.

אין יאָר תר״נ, האָט ער געגרינדעט אַ ישיבה אין גאַליציע. אין דער דאָזיקער ישיבה האָט ער פאַרשפּרייט די שיטה פון אָסטראָווצער חריפות, באַוווּסט געוואָרן אַלס ר׳ יודל און אין עלטער פון פופציק יאָר געוואָרן הויפּט פונעם קראָקאָווער ראַבינאַט 9).

איסר פרענקל, שילדערנדיק די שטימונג אין פוילן בעת דער ידיעה וועגן דער פּטירה פונעם צדיק, ציטירט פונעם אָרטאָדאָקסישן אָרגאַן, דער „יוד“ וואָס האָט דאַן געשריבן:

---

8) איינער פון מיינע באַוואוסטע יוגנט־חברים, ישראל־נתן ריבאַק, הי״ד, אַ תלמיד פון דער דאָזיקער ישיבה, פלעגט מיר אָנדערציילן חידושים וועגן דעם אָרטיקן לימוד.

9) בית מאיר, כסלו־טבת, תרצ״ו, חוב׳ ג׳. איינער פון זיינע תלמידים, זיין ברודערס זון פון גניעוואשאָוו, מענדל, ברודער פון מיין פעטער יחזקאל (היינט אין באַליוויע). האָט מיר אַ סך דערציילט וועגן דער חריפות און התנהגות פון ר׳ יודל קראָקעווער. ער האָט קיין קינדער ניט געהאַט, האָט ער זיין פלימעניק דער־צויגן און אויסגעהאַלטן ווי אַן אייגן קינד...

„די שטאָט איז איינגעהילט אין טרויער. צענער טויזנטער ייִדן פון אַלע עקן פוילן שטראָמען קיין אָסטראָווצע. הונדערטער רבנים און אדמו־רי״ם קומען זיך באַטייליקן אין דער לוויה... זונטיק פאַרמיטאָג, י״ט אדר, האָט די אָרטיקע קהילה, ביי אַ ספּעציעלער זיצונג באַשלאָסן אויפצונעמען אַלס רב און ממלא־מקום זיין זון ר׳ יחזקאל, צוליב וועמעס פאַרשפּעטי־קונג פון נאַשעלסק, די לוויה איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף כ׳ אדר.

„אַלץ איז אָפּגעשטעלט אין שטאָט. קיינער רירט זיך נישט צו צו זיינע געשעפטן. דער „יריד״ איז ליידיק. נישטאָ דאָרט קיין ייִד — די גאַנצע שטאָט, פון אַלע שיכטן, פון אַלע קלאַסן — אַלץ געפינט זיך צוזאַמען מיט די צענער טויזנטער פון אַנדערע שטעט פונדערווייטנס שטייען אַרום דער מיטה פונעם נפטר; די מיטה איז פון אַכט אַזייגער פרי אין זאַל פון גרויסן בית המדרש און אַרום דער מיטה — זיינע תלמידים וועלכע האָבן זיך טובל געווען אין מקוה.

„די וואַך, די פּאָליציי, היט אָרדענונג... די אבלות איז גרויס...

דער „יוד״ פון כ׳ אדר, תרפ״ח, איז אַרויס אין אַ שוואַרצן ראַם און אינעם ראַם, איז געווען די באַשרייבונג מיט אַלע פּרטים פון זיין לעבן, לערנען און צדקות, איבערגעבנדיק עטלעכע הספּד־ווערטער פון ראַדזי־מינער רבין, אהרן מנחם מענדל גוטערמאַן 10), וועלכער האָט דאַן אויסגע־רופן: „ווען די ערד וואָלט געוווסט וועמען זי נעמט אַריין אין זיך, וואָלט זי געעפנט איר מויל און געזאָגט שירה...״

ווען דער „גולל״ איז פאַרמאַכט געוואָרן, איז ביים קבר נאָכן קדיש זאָגן געוווּנטשן געוואָרן מזל־טוב און יחי האדמו״ר מאוסטרובצה. מלכות אָסטראָווצע איז נישט אונטערגעגאַנגען. דער יורש אויף וועמען מ׳האָט זיכער געקענט זאָגן „ברא כרעאָ דאבוה״, וועלכער איז צו 23 יאָר געוואָרן רב אין אַ קהילה אינאָוולאָדז, האָט געהאַט ביי חסידים דעם געהעריקן יראת הכבוד, ווי זיין פאָטער ר׳ מאיר יחיאל הלוי זצ״ל.

דער גורל פון ר׳ יחזקאלי איז געווען שרעקלעך, אומפאַרגלייכלעך אַפילו אין דער גרויזאַמקייט פון נאַצישע מערדערייען. ער איז אומגעקו־מען צוזאַמען מיט זיינע זיבן זין אין איין טאָג און די קינות פון שנת תש״ג

10) זע, נ. שמן, לובלין, ז׳ 488.

וועט דאַרפן באַקלאָגן דעם קדוש ושבעה בניו, אָבער ווער איז בכוח צו שילדערן דאָס טיף־מענטשלעכע האַרץ און לויטערע נשמה פון אָט דער פּערזענלעכקייט וואָס איז געוועזן אַ לייכט־טורעם אין דער חשכותדיקער צייט און ווער קען דערגרונטעוועזן די אכזריות און שענדונג פונעם מערדער וואָס האָט זיך געריסן מיט דעמאָנישן אימפּעט צו פאַרניכטן די ליכטיקייט וואָס האָט געשיינט פאַר יאָר־טויזנטער.

געבליבן איז אַן עלעגיע וואָס זיין תלמיד, דער פריִער דערמאָנטער ר' חיים יצחק וואַלגעלערנטער האָט פאַרפאַסט, הייליקע פּערזן וועגן אַ הייליקע פּערזענלעכקייט פון אַ געהייליקטן שרייבער. דער דאָזיקער תלמיד איז געוועזן אויסבאַהאַלטן אין אַ בוידעם היי ביי אַ פּוילישן פּויער, ווו ער איז געזעסן שבעה נאָך זיינע עלטערן, שוועסטער און קינדער — און דאָרט האָט ער זיך דערוווּסט וועגן טראַגישן אומקום פון זיין רבין מיט זיינע זיבן זין און מיט בלוט אָנגעשריבן די גרויסע קינה.

דער תלמיד איז געראַטעוועט געוואָרן פון די נאַצי־הענט, איבערגע־לעבט דעם קריג, אָבער געהרגעט געוואָרן דורך פּוילישע רוצחים. ווען זיין לעבן־געבליבענער ברודער, דוד, איז אַרויף אויפן בוידעם, האָט ער געפונען די שטיקלעך פּאַפּיר אויף וועלכע די פּאָעטישע קאָנדאָלענץ איז געוועזן אָנגעשריבן. די דאָזיקע קינה איז אַריין אינעם ספר „מאיר עיני חכמים", אַרויסגעגעבן דורכן אָסטראָווצער תלמיד־מובהק ראובן מאַנדלבוים. די קינה על מות קדושים, פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער:

רטוף ומתבוסס בדמי אבי, אמי ואחותי
שנקטפו בימי קציר הדמים
בדד עטוף באבלות כפולה
לבבי הנקרע לגזרים
יושב אני בעלות רפת בקר
נחבא, במסתרים תבכה נפשי,
נדהמתי פתאום מהרצח הנורא
של רבי ושבעת בניו
ביום אחד עמו.

און ווייטער:

בן יחיד לאָביו רבינו הקדוש מאיר יחיאל מאוסטרובצה
נצנצו בו עוד בילדותו כשרונות נעלים והתמדה נפרזה

און ער פאַרענדיקט:

הקושיה של אותו ואת בנו — וגם השאלה הישנה
זו תורה וזו שכרה — לא מצאו פתרונן עד הנה...

ר׳ יחזקאל איז נישט געגאַנגען אויפן וועג פון זיין פאָטער וואָס שייך די סיגופים און תעניתים, ער האָט אָבער נאָכגעפאָלגט זיין פאָטער מיט צדקות און דעם דרך הלמוד. אין זיין לערנען נאָכגעזאָגט פלפולים פון פאָטער, ווייל דער פאָטער האָט גאָר ווייניק פאַרשריבן זיינע חידושים — דער זון האָט זיך אָבער שוין יאָ געהאַט גענומען פאַרצייכענען די חידושים אָבער אינמיטן איז אָנגעקומען דער רוצח; י״ז אלול תרצ״ט, איז ער באַפאַלן, עלה הכורת... און אין טבת תש״ג, האָבן די נאַציס ליקווידירט דאָס פיזישע און גייסטיקע אָסטראָווצע. עשרה בטבת איז פאָרגעקומען די דאָזיקע שרעקלעכע שחיטה — אומגעקומען זענען אויך די תלמידים פון דער ישיבה „בית מאיר״. אַלץ איז אומגעקומען, אויך די כתבים וואָס ר׳ יחזקאל האָט צוגעגרייט.

ס׳איז געווען אַ גרויס געפאַר, אַז ס׳זאָל נישט זיין קיין גואל אויף דער דאָזיקער תורה שבעל פה און צעוואָרפענער צווישן פאַרשיידענע תורה זשורנאַלן, האָט זיך אָבער דאָך אָפּגעזוכט אַ תלמיד וואָס האָט באַוויזן איינצוזאַמלען וויפל ס׳האָט זיך געלאָזט און אַרויסגעגעבן צוויי בענדער פון אָט דעם ליקוט, דער אָסטראָווצער בן־עיר האָט אין זיין „מאיר עיני חכמים 11) מלקט געווען אַרום 50 סוגיות, לויטן סדר פון ש״ס (אויף דער שיטה פון ר״ח סגן הכהנים, 72 פלפולים), שו״ת, אַ וויכטיקער תשובה צום סאָכאַטשעווער רב, תורה און חסידות און אויך חידושים פון ר׳ יחזקאלע, אין וועלכע ס׳ליגט גאוניות.

---

11) צווייטער טייל, אַרויסג׳ ניו־יאָרק, תשי״ב.

אויב דאָס ספר „אור תורה״ 12), וואָס זיין תלמיד ר׳ לייבוש ראָזענבערג האָט אַרויסגעגעבן בחייו, ווען דער אָסטראָווצער האָט נאָך געלעבט, האָט אַרויסגערופן פּאַרדרוס און תרעומות, ווייל דער אָסטראָווצער רבי ווי אַנדערע אדמורי״ם, האָט נישט געוואָלט דרוקן ביים לעבן פון זיינע חידושים, אָבער די לעצטע ספרים, וועלן זיכער אים פאַרשאַפן גרויס עונג אינעם עולם העליון, ווו ער וועט זיין שפתותיו דובבות בקבר...

נאָך דער פּטירה פון ר׳ מאיר יחיאל זצ״ל, איז דערשינען אַ ספר א״נ „ויקהל משה״, דרשות לשבתות ולרגלים, מאת משה האַלטער מיט אַ קונטרס א״נ „אור הגנוז״ פון אדמו״ר מאָסטראָווצי, פּיטרקוב, תרפ״ח און אַ הספד א״נ „עמודי שש״, פונעם זעלביקן מחבר, פּיעטרקוב, תרפ״ט 13).

7. דער סאָקאָלאָווער רבי

צווישן די אָריגינעלע חסידישע מנהיגים אין פּוילן, איז דער סאָקאָלאָווער רבי אָן ספק געווען פון די אייגנאַרטיקסטע, סיי אין זיין חסידישער התנהגות; סיי אין זיין אופן עסקנות.

ר׳ יצחק־זעליג מאָרגנשטערן (תרכ״ז — 1867; ת״ש — 1939) איז געווען דער זון פון פּילעווער רבי, ר׳ חיים ישראל, זון פון ר׳ דוד קאָצקער, עלטסטער זון און ממלא־מקום פון ר׳ מענדעלע קאָצקער, דער ראש פון די אַלע גרויסע רבייאישע דינאַסטיעס אין פּוילן. ער, דער סאָקאָלאָווער, האָט אָבער זיך אויסגעאַרבעט זיין וועג אויף וועלכן ער זאָל גיין ביחידות און בציבור.

---

12) אור תורה על ספר בראשית, מאת.... רבי מאיר יחיאל הלוי אדבד״ק אָסטראָווצא, פּיוטרקוב, תרפ״א. ווי חסידים דערציילן, האָט ר׳ לייבוש געהאַט אַן עונש דערפאַר און ניט מוציא שנתו געווען. פריער, פאַר אים, האָט מאיר באַמבערג (פון מיין משפחה אין זוואָלין) אַרויסג׳ אַ ספר ליקוטים פונעם אָסטראָווצער, א״נ „עומר מן כולל קץ הפלאות על הגאולה העתידה, לקוטי אומר ודברי קודש מאדמו״ר מאוסטראָווצע וכו׳ כל אלה חברו יחדיו ע״י מאיר באַמבערג מזוואָלין, וואַרשה, תרע״ב.

13) זע אויך יצחק ורפל, ספר החסידות.

ווי אַ קאָצקער אייניקל, האָט ער פאַרמאָגט אין זיך רבייאישע עילוישקייט, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין תלמודישער גאונישקייט — אָבער דערצו, וועלטלעך וויסן און באַלערנדיקייט: אַ רבי־רב וואָס איז געשטאַנען מיטן עולם, געווען אַן אינעווייניקסטער אינעם געראַנגל פונעם לעצטן דור וועמענס תקופה איז פאַרענדיקט געוואָרן ביים צווייטן וועלט־קריג.

זייענדיק דער גרויסער למדן, טיפזיניקער עמקן אין לערנען און דערצו אַ דענקערישע פערזענלעכקייט, שרייבער און אָראַטאָר מיט גרויס פאַרנעם, האָט ער גאָרנישט פאַרנאַכלעסיקט פון זיינע שטעטלשע פליכטן און אַ סך אויפגעטאָן פאַר סאָקאָלאָוו, וואָס איז דורך אים באַרימט געוואָרן און וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל אינטעלעקטואַלן, פאַרטיי־פירער, שרייבער און אָנגעזעענע כלל־טוער אין פוילן.

סאָקאָלאָוו פּאָדלאַסקי ליגט צווישן וואַרשע און שעדלעץ, נאָענט צו דער טרויעריק־באַרימטער טרעבלינקע. ווי מיין פריינט גרשון פּאָמעראַנץ 1), דער בן־עיר וואָס לעבט נאָך היינט מיט סאָקאָלאָווער גייסט גיט מיר איבער, האָט סאָקאָלאָוו מיט איר אינטעליגענץ און חסידישן עולם זיך גוט צוגעפּאַסט צו אָט דעם קאָצקער אייניקל: קנאותדיק און מאָדערן, אַזוי אין לשון און אַזוי אין באַנעמונג.

אַן אַנדערער בן־עיר, פּרץ גראַנאַטשטיין, שילדערנדיק זיין געבורטס־שטעטל, די אָרטיקע כאַראַקטערן־טיפן, דערציילט אויך, ווי אַזוי סאָקאָלאָווער ייִדן האָבן אויפגענומען ר׳ יצחק זעליגן פאַר זייער שטאָט־רב, ווי אַזוי ער האָט איינגעשטילט די אָרטיקע מחלוקה וואָס האָט אָנגעהאַלטן פאַר צוויי דורות — און דאָס געטאָן מיט גרויס טאַקט, נוצנדיק דערביי פסיכאָלאָגישע מאָמענטן 2).

נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער אין יאָר תרס״ו, איז ער געוואָרן ממלא־מקום. „טויזנטער חסידים, אויך פון אויסלאַנד זענען צו אים געקומען. ער פלעגט אויסגלייכן סכסוכים צווישן די גרויסע גבירים אין פוילן. ער האָט געהאַט אַ ידיעה אין מעדיצין; פלעגט שרייבן רעצעפטן... טויזנטער

1) ער האָט אַ סך געשריבן אונטערן פסעוודאָנים „אַ סאָקאָלאָווער״.

2) זע, מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו, אַרויסג׳. צענט. פאַרב. פוילישע ייִדן, בוענאָס איירעס, 1846, ז״ז 50—68.

קראַנקע... פלעגן קומען נאָך רפואות... ס׳האָט זיך ביי אים געפירט אַ הויף מיט קעניגלעכער רחבות... סאָקאָלאָוו איז צוליבן רבין געוואָרן אַ פעסטונג פאַר דער אגודה...״ 3).

דאָס אַלץ האָט ער דערגרייכט צוליב זיין ירושה פון קאָצקער שאַרפ־קייט, פאַרמאָגנדיק דערביי די נייטיקע פאַרשטענדעניש פאַר טאַקט. גע־בוירן אין פילעוו, איבערנעמענדיק בלויז אַ טייל פון דער קאָצקער דינאַס־טיע, איז ער אין סאָקאָלאָוו באַרימט געוואָרן: סאָקאָלאָווער יידן האָבן אַ גרויסן חלק אין זיין ווערן באַרימט און נישט ווייניקער, זיין אָנגעהעריקייט צו דער אגודת ישראל. ער פלעגט זיך באַטייליקן אויף אגודה־כנסיות אלס טריבון און זיינע רעפעראַטן פלעגן שטענדיק זיין איינדרוקספול, זיך באַ־נוצנדיק מיט די העכסט־מאָדערנע אויסדרוקן און פאַרמאָגנדיק אויך דעם טאַלאַנט צו שילדערן און מאָלן בילדער פונעם לעבן.

זייענדיק דער למדן און גרויסער אָרגאַניזאַטאָר, האָט ער אין סאָקאָ־לאָוו איינגעפירט אַ ישיבה א״נ „בית ישראל״, אין וועלכער ס׳האָבן גע־לערנט הונדערטער תלמידים, לומדים מופלגים. עילויים פון פאַרשיידענע שטעט אין פוילן זענען געקומען קיין סאָקאָלאָוו און ער אַליין האָט געזאָגט אַ שיעור. צווישן די תלמידים האָט זיך אויך געפונען דער איצטיקער פי־רער פון מזרחי־הפועל המזרחי, חבר־כנסת און איצט איידעם פונעם סאָ־קאָלאָווער, יעקב גרינבערג 4) און אויך אַנדערע וויכטיקע ציון־פירער.

מיט זיינע זין און טעכטער האָט ער געטאָן גאָר גרויסע שידוכים און געקומען אין מחותנשאַפט כמעט מיט אַלע גדולים אין דער רבישער וועלט.

אינטערעסאַנט איז, ווי דורך די שידוכים איז געמאַכט געוואָרן אויך אַן ענדע צו דער אַלטער מחלוקה צווישן איזשביצע־קאָצק. דער סאָקאָלאָ־ווער רבי איז געוואָרן מחותן פון ראַדזינער רבי, ר׳ מרדכי יוסף אליעזר ליינער, אייניקל פונעם איזשביצער ר׳ מרדכי יוסף און פון דעם שידוך איז אַרויסגעקומען אַ פאַרצווייגטע משפחה פון קאָצק־איזשביצע 5).

דער סאָקאָלאָווער רבי האָט טראַגיש פאַרענדיקט. פריִער, האָבן די

3) דאָרט, באריכות.

4) וועגן אים אין אַ באַזונדערן מאמר בעת זיינע באַזוכן אין טאָראָנטאָ.

5) זען פ. ז. גליקסמאַן, דער קאָצקער רבי; י. אלפסי, קאָצק, ז׳ ס״א.

נאַציס דערמאָרדעט אינמיטן מאַרק זיין זון דעם קדוש ר׳ מנחם מענדל, רב אין װענגראָװ, ביי סאָקאָלאָװ, (באַקאַנט אַלס מענדעלי װענגראָװער, הי״ד). דאָס איז פאָרגעקומען ערב יום־כיפור, ת״ש — 1939, און מ׳האָט דאָס אויסבאַהאַלטן פונעם פאָטער, װעלכער האָט בעתן אויסברוך פונעם קריג געװוינט אין אָטװאָצק.

סוכות ביינאַכט, װען ער האָט גענומען דעם כוס אין האַנט, איז דער כוס אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט, האָט ער באַלד זיך שטאַרק צעװיינט און אין ספּאַזמען געשריִען, זיי האָבן געהרגעט מיין זון...6). ער איז פאַרשלאָפט געװאָרן און מער נישט געקומען צו זיך, אויסהויכנדיק זיין הייליקע נשמה ג׳ חשון ת״ש און מיט זיין פּטירה איז פאַרענדיקט געװאָרן דאָס גרויס קאַ־פּיטל חסידות קאָצק אין פּוילן װאָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט זיין עלטער־זיידע ר׳ מנחם מענדל מאָרגנשטערן, געבוירן אין גוריי ביי לובלין אין יאָר תקמ״ז — 1787, װי אַן אָפּשטאַמיקער פון דורות רבנים און גאוני ישראל; געװאָרן רבי אין זיין װוינשטאָט, טאָמאַשאָװ ביי לובלין אין יאָר תקפ״ז — 1827, און נפטר געװאָרן אין קאָצק, כ״ב שבט, תרי״ט — 1859.

ר׳ מענדעלי האָט געהאַט עטלעכע זין, איינער פון זיינע זין, ר׳ בנימין איז געװען דער איידעם פון ר׳ אברהם־מרדכי, פאָטער פון שפת אמת. ער איז נסתלק געװאָרן אין פריִען עלטער אין יאָר תרכ״ז, אין עלטער פון 26 יאָר, אינעם יאָר װען זיין זיידע דער רי״ם איז נפטר געװאָרן.

זיין זון ר׳ דוד (תקס״ט — 1809, כ״ב תמוז תרל״ג — 1873) איז געװען ממלא־מקומו. זיין נאָכפאָלגער איז געװען ר׳ חיים ישראל מאָרגנשטערן. ער איז געװען אַ גרויסער למדן, דענקער און שרייבער, זיך באַזעצט אין פּילעװ ביי דער װייסל און באַקאַנט אַלס ר׳ ישראל פּילעװער. ער האָט געהאַט פיר זין: ר׳ צבי, רבי אין ליקעװע; ר׳ יוסף, רב אין קאָצק; ר׳ משה מרדכי, רבי אין פּילעװ און דער באַרימטסטער — ר׳ יצחק זעליג, סאָקאָלאָװער רבי.

ער איז געװאָרן רב אין סאָקאָלאָװ, אין יאָר תרנ״ט; געװען פאַררעכנט פאַר איינעם פון די װיכטיקסטע פערזענלעכקייטן אין דער רבניש־רביי־אישער װעלט און אין יאָר תר״ע, געװען איינער פון דער דעלעגאַציע װאָס

6) זע, גראַנאַטשטיין, דאָרט, ז׳ 114; ארזי הלבנון, ז׳ 205.

איז געפאָרן קיין פעטערבורג אויפגענומען צו ווערן ביים צאַר און זיינע מיניסטאָרן.

***

דער סאָקאָלאָווער רבי, ווי געזאָגט, האָט זיך באַנוצט מיט אַ מאָדערנעם יידיש און גערעדט אָראַטאָריש.

אַזוי האָט ער אין זיין רעפעראַט ביי דער כנסיה הגדולה (ווין, ה׳־י״ב אלול, תרפ״ט), פאַר רבנים און אגודה עסקנים, זיך באַנוצט מיט אַ רייכער מאָדערנער שפראַך און אַגיטירט פאַר מאָדערנע קאַמפּס־מעטאָדן אין קאַמף פאַר רעליגיעזער יידישקייט.

אין יענעם רעפעראַט ציט ער דעם פּאַראַלעל צווישן דעם וויכוח פון ר׳ אמי און ר׳ אסי, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן פון רבין „לתקן קרייתא״, אַ וויכוח ווי אַזוי צו פירן דעם קאַמף פאַר יידישקייט און אַז צווישן זיי איז „אַנטשטאַנען אַ מיינונגס־פאַרשיידנהייט מיט וועלכע מיט־לען מחזק צו זיין דעם דת.

איינער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף אַרבעטן פאַר יידישקייט בלויז מיטן אַלטן סיסטעם... ווייל אויב מ׳וועט אָננעמען די מאָדערנע מיטלען פון פּראָפּאַגאַנדע, קענען קומען בעסערע רעדנער פון פרעמדן לאַגער און האָבן מער דערפאָלג.

דער אַנדערער האָט געהאַלטן אַז מען מוז דורכאויס אָנווענדן די מאָדערנסטע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע־מיטלען...

דערויף האָט ר׳ יצחק נפחא געזאָגט: אימא מלתא דשוי׳ לתרויהו״... מען מוז דאָס רעליגיעזע יידנטום צוריקפירן צו יידישקייט מיטביידע מיטלען, מען דאַרף אויסנוצן אַלע מאָדערנע השפעות צו געווינען די מאַסן פאַר יידישקייט, אָבער דאָס מוז זיין די הלכה, דאָס אַלט־יידישקייט וואָס איז דער יסוד פון יידישן לעבן...״

און ער זעצט פאָר זיין רעפעראַט, ווי אַ מאָדערנער דרשן:

„ביי עגלה ערופה איז אַ פּלוגתא אין דער גמרא, אויב מען האָט געפונען דעם קאָפּ באַזונדער און דעם גוף באַזונדער, פון וואַנעט דאַרף מען אָנהייבן מעסטן: פון קאָפּ צי פון גוף... מיר יידן דאַרפן ברענגען אַן עגלה ערופה אויף דער הרוגה רוחנית אין יידישן לאַגער, דערפאַר ווייל

מיר האָבן גאָרנישט ניט געטאָן אָפּצושטעלן די גרויסע כפירה־מגיפה; עס זענען אָבער דאָ פאַרשידענע מיינונגען, ווער עס איז שולדיק אין דעם. צי די גדולי ישראל וואָס הייסן דער ראש, דערמיט וואָס זיי האָבן זיך נישט ווי געהעריק אַראָפּגעלאָזט צום המון, צו לערנען זיי, אַז זיי זאָלן נישט בלאָנדזשען אָדער דער כלל פון רעליגיעזע יידן, וואָס זענען דער גוף האומה, דערמיט וואָס זיי האָבן זיך נישט צוגעהערט צו דעם רוף צו אַרבעטן לטובת חיזוק הדת...

„אויף דער דאָזיקער כנסיה הגדולה, זענען צוזאַמענגעקומען דער ראש און דער גוף, די גדולי ישראל מיט די ברייטע יידיש־רעליגיעזע מאַסן, דאַרף פון דאָ אַרויסגיין דער גרויסער טאַט פון החזרת עטרה ליושנה, כדי אָפּצושטעלן די הפקר־שטראָמען ביי יידן און מיר זאָלן לפחות פון היינט אָן קאָנען זאָגן: „ידינו לא שפכו את הדם הזה".

פון דער דאָזיקער כנסיה הגדולה, דאַרף אַרויסגיין דאָס אמתע וואָרט פון חיזוק הדת. כדי אָבער דאָס צו דערגרייכן, מוזן געשאַפן ווערן עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, וואָס זאָלן זיין אַ שטיצפּונקט פאַרן יידישן המון. אַזוי אַרום וועלן זיי אַריינגעצויגן ווערן אין דער אגודת ישראל און זיי וועלן זיך קענען באַפרייען פון דער שעדלעכער השפעה פון די פרייע פאַרטייען און מיר וועלן שטייגן אין קדושה, אַזוי ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ גוי קדוש..." 7).

אינעם נאַצי־גיהנום זענען אומגעקומען און פאַרניכטעט געוואָרן די צענדליקער כתבי־יד וואָס ער האָט געהאַט גרייט. ער איז דאָך געווען אַ כתבאָ רבה, אַ מחבר מיט פאַרנעם און געהאַט וואָס צו זאָגן. אַלץ איז אַוועק, — ראש, גוף און נשמה...

פונקט ווי עס איז אונטערגעגאַנגען דער אַנדערער צווייג פון קאָצק, די סאָכאַטשאָווער דינאַסטיע. ר' שמואל, ווי דער זון פון ר' אברהם באָרנשטיין, איז געווען רב און רבי פריער אין סאָכאַטשאָוו און נאָכדעם אין זגערזש (תרט"ו—1855; כ"ד טבת, תרפ"ו—1926) און זיין ממלא־מקום איז געווען ר' דוד — אומגעקומען אין יאָר תש"ד—1943. אויך פון זיין

7) באַריכט פון קאָנפערענץ, ז"ז 19—20.

נ. שמן

אידעם יצחק יהודה, באַרימטער „מזרחי״־פירער און רב אין קוטנע, די שטאָט פון זיינע עלטערן איז ניט געבליבן קיין נאָכפאָלגער, ווייל ס׳איז מער נישטאָ די קוטנעס און אַנדערע שטעטלעך אין גרויס־פוילן, מיט איר גרויסן יידישן ישוב. אַלץ איז אונטערגעגאַנגען מיט אַמאָל און אַזוי פלוצ־לונג.. אין אַ האַלבן יאָרצענדליק און קיין זכר פון אַזאַ שעפערישן ישוב!

קאַפּיטל דרייצן

גערער חסידות

1. די ירושה פון גער

אין דער צייט ווען די מדינה האָט געקעמפט מיט אירע שונאים, אונטער אומגעווײנטלעכע אומשטענדן, איז אין דער באַלאַגערטער הייליקער ירושלים נסתלק געוואָרן דער באַרימטער גערער רבי, ר׳ אברהם מרדכי (חיים) אַלטער זצ״ל, א׳ שבועות תש״ח (13.6.48). ער איז באַטראַכט געוואָרן אַלס איינער וואָס האָט מיט זיך פּערזאָניפיצירט דאָס פּוילישע חסידות פון קאָצק־גער אין דער נייער צייט, מיט נייע שטורמיש־דינאַמישע און דרייסטע ענדערונגען, וואָס דער יורש פון רי״ם האָט געשאַפן. ער האָט געבראַכט סדר, דיסציפּלין אַזוי אין לערנען, אַזוי אין דאַווענען; אַזוי אין דער וואָכעדיקייט און אַזוי אין דער שבת־יום־טובדיקייט. ער האָט אַלץ געטאָן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, ממש צו דער סעקונדע...

אין קאָצק, האָט מען מבטל געמאַכט די באַגריפן פון צייט און אויף דעם פּראָסטן מענטשן געקוקט מיט ביטול, ווי שטויב, עפר ואפר און געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף בלויז זיין פאַרטאָן אינעם תיקון וואָס פירט צו די עולמות העליונים, ווי דאָס ליד גייט:

„נישט געדאַוונט, נישט געלערנט,\
אַבי דעם אויבערשטן נישט דערצערנט,\
וואָס האָבן מיר צו זאָרגן,\
וואָס עס וועט זיין מאָרגן,

לאָמיר בעסער פאַרריכטן,
וואָס מיר האָבן קאַליע געמאַכט נעכטן
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
אפשר, אפשר וועלן מיר עס קענען מתקן זיין..."

„איך דאַרף ניט די וועלט — האָט דער קאָצקער זיך געבייזערט — — גיט מיר אַ מנין יונגעלייט, וואָס זאָלן מיטן גאַנצן ברען פון דער נשמה, אויסשרייען „שמע ישראל"... און מיט פייערדיקער מסירות־נפש אויס־רופן: אחד און גענוג!

איז געקומען ר' אברהם מרדכי זצ"ל און געזאָגט: דער קאָצקער איז געווען גערעכט אין זיין דור; אין אונדזער דור, דאַרף מען מקרב זיין דעם מענטש און דורך די פשוטע וועגן אים דערהויבן צו זיין באַרוף אַלס בחיר היצירה. אים דערהויבן ניט דורך מופתים, ניט דורך פאַרשאַרפטער חסי־דות, נאָר דורך סדר און אַ דאַנק זיין ליכטיקע פערזענלעכקייט, האָט דער גערער רבי באַצויבערט יונג און אַלט, שטעלנדיק יונגעלייט ביים אויבנאָן. מאַסן יונגע מענטשן האָבן געצויגן און געשטראָמט קיין גער, וואָס איז גע־וואָרן די גרעסטע פעסטונג פון תורה־לומדות און חסידות — אצילותדיק חסידות וואָס היילקט דעם מענטשלעכן וועזן.

געבוירן ביים רי"מס אייניקל, דעם שפת אמת, ז' טבת תרכ"ו (1866), האָט ער פון קינדהייט אָן אַרויסגעוויזן אַ געניאַלקייט וואָס חסידים, אדמו־ר"ים און אַנשי מעשה האָבן באַוואונדערט און אויב בחיי אביו, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן פון מענטשן, ניט געוואָלט אַפילו מ'זאָל אים קענען, געווען אַ נסתר און שתקן, איז ער נאָך זיין פאָטערס הסתלקות (ה' שבט תרס"ה — 1905) נתגלה געוואָרן פאַרן ברייטן עולם חסידים, וואָס האָבן דווקא אים געוואָלט האָבן פאַר זייער מנהיג און זינט יענעם גרויסן פסח פון תרס"ה, ווען ער האָט נאָכגעגעבן דעם פאַרלאַנג פון די חסידים, זיך אַרויסגעוויזן אַלס גרויסער חסידישער מנהיג מיט זיינע נייע תקנות פון התנהגות איינ־דערוואָכן און שבת־יום־טוב און געוואָרן דער פרנס הדור לויט די העכסטע באַגריפן. גאַנץ פוילן האָט אַרויפגעקוקט צו אים און צענדליקער טויזנטער יידן זענען געקומען ווי עולי רגל קיין גער (אין פויליש: „גוראַ קאַלוואַריאַ), קומענדיק אויף דער קליין־באַן („קאַליקאַ"), וואָס האָט קורסירט צווישן וואַרשע און גער.

ווי אַזוי איז דער גערער רבי געראַטעוועט געוואָרן פון די נאַצישענט? דאָס איז אַ גאָר אינטערעסאַנט קאַפּיטל. ער איז אין 1940, אַרויסגעפירט געוואָרן פון היטלעריסטיש־אָקופּירטן פּוילן, געבראַכט געוואָרן קיין ארץ־ישראל און זוכה געווען צו זען די אתחלתא דגאולה, צו וווינען אין ישראל, ווו ער האָט יאָרן־לאַנג געשטרעבט צו זיין אַ תושב אין הייליקן לאַנד.

מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל געבראַכט אויסצוגן פון בריוו וואָס ער האָט געשריבן און מעורר געווען פאַר חיבת ציון 1).

אין איינעם פון זיינע בריוו, שרייבט ער:

„מיין האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן און איז שטאָלץ. איך האָב דערשפּירט אַן עונג רוחני, זעענדיק די מאַיעסטעטישע שיינקייט פון אונדזער הייליק לאַנד. איך האָב באַזוכט די דאָרטיקע יידישע מוסדות, ווי אויך די ישיבות און תלמוד־תורהס, וואָס געפינען זיך אונטער דער השגחה פון די חרדים און האָב געפונען אַלץ בכי טוב... איך בין זייער צופרידן, זעענדיק, אַז מיר יידן קאָנען אין ארץ־ישראל האָבן אַ רויק לעבן און פירן זיך אויפן יידישן שטייגער, ווי ס'האָבן אונדז געלערנט אונדזערע אבות... די וואָס קענען זיך נישט באַזעצן אויף שטענדיק אין הייליקן לאַנד, איז מיין מיינונג, אַז בכדי צו העלפן זייערע פרומע יידישע ברידער צו באַזעצן זיך דאָרט, דאַרף יעדער אָפּשיידן פון זיין פאַרמעגן אַ באַשטימטן טייל און קויפן זיך דאָרט אַ חלק און אַ נחלה, וואָס וועט ברענגען פּירות אויך בעולם הזה.

מעגלעך, אַז דערויף האָבן מרמז געווען אונדזערע חכמים ז״ל מיט זייער וואָרט „שליש בקרקע“ — די כוונה דערפון איז: אין דער קרקע פון ארץ־ישראל, וואָרים אין ערכין דף כ״ט ווערט דערקלערט, אַז די קרקעות פון חוץ לארץ, זענען ווי מטלטלין אין א״י (ע״ד הלצה, קען מען דערקלערן דערמיט, דאָס, וואָס די חז״ל באַהויפּטן, אַז די יידישע הייזער פון חוץ לארץ וועלן אַריבערגעטראָגן ווערן קיין ארץ־ישראל און דעריבער איז פאַר געלט נישטאָ קיין בעסערע שמירה, ווי אין קרקע (פון ארץ־ישראל), ווייל דורך דעם וועט אויך אָפּגעהיט ווערן דער רעשט פון פאַרמעגן אין חוץ לארץ, ווי עס שטייט: יברכך ד׳ מציון...

---

1) זע, דגלנו, סיון תרפ״א — אלול תרפ״א; אויך די ביאָגראַפישע ספרים וועגן גער און אין אַנדערע צייטשריפטן. זע, פריער באַנד ו, קאַפּ. 3, ז״ז 118—127.

אין די סאַמע שרעקלעכע גורלדיקע טעג פון דער יו־ען־אָפּשטימונג, האָט דער גערער רבי דורך זיין גבאי, ר׳ שמאי גינזבורג, פאַרעפנטלעכט נאָך אַ בריוו וואָס לייענט זיך:

„ב״ה, פעיה״ק ירושלים, ח״י שבט, תש״ח.

כ״ק אדמור שליטא אמר לי לכתוב בשמו:

(מיר גיבן דאָס אין יידישער איבערזעצונג). דער סוף וועט זיין, אַז עס וועט גוט זיין. עס איז איינע פון די י״ג עיקרים, זיי זאָלן זיך אָנהאַלטן אין אויבערשטן. וואָס מער עס איז פינצטער איז מער דערנאָך דאָס ליכטי־קייט. די וואָס האָבן געליטן זאָלן מקבל זיין תנחומין״.

ער איז געווען זיכער אינעם יידישן נצחון, ניט קוקנדיק וואָס די אַראַ־בישע מלוכות האָבן דאַן אַרומגערינגלט די ניי־געשאַפענע ישראל־מדינה. דער רבי האָט זיך געפונען אין אַ שוץ־קעלער בעת די אַראַבער האָבן באָמ־באַרדירט ירושלים, אָבער פול מיט אמונה, ויהי ידיו אמונה... דאָס האַרץ וואָס איז געווען אָנגעווייטיקט פון צער און צרות ישראל, האָט אָבער מער ניט געקענט אויסהאַלטן ויצאה נשמתו בטהרה ובאמונה.

צוליב די באַדינגונגען האָט ער ניט געקענט קומען צו קבורה אויפן הר הזיתים, ווו ער האָט זיך באַזאָרגט בחיים מיט קרקע, און איז צייטווייליק נטמן געוואָרן אין רוחמה־קוואַרטאַל, אונטער אַ וואַך פון יידיש מיליטער און בלויז צוויי האָבן אים מספיד געווען, הרב־הראשי ר׳ יצחק אייזיק הער־צאָג און הרב דושינסקי. דער גאַנצער עולם האָט געזאָגט קדיש.

דער רב הראשי האָט צוו. אַנד. געזאָגט אין זיין הספד, אַז ווען אַ צדיק גייט אַוועק און לאָזט ניט איבער אַזאַ פּערזענלעכקייט מיט אַלע זיינע אַטרי־בוטן, דאַן איז די פּטירה גרעסער ווי חורבן בית המקדש, ווייל דער צדיק איז אין דער בחינה פון ארון הברית.

די הסתלקות פונעם גערער רבי, האָט געמאַכט אַ רושם איבער דער גאַנצער וועלט. אומעטום זענען דערשינען הספד־מאמרים, ביאָגראַפיעס און יזכור־פאַרזאַמלונגען. אויף איינער אַזאַ פאַרזאַמלונג, האָט ר׳ יעקב ראָזנ־היים, איינער פון די גרינדער פון דער אגודת ישראל, געזאָגט:

„אַ הספד נאָכן גערער רבין איז אַ הספד נאָכן פוילישן יידנטום... ער איז געווען דער ווירקלעכער רעפּרעזענטאַנט פונעם דאָזיקן יידנטום וואָס האָט באַצירט לימוד התורה אויף קדושה, טהרה און טראַדיציע פון דורות...״

דער גערער רבי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מוסטער פון דיס־ציפּלין און אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך געקענט דורכרעדן מיט אַלע גדולי ישראל, אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו אַלעמען, ווען עס האָט זיך נאָר גע־האַנדלט וועגן בויען אַ בנין־עדי־עד פאַרן תורה־פאָלק.

ר׳ זלמן סאָראָצקין, דער לוצקער רב, האָט דאַן אויסגערופן אין רירנ־דיקע ווערטער: „קול נהי נשמע מציון, איך שודדנו, ווי אַזוי זענען מיר פלוצלונג באַרויבט געוואָרן פונעם דאָזיקן צדיק וקדוש ,הלא תדעו כי שר וגדול נפל היום בישראל... ער איז געווען דער שר וואָס האָט הונדערטער טויזנטער ייִדן געפירט און אַ גדול בש״ס ופוסקים... אינעם דאָזיקן שרעק־לעכן דור זענען אויפגעשטאַנען דריי מנהיגים פאַרן כלל ישראל, צו וועמען די אויגן פון אַלע פרומע ייִדן זענען געווען געווענדט: דער חפץ חיים, ר׳ חיים עוזר און דער גערער רבי; ווען ס׳איז נסתלק געוואָרן דער חפץ חיים האָבן די אַנדערע צוויי ממשיך געווען; ווען ר׳ חיים עוזר איז נפטר געוואָרן איז דער גאַנצער לאַסט געפאַלן אויף דעם גערער רבין. איצט, ווען מ׳האָט אים אויך צוגענומען, דאַכט זיך ווי אַלע דריי וואָלטן צוגענומען געוואָרן אין איין טאָג... ווי אין פסוק שטייט: „ואכחיד שלשת הרועים בירח אחד״...

הרב אליעזר זילבער אין זיין שילדערן די גרויסקייט פונעם גערער רבי 2) גיט איבער, ווי ער, און ר׳ אלחנן וואַסערמאַן האָבן זיך געזען מיט אים אין מאַריענבאַד, בעת דער כנסיה הגדולה פון דער אגודת ישראל:

„פחדתי תחילה, אך בבואי הכרתי מיד גדולתו וענותנותו, ומקי׳ ורומו בפלפולא דאוריתא... יותר משעה פלפלנו בכ״ה מקומות התמוהים בש״ס, בבלי וירושלמי... הרגשתי אז את עצמי כעבד ושר לפני מלך...

ולפני שנתיים ערש״ק שופטים בירושלים עיה״ק באלול, בקרתי ביום הגעתי לעיה״ק את האיש הענקי האדמו״ר מגור שב״ה זכיתי שחלק הי׳ לי בהצלתו והצלת משפחתו... ובשמחה קבלני בביתו ואז ראיתיו בהדרתו כי יחיד הי׳ בדורנו, גאון וצדיק, חובב ארצנו הקדושה וחובב עמו, ראיתי זהרו בכמה גווני, איש ענקי משפיע כבוד על כל אשר בסביבו... 3).

---

2) הפרדס, תמוז, תש״ח.

3) זע אויך דאָרט, הספד פון רעדאַקציע.

2. הונדערט יאָר גערער חסידות

וועגן דער השתלשלות פון דער גערער דינאַסטיע, האָבן אויספירלעך געשריבן עטלעכע חסידות־פאָרשער. גאָר אויסגעצייכנט האָט עס באַשריבן יצחק אלפסי 1), אין וועמענס ווערק מיר האָבן אַ גענויע שילדערונג און אַ כראָנאָלאָגישן סדר פון חסידות גער, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיטן חדושי הרי״ם, דעם יורש פון פשיסכע־קאָצק מיט הונדערט יאָר צוריק און אָנגע־האַלטן ביז חורבן פוילן.

דער חדושי הרי״ם, ר׳ יצחק מאיר ראָטנבערג־אַלטער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין הויף פון קאָזשעניצער מגיד ר׳ ישראל האָפשטיין (תצ״ז—1737; תקע״ה—1815) איינער פון די דריי זיילן פון פויליש־גאַלי־ציישן חסידות. זיין מוטער, איז דורכן מגיד פאַרשדכנט געוואָרן צום מאגני־שאָווער רב ר׳ ישראל ראָטנבערג 2).

פון דעם שידוך איז געבוירן געוואָרן ר׳ יצחק מאיר אין יאָר תקנ״ט. זיין פאָטער, אַ חסיד פון ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער און מקורב פון קאָ־זשעניצער האָט דעם יונגן איטשע מאיר געבראַכט צום מגיד, באַזונדערס, האָט אים די מוטער כסדר מיטגענומען מיט זיך „אַהיים״ און דאָרט אים איבערגעלאָזן ווען זי איז אַרויס האַנדלען אויפן מאַרק, ווייל דער מאַן האָט ניט פאַרדינט אויף פרנסה און דער מגיד האָט זיך מיט אים אָפגעגעבן ווי מיט אַן אייגן קינד.

ווען ער איז גרעסער געוואָרן האָט דער מגיד מיט אים געלערנט און אים געהיט ווי דאָס אַפּל פונעם אויג, זעענדיק אין אים פענאָמענאַלע גרויס־

1) גור, המייסד: בעל החדושי הרי״ם, חייו, מחשבתו ותורתו, הוצ׳ סיני, תל־אביב, תשי״ד.

2) זע, מאיר עיני הגולה. חלק ראשון, פיעטרקוב, תרפ״ח; חלק ב׳, וואַרשאָ, תרצ״ב; פון ר׳ אברהם ישכר בנימין לבית אַלטער; שיח שרפי קודש; ספר הזכות, פיעטרקוב, תרפ״ג; א. צ. בראָמבערג; שפת אמת, על התורה; חדושי הרי״ם, תשור־בות הרי״ם; ספר ליקוט פון ר׳ לייב היינה; זכרון צדיקים, והוא מספד מר על רבי יהודה ארי׳ לייב מגור, מאת אברהם יצחק דזובאַס ,פיעטרקוב, תרס״ה; יצחק ורפל, ספר החסידות און אַנדערע. זע אויך, די לעצטנס־דערשינענע ספרים פון הרב מ. שוואַרצמאַן: „דער ייד. פלאַם״ און „אלה תולדות הרבי הראשון מגור״.

קייט און ער איז טאַקע געווען „עלה ונתעלה״, גרעסער אין לערנען און נאָך גרעסער אין פּקחות.

אין גאָר פריִען עלטער, איז ער געוואָרן דער איידעם פון וואַרשעווער גביר ר׳ משה חלפן 3) און אין וואַרשע, געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען צו גאונישקייט און ווערן באַרימט אין גאַנץ פּוילן; דאָרט אָנ־געפירט מיט אַ גרויסע ישיבה, ווו די פעיִקסטע בחורים פלעגן קומען לער־נען און דאָרט זיך באַקענט מיט פּשיסכער חסידים און ס׳האָט אים שטאַרק געגלוסט פאָרן צום רבין ר׳ בונם, אָבער כל־זמן דער מגיד האָט געלעבט, האָט ער אפילו נישט געטראַכט פון פאַרלאָזן דעם מגיד און פאַרזוכן דעם טעם פון אַ „טיש״ ביי אַן אַנדערן רבין, כאָטש ס׳זענען דאָ פאַקטן, אַז ער איז געווען עטלעכע מאָל ביים חוזה פון לובלין.

דער קאָזשעניצער מגיד, דאַרף מען וויסן, איז געווען פון די געציילטע רביים־גאונים אין פּוילן, וואָס האָט אפילו געענטפערט אויף שאלות אין הלכה־ענינים. דערויף זאָגן עדות זיינע ספרים: „בית ישראל״, „מגיד מישרים״ א״אַנד. פּונקט ווי אויף קבלה־חסידות, זיין ספר „עבודת ישראל״.

באַקאַנט איז זיין פּסק־הלכה אין שייכות מיט אַן עגונה פונעם שטעטל סטאַשעוו, וועמעס מאַן, שרגא־פיבל, אַ כמעלניקער, איז פאַרשווינדן גע־וואָרן און נאָך לאַנגע זוכענישן, האָט מען אויסגעפונען אַז ער האָט זיך גע־שמדט, איז געוואָרן אַ רוסישער סאָלדאַט און געפינט זיך אין דער פּריי־סישער אַרמיי. האָט מען אָנגעהויבן זיך באַמיִען קריגן פון אים אַ גט, דורך אַ כח הרשאה. דערווייל, איז אָנגעקומען אַ ידיעה אַז ער איז געהרגעט גע־געוואָרן אין קאַמף מיט דעם נאַפּאָלעאָנישן חיִל.

ס׳איז געוואָרן אַ שקלא וטריא אין דער רבנישער וועלט: מ׳האָט זיך געווענדט צום קאָזשעניצער מגיד און נאָך לאַנגע טראַכטענישן און זוכע־נישן, אַרויסגעגעבן דעם פּסק־דין, מתיר צו מאַכן די עגונה. ער האָט וועגן דעם געשריבן צו די גדולי הדור און זיי האָבן מסכים געווען צום דאָזיקן פּסק. צווישן די גדולים וואָס האָבן מסכים געווען מיטן מגיד, איז געווען דער בעל־הפלאה, ר׳ פּינחס הורוויץ, דער רב פון פראַנקפורט־אַם־מיין; ר׳ יוסף הויכגעלערנטער — רב אין זאַמאָשטש, דער בראָדער רב און אַנד.

3) מסתמא אַ ברודער פון לובלינער גביר ר׳ ישראל חלפן...

דאַקעגן איז דער „אייזערנער קאָפּ״, ר׳ עזריאל הורוויץ פון לובלין שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן מגידס פסק־דין און ס׳האָט זיך צעפלאַקערט אַ מחלוקה. דער קאָזשעניצער מגיד, האָט ניט געשוויגן און געענטפערט נאָך שאַרפער אויף דעם דאָזיקן אַקט מצד דעם לובלינער רב און באַזירט זיין היתר מיט גרויס חריפות פון פאַרשיידענע הלכות אין תלמוד און אין שאלות ותשובות ספרים 4).

זעט מען דאָך אַז דער מגיד איז געווען גרויס ניט בלויז אין קבלה און חסידות, נאָר אַ בקי און חריף אין לערנען און דער חדושי הרי״ם האָט געהאַט אין אים אַ גאָר גוטן מורה ומחנך. אים האָט אָבער דאָך געצויגן קיין פּשיסכע, צום רבין ר׳ בונם.

נאָך דער פּטירה פון קאָזשעניצער מגיד (ערב סוכות תקע״ה), האָבן ס׳רוב חסידים זיך געלאָזט קיין לובלין, אָבער דער „חוזה״ האָט זיי באַ־פוילן, אַז דעם קאָזשעניצערס זון ר׳ משה אליקום בריעה זאָל ווערן דער ממלא־מקום, כאָטש זיי האָבן ניט געהאַלטן אַז ער איז ראוי צו הנהגה פון אַזאַ גרויסע עדה — און אויך דער חדושי הרי״ם האָט געמוזט בלייבן אין קאָזשעניץ. אים האָט אָבער געצויגן קיין פּשיסכע און אָן דעם וויסן פון ר׳ משהלע, פלעגט ער זיך אַריבערכאַפּן מיט פּשיסכער חסידים צום רבין ר׳ בונם און לסוף באַשלאָסן צו פאַרלאָזן אינגאַנצן קאָזשעניצער חסידות.

חסידים דערציילן, אַז דאָס איז פאַרגעקומען אויף אַ גאָר דראַמאַטישן אופן. דער חדושי הרי״ם איז אַמאָל געזעסן ביים קאָזשעניצער, ווען ס׳איז פאַרגעקומען אַ שאלה ביים טיש און ר׳ איטשע מאיר וואַרשעווער האָט גע־ענטפערט מיט אַ גאונישן איינפאַל, האָט ר׳ משהלע אים אַרומגעכאַפּט און אַ קוש געטאָן, איז דער רי״ם אַנטלאָפן, זאָגנדיק, איך וויל ניט קיין רבין וואָס זאָל קושן — איך וויל אַ רבי וואָס זאָל רייסן פון מיר שטיקער... און אויף אייביק פאַרלאָזט דעם קאָזשעניצער הויף, ניט געקוקט דערויף וואָס ר׳ משהלע האָט מרעיש עולמות געווען און ניט געקוקט אויך דערויף וואָס יעדע נסיעה האָט אים געקאָסט אַ קינד ר״ל. ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך די לוויות פון אַלע זיינע קינדער, פון וועלכע ס׳זענען אים געבליבן בלויז איי־

4) זען באריכות צ. מ. רבינוביץ „המגיד מקוזניץ״, ז״ז 48—52; אויך, נ. שמן „לובלין״, ז״ז 155—156.

ניקלעך. איינער פון די נאָענטסטע אייניקלעך איז געווען זיין יהודה לייב, דער שפעטערער „שפת אמת". ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, „17 מאָל בין איך געפאָרן קיין פשיסכע און די זיבעצן, זענען געווען סיבות צו פאַר־לירן 17 מיינע קינדער — אַן עונש, אַ שרעקלעכער עונש פאַרן פאַרלאָזן די הייליקע פון קאָזשעניץ־אַפּט. איך האָב אָבער ניט קיין חרטה...".

די רביצין האָט זיך געבעטן, געוויינט און געקלאָגט, ער זאָל האָבן רחמנות אויף די קינדער, ער האָט אָבער ניט געקענט נאָכקומען איר פאַר־לאַנג. וועגן די דראַמאַטישע סצענע, ביים אַנזאָגן אים די בשורה, אַז זיין באַליבטער זון ר' אברהם־מרדכי איז נסתלק געוואָרן, שרייבן אַלע זיינע ביאָגראַפן 5). דער „שפת אמת", ר' יהודה ארי' לייב בן ר' אברהם מרדכי, געבוירן כ"ט שבט, תר"ז, איז דאַן אַלט געווען אַכט יאָר.

דער רבי ר' בונם האָט אים אַרויסגעוויזן געוואַלטיקע התקרבות. ביים גרויסן וויכוח, אויף דער אוסטילער חתונה, האָט ר' איטשע מאיר וואַר־שעווער געראַטעוועט דעם כבוד פון זיין רבין. דער פשיסכער האָט אים באַטראַכט אַלס גאון אין נגלה און נסתר, אַלס העכסטער תורה־אויטאָריטעט צווישן פשיסכער חסידים 6).

---

5) זע, מאיר עיני הגולה, חלק א'; ורפל, דאָרט; אלפסי, גור — באריכות און אין אַנד. מקומות; ווען ר' אברהם מרדכי איז געבוירן געוואָרן, י"ט שבת תקע"ו, האָט דער רי"ם פאַרנאָטירט: „בני זה יהי' קודש לד' פ"ק", זע „בנים וצאצאים", ז' 117.

6) וועגן דער אוסטילער חתונה איז אַ סך געשריבן געוואָרן. דאָ ווילן מיר בלויז דערמאָנען ,אַז דער רבי ר' בונם אַליין, האָט געוואָלט פאָרן צו דער חתונה און דאָרט אויפן אָרט פאַרטיידיקן פשיסכער חסידות. דער קאָצקער האָט אָבער בשום אופן ניט געלאָזט פאָרן זיין רבין און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן פינף תלמידים, צווישן זיי, ר' יצחק מאיר, וועלכער איז באַאויפטראַגט געוואָרן צו פאַרטיידיקן און פאַרענטפערן אַלע קשיות אויף דער התנהגות פון ר' בונם. אוןווירקלעך האָט דער חדושי הרי"ם צעשטערט אויף יענער היסטאָרישער חתונה אַלע טענות פון די קעגנער און די התקרבות פונעם אַפּטער איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים גאַרטל און געטאַנצט מיט אים אַליין. דער זקן הדור מיטן יונגעמאַן פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָט געפראַוועט ריקוד... פון אוסטילע, האָט דער רי"ם מיטגעטיילט דעם רבי ר' בונם, וועגן כבוד וואָס מ'האָט אים דאָרט צוגעטיילט, האָט ר' בונם באַמערקט, דער יונגערמאַן האָט שוין דערגרייכט צו דער מדרגה אַז ער קען שוין פאַרנעמען אויך כבוד, ממש ווי ביי יוסף הצדיק וואָס האָט געזאָגט צו זיינע ברידער: „והגדתם לאבי את כבודי במצרים".

נאָך דער פּטירה פון רבין ר׳ בונם (י״א אלול, תקפ״ז) האָבן טאַקע חסידים פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל ווערן רבי; ער האָט אָבער דערפון ניט געוואָלט הערן און אָנגעוויזן אַז נאָר ר׳ מענדעלע דאַרף ווערן דער מנהיג און מורה דרך און אַזוי זיך באַצויגן צו אים. פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין נשיאות, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען זיין שוואָגער (דער קאָצקער האָט חתונה געהאַט בזיווג שני מיט זיין פרויס שוועסטער) און מחותן, (זיין זון בנימין איז געווען ר׳ אברהם מרדכיס אַן איידעם). ער האָט זיך באַצויגן צום קאָצקער כעבדאָ לפני מראָ, ווי אַ קנעכט פאַר אַ האַר... אים אויסגעפאָלגט אין אַלע ענינים, אַפילו אין מילי דעלמאַ, אַזוי ווייט, אַז ווען ס׳האָט אויסגעבראָכן דער פּוילישער אויפשטאַנד אין 1837, האָט ער זיך אויף דער עצה פון קאָצקער זיך אין אים באַטייליקט, וואָס דאָס איז געווען אַ געוואַלטיק געוואַגטער שריט. ער האָט צוליב דעם געמוזט פאַרלאָזן וואַר־שע און צוריקגעקומען אונטער אַן אַנדער נאָמען, שוין ניט ראָטנבערג, נאָר אַלטער און ער האָט דאָך שטאַרק געוואָלט טראָגן דעם נאָמען ראָטנבערג, זייענדיק אַן אָפּשטאַמיקער פון מהר״ם מרוטנברג.

ווען דער איזשביצער האָט פאַרלאָזט קאָצק, האָט עס אים שטאַרק וויי געטאָן. ער האָט זיך געהאַלטן אין קאָצק אַפילו אין די ימי ההסגר, אַ פאַר־שלאָסנקייט וואָס האָט אָנגעהאַלטן צוויי צענדליק יאָר.

ר׳ יצחק מאיר האָט בכלל ניט געוואָלט זיך פאַרנעמען מיט רבנות און נשיאות. ווען מ׳האָט אים אָנגעבאָטן דאָס וואַרשעווער רבנות, נאָך דער פּטירה פון „חמדת שלמה״ (תקצ״ט) האָט ער דאָס צוריקגעוויזן און זיך גאָר ניט גערעכנט דערמיט וואָס די גדולי הדור, ווי ר׳ עקיבא איגר, ר׳ יעקב ליסער, ר׳ יעקב אָרנשטיין (לעמבערגער רב) און אַנדערע האָבן אים אַזוי־פיל מכבד געווען. אין וואַרשע האָבן זיך דאַן געפונען גדולים פון גרויסן פאַרנעם, געגנוג צו דערמאָנען ר׳ בעריש מייזליש, דער, וואָס האָט זיך שטאַרק באַטייליקט אינעם פּוילישן אויפשטאַנד קעגן די רוסן; עס האָט זיך געפונען ר׳ יעקב געזונדהייט, ר׳ חיים דאַווידזאָן, ווען ער האָט פאַרגע־שלאָגן אַלס רב און אַנדערע. ער האָט געוואָלט בלייבן דער פּשוטער איטשע־מאיר.

וואָס ער האָט יאָ דאַן געטאָן, איז געווען אַ נסיעה צו די גדולי ישראל. ער האָט באַזוכט די גדולי גאַליציע: געווען ביי ר׳ אפרים זלמן מרגליות

פון בראָד, ביים לעמבערגער רב, ר׳ יעקב אָרנשטיין (מחבר פון ספר „ישועות יעקב״), ביים ריזשינער רבין וואָס האָט דאַן געוווינט אין סאַדיגורע — אַלע זענען ממש דערשטוינט געווען פון זיין שאַרפזיניקייט און געזען אים אַלס דער ממשיך פון חסידות פשיסכע 6).

נאָך דער פטירה פונעם קאָצקער (י״ט שבט, תרי״ט — 1859) האָט ער באַין ברירה געמוזט אָננעמען חסידישע הנהגה. ער איז דאַן אַלט געווען 60 יאָר; ער האָט זיך דאַן, אין יאָר 1859, באַזעצט אין גער (גור) פולער נאָמען: גוראַ קאַלוואַריאַ און געפירט אַ גרויסע חסידישע עדה. זיינע הנהגות זענען געווען אַ סך אַנדערש ווי אין קאָצק, אָבער בדרך כלל איז ער גע־גאַנגען אין שיטת־קאָצק וואָס האָט ניט גורס געווען סתם חסידות, סתם שטופּן זיך ביים רבינס טיש, וואָס האָט געהאַלטן אַז דחיקת הגוף האָט ניט קיין ווערט, אַז עס דאַרף זיין דחיקת הלב...

אין אָנהייב, האָט דער חדושי הרי״ם געוווינט אין וואַרשע, אויף קראָכ־מאַלנע גאַס, שפּעטער זיך אַריבערגעצויגן אינעם קליינעם שטעטל, ווו זיין פֿאָטער איז די לעצטע יאָרן געווען רב — און שוין אויף דעם ערשטן שבועות, איז געקומען צו אים אַן עולם פון צען טויזנט מענטשן.

לאַנג האָט זיין הנהגה ניט אָנגעהאַלטן. ער איז נפטר געוואָרן שבת, כ״ג אדר, תרכ״ו (1866) אין עלטער פון 67 יאָר. ווען די טרויעריקע ידיעה האָט זיך בליץ־שנעל פאַנאַנדערגעטראָגן, האָט עס ווי אַ דונער געטראָפן חסידים אין פוילן. אַלע האָבן זיך געפילט פאַריתומט נאָכן גרויסן גאונישן „מאיר עיני הגולה״.

די זיבן יאָר וואָס דער חדושי הרי״ם האָט געפירט, ווערן ביי גערער חסידים גערופן די „שבע שני השובע״. עס האָט דאַן געהערשט שפע ברוח־ניות ובגשמיות ביים פוילישן יידנטום.

דער חדושי הרי״ם האָט, ווי געזאָגט, נאָכגעפאָלגט דעם קאָצקער דרך און באַטראַכט ר׳ מענדעלען אַלס גרעסטע חסידישע פערזענלעכקייט און ער איז געווען דער וואָס האָט ר׳ מענדעלען געמאַכט פאַר רבי („איך מיין, אַז

---

6) זע, אלפסי, דאָרט, ז״ז ב״ב און קכ״ה. אַ גענויער באַגריף פון דער גרויס־קייט פון חדושי הרי״ם און וועגן זיין לעבן איז באַר מעגלעך, ווען מען באַקענט זיך מיט די ספרים „מאיר עיני הגולה״ (צוויי חלקים) פון זיין אור־אייניקל אברהם ישכר בנימין אלי׳ אַלטער הי״ד.

איך בין גרויס אין לערנען, בלויז ביז איך קום קיין קאָצק... ס׳איז זיכער, אַז ווען ער לעבט אין צייט פון די תנאים, וואָלט ער געווען אַ תנא״).

ער האָט געפאָלגט דעם קאָצקער, ווען ער האָט אים געהייסן פאַרברענען אַ ספר, בלויז דערפאַר, ווייל מ׳וועט אויפהערן לערנען צוליב דעם ספר, דעם ש״ך. ער האָט דאָס ספר אַריינגעוואָרפן אין אויוון און געמאַכט די ברכה „לשמוע דברי חכמים״.

ער האָט אַמאָל געזאָגט:

„ניין־און־ניינציק חלקים פון מיין פאָרן קיין פשיסכע, איז צוליב ר׳ מענדעלע טאָמאַשאָווער...״.

און ווען ר׳ מרדכי־יוסף ליינער (אויך געב׳ אין טאָמאַשאָוו־לובעלסקי, תקס״א—1801) איז אַוועק פון קאָצק, האָט עס דעם רי״ם שטאַרק וויי־געטאָן און ס׳האָט געהערשט צווישן די צוויי הויפּט־קאָצקער חסידים אַ פירוד.

דער קאָצקער האָט אויך תמיד אַרויסגעוויזן איטשע־מאירן געוואַל־טיקע פאַרערונג און שוין ביים רבין ר׳ בונם אין פשיסכע, דווקא געוואָלט, אַז פאָרן פאַרטיידיקן פשיסכער חסידות אויף דער אוסטילער חתונה, זאָל זיין דער וואַרשעווער עילוי — און ס׳זענען טאַקע געפאָרן פינף הויפּט־תלמידים: אַ למדן, אַ חסיד, אַ חכם, אַן עושר און אַ רעדנער.

ר׳ יצחק־מאיר — דער למדן; ר׳ פיבל גריצער — דער חסיד; ר׳ זושע שעדלעצער — דער חכם; ר׳ ישכר הורוויץ — איידעם פון בערקא און תמרל — דער גביר און ר׳ אליעזר גראַבאָוויצער — דער רעדנער.

דעם גרעסטן טייל פונעם נצחון ווערט צוגעשריבן צו דעם למדן פון וואַרשע און דעם פאָלעמיקער פון גראַבאָוויץ.

ווען ס׳איז פאָרגעקומען דער פוילישער אויפשטאַנד און ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן יידישן אָנטייל, האָט דער רי״ם געוואָלט האָבן פריער די עצה און הסכמה פונעם קאָצקער, ביי וועמען ער האָט דערוואַרט די געהע־ריקע אינטויציע. בלויז איין מאָל, אין שייכות מיטן קאַמף קעגן דער רוסי־שער קליידונג־גזירה, האָט ער געשטעלט אויף זיך, מסכים געווען צום וורקערס שתדלנות ביי ר׳ משה מאָנטעפיאָרע, וואָס האָט גאָר געבראַכט פאַרקערטע רעזולטאַטן. דער לעצטער האָט גאָר ניט געזען קיין גזירה אין דעם פאַרלאַנג, אַז יידן זאָלן זיך קליידן אייראָפּעיִש — און דער קאָצקער

האָט באַלד פון אָנהייב געוואָרנט, אַז דער ענגלישער עסקן־פילאַנטראָפּ וועט דאָס ניט קענען אויספּאַסן ווי געהעריק.

ווי מנשה אונגער גיט איבער, איז ר' יצחק־מאיר געפאָרן קיין קאָצק אין נאָמען פונעם פּוילישן אוהב ישראל, גענעראַל אָסטראָווסקי, אַרויסצו־לאָזן אַ רוף צו די ייִדן, זיי זאָלן שטיצן דעם פּוילישן אויפשטאַנד קעגן דעם רוסישן אָקופּאַנט און אונטערדריקער.

די שתדלנים־עסקנים אין חסידישן קרייז זענען דאַן געווען: דער קאָצ־קער רבי, דער וואָרקער רבי, דער וואַרשעווער חסידישער מנהיג און זיין ברודער ר' משה־חיים ראַטנבערג. שפּעטער, בעתן באַקעמפן די קליידונג־גזירה, איז ר' אַבּרהמעלע טשעכאַנאָווער אויך געוואָרן פון די אַקטיווע.

דער רי"ם איז דאַן אַרעסטירט געוואָרן און נאָך דער באַפרייונג, גע־ענדערט זיין נאָמען אויף אַלטער.

3. דער „שפת אמת"

ווי שוין דערמאָנט, האָט דער רי"ם, ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין ממלא־מקום. אַלע זיינע קינדער זענען אַוועק פון דער וועלט, ווען ער האָט נאָך געלעבט. געבליבן זענען זיינע ספרים ווי די חדושים, שו"ת, ספר הזכות, אַנדערע כתבים — און צווישן די אייניקלעך — וועמען ער האָט פון גע־בורט מדריך געווען צו רבנות און צדקות, ר' לייבעלע, וועלכער איז בעת זיין הסתלקות אַלט געווען קוים 19 יאָר און געוויס ניט געקענט און ניט געוואָלט ווערן דער מנהיג פון יענעם גרויסן דור חסידים. צוזאַמען מיטן גאַנצן עולם, איז ער געפאָרן צו ר' חנוך־העניך פון אַלעקסאַנדער, דער מקורב פון קאָצק און גער, — דער מחותן פון ר' ישראל מאָרגנשטערן (ברודער פון קאָצקער רבין).

ר' העניך איז געבוירן געוואָרן ביי אַן אָנגעזעענער מתנגדיש־רבני־שער משפּחה אין יאָר תקנ"ה (1795) און אַליין געווען איינער פון די שאַרפסטע קאָצקער חסידים; אַ צייט געווען רב אין נאָווידוואָר. געשריבן שירים, איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ צאָל גאָר אינטערעסאַנטע בריוו, ליקוטים און חידושי תורה. ער איז אָבער געווען רבי בלויז פיר יאָר (נפטר, י"ח אדר

תר״ל) און די „פני״ פון קאָצק־גער האָבן אַרויפגעצווינגען די הנהגה אויפן „שפת אמת״. דערצו האָט ר׳ העניכס זון, ר׳ אפרים פישל הכהן, בשום אופן ניט געוואָלט ווערן רבי און גאָר אָפּגעגעבן זיך מיט מסחר. ער איז געוואָרן אַ רייכער ייִד. 1).

ר׳ לייבל, געב׳ אין יאָר תר״ז (1847), וועלכער איז צו אַכט־ניין יאָר געוואָרן אַ יתום און וועמענס פאָטער, ר׳ אברהם־מרדכי, איז באַטראַכט געוואָרן אַלס איינער פון די שענסטע פערזענלעכקייטן אין קאָצק, האָט באין ברירה געמוזט אויף זיך נעמען די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער איז געווען געראָטן מער אין זיידן, דעם רי״ם, ווי אין זיין פאָטער. דער לעצטער איז געווען אַ געוואַלטיקער מקצר, ווייניק גערעדט, אָפּגעענטפערט אויף די פאַרוויקלדיקסטע כללדיקע און פריוואַטע פּראָבלעמען מיט צוויי־דריי ווער־טער; דער „שפת אמת״, אויף וועמען דער רי״ם זאָגט עדות, אַז ער לערנט תורה לשמה, ער האָט שוין גערעדט און געשריבן און אַ דאַנק דעם, האָבן מיר פון אים מאָנומענטאַלע ספרים אין חסידות און פלפול 2).

ווי געזאָגט האָט דער חדושי הרי״ם אים דערצויגן. ער האָט אים גע־פירט צו דער חופה מיט דער טאָכטער פון ר׳ יודל קאַמינער פון כענטשין, אין 1862, און שטאַרק מתפלל געווען השית״ב זאָל אים העלפן ער זאָל האָבן נחת פון דעם יונגען עילוי, אַז ער זאָל זיין אַ טרייסט פאַר די לוויות נאָך אַלע זיינע קינדער. און דעם נחת האָט ער געזען ביי אים, ווערנדיק רייף אין פריִען עלטער אַלס גאון אין חסידות און לומדות. ער האָט אים געזען אַלס גרויסער בעל־מדות, אַ מענטש מיט אויסערגעוויינטלעכע השגות און מיט געוואַלטיקער זריזות און די חסידים האָבן אין אים געזען דעם ממלא־מקום פוןביידע: זון און פאָטער (זיידע און פאָטער)... צו 23 יאָר איז ער געוואָרן דער מנהיג פון דער גרעסטער חסידישער עדה און געפירט „ביד רמה״, שטרענג צו זיין גערער עולם. זיינע חסידים האָבן פאַר אים געציי־טערט ווי פאַר אַ מלך־מנהיג און זיין השפעה איז גרויס געווען אין פוילן.

---

1) זע, ורפל, דאָרט, ז׳ פ״ג; הרב אברהם יצחק ברומברג, מגדולי החסידות, ספר ב׳ ,האדמו״ר ר׳ יהודה לייב אלתר זצ״ל מגור, בעל „שפת אמת״, תשי״א

2) זע, ד. ויסבורד, ארזי הלבנון, ז׳ 133, אַז צו 12 יאָר האָט ער געלערנט הלכות טרפות על פי קבלה און צו דער בר־מצוה געקענט דריי הונדערט פירושים אויף „שמע ישראל״.

גער איז אין זיין צייט געוואָרן דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר ביים פוילישן יידנטום. אויך ביי דער ניט־יידישער וועלט, האָט מען אים באַטראַכט פאַר דעם יידישן „קרול" (קעניג). ער האָט אַרויסגערופן גרויס דרך־ארץ ביי שררה.

דאָס חסידישע פוילן, האָט אין אים געזען דעם גרויסן מנהיג און גאון, ווי עס ווייזט און זאָגט עדות זיין מאָנומענטאַל ווערק „שפת אמת", גערופן צוליב אַן אויסדרוק זיינעם פאַר דער פטירה: „שפת אמת תכון לעד".

יצחק ווערפל (רפאל) ציטירט אַ צאָל מאמרים פון זיינע ספרים. אין איינעם שטעלט ער זיך אָפּ אויף דעם מאמר חז"ל, אַז דער דור אין וועלכן דאָס בית־המקדש איז ניט אויפגעבויט געוואָרן, איז ווי דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן אין זיין צייט 3) וואָס איז ניט צו פאַרשטיין, ווי קען מען זיך פאָרשטעלן, אַז די דורות פאַר אונדז, צדיקי עליון, אַז אין זייער צייט ווייל דאָס בית־המקדש איז ניט געבויט געוואָרן, איז ווי עס וואָלט דאַן חרוב געוואָרן? ער טייטשט דעריבער, אַז דאָס מיינט מען, אַז דער דור וואָס גיט ניט קיין בייטראָג צום בנין הארץ, דער דור וואָס טוט גאָרנישט אויף מיט זיינע מעשים צו דערנעענטערן די גאולה... אַזאַ דור, איז ווי דאָס בית־המקדש וואָלט חרוב געוואָרן אין זיינע טעג.

דער שפת אמת שרייבט אין איינעם פון זיינע בריוו צו זיין בן־בכור און ממלא־מקום: „...איך בעט דיך מיין ליבער זון, זאָלסט ניט פאַרנעמען זיך מיט דאגות, נאָר זיין פריילעך מיטן גאָב וואָס השם יתברך האָט דיר געגעבן; זאָלסט זיין דאַנקבאַר וואָס דו האָסט זוכה געווען עוסק צו זיין אין תורה און מצוות. ס'איז ניט ריכטיק פאַר אַ יונגערמאַן ווי דו שטענדיק צו זיין פאַרטראַכט... דער מענטש איז מער זוכה דורך תורה ווי דורך זיין שכל און רעיונות, דערצו אין דער יוגנט... ווער ס'וויל זיין אַ חסיד, דאַרף מקיים זיין די ווערטער פון ברכות און זאָלסט איבערנעמען די מידה פון זריזות און ניט פאַרנעמען דעם טלית איבער אַקסל און זיין פאַרטאָן אין רעיונות... איין רגע זריזות איז מערער ווי אַלע מחשבות־חשבונות...".

אין אַן אַנדערן בריוו, באַלד נאָך זיין חתונה שרייבט ער אים, ער זאָל ניט פילן שלעכט, וואָס ער איז אַוועק פון דער היים:

---

3) „כל דור שאינו נבנה ביהמ"ק בימיו כאילו נחרב בימיו"; זע, ורפל, דאָרט, ז"ז צ"ז—צ"ח.

„...ועתה אהובי בני שיחי׳ לא ידעתי מה יש לך כל כך געגועים לחזור לפה ומה חסר לך שם, ואתה עוסק בתורת ה׳ והיא אב ואם וכולא בה...״

דער שפת אמת האָט זיך אַרויסגעזאָגט וועגן יעדערן געזעלשאַפטלעכן פּראָבלעם אין זיין צייט, אַזוי שרייבט ער צו זיין שוואָגער ר׳ אהרן פּינחס, וועגן דעם שלעכטן מנהג אין וואַרשע צו פּראַוועז גרויסע חתונות און די כלה זאָל זיין אָנגעזונד ביי די עליות פונעם חתן. ס׳איז דעריבער ווינטשנס־ווערט אומצוקערן זיך צו די מנהגי אבותנו בלויז צו געבן י״ש און לעקעך און די אויפרופן צו מאַכן אויפן אָרט און ממעט זיין מיט גרויסע אויס־גאַבן...

אין אַ בריוו, שבת נאָכט בראשית, כ״ה תשרי, תרס״ג, אַפּעלירט ער שטאַרק נישט צו לייענען אפּיקורסישע ביכער און צייטונגען, ווייל דאָס איז די עצה פונעם יצר־הרע אָוועקצופירן ייִדישער קינדער פון אמונה. ער פאַר־ענדיקט זיין בריוו:

„בטוח אני בעם קדוש כי יטו אוזן קשבת לדברינו ולהכיר הבור אשר כרו להם, ואלו אשר בשגגה נפלו במכמרותיהם ישובו אל ד׳ אלוקי ישראל ותוה״ק בכל לבבם ונפשם וממעון קדשו ישפות שלום לעמו ישראל מעו״ע (מעתה ועד עולם).

נאום הקטן ארי׳ ליב חופק״ק גור״.

אויפן רוף פון קאַלישער רב ר׳ חיים־אלעזר וואַקס (בעל „נפש חיה״), צו בענטשן איבער ארץ־ישראל אתרוגים, האָט דער שפת אמת צוגעגעבן:

„גם אני מסכים שאם אין סימנים באתרוג מקורפו יש לחוש מלברך על חשש מורכב, ומצוה להדר אחר אתרוג מארץ־ישראל, הגם שאינו מהודר ביופי אם הוא על פי הדין כשר, הק׳ ארי׳ ליב מגור״.

דאָס לעבן פונעם שפת אמת, זיין זהירות, זריזות און פּינקטלעכקייט איז געווען ביי אים די העכסטע שלימות. ער האָט ניט געקאָנט פאַרלירן אַ סעקונדע אויף בטלה. אַלץ איז געווען אויסגערעכנט, לויט אַ חשבון, מלכות־דיק. ניט אומזיסט האָט אים דער גראַדזשיסקער רבי גערופן „מלך ישראל״. קאָצקער מלכותדיקייט און מ׳קען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ מלכות

דאָס איז געווען 4) אַ תורהדיקע מלכות וואָס וואָרצלט אין חסידות, אין קבלה: נגלה און נסתר זענען געקומען צוזאַמען, דער חסידישער מיסטיציזם אין זיין גלאַנץ און אצילות האָט געקראָגן אויסדרוק אין געדער דרך, פריער דורך דעם רי״ם, נאָך דעם דורך דעם געדער וווּנדער־קינד, ווי דער זיידע זיינער פלעגט יעדעס מאָל צורופן מענטשן און ווייזן דעם „חידוש״ אויף דעם יינגעלע אינעם וויגעלע, דער רבי פון תר״ל ביז תרס״ה און נאָך אים זיין זון ר׳ אברהם־מרדכי זצ״ל.

פירערשאַפט, צו זיין אַ מנהיג הדור, ווי ר׳ אברהם מרדכי איז עס געווען, האָט מען טאַקע געקענט לערנען פון אַזאַ טאַטן, אפילו ווען מ׳האָט זיך געשאַפן אַן אייגענעם אָריגינעלן וועג... נאָר אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי ר׳ אברהם־מרדכי, האָט עס פאַרשטאַנען אַרויסצוקומען פאַר אַן אגודת ישראל, צוזאַמען מיטן סאָקאָלאָווער רבין און אַנדערע חסידישע מנהיגים 5).

אַזוי איז ער אַרויסגעקומען אין יאָר תרע״ו פאַר דער גרינדונג פון אַ רעליגיעזער טאָג־צייטונג, אין וועלכער ס׳זאָל זיך ניט געפינען מינות און ניבול־פה. עס איז אַ לאַנגער בריוו און ס׳איז ניט נויטיק איבערצוגעבן דעם גאַנצן אינהאַלט און מיר וועלן בלויז ציטירן אייניקע פּאַראַגראַפן:

„...לכן נפשי בשאלתי ועמי בבקשתי שלא יהי׳ הדבר קטן בעיניכם, כי במחיר קאָפּיקס אחדים (פּרוטות) ביום תכלו לסייע לגמור מפעל הזה שהוא כמזכה את הרבים ואבקש מכל אנ״ש אשר יקר בעיניהם למלאות רצוני, שיודיעני כל מי מכם אשר ממלא חפצי ויודיעני שמו וכינויו ומקומו הן מי שחותם בעצמו או קונה מן השוק״.

ער באַוואָרנט זיך אין ווייטערן טייל פונעם בריוו, אַז מ׳זאָל ניט מיי־נען, אַז עס איז אַ מצוה צו לייענען צייטונגען... אדרבה, אויב איינער לייענט ניט קיין צייטונגען און איז פאַרטאָן אין לערנען, איז מה טוב ומה נעים... זיין כוונה איז בלויז, אַז די וואָס לייענען אין דער טעגלעכער פּרעסע די נייעסן פון טאָג, זאָלן בעסער דאָס טוען אין אַ צייטונג, וואָס איז אויסגע־היט פון ניבול־פה... און נאָך מער, אַז מ׳זאָל ניט מיינען, אַז ער האָט וועל־

---

4) זע, י. אלפסי, גור, באריכות; דוד ויסבורד — הלחמי, ארזי הלבנון, ז״ז 132—139; י. מ. בראָדער, תולדות הרי״ם; הרב א. י. ברומברג, מגדולי החסידות ב׳, ר׳ יהודה לייב אלתר; מ. שוואַרצמאַן, אין זיינע פריער דערמאָנטע ספרים וועגן גער.

5) זע, דגלנו, שנה א׳.

כע ניט איז כוונה צו מישן זיך אין דער פּאָליטיק פון דער צייטונג. דאָס געהערט צו דעם אַרויסגעבער און רעדאַקציע...

דאָס איז וועגן אַלגעמיינער פּאָליטיק. וואָס שייך יידישע, איז ער געווען קעגן די פאַרשיידענע איזמען אויף דער יידישער גאַס און אַפילו קעגן „מזרחי", ווי עס לויטעט זיינער אַ בריוו דאַטירט כ"ח מנחם־אב, תרפ"ז, שרייבנדיק, אַזוי ווי ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז זיין מיינונג האָט זיך דערנענטערט צו „מזרחי", לאָזט ער וויסן, אַז זיין מיינונג האָט זיך ניט געענדערט אַפילו אַ ניט אַ כל־שהוא פון זיין פריערדיקע איבערצייגונג...

פינף און דרייסיק יאָר איז ער געווען דער מנהיג.

מלכות גער אין פּוילן איז געוואָרן אומפאַרגלייכלעך מיט דער צאָל פון פאַרערער און אָנהענגער און האָט אָנגעהאַלטן די דינאַמישקייט ווי אין בלי־פּעריאָד פון חסידיזם.

4. ר' אברהם מרדכי זצ"ל

דער „שפת אמת" איז נפטר געוואָרן ה' שבט תרס"ה (1905) אין על־טער פון 56 יאָר און דער נייער מנהיג פון מלכות גער איז געוואָרן, בעל־כרחו, דער בן־בכור ר' אברהם מרדכי אַלטער, ווען ער איז אַלט געווען אַרום 35 יאָר (געב' טבת, תרכ"ו — 1866). און דער זיידע, דער חדושי הרי"ם, איז געווען סנדק (נפטר געוואָרן מיט צוויי און אַ האַלבן חודש שפּעטער, ביי דער סעודה שלישית, כ"ג אדר תרכ"ו).

ניט לייכט איז עס געווען ביי אים צו פועלן הנהגה און נשיאות. גע־רער חסידים האָבן אַ סך צו דערציילן וועגן דעם ווינטער פון תרס"ו, ווען דער טיש איז געוואָרן פאַריתומט און קיינער האָט זיך ניט געוואָלט זעצן אויבנאָן און חסידים האָבן שטאַרק געדאַרפט זיך בעטן ביי ר' אברהם־מרדכין וועלכער האָט זיך געזעצט ביי ר' משה בצלאלן, ער זאָל זאָגן אַ דבר־תורה... אָבער אַזוי שנעל, ווי ער האָט קוים איינגעשטימט, האָט ער שוין זיך באַוויזן מיט זיין נייעם דרך, אָנזאָגנדיק דעם עולם, אַז די טעג פון פשיסכע־קאָצק זענען פאַריבער, אַז מען וועט אָנהייבן זיך פירן ווי בעלי־בתים, אָפּהיטן תפילה בזמנה און אַזוי ווייטער און ווייטער מיט אַלץ נייע

שינויים און דער עיקר חידוש איז געווען, דער אופן, ווי אַזוי ער האָט גערעדט צו די חסידים. ער איז כסדר אַרויסגעקומען מיט בריוו, ווי אויפרופן צו זיינע חסידים 1) און אין אַלע גערער שטיבלעך האָט מען אָנגעהויבן דאַוונען בהשכמה, האַלב נאָך זיבן אינדערפרי. שבת, האָט מען בין שחרית למוסף געמאַכט הפסקה און געלערנט אַ שיעור. אין גער איז געגרינדעט געוואָרן אַ ישיבה, אונטער דער הנהלה פון זיין ברודער ר׳ מענדעלע (פריִער רב אין פּאַביאַניץ און שפּעטער אין קאַליש). אין וואַרשע איז געגרינדעט געוואָרן די „מתיבתא" און אין ירושלים, די „שפת אמת"־ישיבה.

אַ גרויסער שינוי איז געווען דאָס מקרב זיין יונגעלייט, בית־מדרש־בחורים, ישיבהניקעס, קעסט־איידעמס. דער רבי האָט זיך געזעצט נישט אויבנאָן, נאָר גאָר אינמיטן טיש. יונגעלייט פון גאַנץ פּוילן האָבן געצויגן קיין גער און ס׳איז צוגעקומען אַ מחנה יונגע טויזנטער חסידים. די „קאָלייקע" צווישן וואַרשע־גער האָט כסדר קורסירט צוליבן געפאָר פון חסידים. דער רבי האָט שטאַרק געהאַלטן פון אָרגאַניזאַציע און זיך געשטעלט אין שפּיץ פון דער „אגודת האורטודוקסים", פון וועלכער ס׳איז אַרויסגעוואַקסן די „אגודת ישראל" וועלט־אָרגאַניזאַציע.

ווען דער קאַמף צווישן די ציוניסטן און דער אָרטאָדאָקסיע האָט זיך אין יאָר תרע״ז צעפלאַקערט און איינער פון די ציוניסטישע מנהיגים, ד״ר יהושע גאָטליב האָט עפנטלעך דערקלערט: „מיר וועלן אַריינדרינגען אין די אָרטאָדאָקסישע פעסטונגען און פון דאָרט אַרויסנעמען זייערע זין און טעכטער..." האָט דער גערער רבי געשריבן צו זיין איידעם, ר׳ יצחק־מאיר לעווין:

„תוכל לפרסם בשמי, כי כבר מפורסם הוא דעתי, ורצוני לחזק האגודת האורטודוקסים בכל מה דאפשר..." 2).

---

1) אין די בריוו פון יאָר תרפ״ו, שרייבט ער, אַז ער וואָרנט, אַז די תפלה בזמנה זאָל ניט מבטל זיין פון לערנען, „הנני בזה לבקש ולהזהיר שבכל אופנים שיתנהגו בל יבטלו מהלימוד הרגיל, אך יקבעו שיעור בלימוד ביום ש״ק וכמאז״ל, שבת יעשה כולה תורה ואין לנו שיור רק התורה הזאת... ער האָט דאַן איינגעפירט די הפסקה צווישן מנחה און קבלת שבת כדי צו האָבן אַ שעה פאַר לערנען.

2) דו קענסט איבערגעבן אין מיין נאָמען, אַז מיין דעה און ווילן איז צו שטאַרקן מיט אַלץ־מעגלעכעס די אָרגאַניזאַציע פון דער אָרטאָדאָקסיע.

אינעם זעלביקן יאָר, האָט ער פאַרעפנטלעכט נאָך אַ בריוו (דאַטירט, כ״ח אדר, תרע״ז):

„...ובכל עוז הנני מסכים כמקדם ורואה טובות נשקפות באגודה זאת...״

דער רבי הייסט דאָן גרינדן אין יעדן שטעטל אַן אגודה, אונטער די פאַרשיידענע נעמען, ניט רעכענענדיק זיך דערמיט וואָס דאָס איז אַ „דייטשער פּראָדוקט״; ער הייסט נאָך דעם גרינדן חדרים „יסודי התורה״, בית יעקב שולן פאַר מיידלעך און ער איז אומגעווײנטלעך טעטיק אין יענעם שטורמישן פעריאָד אינעם ייִדישן לעבן אין פּוילן. ער איז פאַר אַן אָרגאַניזאַציע־אַפּאַראַט צו באַקעמפן די כל־מיני „איסטן״ דורך דעם נייעם „איזם״־אגודיזם, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר אַ כח קעגן די אַנדערע.

ר׳ אברהם־מרדכי איז געווען דער מנהיג ביי ייִדן אינעם ברייטסטן און פולסטן זין פונעם וואָרט.

דער ערשטער קול קורא וועגן דער וועלט־קאָנפערענץ אין קאַטאָוויץ (פּויליש שלעזיע), דעם 27סטן מאַי 1912 (י״א—י״ב סיון, תרע״ב) איז געקומען פון די אָרטאָדאָקסישע פירער אין מערב־אייראָפּע, אונטערן פאַרזיץ פון הרב ש. ז. ברויער און דער אַדרעס פון פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט, איז געווען אין פראַנקפורט אַם מיין. דער צייטווייליקער פאַרוואַלטונגס־ראַט איז באַשטאַנען פון מערב־אייראָפּעער: יהודה פעסט, יו״ר; יעקב ראָזנהיים, סגן־יו״ר. אָבער אין פאַרגרעסערטן קאָמיטעט האָבן זיך שוין געפונען די גדולי הדור, ווי דער בריסקער רב, ר׳ חיים הלוי; דער גערער רבי; דער דווינסקער רב, ר׳ מאיר־שמחה; ר׳ חיים־עוזר פון ווילנע און אַנדערע.

אויף דער קאָנפערענץ זענען געלייענט געוואָרן צושריפטן פון חפץ חיים, פון סאָקאָלאָווער רבין, ר׳ יצחק־זעליק מאָרגענשטערן הי״ד; פון טשאָרטקאָווער רבין, ר׳ ישראל ב״ר דוד־משה; פון באָבאָווער רבין, ר׳ בן־ציון האַלבערשטאַם הי״ד און אַנדערע.

צווישן די ערשטע טוער אין די אגודה־קרייזן אין פּוילן, האָט מען אויך געקענט זען, די שפּעטער באַרימטע מזרחי־פירער, ר׳ יצחק יהודה טרונק (קוטנער רב און אייניקל פון ר׳ יהושעלע קוטנער); ר׳ יהודה־לייב זלאָטניק, גאָמבינער רב (איצט אבידע, אין ירושלים), ראובן יהודה נייפעלד (רב אין נאָווידוואָר) און אַנדערע וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ אין יאַבלאָנאַ, ביי וואַרשע (ב׳ חוקת תרע״ג) — דער גערער רבי איז געווען

אַקטיוו אין די אַלע אגודה־קאָנפערענצן און אַלס מנהיג ממש רעוואָלוציאָ־ניזירט דעם חסידישן קאַמף פאַר יידישקייט, זיך באַטייליקט אין דער גרינ־דונגס־פאַרזאַמלונג אין האַמבורג (אין יאָר תרע״ב) און אין אַלע דריי כנסיות גדולות (די ערשטע צוויי אין ווין, אלול תרפ״ג און תרפ״ט און די לעצטע כנסיה אין מאַרינבאַד, תרצ״ז) און זיך אַרויסגעזען ווי די צענטראַלע פיגור.

דער גערער רבי האָט אויך תמיד גערעדט מיט צמצום, געציילטע ווערטער און מיט פשטות ווי עס ווייזט זיין אופן רעדן ביי דער כנסיה גדולה (וועלט־קאָנגרעס) פון אגודת ישראל אין ווין (ה׳־י״ב אלול, תרפ״ט).

ער האָט דאַן באַגריסט אין נאָמען פון נשיאות פון דער מועצת גדולי התורה, נאָך דער דערעפענונגס־רעדע פון טשאָרטקאָווער רבין וואָס האָט אַרויסגערופן שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן. דעם גערער רבינס עטלעכע ווער־טער זענען געווען קול־דממה־דקהדיק און די שטילקייט איז געווען אַן אומ־געוויינטלעכע. יעדער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו הערן זיין רוף וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט די ווערטער:

„עם ד׳ חזקו ונתחזקה!

...די אגודת ישראל איז געשאַפן געוואָרן מחזק צו זיין יידישקייט... עס זענען דאָ פאַרשטעלעכצער פון אַלע זייטן, דאַרף מען זוכן עצות מחזק צו זיין, צו דערהאַלטן דאָס יידישקייט.

ביי אַ נביא שקר, אַ מסית ומדיח שטייט אינמיטן פון דער פרשה: „אחרי ד׳ אלקיכם תלכו ואותו תיראו ואת מצוותיו תשמורו ובקולו תשמעו ואותו תעבודו ובו תדבקון״ (דברים, י״ג־ה׳) אַ לשון רבים, דערנאָך שטייט: והנביא ההוא יומת. אין פרשת עקב שטייט בלשון יחיד, „את ד׳ אלקיך תירא ואותו תעבוד״, ווייל ווו עס איז דאָ אַ מסית ומדיח, מוז זיין דער כח הרבים...

היינט זענען דאָ מסיתים ומדיחים ונביאי שקר אין אַלע ווינקעלעך, דאַרף מען זיך מחזק זיין מיט די אַלע לשונות און עצות וואָס די תורה גיט...״ 3)

דאָס זענען פשוטע ווערטער — אָבער טיף דורכגעדרונגען און איבער־געטראַכט.

3) זע, אויספירלעכער באַריכט, פובליקאַציע פון דער כנסיה־גדולה.



RABBI A. M. ALTER
(of Goor)
Jerusalem
P.O.B. 6025

חם מרדכי אלטר
מגור
ירושלים ת"ו
ת. ד. 6025

אַ בריוו פון ר' אברהם־מרדכי אַלטער

אינעם „אוסף מכתבים" וואָס די חסידים האָבן אַרויסגעגעבן, געפינט זיך אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטער בריוו פון יענער תקופה צו זיין חסיד ר' משה גליקסמאַן פון וועלוין:

„...כאשר הנני מן המחזיקים חברת שלומי אמוני ישראל (די פריערדיקע אגודה) ומכיר בנחיצות המוסד ואשר החוב להחזיק בה ולתומכה ולסעדה בגוף ובממון והיא לחיזוק תוה"ק נגד המתפרצים להרוס הדת — ומאד אתפלא על בניך שיחי' שיעמדו עוד מרחוק, כי אותך אני מלמד זכות, כי בדור שלפניו לא ידעו מכל זה, אבל הצעירים היודעים אשר האורב מתחפש בחדר ללכוד כל הולכי תום, עליהם מוטל ביותר להתאחד ולאזור חייל ולהציל אשר אפשר...".

ער האָט שטאַרק געזאָרגט דערפאַר, אַז ס'זאָל געגרינדעט ווערן אַן אָרטאָדאָקסישער אָרגאַן, וואָס איז צושטאַנד געקומען אַ דאַנק זיין מיטהילף. פריער איז עס געווען „דאָס ידישע וואָרט", דערנאָך „דער יוד" און לסוף איז דערשינען „דאָס ידישע טאָגבלאַט". ער שרייבט וועגן דעם, אַז ער האָט זיך אַ סך באַמיט צו האָבן אַ צייטונג וואָס זאָל געפירט ווערן אינעם ידישן גייסט און זאָל ניט האָבן נבול־פה און מינות... ער אַפּעלירט בכתב ובבעל־פה פאַר אָרטאָדאָקסישער פּרעסע.

ראש־השנה תרצ"א, איז ער פאַר די תקיעות אַרויף אויפן בעלעמער, די שטילקייט איז געווען אין לשער... אַלע האָבן געוואַרט אויפן וואָרט פונעם רבין און די רייד זענען געווען וועגן דער געפאַר פון דער אפיקורסישער פּרעסע און אַ הייסן אַפּיל צו אַבאָנירן, שטיצן און לייענען „דאָס ידישע וואָרט". דאָס איז געווען אַ נייעס ניט בלויז צווישן אדמורי"ם, נאָר אפילו צווישן אַלגעמיינע לומדים.

דער גערער רבי האָט אָנגענומען אַ באַשלוס, אַז מען דאַרף זיך באַנוצן מיט די מאָדערנע מעטאָדן אויף צו באַקעמפן דעם שעדלעכן מאָדערניזם. ניט קיין וואונדער זיין ווענדונג אין יאָר תרפ"ה צו זיינע חסידים:

„איך האָב געהערט, אַז אין אַ סך חסידים־שטיבלעך זעצט מען זיך בין מנחה למעריב לייענען צייטונגען פול מיט זנות און כפירה; מען פירט שמועסן פון דברים בטלים און אַזוי ווייטער. איך וויל אייך דערמאָנען דאָס וואָרט פון ר' שניאור־זלמן, דעם בעל התניא, אין זיין אגרת הקודש:

„שמעתי מרבותי כי אלו נמצא אחד עומד במעמד עשרה מישראל ביחד

אף שאינם מדברים בד״ת, תפול עליו אימה בלי גבול משכינתא דשרייא עלייהו עד שיהי׳ מתבטל ממציאותו. ...על כן רע עלי בעיני המעשה בין אחי הנגשים אל ד׳... און ער בעט, גיט כבוד צו אייער גאָט איידער ס׳ווערט פינצטער, ד״ה צווישן מנחה־מעריב... איז דעריבער נויטיק איינצופירן אַ שיעור אין גמראָ... און די וואָס קענען ניט קיין גמראָ, זאָלן לערנען אַ פּרק משניות... בעסער וואָלט געווען, ווען אַלע לערנען דעם זעלביקן דף (געדאַנק פון ר״מ שפּיראָ פון לובלין, איינצופירן דף יומי).

אויפן זעלביקן אופן, האָט ער איינגעפירט דעם סדר פון תפלה בזמנה, דעם שיעור קבוע מיט זיין משפחה און מקורבים און אַנדערע תקנות. אומעטום איז דאָ דער יסוד פון סדר... און אַזוי האָט ער זיך געשטעלט בראש פון די בית יעקב שולן פאַר יידישע טעכטער, אָפּגעבנדיק כבוד דער גרינדערין און פירערין, שרה שענירער (נפטרה כ״ו ניסן תרצ״ה); ער האָט זי באַטראַכט פאַר דער מאָדערנער מאַמע שרה, די „אם בישראל״, וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט אַ דור — זיך אַפילו אויפגעשטעלט פאַר איר 4).

וועגן זיין אהבה צו ארץ־ישראל, האָבן מיר אין פריִערדיקן קאַפּיטל שוין געשריבן פּרטימדיק. ער האָט ממש געצונדן יידישע הערצער מיט אַט דער דאָזיקער גרעניצלאָזער אהבה פאַר עליה און בנין הארץ.

זעקס מאָל האָט ער באַזוכט דאָס הייליקע לאַנד. די ערשטע נסיעה אין תרפ״א, האָט געמאַכט אַן אומגעוויינטלעכן רושם אויף יידן פון דער גאַנצער וועלט. עס איז געווען אַ נייע ווענדונג אינעם חסידיזם. פאַרלאָזנדיק גער אום שושן פורים, פאָרנדיק דורך טריעסט קיין יפו, איז ער געווען אין ארץ־ישראל 28 טעג, איבער פסח און נאָך זיין אומקער באַלד פון דער שיף, פאַרעפנטלעכט זיין היסטאָרישן בריוו וועגן ישוב הארץ.

דאָס צווייטע מאָל, האָט ער עולה געווען שבט, תרפ״ד, אין דער באַגלייטונג פון מקורבים, באַרימטע גערער נגידים, דער סאָקאָלאָווער רבי, זיין שוואָגער, בענדינער רב, צוזאַמען מיט זיין זון און גערער איידעם, ר׳ איטשע־מאיר לעווין און אַנדערע און אויך דאַן איז ער אַרויסגעקומען מיט רופן צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל.

4) וועגן דער אַלגעמיינער חסידישער באַציאונג צו דער פרוי, זען: הורודצקי, החסידים והחסידות, כרך ד׳ ד׳; מ. אונגר, חסידות און לעבן, ז׳ 58 און אין אַנדערע ווערק.

זומער תרפ״ז, איז ער עולה צום דריטן מאָל אין דער באַגלייטונג פון די פריערדיקע דערמאָנטע פון זיין משפחה און אויך מיט זיין ברודער ר׳ מענ־דעלע, באַקאַנט אַלס פּאַביאַניצער רב, דאַן רב אין קאַליש און נאָך אַ צאָל וויכטיקע פערזאָנען פון גערער הויף. זיין ברודער ר׳ נחמיה האָט דאַן שוין געווינט אין ירושלים, צוזאַמען מיט זיין משפחה.

ווינטער תרצ״ב, איז ער געפאָרן קיין ארץ־ישראל אויף אַ גאַר נייעם וועג, איינגאַנצן דורך יבשה, דורך ווין, סאָפיע, קאָנסטאַנטינאָפּאָל...

דאָס פינפטע מאָל, פאַר ראש השנה תרצ״ו, איז ער שוין געפאָרן להשתקע, זיך געזאַמט אין הייליקן לאַנד איבער אַ האַלב יאָר און צוריק געקומען קיין פוילן פאַר פסח, מיטן געדאַנק באַלד צוריק צופאָרן. ווי עס דערציילן גערער חסידים, האָט ער דאַן זיך שוין נוהג געווען ווי אַ תושב ארץ־ישראל, וואָס שייך יום־טוב שני של גלויות, שפּאַצירט מיטן שטעקן אין האַנט.

די לעצטע עליה איז שוין געווען אַ רעטונגס־עליה, אַן על־פּי־נסדיקע און איז דורכגעפירט געוואָרן אינעם חודש פון גאולה, ניסן, ת״ש — 1940.

איז דאָס געווען אַ זכות פון השית״ב, פאַר זיינע פריערדיקע באַזוכן און רצון להשתקע; פאַר זיין פולשטענדיק מקיים זיין די מצוה פון שליש בקרקע, וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס מיינט מען קרקע ארץ־ישראל, ער האָט געקויפט באָדן אין ירושלים און אין אַנדערע מקומות; געקויפט אַפילו באָדן פאַר קרקע עולמית... אויפן הר הזיתים.

ביי אַלע זיינע נסיעות, האָט ער זיך באַמיט און היפשלעך דערפאָלג־רייך, איינצושטעלן שלום צווישן די יריאים אין ארץ־ישראל, ספּעציעל אין ירושלים און באַלד ביי זיין ערשטן באַזוך, איז אים געלונגען צו שאַפן אַ געוויסע דערנענטערונג צווישן הרב זאָנענפעלד און הרב קוק.

דער גערער רבי, דאָס גייסטיקע אייניקל פון קאָצק, האָט געצוימט קאָצקער פייער און געשטעלט דאָס נייע חסידות אויפן יסוד פון הלכה, קבלה, און סדר, געשאַפן די סינטעזע פון אָט די דריי שיטות און דאָס דורכגעפירט אין דער פּראַקטיק. האָבנדיק אָט די פילאָזאָפישע שיטה אין אַ רעאַליזיר־טער פאָרעם, האָט ער געקענט באַווייזן גיין אַ שריט ווייטער: אַנשטאָט דעם יחיד, ווי אין קאָצק, מקבל זיין דעם רבים, דעם ציבור, דעם קאָלעקטיוו... דער גערער רבי האָט דעם המוניזם דערהויבן און דערנענטערט צום חסי־

דישן דרך צענער טויזנטער, אַזוי אַז צוקומען צו אַ „טיש" האָט מען גע־דאַרפט באַזיצן ספּעציעלע קונסט. פון אומעטום איז מען געלאָפן קיין גער!

אַ גאַנצער דור, קאָן מען זאָגן, איז דורך אים אָפּגעראַטעוועט געוואָרן 5). ער האָט געהאַלטן אין איין לערנען און וואָרענען זיך צו דערוויטערן פון די חפשים, ווי עס לויטעט זיין בריוו צום אָסטראָווצער רב, ר' מאיר יחיאל הלוי, אין שייכות מיטן יאַבלאָנער רבינס שריט, שרייבנדיק (מיר גיבן דאָ די איבערזעצונג אין יידיש):

„...אייער בריוו — באַקומען... לויט מיין מיינונג, איז עס אַ געפאַר זיך אָנצושליסן אין אַ פּאַרטיי צו וועלכע ס'געהערן פרייע... מיט אייניקע וואָכן צוריק, ווען דער אַזוי־גערופענער יאַבלאָנער רבי איז דאָ געווען און גע־זאָגט, אַז די פרומע האָבן אויף אים קשיות, האָב איך אים געזאָגט, אַז די הויפּט־קשיא איז, פאַרוואָס ער האָט זיך מתחבר געווען מיט די פרייע..." (דער בריוו איז דאַטירט, א' בשלח, תרפ"ה).

דער רבי, וואָס איז געווען פון קינדהייט אָן אַ ליבהאָבער פון ספרים, איז שטענדיק געווען פאַרטאָן אין ספרים, אין אויפזוכן אַנטיק־ספרים, איינ־געשלאָסן אין זיינע ד' אמות און גרויסן שתקן, זיך האַלטנדיק אָפּגעזונדערט פון מענטשן, בכדי נישט מבטל צו זיין פון לערנען, איז ער געוואָרן דער גרויסער עסקן אויף אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכקייט, סיי וואָס שייך בנין און ישוב הארץ, סיי וואָס שייך חינוך און סיי וואָס שייך דער אָרגאַ־ניזירונג פון דער אגודת ישראל און דערביי געפונען געגנוג צייט אויף מעורר זיין די חסידים בכתב, דורך בריוו, אַזוי וועגן שלום אין די אייגענע רייען, אַזוי וועגן שמירת הלשון, זיי עצהנדיק צו לערנען די ספרים פון חפץ חיים און אַזוי וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו חסידישקייט.

אַ סך איז געשריבן געוואָרן וועגן זיין באַציִונג צו ישיבת חכמי לובלין און צו איר גרינדער, ר' מאיר שאַפּיראָ ז"ל 6). ער, צוזאַמען מיטן טשאָרט־קאָווער רבין, ר' ישראל פרידמאַן זצ"ל (נפטר י"ג כסלו תרצ"ד) האָט זיך באַטייליקט סיי ביים לייגן דעם גרונטשטיין פון ישיבת חכמי לובלין (ל"ג

5) זע, הרב שמחה עלבערג, הפרדס, שנה כ"ו, חוב' ט' ט', סיון, תשי"ב, ז' 27.
6) זע, ארזי הלבנון, ז"ז 221—224.

בעומר תרפ״ד) און סיי ביי דער דערעפענונג פון דער ישיבה (כ״ח סיון, תר״ץ) 7).

צווישן דעם גרויסן עולם וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די פייער־לעכקייטן און צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען די שמנה ומסלתה פון רעליגיעזן וועלט־ייִדנטום, האָבן זיך דאָך שטאַרק אַרויסגעזען די דאָזיקע צוויי מנהיגים פון דור...

דער טשאָרטקאָווער רבי, אַן אייניקל פון ר׳ ישראלטשע ריזשינער, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס מלכותדיקע חסידות און איז פון אַלעמען באַטראַכט געוואָרן אַלס די גאָר זעלטענע פערזענלעכקייט אַפילו אין די רייען פון גדולי תורה. פאַר דריי צענדליק יאָר געפירט אַ גרויסע עדה פון ריזשינער חסידים, פון הושענא רבא תרס״ד, ביז תרצ״ד און געווען אַ מנהיג אויסער זיין תחום, אָרגאַניזירט די „התאחדות החרדים״, די פרע־אגודה באַוועגונג און אַ סך געטאָן פאַרן כלל ישראל.

דער גערער, ווי פריִער דערמאָנט, האָט אויך שטאַרק געהאָלפן פאָ־פולאַריזירן דעם דף היומי, וועמעס שעפער עס איז געווען מהר״ם שפּיראָ, דער טשאָרטקאָווער חסיד וואָס איז געוואָרן פון די מקורבים אין גער.

5. נגינה אין גער

ווי אין אַנדערע התנהגות, אַזוי אויך וואָס שייך נגינה, האָט דער רי״ם, ניט געקוקט וואָס ער האָט אינגאַנצן נאָכגעפאָלגט דעם קאָצקער דרך און אַזוי פאַרערט זיין קאָצקער מורה־דרך, דאָך זיך דערלויבט משנה זיין צו מעשׂיקייט.

אין פשיסכע, קאָצק און גער זענען געווען אָפיציעלע זינגער און מנג־נים, אַזוי ביי די „טישן״ און אַזוי ביים עמוד. ס׳איז אָבער דאָך געווען אַ חילוק אין דער באַציִונג צו געזאַנג צווישן קאָצק און גער, ווי דער חילוק איז געווען צווישן קאָצקערס שאַרפקייט און דעם רי״מס געלאַסנקייט.

ר׳ מענדעלע האָט ניט געהאַט קיין געדולד צו הערן אַפילו דעם דאַן

7) זע, נ. שמן, לובלין, באריכות.

באַרימטן חזן ר׳ שלמה קאַשטאַן, ווען ער איז געקומען קיין זאַמאָשטש, ווו ר׳ מענדעלע האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי זיין שוועסטער און געלערנט ביים אָרטיקן רב, ר׳ יוסף הויכגעלערנטער (ת״ד—1740; ר״ח ניסן ,תקס״ז — 1807), מחבר פון אַ צאָל ספרים, דאָס באַקאַנטסטע „משנת חכמים״, אויטאָ־ריטעט אין הלכה. ר׳ מענדעלען האָט קיין זאַך ניט פאַראינטערעסירט, אוי־סער לערנען. ער איז פון קינדהייט אָן געווען דער מוח־מענטש, דער בעל־מחשבה און וואָס שייך נגינה, אפשר ניט געהאַט דעם חוש פאַר שירה.

ר׳ יצחק־מאיר, זיין נאָענטסטער תלמיד און שוואָגער, וועלכער איז געבליבן ביי אים אַפילו אין די טראַגישסטע מאָמענטן, אַפילו אין די צענ־דליקער יאָרן, ווען ער האָט זיך געהאַלטן פאַרשלאָסן, ער האָט גראָד יאָ געהאַט אַ שטאַרקן חוש נגינה און שירה, געשריבן אַפילו שירים, ווי זיין באַקאַנט ליד „שפת עבר״ פון וועלכן ס׳איז כדאי צו ציטירן און ברענגען אַן אויסצוג פונעם ערשטן פערז:

שפת עבר! תבל וצאצאיה עת נבראו בך, כלם בשם נקראו
דברות אלקים חיים, בך, בלשונם שמעו,
חיי עד, נביאיו בלב עמי בך נטעו...

ער אַליין איז ניט געווען קיין מנגן: ניט געזונגען און ניט פאַרפאַסט קיין ניגונים אָבער געווען אַ געוואָלטיקער ליבהאָבער פון נגינה, געהאַט אַ שאַרף אויער און געווען זייער סענסיטיוו, ניט קענענדיק פאַרטראָגן קיין פאַלשן טאָן אין אַ ניגון און זיך אַרויסגעזאָגט וועגן אַ ניגון, צי ער געפעלט אים צי ניט 1).

ער האָט זייער ליב געהאַט צו הערן פאַסיקע ניגונים, געזונגען פון גע־העריקע און באַרופענע מנגנים און געווען אַ שטאַרקער מקפיד אויף פאַלש־קייט אין זינגען.

ס׳ווערט דערציילט, אַז ער איז אַמאָל געפאָרן צו אַ חתונה פון זיינס אַ אייניקל אין פולטוסק, ווו דער רב איז געווען ר׳ ישראל יהושע טרונק (שפעטער באַרימט געוואָרן אַלס ר׳ יהושעלע קוטנער). צו דער חתונה האָט

---

1) זע, י. ל. גרויבאַרט, ספר זכרון, ז׳ 176; יצחק אלפסי, גור... תל־אביב, תשי״ד, ז׳ 183; מ. ש. גשורי, לקורות הנגון החסידי, אזכרה, כרך ג׳, ת״פ א״א.

מען געבראַכט אַ גרופּע מוזיקאַנטן מיט ישעיה יעקל, אַ באַוווסטער פידל־שפּילער אַלס הויפּט. ווען דער רי״ם האָט געהערט זייער שפּילן און זינגען, איז עס אים ניט געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך געווענדט צו ר׳ יהושעלען: ווי אַזוי האָט איר מסכים געווען צו זיין אַ רב אין אַ שטאָט, ווו דער חזן קען ניט זינגען און די „כלי זמר״ קענען ניט שפּילן.

ר׳ יהושעלע האָט אָנגעהויבן לויבן דעם חזן אַז ער איז אַ תלמיד־חכם, אַ בן־תורה און אַזוי ווייטער 2), האָט דער גרערער רבי אַ שמייכל געטאָן: פונדעסטוועגן... מ׳דאַרף ניט מאַכן קיין עירוב פרשיות, אַ חתונה דאַרף האָבן אַ גוטן חזן און גוטע שפּילער.

אינטערעסאַנט איז, וואָס דער ש״ך האָט גראָד געהאַלטן, אַז דער עיקר ביי אַ חזן, איז יראת שמים. ווען מ׳האָט אין ווילנע געדאַרפט האָבן אַ שטאָט־חזן, ס׳איז דאַן געווען נאָך די כמעלניצקי־פּאָגראָמען און ר׳ משה רבקהס (רבקש), דער מחבר פון באר הגולה, איינער פון די גדולי ירושלים דליטא, איז געוואָרן אַ יורד... האָט דער ש״ך געשיקט נאָך די ווילנער בעלי־בתים און זיי געזאָגט, זיי זאָלן אויפנעמען דעם „באר הגולה״ פאַר דעם שטאָט־חזן. ווען זיי האָבן אים באַמערקט, אַז ער איז ניט קיין זינגער... ער האָט ניט קיין שטימע, האָט דער ש״ך געלאַכט פון זיי, ער האָט דאָך אַלע מעלות: אַ ירא שמים, אַ קענער פון פירוש המלות, אַ מעורב בדעת עם הבריות, ס׳פעלט אים בלויז נאָר איין מעלה, ער האָט ניט קיין קול ערב... איז צוליב דעם זאָל ער ניט קענען ווערן ווילנער חזן? — האָט ר׳ שבתי אין גרויס פאַרווּנדערונג געפרעגט די ווילנער ראשי הקהל.

אויב דער רי״ם האָט געהערט אַ גוטן ניגון פון אַ גוטן בעל־מנגן, פלעגט ער אים הייסן איבערזינגען עטלעכע מאָל. אויב אָבער ער האָט אויס־געפונען, אַז דער ניגון קומט פון אַ ניט־פּאַסיקן בעל־מנגן, פון אַ פרייען ניט־גלויביקן אָדער אוממאָראַלישע פערזאָן, האָט ער פאַרבאָטן זינגען ביי אים דעם ניגון.

גער האָט געשאַפן טראַדיציע, סיי וועגן די מנגנים און סיי וועגן די ניגונים; דאָרט האָט מען געזונגען פריילעך, לעבעדיק, התעוררותדיקע לי־

---

2) ר׳ יהושעלע, האָבן מיר שוין פריער דערמאָנט, האָט גאָר קיין צייט ניט געהאַט פאַר בגינה און ניט געבענטשט געווען מיטן דאַזיקן חוש.

דער און לאַנגע מאַרשן... ניט איינמאָל האָט מען געהערט אַ פּוילישן מאַרש און אים איבערגעאַרבעט און פאַרייִדישט... אין אַנדערע חסידישע הייף, האָט מען ניט גורס געווען די לאַנגע לידער 3).

דער רי״ם פלעגט אַלעמאָל האָבן אַ נייעם ניגון. ער האָט אין דעם געזען דערפרישונג, שעפערישקייט און נייקייט. ווען איך בין געבענטשט מיט אַ שיין קול — האָט ער אַמאָל געזאָגט, וואָלט איך אַלע טאָג געזונגען נייע לידער און געזוכט צו אַנטדעקן נייע כוחות אין שירה, ווייל פּונקט ווי מעשה בראשית, ווערט יעדעס מאָל באַנייט, אַזוי ווערט יעדן טאָג געבוירן אַ נייער ניגון, ווי דער פסוק זאָגט: „שירו לד׳ שיר חדש״... 4)

דער עיקר, ווי געזאָגט, האָט ער געלייגט אַכט, אויף דעם בעל־מנגן.

איינער פון די חזנים, ר׳ זלמן פון פּולטוסק, באַוווּסט אַלס גרויסער בעל־מנגן, געקענט שפּילן אויף עטלעכע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, האָט אויך געשריבן נאָטן. האָט אַמאָל געזונגען ביים רי״מס אַ „טיש״ אין וואַרשע אַ ניגון פון וועלכן דער רי״ם איז געוואָרן באַגייסטערט און האָט געהייסן אים זינגען עטלעכע מאָל.

מיט אַ צייט שפּעטער, דער רי״ם איז שוין געווען אין גער און ר׳ זלמן האָט ווידער גענומען זינגען דאָס ליד, האָט ער אים אָפּגעשטעלט מיט גע־בייזער און ער האָט גענדאַרפט זינגען אַן אַנדערן ניגון. ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז דער ניגון איז פאַרפאַסט געוואָרן פון משה מיכל פּראַגער, אַ מאָדערנער חזן וואָס איז גערודפט געוואָרן פון חסידים פאַר זיין „מאָדער־ניזם״. פריער, אָבער, דאָס ערשטע מאָל, ווען ר׳ זלמן האָט געזונגען דאָס ליד, איז ער נאָך געווען אַ קאָצקער חסיד, אָבער שפּעטער איז שוין געווען אויף שלעכטע דרכים.

דער ערשטער גערער רבי האָט אויך געהאַט די זכיה צו האָבן אַלס בעל־תפילה דעם באַרימטן בעל־מנגן ר׳ הערש פּאַרצאָווער, וועלכער האָט אָנגעפאַנגען זיין חזנות־קאַריערע אין עלטער פון 17 יאָר, נאָך ביי ר׳ יוסף טאָרטשינער (דעם „חוזהס״ זון), נאָכדעם ביים רבין ר׳ בונם, נאָכדעם ביים קאָצקער און פונעם לעצטן איבערגעגאַנגען קיין גער, אַלעקסאַנדער און

3) זע „מ. ש. גשורי, לחסידים מזמור, ז׳ כ״ח.

4) י. אלפסי „דאָרט, ז׳ 184.

צוריק אין גער, צום שפת אמת. ער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 94 יאָר און געווען חזן ביז זיין פטירה, אין יאָר 1892 (77 יאָר חזן!). זיין „לכה דודי" ווערט נאָך היינט געזונגען אין חסידישע הייף 5).

אין משך פון די פיר דורות האָט גער געהאַט באַרימטע בעלי־תפילה.

מיט אַ צייט צוריק האָבן מיר דערמאָנט איינעם פון די לעצט־באַרימטע גערער בעלי־תפילה, יאָסעלע כענטשינער 6), האָט אַ לייענער באַלד אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דער בעל־מוסף ביים שפת אמת, איז געווען ר' ישראל־משה עקשטיין, באַקאַנט ביי גערער חסידים מיטן נאָמען ישראל־משה פראַגער ז"ל. דער בעל־שחרית איז דאַן געווען ר' וועלוול אלי' וועגשטיין, המכונה, דער רויטער וועלוול ז"ל... און אַז יאָסעלע כענטשינער איז ערשט געוואָרן בעל־מוסף ביים לעצטן רבין, ר' אברהם־מרדכי זצ"ל 7).

ביים שפת אמת, האָבן זיך געפונען די מנגנים ר' משה נח חסיד פון אָזשערקאָוו; ר' יהודה לוי פון ווישאָגראַד; ר' ישראל יפה פון קאַליש און אַנדערע.

ביי ר' אברהם־מרדכי איז דער הויפּט בעל־מנגן געווען ר' יאָסעלע, וועמענס שטימע, צוזאַמען מיט זיינע משוררים האָט אָפּגעהילכט אין אַרום. ר' לייבל מאירס איז געווען דער בעל־שחרית ימים־נוראים. זיין פאָטער, מאיר, האָט זיך געהאָדעוועט ביים רי"ם.

גער האָט ליב געהאַט נגינה, ווייל אין גער האָט מען ליב געהאַט סדר און אין גער איז געשאַפן געוואָרן טראַדיציע פון נגינה אין חסידות.

6. די לעצטע טעג פון רבין ר' אברהם מרדכי ז"ל

מיטן אויסברוך פונעם לעצטן קריג, האָט די נאַצי־ממשלה אים געטראָפן מיט אַלע אומגליקן און טראַגעדיעס.

פאַר זיינע אויגן איז אומגעקומען דורך אַ באָמבע־אויפרייס זיין באַ־

5) מ. ש. גשורי, דאָרט, ז"ז כ"ז—כ"ח; אלפסי, דאָרט, ז' 185.

6) אין שייכות מיט מיין אָפּשאַצונג איבער חזן נ. סטאָלניצעס בוך „נגינה אין יידישן לעבן".

7) אהרן עקשטיין, מאָנטרעאַל, קענעדער אָדלער, אָקט. 20, 1957.

ליבטער איידעם ר׳ יצחק־מאיר אַלטער הי״ד (זון פון זיין נאָענטסטן ברודער ר׳ משה בצלאל הי״ד). ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אינעם חצר פונעם רבין. דורך דעם באַמבן־אויפרייס איז ער קראַנק געוואָרן אויף די אויערן און מער זיך ניט דערהאַלט פון דער קראַנקייט.

נאָך אומגעהויערער אָנשטרענגונג מצד זיינע חסידים ,פאַרערער און פריינט איז געלונגען אַרויסצוכאַפּן אים פון די מערדער מיט אַ טייל פון זיין משפחה, אַריינגערעכנט די רביצין בזיווג שני (טאָכטער פון זיין שוואָגער ר׳ יעקב־מאיר בידערמאַן הי״ד), איבערלאָזנדיק דאָרט נאָך אַ גרויסן טייל פון זיינע נאָענטסטע צדיקי וקדושי עליון ,ווי ר׳ משה בצלאל, ר׳ מענדעלע, זיין בכור ממלא־מקומו ר׳ מאיר זצ״ל הי״ד (איידעם פון לייביש בערלינער, איידעם פון „נפש חיה״), שוועסטער, שוואָגער און מקורבים. ער איז אַרויס פון וואַרשע אין ניסן ת״ש, פסח געהאַלטן אין איטאַליע אויף אַ גאַר געהיימען אופן און סוף ניסן אָנגעקומען אין חיפה, אַ צעבראָכענער, אַן אויסגעשעפּטער, אַ יסורים־ליידנדיקער און מער ניט געקומען צו זיך.

מיט די לעצטע כוחות האָט ער אויפגעשטורעמט די וועלט פאַר דער שארית הפליטה, צוזאַמענגערופן די גדולי ישראל פאַר אַן אסיפה אין חורבת ר׳ יהודה החסיד און מיט אַלע כוחות אַרויף פאַרן ארון־קודש און אויסגעשריען אין גרויס געוויין:

„ס׳איז אַ גרויסע צרה פאַר יעקבן, אָבער פון איר וועלן מיר געהאָלפן ווערן... מיט דיין געשריי וועלן געראַטעוועט ווערן דיינע פאַרזאַמלטע קבוצים... פאַרזאַמלט זיך און לאָמיר זיך ראַטעווען פון עשיון... לאָמיר זיך פאַרייניקן מיט גוטע מעשים, באַטראַכטן אונדזערע וועגן און תשובה טאָן... מ׳דאַרף זיך שטאַרקן, איינער דעם אַנדערן זאָל שטאַרקן, איינער דעם אַנדערן זאָל העלפן... און מיר וועלן זוכה זיין צו דער טרייסט...״

אַזוי האָט ער כסדר געוועקט פאַר הצלה און געמוטיקט מיט טרייסט.

ער שיקט אַרויס אַ רוף זומער תש״ג: „עם ד׳ חזקו ונתחזקה״... אַנווייזנדיק, אַז אין די צרות, זעט ער די חבלי משיח און ער דערמאָנט, אַז ער איז נאָך אַלץ איבערצייגט אין דער וויכטיקייט פון דער אגודה אַלס די אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט פון דער אָרטאָדאָקסיע.

צוויי יאָר פאַר דער אָפּשטימונג אין דער „יונייטעד ניישאָנס״ פאַר אַ ייִדישע מדינה, האָט ער אַרויסגעשיקט נאָך אַ בריוו פאַר התחזקות, אָנווייי־

זנדיק, אַז פונקט ווי עס איז מקוים געוואָרן די תוכחות, אַזוי וועלן געוויס פאַרפולט ווערן די נבואות וועגן גאולה און ישועה. דער בריוו לייענט זיך:

ב״ה פעה״ק ירושלים תובב״א, ז׳ טבת, תש״ו. לסדר לשום לכם שארית בארץ ולהחיות לכם לפליטה גדולה.

לאחינו בני ישראל פליטי חרב בכל מקום שהם ה׳ עליהם יחיו

עם ה׳ חזקו והתחזקו, והעיקר לדעת שהכל מהשי״ת, ומאתו לא תצא הרעות, וצריכים לקבל רצונו, והכל לטובתנו, כדאיתא בספרים ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד הן בחשכות הן החסדים התכלית אחד להאיר לנו אח״כ. ולהאמין כי כמו שנתקיימו כל התוכחות שבתורה כן יתקיימו כל היעודים והנחמות כדאיתא ברע״ק שהי׳ שמח מטעם זה כשראה שועל יוצא מבית קה״ק, והחוסר הוא רק נסיון להטיבו באחריתו ותתלו בטחונכם בהקב״ה ותתחזקו בתורה ובתפלה ויחזקכם ה׳.

ורבינו מיימון ז״ל באגרת שלו כי חבל התורה והמצוה קשור משמים לארץ וכפי המחזיק בחבל בכל ידו כן החיזוק שלו. ולא לדחוק את הקץ רק להתפלל ולצפות אל הישועה והנחמה, ובטח ינקום את נקמתנו, כדאי־תא בפסיקתא דר״כ דלע״ל יאמרו ישראל רבש״ע אותו הדם שנשפך מה אתה עושה, והשי״ת משיב להם על דמם לא נקתי, אמרו לפניו אימתי הדין הזה אומר אין לכם אלא לחכות לי שנא׳ (צפניה ג׳) לכן חכו לי נאם ה׳ ליום קומי לעד וגו׳.

ובעל הנחמות ינחם את כלנו, ותזכו לעלות במהרה לארה״ק ולראות בשוב ה׳ את שיבת ציון ולגאולה שלימה בבי״א .

אוהבכם המשתתף בצערכם והמצפה לישועה ולנחמה.

אברהם מרדכי אלטר,
מגור, בעיה״ק ירושלים ת״ו

אין דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, האָט ער געזען די אתחלתא דגאולה, ווי ער דריקט זיך אויס אין אַ רוף: „כך ישראל נגאָלין קמעא, קמעאָ״, אַז אַזוי וועט די גאולה קומען ביסלעכווייז, ביסלעכווייז...

ער איז נפטר געוואָרן, ווי דערמאָנט, שבועות תש״ח (1948), איבער־

לאָזנדיק זיין פרוי, דריי זין: ר׳ ישראל, ר׳ שמחה־בונם און ר׳ פינחס־מנחם; זיין טאָכטער דבורה (פרוי פון ר׳ יצחק־מאיר לעווין), אַן אײדעם ר׳ שלמה יאַסקאָוויטש (נפטר געוואָרן אין ירושלים), אייניקלעך, אור־אייניקלעך און איין אור־אור־אייניקל (זון פון זיין אור־אייניקל ר׳ שמואל היינע פון בני־ברק).

גער האָט געציילט אין פוילן דריי דורות חסידישע הנהגה: דער חדושי הרי״ם, ר׳ יצחק מאיר אַלטער־ראָטנבערג, גערופן אויף זיין גאוניש ספר; דער שפת אמת, ר׳ יהודה־לייב, זיין אייניקל, באַקאַנט אין דער חסידישער און לומדישער וועלט אויפן נאָמען פון זיין ווערק אויף תורה און תלמוד; דער לעצטער רבי, אדמו״ר ר׳ אברהם־מרדכי אַלטער זצ״ל, דער וואָס האָט מיט זיך פערזאָניפיצירט דאָס גרויסקייט פון אָט דעם שלשלת, האָט גע־פירט ניט בלויז דעם גערער הויף, נאָר דאָס חסידות פוילן בכלל און גע־וויזן אַ נייעם וועג, ניט גענומען קיין „פדיונות", איינגעפירט תפלה בזמנה, און די קינדער געהייסן פירן מסחרים, אָנשטאָט אויסקוקן אויף פדיון־געל־טער. ער האָט אויך געוויזן אַ גרויסן אינטערעס אין בנין הארץ.

ווען ס׳איז אומגעקומען דאָס פוילישע ייִדנטום, צוזאַמען מיט זיינע מנהיגים, רעליגיעזע ווי וועלטלעכע, זענען בלויז געציילטע ניצול געוואָרן על פי נס — און איינער פון די געציילטע, איז געווען דער גערער רבי זצ״ל. ער האָט געהאַט די זכיה צו אָט דער נסימדיקער רעטונג און דערגרייכט די ברעגעס פון ארץ־ישראל. ער האָט זיך באַזעצט אין ירושלים עיר הקודש, און דערלעבט די פראָקלאַמירונג פון דער מדינה.

בעת זיין וווינען אין ירושלים, אין די עטלעכע טראַגישע יאָרן, האָט ער כסדר פון דער עיר הקודשה געשיקט טרייסט־בריוו צו אַלע ייִדן אין די תפוצות, אויך קיין פוילן, האָבן זיינע טרייסט־בריוו דערגרייכט און גע־שטאַרקט די פאַרצווייפלטע הערצער פון דעם שארית אין פוילן.

ווען ס׳זענען אָנגעגאַנגען די קאַמפן אַרום ירושלים, איז דער רבי גע־בליבן דאָרט טראָץ דער באַלאַגערונג; יעדער מינוט דערוואַרט די גוטע נייעס, אַז ירושלים איז באַפרייט פונעם שונא. זיין האַרץ איז געווען צו שוואַך צו קענען פאַרנעמען די שפּאַנונג אַרום דער היילקער שטאָט און שבועות, תש״ח (1948) אינעם טאָג פון מתן תורה, האָט ער אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה.

דער גערער רבי, איז געווען פון דער לעצטער פלעיאַדע גדולי האד־

מו״רים, וועלכער האָט פערזאָניפיצירט מיט זיך דעם חסידישן מנהיג. זיין ממלא מקום, דער היינטיקער גערער רבי אין ישראל, איז זיין זון, ר׳ ישראלטשע שליט״א.

כדאי צו ברענגען עטלעכע ציטאַטן פונעם הספד פון הרב טובי׳ יהודה טביומי, איינער פון די עלטערע קאָצק־גערער חסידים 1). דער הספד א״נ „אבל כבד״, איז דערשינען אין אַ באַזונדער ספר „להסתלקות כ״ק רבינו, נשיא התורה והיראה ראש גולת אריאל, מאורן ורבן של ישראל... הגאון הקדוש, מופת הדור והדרו... מרן הר״ר אברהם מרדכי אלתר זצללה״ה הכ״מ אדמו״ר מגור זי״ע״.

אין דער אָפּשאַצונג, דערציילט ער וועגן אַ נס וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט אין חודש כסלו תרצ״ג, ער איז קראַנק געוואָרן און דאָקטוירים האָבן אים שוין געהאַט אויפגעגעבן און ווי דער רבי מיט זיין רוח הקודש, הייליקע ברכה און ראַטזאַמקייט, האָט אים אָפּגעראַטעוועט — און אַז אויף די עצה פונעם רבין, איז ער געפאָרן קיין ארץ־ישראל וואָס איז געווען לטובתן ולטובת כל המשפחה...

הרב טביומי ז״ל טיטולירט אים אַלס „מנהיג העולם״ און „קברניטו של ספינה״, לויטן מאמר פון רב חנן בר רבא וועגן דעם הספד אויף דעם ערשטן אברהם, דעם פאָטער פון אונדזער פאָלק 2). ער שילדערט דעם גערער רבי ר׳ אברהם, ווי דער גרויסער בקי און מנהיג פונעם דור. ער גיט איבער, אַז דער גערער רבי האָט שוין געהאַט אַפילו אַ ספר צוגעגרייט צום דרוק וועגן אַלע בעלי חי, דערמאָנט אין תנ״ך און אין תלמוד, וועגן זייער ווקס נאַטור און נייגונג און אַז דאָס איז אומגעקומען אין דער תקופה פון דם ואש... דערביי שילדערט ער זיין גרויסקייט אַלס מנהיג און „מגשר גשרים״, מאַכנדיק בריקן איבער וועלכע מיר זאָלן קענען גיין איבער זיי, אַפילו, ווען זיי ווערן צעבראָכן... 3).

אין זיין הספד, דריקט זיך אויס הרב שמואל אהרן א. פרדס (רעד׳ פון

1) געבוירן אין רופין, פוילן, רב אין סאכאטשין און שפעטער אין תל־אביב, מחבר פון די ספרים: „טל לישראל״, „עטרת טובי׳״, „מעשה טובי׳״, „ארץ טובי׳״, „שו״ת״, „טל אורות״, און אַנד. ירושלים, תש״ט.

2) בבא בתרא, צ״א, ע״א.

3) זע, מו״ק כ״ח, „נשקו כיפי דפרת״, רש״י, דאָרט.

„הפרדס״) ז״ל, אַז ער טונקט די פען זיינע אינעם ים פון טרערן און זיין האַרץ ווערט צעבראָכן אויף דעם גרויסן פאַרלוסט פון „מורינו ומאורינו, נשיא אלקים בתוכנו... נגנז אָרון הקודש!״ ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה, מוצאי יום־טוב אינעם חצר פון דער שפת אמת ישיבה, ווייל מ׳האָט אים נישט געקענט ברענגען צו דער מערה וואָס ער האָט זיך צוגעגרייט אויפן הר הזיתים.

דער רוב פון זיין משפחה, זיינע ספרים און כתבי־יד זענען פאַרניכטעט געוואָרן אונטער דער נאַצי־ממשלה.

ער האָט עטלעכע מאָל געענדערט זיין צוואה 4). לויט דער לעצטער צוואה, איז ר׳ ישראל באַשטימט געוואָרן אַלס זיין ממלא־מקומו.

ער האָט אויך זוכה געווען אַז אַ קאָלאָניע פון פועלי אגודת ישראל זאָל גערופן ווערן אויף זיין נאָמען, קיבוץ „בני רא״ם״ און אין ירושלים זאָל בלייבן די ישיבה „שפת אמת״, אַ צענטער פאַר תורה און חסידות.

די דאָזיקע זכיה איז אים זיכער געקומען, אַ דאַנק, דעם, וואָס שוין אין אַ בריוו ז׳ אייר, תרפ״א (1921) שרייבט ער: אַז „כדי צו ווייזן אַביישפיל, האָב איך צוזאַמען מיט דער גרופע וואָס איז געקומען מיט מיר, געשאַפן אַ קאָרפּאָראַציע און געקויפט אין יפו אַ שטח באָדן, אויף צו בויען הייזער און געשעפטן... ס׳האָט געשלאָגן די שעה צו טאָן בפועל ממש בנין ארץ־ישראל.

ער האָט זוכה געווען צו המשך דורך זיין זון ר׳ ישראל, גערופן אויפן נאָמען פון חדושי הרים״ס פאָטער, ר׳ ישראל, גערער רבי.

ווי דער פאָטער, האָט ער זיך זיין וועג פון הנהגה אין חסידות, נעמט אויך אָן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכע ענינים. געבוירן אין גער אין 1893, האָט ער דורכגעמאַכט די גערער חסידות־שול פון התמדה, זריזות און לומדות און זיך איינגעשאַפט די דאָזיקע וויכטיקע אַטריבוטן וואָס מאַכן אים פאַר אַ חסידישן מנהיג.

---

4) זע, הרב ט. טביומי, די ערשטע צוואה געשריבן, ווען ער איז געוואָרן אַ בן־שבעים. אין יענער צוואה, האָט ער באַשטימט ר׳ משה בצלאלן פאַר זיין ממלא־מקום און זאָגט אָן, אַז זיינע כתבים זאָלן געדרוקט ווערן נאָך שטרענגן קריטישן איבערבליק און רעדאַגירונג און דאָס וואָס איז ניט פאַסיק צום דרוק צו פאַר־ניכטן... אין דער לעצטער צוואה ,גיט ער איבער די הנהגה צו זיין זון ר׳ ישראל (ר׳ משה בצלאל הי״ד איז דאָך שוין ניט געווען בחיים).

ר׳ ישראל איז דער דריטער זון ר׳ אברהם מרדכיס. דער עלטסטער זון ר׳ מאיר איז אומגעקומען דורך די נאַציס אין טרעבלינקע; דער צווייטער זון ר׳ יצחק איז נפטר געוואָרן ביים פאָטערס לעבן. ווי אַלע שידוכים, איז אויך זיין שידוך אַ משפחהדיקער, ער איז דער איידעם פון זיין פעטער ר׳ יעקב בידערמאַן, וועמעס פרוי איז געווען די טאָכטער פון שפת אמת און זיין אייגענער יחוס איז גרויס געווען דערמיט וואָס ער אַליין איז געווען פון די לומדים מופלגים...

ר׳ ישראל האָט מדריך געווען אומציילעקע יונגעלייט, טויזנטער פון זיי, געקענט גאָר נאָענט און ווי פאַרטאָן ער זאָל נישט געווען זיין אין לערנען, איז ער אַלץ געווען אַ מעורב עם הבריות.

אין פוילן האָט ער איבערגעלאָזט זיין פאַמיליע און נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיי צו ראַטעווען, זיין בן יחיד לייבל, אויך זיין טאָכטער רבקה, האָבן אין די לאַגערן פאַרשפּרייט יידישקייט. זיי זענען אַלע אומגעקומען — און ער האָט אויף זיך גענומען שטענדיקע אבילות... זיין איצטיקע רביצין, איז די טאָכטער פונעם וואַרשעווער גביר און למדן ר׳ דוד ווידנפעלד ז״ל.

גאָר לעצטנס, האָט זיין זון בונם אלתר, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע גער־רער חסידים, זיך פאַרנומען מיט אויפבויען אַ גערער קאָלאָניע ביי הרצליה, וואָס וועט זיין אַ מוסטער־שטאָט און אַ רעאַליזירונג פון זיין פאָטערס ווונטש. אַזוי, אַז נישט געקוקט אויפן גרויסן חורבן וואָס האָט געטראָפן דעם גערער הויף, ווי אַנדערע חסידישע הייף, האָט דאָך גער געהאַט אַ זכיה ס׳זאָל בלייבן אַ ניר־נר, אַן איבערבלייב לדורות פונעם אַמאָליקן גער, וואָס איז געווען אַ חידוש אין חסידות צוליב דער סינטעזע פון תורה־גאונות, מידות און פשטות.

אין ישראל קען בלי ספק די תורה פונעם רי״ם האָבן דעם געהעריקן תיקון און די שלימותדיקע דערגרייכונג.

קאַפּיטל 14

פיר דורות בעלזער חסידות

1. פאַרערונג צו בעלז

בעלז האָט תמיד אַרויסגערופן פאַרערונג אין די קרייזן פון פוילישן חסידות. ביי אונדז אין לובלין, למשל, האָט מען איבערגעגעבן, אַז אדמו״ר ר׳ שלמה איגר, האָט נישט געוואָלט מסכים זיין צו ראַביסטווע, צו ווערן אַ מנהיג פון חסידים, ביז ער איז נישט געפאָרן קיין בעלז, צו ר׳ ישכר דוב רוקח און דער לעצטער האָט מיט אים געהאַט יחוד שעהנווייז און אים איי־בערצייגט, אַז ער דאַרף נישט מסרב זיין אַן עדה יידן, אַז ער זאָל יאָ ווערן רבי, זאָל יאָ נעמען „קוויטלעך״ און ביים מכבד זיין אים מיט אַן עליה, אים אויפגערופן „מורה מורנו״... פאַרן אַוועקפאָרן, נאָכאַמאָל גערעדט מיט אים אריכות וקצרות — און ר׳ שלמה איגר, האָט אַהיימקומענדיק, מסכים געווען...

דער דרך־ארץ פאַר ר׳ ישכר דוב האָט זיך גענומען צוליב יחוס עצמו און יחוס אָבות; אַליין, אַ ייִד אַ פּקח און גדול אין נגלה און נסתר, אַ רבי וואָס איז באַטראַכט געוואָרן אַלס מנהיג פון אדמו״רים און אַלס פּערזאָן וואָס שטייט איבער דער פּאַרטייאישקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין יידישן געסל פונעם 19טן יאָרהונדערט. דערצו: אייניקל פון ר׳ שלום (אין דער חסידישער וועלט, באַקאַנט אַלס ר׳ שלומקע) דער שעפער פון בעלזער דיי־נאַסטיע, דירעקטער תלמיד פונעם חוזה מלובלין, פון ר׳ אורי סטרעליסקער, גערופן דער „שרף״ און פון ר׳ אהרן קאַרלינער, גערופן ר׳ אהרן הגדול. (נפטר אין עלטער פון 36 יאָר, י״ט ניסן תקל״ב). דאָס אייניקל האָט פון זיי איבערגענומען מדות, פייערדיקייט און הנהגה.

2. אָפּשטאַם און דינאַסטיע

פיר דורות האָט זיך געצויגן די קייט פון בעלזער חסידות, איבער 140 יאָר איז בעלז געווען אַ חסידות צענטער. דער גרינדער פון אָט דער שלשלת, איז געווען ר׳ שלום רוקח (תקל״תרט״ו), דער פינפטער דור פון ר׳ אליעזר רוקח פון אמסטערדאַם, מחבר פון „מעשה רוקח״.

געבוירן אין בראָד, איז זיין פאָטער ר׳ אליעזר געווען איינער פון די באַקאַנטע „חכמי קלויז״, די גדולים אין דער השכלה־שטאָט בראָד. ער איז אָבער געוואָרן אַ יתום, און איז דערצויגן געוואָרן ביי זיין פעטער ר׳ ישכר־בער, רב אין סקאהל, ביי לעמבערג און דאָרט זיך באַקאַנט מיטן חסידישן דרך, דורך זיין רבין ר׳ שלמה לוצקער מחבר פון ספר „דברת שלמה״ 1). ער איז נאָכדעם געפאָרן צום חוזה קיין לובלין, צום „שרף״ פון סטרעליסק, צום קאָזשעניצער מגיד, צום אפטער אוהב ישראל — ער איז אַ סך באַ־ווירקט געוואָרן פון זיי, אָבער דאָך געהאַלטן דעם לובלינער רבי ר׳ יעקב יצחק הורוויץ פאַר זיין רבי מובהק. פון רבין ר׳ אורי סטרעליסקער (קלוג־הויפט) האָט ער שטאַרק געהאַלטן, זינט אחיה השלוני — האָט ער געזאָגט — איז נישט געווען אַ מענטש וואָס זאָל אַזוי גוט קענען גלגולי נשמות. נאָך דער חתונה האָט ער זיך באַזעצט אין בעלז, דאָרט געלערנט מיט גרויס התמדה, טויזנט נעכט נישט געשלאָפן און באַרימט געוואָרן אַלס גרויסער למדן און צדיק, מ׳האָט אים טיטולירט שר שלום און ער איז פאַרוועבט געוואָרן אין דער חסידישער לעגענדע, ווי איינער פון די אָבות פון חסידיזם.

נאָך דער פּטירה פונעם חוזה אין יאָר תקע״ה, האָט ער אָנגעהויבן פּראַ־ווען טישן און געוואָרן אַ מנהיג פון אַ גרויסער חסידישער עדה. צווישן זיינע מקורבים, זענען געווען ר׳ שלום קאַמינקער (ראָזענפעלד), דער עילוי פון ראווא, ר׳ פיבש הובניוער, ר׳ דוד דינעווער, ר׳ דוד זאַבלאַטאָווער, ר׳ שמעון יאַראָסלאַווער און אַנדערע. צווישן די וואָס פלעגן קומען צו אים פון צייט צו צייט, איז געווען דער בראָדער רב ר׳ שלמה קלוגער.

---

1) זע, יצחק ורפל (רפאל), ספר החסידות, תל־אביב, תשי״ז, ז׳ ע״ב. זע אויך, ויקהל שלמה, ליקוטים פון ר׳ שלמה זלמן פון קאָזשעניץ, פּיעטרקוב, תרס״ט.

קיין ספרים, האָט ער נישט איבערגעלאָזט. אין בעלז איז עס געוואָרן אַ טראַדיציע נישט צו שרייבן קיין ספרים. בלויז אייניקע ליקוטים זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון זיינע תלמידים; עס איז שפּעטער מיט אַ 70 יאָר דערשינען אַ ספר א״נ „דובר שלום״ 2) צוזאַמענגעשטעלט פון שמחה בונם מיכלזאָהן און אַ גרויסער צאָל פון זיינע תורה־שמועסן און אויפטוען איז אַריין אין פאַרשידענע ספרים 3).

ער האָט אין בעלז אויפגעשטעלט אַ גרויסע שול, ווי אַ חסידות־צענ־טער, וואָס איז געשטאַנען ביזן חורבן.

נאָך זיין פּטירה, כ״ז אלול, תרט״ז, איז זיין פינפטער זון ר׳ יהושע געוואָרן ממלא־מקומו. אַ גרויסער טייל פונעם עולם איז געפאָרן צו זיין איידעם ר׳ חנוך־הענעך אולסקער (מחבר פון „לב שמח״), אַ טייל פון די שאַרפע קעפּ זענען געפאָרן צו ר׳ ישראלטשע ריזינערס זון ר׳ אברהם יעקב פרידמאַן, סאַדיגורער רבי 4) אָבער דער גרעסטער טייל איז געבליבן ביים זון ר׳ יהושע (תקפ״ה־תרנ״ד) וועלכער האָט ממשיך געווען דעם פאָטערס דרך אין חסידות און אויך געפירט אַ העפטיקן קאַמף קעגן רעפאָרמיזם אין גאַליציע. ער, צוזאַמען מיטן קראָקעווער רב, ר׳ שמעון סופר (אייניקל פון חתם סופר) האָבן געגרינדעט די אָרגאַניזאַציע „מחזיקי הדת״ און אַפילו אַרויסגעגעבן אַ וואָכנשריפט א״נ „קול מחזיקי הדת״, אונטער דער רעדאַק־ציע פון שמואל מאַרגאָשעס און מרדכי פעלץ — און בכלל אַרויסגעוויזן גרויסע מעשים אין עסקנות לטובת הכלל.

פון אים, שטאַמט דאָס ווערטל, אַז עס זענען דאָ דריי גלותן:

א) גלות ביי די גויים (דאָס איז, לויט אים, דער קלענסטער גלות);
ב) גלות ביי יידן, איין ייד ביים אַנדערן — ניט פון די לייכטע ענינים;
ג) גלות ביי זיך, ביים יצר הרע — דאָס איז דער שווערסטער גלות.

ר׳ יהושעלע האָט זיך געהאַלטן ביי דער שטרענגער שיטה פון ניט אַריינ־לאָזן פרעמדע ווינטן אין זיין מחנה. ווי דער חתם סופר, האָט ער געהאַלטן,

---

2) ...ונלוה לזה, ספר אוהל יהושע מבנו ר׳ יהושע מבעלזאַ... אספתי אברהם חיים שמחה בונם מיכלזאָהן, פשעמישל, תר״ע.

3) זע, הרב מתתיהו יחזקאל גוטמאַן, מגדולי החסידות, ו׳ בילגורייי, תרצ״ה.

4) זע, אהרן מאַרקוס, החסידות „נצח״, תל־אביב, תשי״ד, ז״ז 175, 224־226, 240.

אַז „כל חדש אָסור מן התורה״, אַז מען דאַרף באַקעמפן אַלע סאָרטן רעפאָר־מען, ווייל דאָס איז עלול צו ברענגען אַסימילאַציע און שמד. דער עיקר איז לערנען, מ׳דאַרף תמיד לערנען און במילא וועט מען נישט האָבן קיין שלעכטע מחשבות און נישט זוכן נייאיקייטן. אין בעלז איז דער סדר געווען: אַ גאַנצע נאַכט לערנען און פאַרטאָג בלויז אַ שעה זיך צולייגן, אויפהייבן און שנעל אָפדאַווענען און ווידער לערנען.

ר׳ יהושעלען איז אויסגעקומען אַ קורצע אָבער גאָר שאַרפע מחלוקת מיט סאַנדזער חסידים, צוליב זיין העגעמאָניע אין באַשטימען רבנים און שוחטים, אָבער ר׳ חיים אַליין האָט די מחלוקת אָפגעשטעלט און צוגעטיילט כבוד דעם בעלזער רב.

נאָך זיין פטירה (כ״ג שבט, תרנ״ד) אין ווין, געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין בעלז, איז זיין צווייטער זון ר׳ ישכר דוב (געב׳ אין יאָר תרי״ד) געוואָרן ממלא מקום. ער איז געווען דער אײדעם פון ר׳ זושע, טשערנאָ־בילער רבי, און געהאַט אַלע אַטריבוטן פון אַ מנהיג ישראל. ער האָט געפירט נשיאות ברמה, מיט שטאָלץ און גרויסקייט, געווען אַ תקיף בדעתו און פאַר־מאָגט פקחות וואָס האָט כמעט קיין פאַרגלייך נישט געהאַט. טויזנטער חסידים האָבן תמיד געשטראָמט צו אים, ווער נאָך אַן עצה, ווער נאָך אַ ברכה און ווער נאָך אַ דבר תורה. ער האָט תמיד געהאַט אַ ניי וואָרט, אַ בליציקן גע־דאַנק, אַ התעוררות... דער זון זיינער ר׳ אהרן, האָט וועגן אים געזאָגט: מיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער חכם, ביי אים איז מקויים געוואָרן „יהיב חכמה לחכימין״, ער האָט געהאַט חכמה איז אים צוגעגעבן געוואָרן נאָך חכמה — און די ערשטע חכמה איז געקומען ווי דער פאָטער אַליין האָט באַטאָנט: ראשית חכמה יראת ד׳... די חכמה איז געקומען צו אים צוליב יראת שמים!

3. ר׳ ישכר דוב

ר׳ ישכר דוב, געב׳ אין בעלז, אין יאָר תרי״ד, איז געווען דער דריי־טער אין דער „שושלת״ בעלז און אָנערקענט געווען אַלס גאון אין נגלה, אַלס בעל השפעה און אַלס מנהיג פון צענדליקער טויזנטער חסידים און

הונדערטער תלמידים און יושבים וואָס זענען שטענדיק געזעסן על התורה ועל העבודה אינעם שטעטעלע בעלז.

דריי און דרייסיק יאָר, האָט ער געפירט די גרויסע עדה און נאָך פאַרגרעסערט בעלזער חסידות, זייענדיק פאַרערט ניט בלויז צווישן פאַר־טערס עולם, נאָר אויך צווישן די טריסקער חסידים. ער איז דאָך אַ צייט געווען אין טשערנאָביל, אַלס איידעם פון ר׳ משולם זוסיאַ, זון פון ר׳ אהרן טשערנאָבילער, אַן אייניקל פון ר׳ מאָטעלע טריסקער.

ער האָט געהאַט פיר זין און פיר טעכטער. זיין בכור איז געוואָרן ממלא־מקומו. די אַנדערע זין: ר׳ יהושעלע איז געווען אין יאַראָסלאַוו; ר׳ שלום אין אַפּט, איידעם פונעם סטאָלינער רבי ר׳ ישראל פּערלאָוו (תרכ״ט־תרפ״ב), באַקאַנט אַלס דער „ינוקא״, זון פון ר׳ אשר סטאָלינער און אור־אייניקל פון ר׳ אהרן, דער גדול פון קאַרלין; ר׳ מרדכי איז געווען רב אין בילגאָריי. אַלס איידעמס פאַר זיינע טעכטער, האָט ער געהאַט: ר׳ פינחס טווערסקי, זון פון ר׳ יוחנן, ראַכמעסטריווקער רבי; ר׳ יוחנן פון הרובישאָוו, זון פון ר׳ משה־מרדכי אין לובלין, טריסקער רבי (באַזונדער וועגן אים אין מיין ספר „לובלין״ און אין אַנדערע לובלין־ביכער); ר׳ יצחק־נחום פון ראַוואַ־רוסקאַ; ר׳ נפתלי־צבי פּערלאָוו, אייניקל פון קאַידאַנאָווער רבי ר׳ נחום און פון ר׳ יוחנן קאָוולער.

בעלז האָט ניט זוכה געווען צו ביאָגראַפיעס, מאָנאָגראַפיעס, אפשר דערפאַר, ווייל אין בעלז האָט מען דאָס באַטראַכט פאַר איבעריק. אַ פאַקט איז אויך, אַז בעלז האָט ניט געהאַלטן פון לאָזן נאָך זיך חיבורים און במילא, האָבן פאַרשער ניט געהאַט גענוג מאַטעריאַל פאַר תולדות, און אַלץ גענומען פון בעל־פה דערציילונגען און פון אייגענע דערפאַרונגען, בעלז אַליין איז געוואָרן אַ ספר... און צווישן דעם עולם, האָט מען דאָך געקענט זען אַזעלכע גדולי הוראה, ווי דער מהרש״ם (ברעזשאַנער רב, ר׳ משה־מרדכי שוואַדראָן נפטר געוואָרן כ״ט שבט תרע״א) אין פריערדיקן דור 1) אָדער דעם טשובינער רב שליט״א אין איצטיקן דור. פונדעסטוועגן, האָבן מיר דאָ און דאָרט, איינ־

---

1) ער, ווי דער טשובינער רב ר׳ דוב־בעריש איידענפעלד זענען אויך געווען טשאָרטקאָווער חסידים. דער מהרש״ם (געב׳ כ״ז ניסן תקצ״ה) זייענדיק רב אין פאָטיק, איז במילא געווען אונטער דער פולשטענדיקער טשאָרטקאָווער השפעה, — אָבער דאָך געפאָרן קיין בעלז. זען: תשובת מהרש״ם א׳, סימן קט״י מו״ר הה״ק אבד״ק בעלז; חיים בלאָך, מהרש״ם הפוסק האחרון, ניו־יאָרק, תשי״ד, ז״ז 5—6.

טערעסאַנטע אַרבעטן וועגן בעלז. די בעסטע מאָנאָגראַפיע, איז פון הרב גוטמאַן און די קורצע ביאָגראַפיעס פון ווערפל און פון חסידות־היסטאָרי־קער אהרן מאַרקוס. ר׳ אהרן מאַרקוס (תרי״ג—תרע״ו) איז געווען אַ זעל־טענער טיפּ פון אַ חסידישן פאָרשער. געבוירן אין האַמבורג, דייטשלאַנד, איז ער אַוועק קיין גאַליציע און געוואָרן אַ פּולער חסיד און שרייבער וועגן חסידיזם אין זיין מוטער־שפּראַך, אין דייטש.

אַ תלמיד פון ר׳ ברוך ליפשיץ (זון פון באַרימטן מחבר „תפארת ישראל״ אויף משניות) איז ער אַוועק צו די „אָסט־יודן״, זוכנדיק דאָרט שלימות און איז זיך מתדבק אין חסידות, ווערט אַ מקורב אין די גרויסע חסידישע הייף, ריזשין, סאַדיגער, טשאָרטקאָוו, הוסיאַטין א״אַ. גאָר נאָענט ווערט ער באַקאַנט מיטן ראַדאָמסקער רבין, ר׳ שלמה, דעם מחבר פון „תפארת שלמה״ און פאַרנעמט זיך מיט אַנטפּלעקן פאַר דער ברייטער וועלט דעם מהות פונעם חסידיזם. פּריִער, אין 1884, קומט ער אַרויס מיט אַ פילאָזאָפיש ווערק וועגן חסידות און דערנאָך מיט זיין ווערק „דער חסי־דיזמוס״, וואָס האָט אַ גרויסן קולטור־היסטאָרישן ווערט — און וואָס האָט געפירט צו אַ רעוויזיע מצד די וועלטלעכע פאָרשער אין שייכות מיט זייער באַציִונג צום חסידיזם (וועגן ר׳ אהרן מאַרקוס, זען יצחק רפאל, ראשונים ואחרונים, תל־אביב, תשי״ז, ז״ז 381—385).

בעלז האָט געהאַט גרויס השפעה אין גאַליציע און אויך ווייט אַריבער די גרענעצן פון מלכות פראַנץ יאָזעף, און געפירט אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן אַלץ וואָס באַדראָט דאָס רעליגיעזע לעבן, באַקעמפט דעם ציוניזם און די אַלע וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צום ציוניזם. עס איז געווען אַ תקיפותדיקע פּירערשאַפט וואָס האָט געוואָלט זען ביי די נאָכ־פאָלגער התמדה אין לערנען און הנהגה לויט די חסידישע טראַדיציעס און דערפאַר שטאַרק געשטיצט די פריִער דערמאָנטע אָרגאַניזאַציע „מחזיקי הדת״ און איר אָרגאַן.

אין בעלז האָט מען מרחיק געווען מאָדערנע באַקוועמלעכקייטן, אַפילו ניט געוואָלט זיך באַנוצן מיט עלעקטרישע לאָמפּן. די אַלטע שול פלעגט פון צייט צו צייט ווערן רעמאָנטירט אָבער בשום אופן ניט איבערגעבויט, ווייל, ווי חסידים האָבן דערציילט, האָט דער זיידע ר׳ שלום געהאַט גלוי שכינה ביים בויען די שול.

ר׳ ישכר־דוב האָט אַמאָל געפרעגט אויף דעם „ויתרוצצו הבנים בקרבה״, וואָס רש״י טייטשט, אַז ווען רבקה פלעגט פאַרבייגיין ביי די טירן פון שם ועבר (ווו מ׳האָט געלערנט תורה), האָט יעקב זיך געריסן אַרויסצוגיין און ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען די טירן פון אַן אָפּגאָט, פלעגט עשיו צאַפּלען אַרויסצוגיין...

האָט ער געפרעגט אַזוי:

מילא, עשו האָט ניט געוואָלט בלייבן ביי רבקהן, במעי אמו, פאַרשטייט מען; אָבער יעקב, וועגן וועמען ס׳ווערט געזאָגט, אַז אַ מלאך האָט מיט אים געלערנט תורה אין זיין מוטערס בויך, פאַרוואָס האָט ער געוואָלט אַנטלויפן?...

דער תירוץ איז אַזוי: ער האָט ניט געוואָלט זיין צוזאַמען מיט אַ רשע, מיט אַן עשיו. דערפון איז צו דרינגען, אַז ס׳איז ניט גוט די התחברות מיט אַ רשע, אַפילו, ווען מען איז עוסק אין לערנען תורה אָדער טוען מצוות.

דאָס איז געווען זיין לעבנס־שיטה.

ער האָט אויך צוריקגעוויזן דעם פאַרלאַנג, זיך צו אידענטיפיצירן מיט דער אגודה. ווען ער האָט אַזאַ ווענדונג געקראָגן פונעם גערער רבי, האָט ער געענטפערט, אַז ער איז שטאַרק צופרידן פון די אויפטוען פון אגודת ישראל און איז באַגייסטערט פאַר די מעשים לטובת היהדות, ער פילט אָבער די נויטיקייט צו שטיין מחוץ דער אגודה, כדי צו קענען זען צי אַלץ ווערט געטאָן ריכטיק, ווייל אַז מען איז אינעווייניק, זעט מען ניט אַזוי פריי... 2).

דאָס האָט צו טאָן, פאַרשטייט זיך, מיט זיין אַלגעמיינער שיטה פון אומפשרותדיקער חסידות, פון פאַריאָגן יעדע זאַך, וואָס קען באַטראַכט ווערן אַלס חדש, יעדער שמץ פון מאָדערניזם און דערמיט איז בעלז אינגאַנצן אַנדערש געווען פון גער. בעלז האָט בלויז גורם געווען די „מחזיקי הדת״

2) אַן אַנדער ווערסיע, ווי אַ בעלזער חסיד האָט עס דעם שרייבער פון די שורות איבערגעגעבן, האָט ר׳ ישכר־בער אַזוי געענטפערט אויף דעם אגודה־פאַרלאַנג: „איך וויל זיין מיטן רוב פונעם כלל־ישראל, און די מערהייט איז ניט מיט דער אגודה״. דערמיט האָט ער געוואָלט אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז די אגודה איז אַ פּאָליטישע פאַרטיי און ער וויל ניט האָבן צו טאָן מיט פּאָליטיק. ער איז בלויז אינטערעסירט אין יידישקייט פון כלל ישראל.

אָרג., וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביזן אויסברוך פונעם ערשטן וועלט־קריג (תשעה־באב, תרע״ד — 1914).

ביז דאַן האָט בעלז געהאַט פולשטענדיקע תקיפות אין גאַליציע. מלכות בעלז איז ביז דאַן געווען זייער גרויס און די ממשלה האָט זיך געפילט אין צענדליקער שטעט און שטעטלעך, אַזוי ביים באַשטימען רבנים, שוחטים און אַנד. כלי־קודש. אין בעלז האָט מען זיך אויך באַנוצט מיטן טיטול רב און ניט רבי, ווייל בעלזער חסידות איז געווען רבנות־חסידות.

אויף ווי ווייט בעלז האָט מרחק געווען מאָדערניזם, איז געגוג צו ברענגען דעם פאַקט, אַז מ׳האָט דאָרט ניט גורס געווען דאָס אָפּגעבן זיך מיט לימודי חול. ס׳ווערט דערציילט אַ קוריאָז, ס׳איז אַמאָל אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע אין בעלזער הויף געשריבן אין אַ פרעמדער שפּראַך, האָט קיינער ניט געוואָלט איבערלייענען (כאָטש ס׳האָבן זיך געפונען אַ צאָל חסידים וואָס האָבן גראָד געקענט דאָס פרעמדע לשון, האָבן זיי מורא געהאַט צוצוגעבן אַזאַ זיי קענען גויִיש. דאָס וואָלט באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ פּגם). איין חסיד האָט געוואָגט און געווען דרייסט גענוג איבערצולייענען די טעלעגראַמע... האָט דער רבי אים געדאַנקט, אָבער אים געזאָגט, אַז דו קענסט אַזוי ווייל לייענען פון לינקס צו רעכטס, האָסטו פּוגם געווען אין אַלץ וואָס דו לייענסט פון רעכטס צו לינקס...

אין בעלז האָט זיך אויך געפילט די סופּער־לאָיאַלקייט און פּאַטריאָטיזם צו מלכות, פריִער צו מלכות עסטרייך, דערנאָך צו דער פּוילישער רעגירונג. די ערשטע, האָבן דאָס שטאַרק אָפּגעשאַצט, אָבער די לעצטע אַ סך ווייניקער, בלויז אויסגענוצט די בעלזער שטימען אין צייט פון וואַלן...

אינטערעסאַנט איז, אַז גראָד איז דעם בעלזער אויסגעקומען צו האָבן אַ מחלוקת מיט נאָך אַ שאַרפער קנאותדיקער חסידות.

געווען איז עס, אין 1914, בעת דער בעלזער מיט זיין גאַנצער משפחה, איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זיין רעזידענץ (אַלס רבי און רב געווען אין בעלז זינט תרנ״ד), און נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט. ער איז דאַן אַוועק קיין אונגאַרן און פריִער זיך באַזעצט אין פּראַצפּערד. אין 1918 זיך באַזעצט אין מונקאַטש, ווו ר׳ ישכר־דוב האָט געהאַט אַ מחלוקה וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש און וואָס האָט גורם געווען גרויס בזיון ביידע חסידישע הייף.

אונגאַרישע חסידים און רבנים האָבן זיך געשטעלט אויף זיין זייט. ער האָט אָבער באַלד נאָכן קריג פאַרלאָזט אונגאַרן און צוריק קיין גאַליציע, פריִער אין שטעטל אולישוץ און נאָכדעם, אין 1925, צוריק קיין בעלז, ווו ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד, ניט בלויז פון זיינע חסידים און יידן פון דער סביבה, נאָר אויך פון מלכות, פון ניט־יידן, באַטראַכטנדיק אים פאַר אַ הייליקן מענטשן און גרויסן בעל־השפעה.

חסידות בעלז איז צוריק באַנייט געוואָרן.

אין דער נאַכט פון שבת קודש, כ״ב חשון, תרפ״ז, איז ער נסתלק געוואָרן און ר׳ אהרעלע איז געוואָרן ממלא־מקום.

4. די השפעה פון ר׳ אהרן

ר׳ אהרן, דער לעצטער בעלזער רבי, דער יורש פון גרויסן פאָטער, וועמעס נאָמען איז געווען נאָך ר׳ אהרן קאַרלינער 1) האָט פון קינדווייז אָן זיך איינגעשלאָסן מיט זיך, תמיד געווען פאַרטאָן אין לערנען: געגעסן וויי־ניק, געשלאָפן ווייניק, גערעדט ווייניק, געווען בלויז פאַרטאָן אין לערנען תורה און שוין אַלס יינגל, אַרויסגערופן צו זיך דעם גרעסטן יראת הכבוד. דער פאָטער האָט אים אַרויסגעוויזן די גרעסטע התקרבות.

געבוירן אין טשערנאָביל 2), אין יאָר תרל״ח (1886), איז ער געווען, ווי חסידים באַהויפּטן, אַ קדוש מרחם... ער איז אָבער תמיד געווען אַ חלוש, אַפילו אין זיינע רייפערע יאָרן און דער פאָטער פלעגט וועגן אים זאָגן, אַז ער איז ווי דער קאָזשעניצער מגיד, וועלכער איז אויך תמיד געווען אַ שוואַכער מענטש, אָבער ווען ס׳איז געקומען צו עבודת הבורא איז ער גע־וואָרן אַ העלד און אַז זיין ר׳ אהרל איז אין אָט דער בחינה...

1) ניט נאָכן זיידן ר׳ אהרן טשערנאָבילער, נאָר נאָך דעם קאַרלינער, וועמעס שורש נשמה ער האָט געהאַט, לויט דער מיינונג פון ר׳ ישכר דוב. ר׳ אהרן קאַר־לינער איז געווען אַ גרויסע פּאָעטישע נשמה. דער מעזריטשער האָט וועגן אים גע־זאָגט, אַז ווען ער זאָגט „שיר השירים", פרייטיק פאַרנאַכט, זינגט די גאַנצע פמליא של מעלה מיט אים.

2) לויט אייניקע ביאָגראַפן, איז ער געבוירן געוואָרן אין בעלז אין יאָר תרל״ח.

ווען ער איז געוואָרן רבי, אין יאָר תרפ״ז, האָט ער געהאַט אַרום זיך די מקורבים פון פאָטער און אויך חסידים גדולי התורה און האָט ממשיך געווען דעם דרך פון זיינע עלטערן. אַזוי האָט מען מקצר געווען מיטן דאַווּ־נען, אַזוי אין זיינע באַציִונגען צו פּאַרטייען, ניט געהערט צו קיין איינער פון די צוויי רעליגיעזע פּאַרטייען: „מזרחי״ און „אגודה״ און אַזוי צו דער ציוניסטישער באַוועגונג אַרויסגעוויזן די זעלביקע קעגנערשאַפט ווי דער פאָטער זצ״ל.

דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז געווען קודש לד׳ און שוין אין זיין בר־מצוה־עלטער האָט מען אים גערופן צדיק 3). נאָך זיין חתונה (זיין ערשטע פרוי איז געווען אַן אייניקל פון וויזשניצער רבין ר׳ מנחם־מענדל), האָט ער זיך באַזעצט אין בעלז אויפן פאָטערס פּאַרלאַנג און שוין דאָרט אין משפחה־קרייז זיך דערהויבן צו גדלות און געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געבוירענעם רבי און מנהיג — און איבער אַלץ איז ער באַוואונדערט געוואָרן צוליב זיין אהבת ישראל. ביי זיינע טישן שבת יום־טוב פלעגן זיצן הונ־דערטער מענטשן און ער אַליין האָט זיי געוואָלט באַדינען. וועגן זיין אהבת ישראל קורסירן פאַרשיידענע מעשות און לעגענדעס 4).

ער פלעגט שטאַרק היטן די יאָרצייט פון זיין מוטער, כ״א אדר, די יאָרצייט פון ר׳ אלימלך ליזענסקער („נועם אלימלך״) און תמיד נאָך דער תורה וועגן רבין ר׳ מלך, צוגעגעבן אַז ס׳איז אויך די יאָרצייט פון דער אַלטער רביצין, זאָגנדיק אַז פון איר האָט ער געלערנט זהירות אין נטילת ידים...

דער רבי פלעגט כמעט ניט שלאָפן, נאָר בלויז זיך אָנגעשפּאַרטביים טיש און גערוט און נאָכדעם צוריק צו עבודת־השם. אָבער ווי געזאָגט פריִער, שטאַרק מקצר געווען אין דאַוונען און געדאַוונט אַזוי בחפזונדיק, אַז עס איז ממש געווען אוממעגלעך אים נאָכצוזאָגן.

דערמאָנט זיך מיר זיין באַזוך אין וואַרשע, אין ווינטער פון 1930. ווי אַנדערע טויזנטער יידן, בין איך, דאַן אַ יונג בחורל, אויך געקומען „נעמען שלום״. בין איך שוין געווען איין מאָל ביי שחרית און אַ צוויי מאָל ביי מנחה.

---

3) זע, ישראל אידלמאַן, שערים מנחם־אב, תשי״ז — 23.8.57.

4) דאָרט, ג׳ אלול, תשי״ז — 30.8.57.

אינדערפרי, ביים דאַווענען, האָב איך ניט געקענט נאָכיאָגן און געמוזט דאַווע־נען ביחידות. מנחה, האָט מען געדאַוונט גאָר שפּעט, ווען אין אַנדערע שולן, האָט מען שוין געהאַט געדאַוונט מעריב און געדאַוונט מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז פּאָר די וואָס זענען ניט געווינט צו אַזאַ דאַווענען, איז עס געווען אומ־מעגלעך מיטצודאַווענען. דער רבי אַליין איז געשטאַנען ביים ש"ץ און גע־דאַוונט הויך, אַז דער בעל־תפלה זאָל הערן ,אַז ער האָט שוין געענדיקט, וועט ער ניט שטיין און וואַרטן...

ווען איך האָב געפרעגט אַן אַלטן בעלזער חסיד: וואָס איז די איילע־ניש? האָב איך געקראָגן אַ ביידלעכן בליק און קורץ: ס'איז ניטאָ קיין צייט!

ווען מ'האָט פאַרענדיקט דאַווענען, איז דער רבי אַריין צו זיך אין זיין חדר־מיוחד און יעדער וואָס איז געבליבן אינעם גרויסן וואַרשעווער אַלקיר איז געבליבן שטיל און געוואַרט אויף אַ ריר פון דער טיר. איך האָב ניט געקענט זיך דערוואַרטן, בין איך שטילערהייט אַרויס פונעם צימער און זיך געלאָזט אין גאַס, ווו איך האָב אָנגעטראָפן אַ גרויסן עולם וואַרשעווער יידן וואָס האָבן גערעדט וועגן זיין עניוות, צדקות און גוטסקייט. אייניקע האָבן אַפילו געהאַט טענות צו אים, הלמאי ער שטיצט ניט די אגודת ישראל און אייניקע האָבן אַנגעוויזן, אַז ער שטיצט יאָ אָבער ניט אויף אַן אַקטיוון אופן. דער פאַקט איז — האָבן זיי אָנגעוויזן — אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין דער אסיפה פון רביים־רבנים אין וועלכער דער חפץ־חיים, צוזאַמען מיטן גערער רבין זענען געשטאַנען בראש און אַז ער האָט באַאויפטראַגט זיין חסיד, דעם טאַרנאָפּאָלער רב ר' מנחם מאַניש באבאד, אים צו רעפּרעזענטירן אינעם הויפט־קאָמיטעט פון דער אגודת ישראל.

אין די רייען פון בעלזער חסידים, האָבן זיך געפונען הונדערטער רבנים און מנהיגים פון גאַליציש־פוילישן יידנטום און דער רבי האָט זיי געראָטן צו העלפן דער אגודה אין אירע רעטונגס־פּלענער פאַר יידישקייט. ער אַליין האָט זיך באַטייליקט אין דער דעלעגאַציע פון גדולי התורה צום רעגירונגס־הויפּט, פּראָפעסאָר באַרטעל.

מיטן אויסברוך פון קריג, האָט זיך דער חורבן אין יאָר ת"ש — 1939 אויך אַראָפּגעלאָזט אויף בעלז. דעם רבינס לעבן איז געווען אין גרויס סכנה אָבער אין אָנהייב איז אים צוזאַמען מיט זיין ברודער, דעם בילגאָרייער רב

און זייערע משפחות געלונגען זיך צו ראַטעווען און אַנטלויפן קיין פּרע־מישלאַן.

די נאַציס האָבן אים באַזונדערס געזוכט, ווייל, זיי זענען אינפאָרמירט געווען, אַז פאַרן קריג, אין אַפּריל 1939, האָט ער זיך געחתמעט אויף אַ רוף צו העלפן דער רעגירונג אינעם קאַמפּיין פאַר עראָפּלאַנען קעגן די היטלער־אַרמייען, וואָס מ׳האָט שוין געוווסט אין פּוילן, אַז זיי וועלן זיך באַלד אַ לאָז טאָן איבער פּוילנס וועגן אויפן באַפעל פונעם פירער...

דער רבי מיט די קינדער האָבן אין פּרעמישלאַן געלעבט אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען. דאָך האָט ער איבערגעלעבט די שרעקלעכע טראַגעדיע, צוגעזען די שרעקלעכע אכזריות, די קינדער זענען געכאַפּט געוואָרן פון די ס״ס־אַגענטן און זיי זענען דאָרט אומגעקומען.

אויף אַ פאַרשטעלטן אופן, איז דער רבי מיט זיין ברודער, בילגאָרייער רב, אַוועק קיין קראָקע, אַוועק אינעם לאַגער אין באָכניע, ווו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ שטיקל צייט און אַלס ראַבינער געהאַט געוויסע פּריווילע־גיעס, וויסנדיק אַז לאַנג וועט דאָס ניט אָנהאַלטן און טאָמער דערוויסן זיי זיך, אַז דאָס איז דער בעלזער רבי, וועלן זיי אים שנעל איבערגעבן דער געסטאַפּאָ, — האָט ער מיט דער הילף פון חסידים זיך אַרויסגעגנבעט פו־נעם לאַגער און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די פּיינלעכע וואַנדערונגען און דאָס אויסבאַהאַלטן זיך...

אויפן דאָזיקן דערנער־וועג האָט ער דורכגעמאַכט די ערגסטע פּיינען; ער האָט צוגעזען ווי 45 פּערזאָן פון זיין משפחה, נאָענטסטע קרובים זענען אויסגעהרגעט געוואָרן און אים האָבן חסידים געגנבעט פון אָרט צו אָרט דורך סלאָוואַקיי, אונגאַרן און איבער אומצייליקע גרעניצן און וואַסערן, ביז זיי האָבן אים געבראַכט על־פּי־נס אין ארץ־ישראל, אין חודש שבט תש״ד, אַ צעבראָכענעם, אַ דערשלאָגענעם און עס איז געווען צו אַלעמעס וווּנדער, ווי אַזוי אַ ייד אַ חלוש ווי ער, שטענדיק הויט און ביין, זאָל געווען באַווייזן אַזאַ נס און אויסהאַלטן די דאָזיקע גלגולים.

ווי עס ווערט איבערגעגעבן איז עס צום קרעדיט פון דעם איבערגעגע־בענעם חסיד זיינעם ר׳ בעריש אורטנער, וועלכער האָט געטאָן מיט דער גרעסטער מסירת־נפש אַרויסצורייסן דעם רבין פון די מערדער־הענט און אים ברענגען אינעם הייליקן לאַנד, ווו ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט

גרויס כבוד. די הויפט־רבנים האָבן אים שטאַרק מקרב געווען, הרב הראשי הגרא״י הערצאָג שליט״א איז אים אַנטקעגנגעפאָרן קיין סיריע.

אַנקומענדיק אין לאַנד, איז ער אַ צייט געווען אין אַ פּריוואַט הויז, אין ירושלים פאַרדבקהט מיט זיך אין התבודדות, אַנגייענדיק מיט זיינע מנהגים און סדר פון דאַוונען, פון די טעגלעכע שיעורים, ביז ער האָט זיך געשטאַרקט און צוזאַמען מיט זיין ברודער ר׳ מרדכי זצ״ל אָנגעהויבן באַנייען חסידות בעלז, ווערנדיק אָנערקענט אַלס רבי פון אדמור״ים און מנהיג פון רבנים.

די חסידים האָבן פאַר אים געקויפט אַ וווינונג און אַ גרויס בית־מדרש אין צענטער פון תל־אביב — און 63 רחוב אחד־העם איז געוואָרן דער צענטער פון באַנייטער בעלזער חסידות אין מדינת־ישראל.

ווי אין זיין גאַנצן לעבן, איז ער אויך אינעם הייליקן לאַנד, געבליבן דער הצנע־לכתדיקער שווייגער און וואָס ער האָט אַרויסגערעדט פון צייט צו צייט איז געווען בלויז געציילטע און געמאָסטענע ווערטער, אָבער אין אַלץ איז געווען עמקות און פקחות; אַלץ איז געווען תורהדיק. ווייל עס איז געווען די לויטערע נשמה מיט אַזויפיל ליכטיקייט, אַריינבליקנדיק אין די ווייטע האָריזאָנטן.

ר׳ אהרעלע, דאַרף מען וויסן, איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ וואונדער־מענטש ניט בלויז ביי בעלזער חסידים און ניט בלויז צווישן ייִדן.

י. איידלמאַן 5) גיט איבער וועגן אַ באַזוך אין בעלז, דעם ערשטן טאָג ראש השנה, תרצ״ז, ממש עטלעכע יאָרן פאַרן קריג; ס׳האָבן אים באַזוכט, דער גריכישער פרינץ פּעטער מיט זיין סוויטע און דעם באַזוך געמאַכט אויך אין נאָמען פון זיין פּעטער, דעם ענגלישן קעניג. די אויפנאַמע פאַר זיי, די שמועסן, זענען געפירט געוואָרן אין דייטש און דעם רבינס פּיר־שפּרעכער איז געווען סיני זינגער, דער אונגאַרישער אָפיצער וואָס איז גע־וואָרן אַ בעלזער יושב. צווישן די אָנוועזנדיקע האָט זיך אויך געפונען פּראָפ׳ גערליטש פון לעמבערג.

ס׳איז כדאי צו דערמאָנען דעם רבינס הייסן פאַרלאַנג אַז דער הויכער גאַסט זאָל איבערגעבן דעם ענגלישן קעניג זיינע ברכות און פאַרלאַנג אָפּ־

---

5) „שערים״, דאָרט.

צושטעלן דעם טעראָר אין הייליקן לאַנד. ער האָט אים אָנגעוויזן, אַז דער טעראָר איז דורכאויס קעגן ייִדישן ישוב און איז אומבאַרעכטיקט און אַ מלכות טאָר ניט דערלאָזן צו רדיפות אויף ייִדן.

קומענדיק אין ישראל זיך דאָרט באַזעצן, האָט ער מער ניט געוואָלט אַרויספאָרן און ס'האָבן ניט געהאָלפן די פאַרלאַנגען פון זיינע חסידים אין אַמעריקע צו באַזוכן זיי. ער האָט אַפילו אַ טאָג ניט געוואָלט אַרויס פונעם לאַנד. די ליבשאַפט זיינע צום לאַנד איז געווען אין לשער. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אַלץ וואָס עס טוט זיך אין דער מדינה, אפילו מיט דער פּאָליטיק פון לאַנד און תמיד מתפלל געווען פאַרן שלום המדינה.

דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואָס ער האָט זיך ניט געוואָלט אידענטיפיצירן מיט די „נטורי קרתא", נאָר ממשיך געווען זיין וועג פון אהבת ישראל און ארץ־ישראל און פאַרוואָרצלט בעלזער חסידות אין נייעם און אַלטן ישוב: אין תל־אביב אויפגעשטעלט דעם חסידות צענטער און אין ירושלים די גרויסע ישיבה און ער האָט געוווינט ווינטער אין תל־אביב און אין די זומער־חדשים אין ירושלים. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט כוונה, מיט אויסגערעכנטקייט, צו פאַרייניקן דעם אַלטן ישוב פון ירושלים מיט דעם נייעם בויענדיקן ישוב אין תל־אביב.

דער בעלזער רבי האָט גערופן אין שנת תש"ח זיך צו באַטייליקן אין דער מלחמה פאַר דער מדינה, געהאַלטן אַז דאָס איז מלחמת מצוה און באַ־טראַכט די עטאַבלירונג פון דער אומאָפּהענגיקער מדינה, ווי אַן אתחלתא דגאולה. אין צייט פון וואַלן גערופן זיך צו באַטייליקן און שטימען פאַר די רעליגיעזע קאַנדידאַטן וואָס קעמפן פאַר אַ תורהדיק לעבן אין דער מדינה. בעת דער סיני־מלחמה געווען שטאַרק באַזאָרגט און אָן אויפהער מתפלל געווען פאַרן נצחון פון צה"ל.

שבת פאַרנאַכט, פ' עקב, כ' אב, תשי"ז, איז דער בעלזער רבי ר' אהרן נפטר געוואָרן פון אַ בלוט־שטורץ אין מאַרך, אינעם שפּיטאָל „שערי צדק", ירושלים. די לויה איז פאָרגעקומען זונטיק און ניט האָבנדיק די מעגלעכ־קייט צו ברענגען אים אין זיין אייביקער רו אויפן הר הזיתים, איז ער נטמן געוואָרן אויפן „הר מנוחות".

אין דער לויה האָבן זיך באַטייליקט די רבנים הראשיים, מיניסטאָרן, כנסת־מיטגלידער, אָרטאָדאָקסישע מנהיגים, ישיבה־תלמידים און די עליטע

פונעם ישוב — איבער צוואַנציק טויזנט מענטשן — זענען געווען ביי דער לויה, די גרעסטע און איינדרוקספולע אין דער מדינה. דער גאַנצער עולם האָט מלוה געווען דעם צדיק הדור, גייענדיק צופוס אַ מהלך פון 3 מייל, — פונעם רוחמה־קוואַרטאַל ביזן בית־עלמין.

זיין הסתלקות איז געווען אַ שווערע אבידה פאַרן חסידיזם, ניט בלויז אין ישראל, נאָר בכל תפוצות ישראל. די חסידישע וועלט האָט פאַרלוירן איינעם פון אירע פעסטע זיילן, און אונדזער דור, דעם לעצטן זייל און גרויסן חסידישן מנהיג.

קאַפּיטל 15

די איגר משפחה אין לובלין

1. אָפּשטאַם פון ר׳ לייבעלע איגר

אין מיין ספר „לובלין — שטאָט פון תורה, חסידות און השכלה״, אין וועלכן ס׳איז פאַראַן אַ כמעט אויסשעפּלעכע מאָנאָגראַפיע וועגן די איגר־אדמורי״ם, האָב איך אויך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער באַציִונג פון די משכילים צום ערשטן רבין פון די איגרס, צו ר׳ יהודה־לייב איגר (תקע״ו — 1816; תרמ״ח — 1888).

שפּעטער זענען דערשינען צוויי ביכער וועגן לובלין פון אַן ענציקלאָפּעדישן כאַראַקטער, איינער אין יידיש 1) און איינער אין העברעיִש 2) און אינעם לעצטן איז פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערער מאמר, אַ גרינטלעכע אַרבעט וועגן די חכמי לובלין, רבנים און אדמו״רים און גאָר באַזונדערס וועגן ר׳ לייבעלע איגר, וועגן זיין שווער דעם גרויסן מתנגד, וועגן זיין זיידן ר׳ עקיבא און זיין פאָטער ר׳ שלמה איגר.

דער שרייבער פון אָט דער משפחה־שטודיע, י. ל. ביאַלער, ווען ס׳זענען באַזונדערס באַקאַנט די פּרטים און פּרטי־פּרטים פון לובלינער רבנים, שטעלט זיך בעיקר אָפּ ביי אָט דעם גיגאַנט אין לובלינער חסידות, דעם מערקווירדיקן צדיק וואָס האָט באַלויכטן די שמאָלע געסלעך אין לובלין.

---

1) אַרויסגעגעבן אין פּאַריז, תשי״ג — 1952.

2) אנציקלופדיה של גלויות, כרך חמישי, לובלין, העורכים נחמן בלומנטאַל ומאיר קוזן, יו״ר ח. ברלס, ירושלים — תל־אביב, ניסן, תשי״ז.

י. ל. ביאַלער באַרירט אויך דעם ענין: באַצ:ונג פון די פירנדיקע משכּילים צו ר׳ עקיבא איגרס אייניקל. אינטערעסאַנט איז די כאַראַקטעריזאַציע פון ר׳ לייבעלען דורך איינעם פון די שפּעטערישסטע משׂכּילים אין יענער תּקופה, וועלכע באַשרייבט אים מיט אינטימיטעט, פון אינעווייניק. מיר מיינען דאָ, דעם מאמר פון „המליץ״־רעדאַקטאָר, אלכסנדר בן יוסף הלוי צעדערבוים 3), דעם גרינדער פון „קול מבשר״ און „המליץ״ 4).

א. צ. באַמערקט קודם־כּל 5) אַז דער קאָנדאָלענץ־שרייבער אין נומ׳ 24, האָט געמאַכט אַ טעות 6) ווען ער האָט אָנגעגעבן, אַז ר׳ לייבעלע איגר איז אַלט געווען 72 יאָר, ווייל ער איז געווען, שרייבט ער, יונגער פון אים מיט דריי יאָר. אין זיין לשון:

„לפי חשבוני שגה המקונן (בגליון 24) באמרו כי הי׳ בן ע״ב, כי היה צעיר ממני שלש שנים...״

און ער שרייבט וועגן ר׳ לייבעלעס קומען קיין לובלין (מיר גיבן עס איבער אין אַ פרייער יידישער איבערזעצונג):

נאָך זיין חתונה מיט דער טאָכטער פונעם גביר און למדן ר׳ עזריאל־מאיר גראָדשטיין ז״ל, האָט ער נאָך קיין חתימת זקן ניט געהאַט (ניט געהאַט קיין באָרד). אין יענער צייט האָט נאָך געלעבט זיין זיידע, דער רבן של כל בני הגולה, המאור הגדול ר׳ עקיבא איגר אין פּויזן און זיין פאָטער, דער גאון אין חריפות, ר׳ שלמה איגר ז״ל אין קאַליש. ער איז באַלד געוואָרן דער לויב אין יעדנס מויל, ווייל ער איז געווען גרויס, ניט בלויז אין תּורה

---

3) אַזוי חתמעט ער זיך אינעם „המליץ״־אַרטיקל פון 1טן פעברואַר 1948, נומ׳ 26, ז״ז 226—228.

4) געב. אין יאָר תקע״ו — 1816 (אינעם זעלבן יאָר ווען זיין חבר איז געבוירן געוואָרן; נפטר, תרנ״ג — 1893, פינף יאָר נאָך דער פּטירה פון ר׳ לייבעלע.

5) זע, דאָרט, סוף זייט 437, מיטן פולן נאָמען פון זיין חתימה. בעתן שרייבן וועגן די איגר־משפּחה פאַר מיין בוך „לובלין״, האָב איך שוין טיילווייז געבראַכט די פאַרערונג מצד צעדערבוימען צו זיין יוגנט־חבר, ווי ער רופט אים. איך בין אָבער דאַנקבאַר דעם פאָרשער ש. ערנסט, וואָס האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער וויכטיקייט פון אָט דער צעדערבוים־אָפּשאַצונג. זאָל מיין איצטיקער צוגאָב זיין צו זיין קרעדיט...

6) ווי מיר זען פון די פאַרשידענע מקורים, האָט דער נעקראָלאָגיסט ניט געמאַכט קיין טעות; דער רבי און משׂכּיל, זענען ביידע געבוירן געוואָרן אינעם זעלביקן יאָר — תקע״ו.

און התמדה (מיר האָבן אַ צייט געלערנט צוזאַמען), נאָר גרויס אין צדקות, תמימות און באַשיידנקייט. געדאַוונט האָבן מיר אין „קהלס בית־מדרש", ווו ס'האָבן געדאַוונט די עלטערע און מיוחסדיקע מתנגדים און אויך דער שטאָט־רב ר' משולם אשכנזי...

א. צ. גיט איבער זיין התנהגות:

„ער פלעגט זיך פירן אין שול צו שטיין צווישן די אָרימערע שיכטן, צווישן פּראָסטן עולם, פאַרלייגן די הענט איבער די אַקסלען און טיילן געלט, ניט זעענדיק ווער ס'נעמט דאָס געלט, כדי ניט צו פאַרשעמען די אָרימעלייט.

„ווען ער האָט זיך געשטעלט דאַוונען, האָט ער זיך כמעט ווי ניט באַוועגט, געשטאַנען אויף איין אָרט און דאָך האָט מען געזען ביי אים ווי „כל עצמותי תאמרנה"... און אַז זיין נשמה ווערט דערהויבן אין התלהבות...".

צעדערבוים שילדערט די פּערזאָן פונעם עקשנותדיקן מתנגד ר' עזריאל מאיר, וועלכער האָט זיין נאָמען געביטן בלויז צוליב דעם, וואָס זיינער אַ ברודער איז געוואָרן אַ משכיל (זייער פאַמיליע־נאָמען איז געווען, לויט אייניקע, פון דער באַרימטער ברוידי־משפחה אין פוילן און גאַליציע).

„...זיין שווער איז געווען אַ שטיקל גרויסהאַלטער, זאָל ער מיר מוחל זיין, אויב כ'בין געצווינגען צו דער ציילן אויך בגנותו... דאָס שאָטנדיקע אַרום אים...

ער האָט זיך גרויס געהאַלטן מיט זיין אייגענעם יחוס און מיט זיינע שידוכים. די קינדער זיינע זענען געווען זין און איידעמס פון די גדולי הדור, ווי ר' עקיבא איגר, וועמעס טאָכטער איז געווען די פרוי פון ר' פישל גראָדשטיין; מיט ר' משה סופר, מיט ר' שלמה איגר און מיט ענלעכע באַרימטע פּערזענלעכקייטן אין דער תורה־וועלט. און פונקט ווי ער האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אין זיין הויז (איינער פון זיינע איידעמס איז צוליב מורא באַגאַנגען זעלבסטמאָרד) אַזוי האָט ער זיך אויפגעפירט אין בית־מדרש, תמיד זיך געבייזערט אויף די יונגע ישיבה־בחורים, אַז זיי לערנען ניט גענוג, אַז זיי זענען ניט גענוג פרום און גאָר באַזונדערס אַרויסגעוויזן שטרענגקייט צו חסידים. ער פלעגט זיי אומברחמנותדיק רודפן און פלעגט נוצן דאָס וואָרט: אויב אויף אַ משומד איז גענוג זיבן טעג אבלות, דאַרף מען

אויף אַ חסיד זיצן צוויי מאָל זיבן... ווו נאָר ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט, האָט ער גערודפט חסידים עד חרמה...

וואָסזשע טוען קאָצקער חסידים?

די פירער פון קאָצקער חסידים אין לובלין — גיט איבער א. צ. — האָבן זיך פאַרנומען מיט פלענער צו קריגן דעם איידעם, מיט וועלכן ער האָט זיך אַזוי געגרויסט, קיין קאָצק. און ווי צעדערבוים גיט צו: „את חטאתי אני מזכיר״, — איך האָב פון דעם אַלעם גוט געוווסט, אָבער געהאַלטן דעם סוד... און ס׳איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, דעם איינדרוק וואָס לייבעלעס אַוועקפאָרן קיין קאָצק האָט געמאַכט אין לובלין. דער שווער האָט געהאַט גרויס עגמת־נפש פון דער נסיעה צו ר׳ מענדעלען וועמען ער האָט פשוט געהאַסט״.

ס׳זענען אַוועק אַ סך חדשים פון זיצן אין קאָצק. ר׳ לייבעלע האָט שוין קיין פרוטה ניט פאַרמאָגט, געלעבט אין דחקות און דער שווער האָט ניט געוואָלט הערן פון שיקן צום איידעם אַפילו אויף חיי שעה. ער האָט גאָר פאַרלאַנגט פון דער טאָכטער, זי זאָל פאָדערן אַ גט. די טאָכטער האָט אָבער דערפון ניט געוואָלט הערן. זי האָט ליב געהאַט איר מאַן!

און אלכסנדר צעדערבוים דערציילט ווייטער:

צוויי שוועסטער פון מיין פריינט ר׳ משולם ערליך (אין זייער פאָטערס הויז, האָט ר׳ עזריאל געוווינט) האָבן איר געשטאַרקט און געמוטיקט צוריק־צווייזן איר פאָטערס איינפאַלן. אַזוי איז זיך געגאַנגען אַ גאַנג, ביז ר׳ ליי־בעלע איז אַהיימגעקומען (דאַכט זיך, חנוכה תקצ״ז) און זיין שווער איז גראָד ניט געווען אין הויז. אַזוי ווי ער איז געווען אויסגעשעפּט פון כוחות צוליבן לאַנגן וועג (געגאַנגען צופוס פון קאָצק), איז ער איינגעשלאָפן אין אַ צימער וואָס איז ניט געווען געהייצט און ס׳איז דאַן געווען אַ קאַלטער ווינטער...

ווען ר׳ עזריאל־מאיר איז געקומען און דערהערט, אַז דער איידעם איז שוין מיט מזל אַהיימגעקומען, איז ער אין גרויס כעס אַריין אין צימער געכאַפּט דעם יונגנמאַן, בעת ער איז נאָך געווען פאַרשלאָפן, אַרויסגעטראָגן אין קאָרידאָר און געוואָלט אים אַראָפּוואַרפן. דערווייל האָט דאָס דערזען ר׳ עזריאל מאירס פרוי און זיינע צוויי טעכטער (בתיה 7), די פרוי ר׳ לייבע־

7) איר נאָמען איז געווען בת שבע — באַשע.

לעס און איר שוועסטער דינה). זיי האָבן געמאַכט אַ געוואַלט און אויף זייערע געשרייען זענען מיר, איך און ר׳ משולם ערליך אַרויס פון אַ צווייטן צימער מיטן מורה נבוכים אין האַנט און דערזען די סצענע, ווי ר׳ לייבעלע הענגט כמעט אין דער לופטן... מיר האָבן גלייך גערופן פריידקען, די שנור פון ר׳ עזריאל מאיר און טאָכטער פון ר׳ עקיבא איגר און אויף אַלעמענס געבעטן, איבערהויפּט פון דער שנור, וועלכער ער האָט צוגעטיילט גרויס כבוד, האָט ער אָפּגעלאָזט ר׳ לייבעלען, מיטן באַדינג, אַז ער זאָל פאַרלאָזן דאָס הויז.

דער שטאָט־רב, ר׳ משולם־זלמן אשכנזי, האָט ר׳ לייבעלען אַריינגענומען צו זיך און ער איז דאָרט געווען אַ לענגערע צייט, ביז ער איז ווייטער אַוועק קיין קאָצק. דאָס פּאָרל איז ווידער צעטיילט געוואָרן און ר׳ עזריאל־מאיר האָט דווקא געוואָלט אַ גט פאַר זיין טאָכטער.

עס האָט זיך אַריינגעמישט דער צדיק און אוהב ישראל, ר׳ יצחק וואָרקער און עס איז אים געלונגען (ווייזט אויס, אַז פאַר אים האָט אַפילו ר׳ עזריאל־מאיר גראַדשטיין געהאַט דרך־ארץ), אַז דער שטרענגער טאַטע זאָל נאָכגעבן, לכל הפחות, דאָס פּאָרל זאָל זיך גיין זייער וועג. ער האָט זיך געפּטרט פון געבן קעסט... דאָס יונגע פּאָרל האָט געלעבט אין גרויס נויט, אָבער אָלץ פאַרליב געבליבן[8].

„אין זיין נייער וווינונג — שרייבט צעדערבוים — איז דער יונגער־מאַן געזעסן טאָג־און־נאַכט פאַרטאָן אין לערנען און די אײדעלע פרוי זיינע, די גבירישע טאָכטער האָט געטאָן עסקים מיט איר נדן, וואָס איר איז גע־לונגען צו באַהאַלטן, בכדי צו קענען דורכקומען...

„אין יענער צייט איז צו ר׳ לייבעלען געקומען זיין עלטערער ברודער, ר׳ משה איגר ז״ל, און ער איז געווען דער קאָנטראַסט צו ר׳ לייבעלען, ליב געהאַט אַ פרייער לעבן, געניסן פון לעבן. און דעמאָלט האָב איך געזען דעם כח פון סבלנות, פון געדולדיקייט ביי ר׳ לייבעלען... ווען דער לעצטער איז געקומען אין דער אכסניא, זיך זען מיטן ברודער, האָט ער אים אויסגעמוסרט פאַרוואָס ער איז געוואָרן אַ חסיד און אַזויפיל ווײ־געטאָן דעם טאַטן און

---

8) ביז אומזיסט האָט זי שפּעטער ניט געלאָזט איר זון ר׳ אברהמל אויפגעבן רביסטווע. זי האָט זיך גענוג אָנגעליטן — און געוואָלט כאָטש האָבן אַ ביסל נחת... פאַרדינטן נחת...

אַלעמען... ר׳ לייבעלע האָט געענטפערט תמימותדיק: און דיינע וועגן געפעלן זיי?

„איך בין דאַן געווען אין צימער, ווייל ר׳ משה איז געווען פון מיינע פריינט נאָך פון זאַמאָשטש, און איך האָב געזען ווי ער האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן זיין יונגערן ברודער 9).

ר׳ לייבעלע — שרייבט צ. — האָט ממש קיין מינוט ניט מבטל געווען פון תורה־לערנען, לא פסק פומי׳ מגירסא״ און זיך פאַרטיפט אין די נסתרות פון קבלה און חסידות און ניט אַרויס פון שוועל פון זיין הויז. קאָצקער חסידים האָבן דאַן אָנגעהויבן אים שטאַרק פאַרערן און אים געמאַכט פאַר זייער מנהיג. פון יאָר צו יאָר האָבן זיך געמערט זיינע נאָכפאָלגער... אָבער ער, האָט זיך ניט געוואָלט באַנוצן מיט וועלכער ניט איז רבנות־קרוין... און ער איז באַטראַכט געוואָרן פאַר דעם וווּנדער־מענטש, פאַר זיין תמימות, ריינער אמונה, געוואַלטיקער עטישער באַנעמונג און עבודת השם. ער איז געווען כולו לד׳...

וועגן זיין סבלנות — שרייבט ער — גיט אַ באַגריף זיין ענטפער אויף מיין עפנטלעכן בריוו צו אים 10). הערנדיק, אַז ער איז שטאַרק פאַרביטערט קעגן די תיקונים אין תלמוד־תורה, האָב איך, אַלס יוגנט־חבר, אים געראָטן אַז ער זאָל זיך ניט שטעלן אין קעגנערשאַפט צו די וואָס ווילן, אַז די תלמוד־תורה־קינדער זאָלן לערנען די לאַנד־שפּראַך, אַריטמעטיק (חשבון) און בכלל, איינפירן אַ בעסערע אָרדענונג און דיסציפּלין. כדי אָפּצוהיטן, אַז די אמונה זאָל דערפון ניט ליידן, זאָל ער אַליין נעמען אויף זיך די אויפגאַבע אַכטונג צו געבן און דער פאַקט איז געווען, אַז ער איז דאַן ניט געווען קעגן די מיסדים פונעם בית ספר מסודר 11).

„...ווען איך בין אויף מיין נסיעה, אין אלול, תרכ״ט, דורכגעפאָרן לובלין איז ער שוין געווען באַרימט אַלס רבי, געהאַט חסידים אין גאַנץ פוילן און אויך פון די רוסישע פּראָווינצן, ביי די פּוילישע גרענעצן. ווי מ׳האָט

9) דאָ קומט אַ מתנגדישע אָפּשאַצונג וועגן קאָצק און דעם קאָצקער — און מיר קענען אויסקומען אָן צעדערבוימס אָפּשאַצונג פון ר׳ מענדעלע קאָצקער אין זיינע „פאַרשלאָסענע טעג״ וואָס ער רופט זיי אָן „בעתותי רוח עועים״.

10) דער בריוו, פון כ״ד ניסן, תרכ״ב, „המליץ״, שנה ב׳, נומ׳ 30, ז׳ 476.

11) המליץ, נומ׳ 34, י״ד סיון, תרכ״ב, ז׳ 538.

מיר דאַן געזאָגט, פלעגן קומען צו אים אויף די ימים נוראים אַרום אַכט טויזנט חסידים (אַ גוזמא — נ. ש.). איך האָב אים געשיקט אַ בריוו, האָט ער געשיקט אַ שליח מיוחד מיך אויפזוכן און נאָך לאַנגע זוכענישן, האָט ער מיך געטראָפן אויפן אַלטן בית־הקברות און מיר געזאָגט, אַז דער רבי וויל מיך זען צווישן 4 און 5 נאָכמיטאָג.

„ווען איך בין אַרייַנגעקומען צו אים, האָט ער מיך אויפגענומען זייער שיין, ווי אַ פריינט און מיט מיר גערעדט וועגן ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צו כלל ישראל און בפירוש געזאָגט, אַז ער איז ניט קעגן דער אמתער השכלה וואָס צעשטערט ניט דעם דת (רעליגיע) און זיך בלויז באַקלאָגט, אַז די תלמידים אין דער מאָדערנער שולע, וועלן זיצן מיט אַנטבלויזטע קעפּלעך (גלוי־ראש) בעת זיי וועלן לערנען תורה... ער האָט זיך אויך פאַר־ענטפערט פאַרוואָס ער האָט זיך ניט געוואָלט חתמענען אויף די תקנות פון דער נייער חברה קדישא, צווישן זיי געפינט זיך אויך אַ תקנה, אַז די חברים פון דער חברה, נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט זיך מתעסק צו זיין מיט די מתים... און ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען ביי טהרה אַאַז״וו און אויב מ׳זאָל אַרויסנעמען דעם פּאַראַגראַף, איז ער גרייט צו ווערן אַ מיטגליד פון דער ניי־אָרגאַניזירטער חברה קדישא 12).

„זיין נאָמען איז געווען זייער גרויס, ניט בלויז צווישן חסידים. אַלע האָבן אים באַטראַכט אַלס קדוש...״

און צעדערבוים גיט צו: „גלייבנדיק אין די ווערטער פון חז״ל, אַז אין יעדן דור, געפינען זיך ל״ו צדיקים, בין איך זיכער, אַז ער איז געווען דער ראש וראשון צווישן זיי...״.

אַן אַנדערער משכיל און פירנדיקע פיגור אין ציוניזם און אין דער העברעישער ליטעראַטור און קולטור, נחום סאָקאָלאָוו (התרי״ט — 1859; התרצ״ו — 1936), שרייבט אין זיין קאָנדאָלענץ־אַרטיקל 13) א. נ. „יקרי דשכבי״:

ר׳ יהודה־לייב בן ר׳ שלמה איגר, אייניקל פון דעם גאון ר׳ עקיבא איגר, זצ״ל, איז נפטר געוואָרן שבת, כ״ב שבט, תרמ״ח, אין עלטער פון

---

12) זע, „קול מבשר״, נומ׳ 4—5, 1870.

13) האָסיף, וואַרשע תרמ״ט — 1889, ז׳ 95.

זיבעציק יאָר (? — נ. ש.) 14). דער נפטר איז געווען באַוווסט אין אַלע שטעט פון פוילן 15) און אויסער פוילן מיטן פשוטן נאָמען ר׳ לייבעלע איגר, „דער לובלינער רבי״. ער איז געווען אַ הייליקער מענטש אין אַלע זיינע וועגן און אַ צדיק תמים מיט אַלע זיינע מעשים, טאָג און נאַכט געטראַכט אין תורה... זיין שווער ר׳ עזריאל־מאיר גראָדשטיין, האָט שרעקלעך פיינט געהאַט חסידים און בכדי זיך נוקם זיין אָן אים, האָבן קאָצקער חסידים געטאָן אַלדאָס מעגלעכע צו ברענגען זיין איידעם קיין קאָצק און ר׳ מענ־דעלע האָט אים פאַרערט צוליב זיין תורה און צדקות...

„ער האָט ניט גענומען קיין פדיונות, געלעבט אין צער און דחקות, און דעריבער האָבן אים ליב געהאַט, סיי די חסידים און סיי די מתנגדים און אים געגעבן גרויס כבוד... צוויי חדשים איז ער געלעגן צו בעט און ווען זיין ריינע נשמה האָט פאַרלאָזט דעם גוף, זענען מאַסן מענטשן געקומען אים מלווה זיין... לזכר עולם יהי צדיק ותהא נפשו צרורה בצרור החיים...

2. דער זיידע

מ׳קען ניט קענען דאָס אייניקל, ר׳ לייבעלע איגר, אויב מען באַקענט זיך ניט פריִער מיטן זיידן, ר׳ עקיבא איגר. ר׳ עקיבא איגר אַליין איז דאָך לויט זיינע התנהגות געווען אַ „גוטער ייד״ אין זין פון חסידיזם. ברייטער וועגן ר׳ עקיבא איגר האָבן מיר געשריבן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט 1).

וועגן ר׳ עקיבא איגר האָבן געשריבן אַ גרעסערע צאָל פאָרשער 2), שילדערנדיק געניי די גרויסקייט פון אָט דעם רב־רבנן און גאון הגאונים

---

14) ווי מיר האָבן פריִער געזען, איז ער געבוירן געוואָרן אין יאָר תקע״ו, ד. מ. אַז ער איז געווען 72 יאָר אַלט, בעת זיין הסתלקות. חסידים האָבן געזען סימבאָ־לישעס אין דער צאָל 72 — „את מספר ימיך אמלא״ — באַטרעף: צוויי און זיבעציק.

15) מיר גיבן דאָס אין דער יידישער איבערזעצונג.

1) אין בוך „לובלין״.

2) תולדות רבנו עקיבא איגר, פון זיין זון ר׳ שלמה איגר; שאול בלום, ר׳ עקיבא איגר; ספר היובלים, דר״ שמעון בערנפעלד, מאמר ג„, צוו״אַ, בחירת ר׳ עקיבא איגר ז״ל לרב בפוזנאַ, האסיף, התרמ״ט, ז״ז 67—69, וועגן קאַמף אין פויזן צווישן די עלטערע און יונגערע בעלי בתים; א. ביק, קעמפער און היטער, 1940; בלייכרודה, תולדות רעק״א; לעאָ פינקלשטיין, מגילת פוילן; י. ד. בית הלוי, סעריע אַרטיקלען, העובד הדתי, תשי״ד; יעקב בעלער, „פוילישער ייד״, נומ׳ 11, נ. י. 1944, ז״ז 63־67 און אַנדערע.

פונעם דור, גרויסקייט אין תורה און גרויסקייט אין באַנעמונג צו מענטשן, אהבת הבריות.

ר׳ עקיבא איגר איז געבוירן געוואָרן אין אייזנשטאָדט, אונגאַרן, ר״ח מרחשון, תקכ״ב (8טן נאָוועמבער 1761) צו זיין פאָטער ר׳ משה גינז, אייַדעם פונעם פּריַערדיקן ר׳ עקיבא איגר. זיין ערשטע דערציִונג איז געווען ביים פאָטער, וועמען ער פאַרערט און רופט אים אָבי מורי. ווען ער איז אַלט געווען זיבן יאָר, האָט ער שוין געוווּסט, ווי זיך מפלפל צו זיין מיטן פאָטער. אין עלטער פון עלף יאָר, איז ער אַוועק אויף אַ יאָר קיין מאַטערס־דאָרף לערנען תורה און צוריקקומענדיק, האָט ער אָנגעשריבן זיין „קונטרס מילי דנזיקין" און נאָכדעם, דעם „חלוקאָ דרבנן". זיין ברודער, שמחה־בונם, איז געווען רב, פריַער אין ראָגאַזן און נאָכדעם אין מאַטערסדאָרף און זיין צווייטער ברודער, ר׳ שמואל גינז, רב שלא על מנת לקבל פרס. זיי זענען שטענדיק געווען אין קאָנטאַקט מיט זייער עלטערן ברודער און כסדר געפרעגט ביי אים שאלות...

חתונה געהאַט, האָט ר׳ עקיבא אין עלטער פון 18 יאָר, אין יאָר תק״ם קיין ליסע, די שטאָט פון חכמים און לומדים און געוואָרן דער איידעם פונעם גרויסן גביר, ר׳ יצחק מרגליות.

אין ליסע, האָט ר׳ עקיבא איגר געפונען צו זיך אַ חבר, דעם באַרימטן פוסק פון 19טן יאָרהונדערט, ר׳ יעקב לארבערבוים, אייניקל פון ר׳ צבי אשכנזי (חכם צבי) און תלמיד פון פּרעסבורגער רב, ר׳ משולם איגרא. פריַער איז ר׳ יעקב געווען רב אין קליינעם שטעטל קאַלוש, מזרח־גאַליציע, דאָן האָט ער געדרוקט אין לעמבערג זיין ספר „חוות דעת" (תקנ״ט—1799) און זיינע אַנדערע באַרימטע הלכה און אגדה ספרים.

אין יאָר 1809, איז ער געוואָרן רב אין ליסע און אין יאָר 1821, פּלוצ־לונג פאַרלאָזט די שטאָט, ווי פאָרשער ווייזן אָן, צוליב אַ פאַמיליע־סיבה, ער האָט נאָר געקענט אָפּגטן זיין פּרווי אין גאַליציע — פּוילן 4) און ער איז

3) אַזוי גיט אָן בלייכרודה; אַנד. גיבן אָן די דאַטע י״א תשון 1762. זיכער ביט קיין ריכטיקע דאַטע.

4) ד״ר יצחק לעווין, אין זיין איבערגעבן די „גניזה"־קאָלעקציע, האָט געפונען דאָרט, די „אקטא דען אָבערראַבינער העררן יאַקאָב לארבערבוים, בעטרעפענד אַנגע־לעגט, 1816", און די קאָרעספּאָנדענצן פון רבי עקיבא איגר. ער טיטולירט זיין יוגנט־חבר אַלס „גאון אמיתי שר וגדול בישראל".

צוריק אַוועק קיין קאַלוש און נאָכדעם געוואָרן רב אין סטרי, ווו ער איז נפטר געוואָרן כ"ה אייר תקצ"ב — 1832.

ער האָט שטאַרק געוואָלט צוריק קיין ליסע, אָבער די אָרטיקע רעגירונג און שטעטלשע קעגנער האָבן געשטערט זיין צוריקקומען צו זיין רבנות.. ר' עקיבא איגר, זיין נאָענטער פריינט, האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אים, זיך משתדל געווען ביי ראשי־הקהל און ביי מלכות פּרייסן, אָבער אַן דערפאָלג און דער ליסער רב איז אַוועק פון דער וועלט אַן אַנטוישטער, אַ פאַרצווייפלטער, אַ צעבראָכענער און אָנגעזאָגט זיינע קינדער ניט צו פאַרנעמען זיך מיט רבנות.

ווען ליסע איז אָפּגעברענט געוואָרן, זיין שווער איז געוואָרן אַן אָרימאַן, איז ר"ע געצוווּנגען אָנצונעמען די רבנות אין מאַרקיש־פרידלאַנד אין עלטער פון 21 יאָר. ער איז דאָרט געווען רב 22 יאָר און פון דאָרט אויפגענומען געוואָרן אין פּויזן, די שטאָט וואָס האָט געהאַט אַלס רבנים, אַזעלכע גדולים, ווי ר' מרדכי יפה, דער בעל הלבושים, דעם מהר"ל מפּראָג און אַנדערע.

אין מאַרקיש, איז אים זיין פרוי געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק אים מיט צוויי זין און צוויי טעכטער (די זין: ר' אברהם און ר' שלמה), די יונגערע טאָכטער איז געוואָרן דאָס ווייב פון גאון ר' משה סופר, פּרעשבורגער רב. ער האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון זיין שוואָגער — און ס'איז אַרויסגעוואַקסן אַ שטאַרק פאַרצווייגטע משפּחה פון קינדער און קינדס־קינדער 5) צווישן זיי, גאוני הדור און אויך גרויסע געלערנטע, שרייבער, קאָנסולן, רעגירונגס־פאַרשטייער, אינדוסטריאַלן 6).

מיט זיין אָנקומען אין פּויזן איז די שטאָט געוואָרן אַ תורה־צענטער. ער האָט זיך אָבער אָפּגעגעבן מיט שטאָטישע ענינים פון אויסערן תורה־תחום, מיט ענינים פון צדקה און בקור־חולים און אַנדערע הילפס־טעטיקייטן. ווען ער האָט זיך געפילט ניט געזונט, האָט ער באַשטעלט צוויי

---

5) ער האָט געהאַט אַכט זין און אַכט טעכטער — און ביט אַלע זענען געווען רבנים...

6) זען „מאַרק טורקאָוו „די לעצטע פון אַ דור", פאַרלאַג צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, בועגאָס־איירעס, אַרגענטינע, 1954 (דאָרט, ווענן אַן אייגער וואָס איז געווען אַ שוואָגער פון יידיש־פּוילישן דיכטער יוליאַן טואווים.

מענטשן צו באַזוכן יידישע חולאים אין די שפּיטאָלן און זיי באַצאָלט פון זיין געהאַלט. ער האָט שטענדיק זיך באַקלאָגט, אַז ער לערנט ניט גענוג, אַז ער טוט ניט גענוג און זיך געהאַלטן בתכלית העניוות. אומצאָליקע לעגענדעס קורסירן וועגן זיין באַשיידנקייט.

ווען מ׳האָט אים פאַרגעשלאָגן ווילנער רבנות — ווערט דערציילט — האָט ער צו די ווילנער שליחים געזאָגט: ווי אַזוי קען איך זיך דערוועגן צו פאַרנעמען די רבנות-שטול פון אַזאַ שטאָט וואָס איז פול מיט חכמים און צדיקים, הלוואי וואָלט מען מיר פאָרגעשלאָגן צו זיין אַ שמש אין ווילנע, וואָלט איך דאָס באַטראַכט פאַר אַ גרויסן כבוד, אָבער חלילה מיר צו פאַרנעמען מיט אַזאַ הויכן און פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט ווי רבנות אין ווילנע...7)

אַזוי רעדט אַ מענטש וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פונעם גרעסטן יחוס, דער גדול אין זיין דור, דער דור פון אַזויפיל גדולים אין מזרח, מערב און צענטראַל-אייראָפּע. ער איז געווען דער „עולה על גביהן" מיט גאונות. אַ מענטש אויף וועלכן דעם ווילנער גאונס תלמיד, ר׳ חיים וואָלאָזשין זאָגט: „הי׳ עלי כאחד מן הראשונים" 8). און יחוס! אַן אייניקל פון ר׳ אברהם ברוידאָ און פון ר׳ עקיבא איגר, דער מחבר פון „משנת חכמים", זון פון ר׳ שמחה בנימין וואָלף איגר, רב אין לייפּניק. ר׳ עקיבא איז געווען רב אויך אין פּרעסבורג, נאָך האַלבערשטאַט 9).

אויך דער פאָטער איז געווען אַ גרויסער למדן, אויף דעם זאָגט עדות, די קאָרעספּאָנדענץ צווישן ר׳ משה גינז און זיין שוואָגער ר׳ וואָלף איגר, ראש-ישיבה אין ברעסלוי, פּרייסן.

אין דער קאָרעספּאָנדענץ געפינט מען וועגן אַ קשיה, וואָס די חכמי ברעסלוי האָבן זיך שטאַרק געמאַטערט צו פאַרענטפערן (און דאָרט זענען געווען גדולי תורה). ר׳ משה, האָט די קשיא דערציילט זיין זון עקיבא, אַ 12-יאָריק בחורל, און וווּנדער איבער וווּנדער, — ער האָט זי פאַרענטפערט

---

7) זע, י. ד. בית הלוי, דאָרט — באריכות.

8) זע, „חוט המשולש", ר׳ חיים וואָלאָזשינער איז געב׳ געוואָרן ח׳ סיון תק״ט — 1749 און נפטר געוואָרן י״ד סיון, תקפ״א — 1821. זיינע ספרים: נפש החיים, רוח חיים און שו״ת חוט המשולש.

9) אַ תשובה אינעם ספר „בני אהובה" פון ר׳ יונתן אייבעשיץ; זיין זון ר׳ לייב איגר ווערט דערמאָנט אַ סך מאָל אין נודע ביהודה פון זיין מחותן.

אויפן אָרט. ווען ר׳ משהס בריוו איז אָנגעקומען צום שוואָגער קיין ברעס־לוי און יענער האָט דאָס איבערגעגעבן צו די חכמי ברעסלוי, האָבן זיי אַלע מסכים געווען, אַז דאָס איז אַ תשובה כהלכה און דאָס בחורל האָט געקראָגן די אָנערקענונג פונעם גדול הדור ר׳ יצחק־וואָלף תאומים, שווער פון ר׳ וואָלף, פון ר׳ ישעי׳ בערלין, דעם אָרטיקן רב און פון אַנדערע.

און אָט דער גאון אין תורה איז געווען אַ גאון אין מדות און אין זיינע שפּעטערע יאָרן באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ רבי וועמענס ברכות ס׳האָבן גע־זוכט אַפילו גרויסע רביים 10) אין דער לומדישער וועלט איז ער באַטראַכט געוואָרן אַלס באַוועגלעכע ענציקלאָפּעדיע, אַלס אוצר התורה. דאָך האָט ער אַלעמען געענטפערט בהכנעהדיק און באַשיידן און אין דעם איז באַשטאַנען זיין גרויסקייט.

בלויז איין מאָל געפינט מען, אַז ער האָט זיך אַביסל אָנגעבייזערט אויף מענטשן וואָס האָבן זיך ניט ריכטיק אויפגעפירט. דאָס איז געווען אין דער מחלוקה צווישן די דרוקער פון סלאָוויטער ש״ס (די שפּיראָ־ברידער, קינ־דער פון ר׳ פּינחסל קאָרעצער) און די אייגנטימער פון דער ראָם־דרוקעריי, אויף וועמעס זייט ר׳ עקיבא איגר האָט זיך געשטעלט. די שפּיראָ־ברידער האָבן זיך געהאַט אויסגעדריקט אַז צוליב זקנה און חולשה, האָט ער גע־פּסקנט ניט ריכטיק, האָט ר׳ עקיבא געזאָגט: אויף מיין כבוד בין איך זיי מוחל אָבער ניט אויפן כבוד התורה...

ווי באַקאַנט האָבן די שפּיראָ דרוקער געענדיקט זייער טראַגיש און מען האָט אין דעם געזען אַן עונש מן השמים...

ר׳ עקיבא איגרס חתונה איז געפייערט געוואָרן מיט גרויס פּראַכט. הונדערטער רבנים זענען געקומען קיין ליסע צו דער חתונה און אויך ברעס־לוי האָט געפייערט די חתונה. „חכמי העיר פּה כולם מפגרים וחוגגין בהאי יומא... בעזוז אהבתם אליך״ 11). נאָך דער חתונה, האָט ער מיט נאָך מער התמדה געלערנט. ווי זיינער אַ תלמיד גיט איבער, איז ער מער ווי פיר שעה אינעם מעת־לעת ניט געשלאָפן 12). ער האָט גאָרניט געטראַכט פון

---

10) ווי דער רבי ר׳ בער פון ליובאַוויטש ,גיט איבער אין זיין בריוו, רעדנדיק מיט געוואַלטיקער באַגייסטערונג וועגן זיין טרעפן זיך מיטן גאון...

11) בריוו פון זיין פעטער ר׳ בנימין־וואָלף.

12) זע, י. פירשטענטאַל, „אבל יחיד״ על מות רעק״א.

ווערן אַ רב... ער האָט פיינט געהאַט דאָס רבנות. אָבער צוליב פּרנסה וועגן, געמוזט צוליב טאָן די מאַרקישער בעלי־בתים און דאָרט געווען רב 24 יאָר.

אין יאָר 1814, איז ער געוואָרן רב אין פּויזן — און אין גליל פּויזן געווירקט במשך 23 יאָר — און געקראָגן די גרעסטע פאַרערונג פון אַלע ריכטונגען, ווי עס דערציילט זיין תלמיד ר׳ רפאל שלעזינגער 13), „ווען די ליכט זיינע זענען געווען איבער אונדזערע קעפּ...״ און ער דערציילט וועגן זיין באַציִונג צו תלמידים, זיך געפּרייט, אַפילו ווען דער תלמיד איז גע־גאַנגען אויף זיין אייגענעם וועג...

כאַראַקטעריסטיש און סימבאָליש איז זיין עניוות, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דעם פאָלגנדיקן מעשהלע:

ווען מ׳האָט אים געשדכנט דעם באַרימטן „חתם סופר״ אַלס איידעם, האָט רעק״א אים דערמאָנט, אַז אויב ער זוכט אַ „בת תלמיד חכם״... האָט ער צו דער מדרגה נאָך נישט דערגרייכט. האָט אים דערויף געענטפערט ר׳ משה סופר 14) אַז וועגן דעם נעמט ער אויף זיך די אחריות. ער האָט אָבער מורא, טאָמער וויל ער נישט געבן זיין טאָכטער צו אַן „עם הארץ״...

ר׳ עקיבא איגר האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיין איידעם, ווי עס זאָגן עדות די אומצאָליקע שו״ת צווישן איידעם און שווער 15).

ס׳ווערט אויך דערציילט, אַז ווען ר׳ עקיבא איגר איז אַמאָל געקומען קיין וואַרשע צו זיין זון ר׳ שלמה איגר, איז די גאַנצע שטאָט געגאַנגען אים מקבל־פּנים זיין. ווען ער האָט דערזען פאַר זיך אַזאַ גרויסן עולם, האָט ער מיט פּשטות אַ פרעג געטאָן: וואָס קוקט מען אַזוי אויף מיר? וואָס לויפט מען מיר נאָך?

די גאַנצע וועלט האָט זיך צו אים געווענדט מיט שאלות און ער האַלט זיך ווי אַן „אסקופּה הנדרסת, נבער מדעת ולא בינת אדם לו״ 16) און די

---

13) זע, חדושי רפאל.

14) פון דעם שידוך געהאַט גרויס נחת... די גרעסטע פאַרצווייגטע רבנות־משפחה, די סופר משפחה אין אונגאַרן, פּוילן, גאַליציע און אַנד. לענדער.

15) ווען מ׳האָט אַמאָל באַמערקט צו ר׳ מענדעלע קאָצקער וועגן חתם סופרס אַ ספר... אַ ספר פון אַן אחרון... האָט ער אויסגעשריען מיט געבייזער: „וואָס זאָגט איר? תורה כולה מונחת כאן...

16) זע, תשובות רעק״א, ב׳, סימן ס״ג.

דאָזיקע עניוות, איז ניט סתם אַזוי אַ געמאַכטע, נאָר אַ נאַטירלעך־איינגעוואָרצלטע. האָבנדיק דעם עסטעטישן חוש, פּאַרלאַנגנדיק, אַז זיינע ספרים זאָלן געדרוקט ווערן אויף שיין פּאַפּיר, שיינע שריפט, ווי ער דריקט זיך אויס „לדעתי הנפש מתפעלת בספר והדעת מתרוחת, והכוונה מתעוררת מתוך הלמוד בספר נאה ומהודר... וההיפך אם הכתב מטושטש״... האָט ער דעם עטישן חוש און ווייסט, ווי איבעריק ס'איז דאָס שרייבן בריוו מיט גרויסע טיטולן — און דער עקיבא גינז, ווי ער איז געוווינט צו חתמענען זיינע שו״ת, ווייסט, אַז „ריבויין קשה ומיעוטן לא יפה, להכותב היה עבק חנופה ולמי שכותבין עבק גאות... וכל כך קצה נפשי בהם, עד שקבלתי עלי שלא להביט בהם... 17).

פון זיין טאָג־בוך, וואָס ער האָט געפירט, זעט מען, ווי יעדן טאָג, פירט ער אַ דין וחשבון מיט זיך. אויף זיך איז ער תמיד מחמיר — און אויף אַנדערע מיקל און איז פּאַראינטערעסירט אין כל מיני צדקות, מערסטנס אין בקור חולים. אין צייט פון דער מגפה אין דייטשלאַנד (1831), איז ער באַשאָנקען געוואָרן פון פרידריך ווילהעלם דעם 3טן מיט אַ מעדאַל פאַר זיין מסירת נפשדיקייט ביים ראַטעווען מענטשן.

לערנט מען אין זיינע הלכה־ספרים, באַקענט מען זיך מיט זיינע ענטפערס, סיי צו אייגענע פון דער פאַרצווייגטער משפחה און סיי צו רבנים פון דור, תשובות צום ביאַליסטאָקער רב, ר׳ זאב; תשובות צום פינטשעווער רב, ר׳ אברהם; צו די מורי הוראה פון וואַרשע און צו אומצאַליקע באַרימטע און ווייניק באַקאַנטע רבנים, זעט מען ווי ער שרייבט צו יעדן מיט אויסער־געוויינטלעכער באַשיידנקייט און אומפאַרגלייכלעכן דרך־ארץ, אַזוי צו די איידעמס, ניט בלויז צו ר׳ משה סופר, נאָר אַפילו צו זיין לובלינער איידעם, ר׳ פישל אין לובלין, ר׳ שמואל אין פילץ, צו זיין אייניקל ר׳ שמואל־בנימין סופר און אַזוי צו אַלע אַנדערע. ניטאָ נאָך איינער פון אַזאַ פאַרנעם, וואָס זאָל זיך באַצײַען מיט אַזאַ כבוד צו יעדן איינעם, אויסער צו דעם יעניקן וואָס גייט אַרויס פונעם תחום און איז שעדלעך פאַר תורה און ייִדישקייט. אַזוי האָט ער באַקעמפט דעם רעפאָרמיזם מיט אַלע זיינע כוחות, אָנרופנדיק די

17) זע, הקדמה צו זיינע ספרים פון זיין זון ר׳ בנימין־וואָלף; פון זיין זון ר׳ אברהם, רב אין ראַוויטש און פון זיין זון ר׳ שלמה איגר.

דאַזיקע „מתקנים" אַז זיי זענען ניט „מורי הוראה", נאָר „מורי הרעה" און געפּסקנט צו דאַוונען נאָר אין לשון הקודש... אפילו ווען דער ייִד פאַרשטייט ניט העברעיִש.

ניט קיין ווונדער דעריבער וואָס ער איז אַזוי פאַרהערלעכט געוואָרן אין דער חסידישער וועלט, אַזוי ביים רבין ר' בונם און אַזוי ביי זיין תלמיד ר' מענדעלע קאָצקער און ווי חסידים דערציילן, האָט ר' עקיבא איגר זיך געגרייט צו פאָרן אויף באַזוך צום „חוזה" מלובלין, נאָר זיינע זין, באַזונדער, ר' שלמה איגר (מחבר פון „גליון רש"א" אויף ש"ס, הת"ר — י"א טבת, 1783—1852) האָט אים דערין געשטערט. ווען דער קאָצקער האָט דערזען ביי זיך זיין אייניקל, ר' לייבעלען, האָט ער געזאָגט: נאָך דיר, ר' עקיבא איגערס אַן אָפּשטאַם, וואָלט איך געגאַנגען טויזנטער מייל צופוס...

דער חדושי הרי"ם האָט תמיד באַוווּנדערט ר' עקיבא איגרן, גערעדט וועגן אים מיט דער גרעסטער פאַרערונג, אַפילו אין צייט פון דער מחלוקה צווישן סלאַוויטער דרוקער און די ראָם־דרוקעריי, ווען דער גערער רבי האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון שפּיראָ־מדפיסים. ר' עקיבא איגר, האָט זיך פון זיין זייט אויסגעדריקט וועגן דעם וואַרשעווער ר' איטשע־מאיר, אַז ווען ער גיט זיך ניט אָפּ אַזויפיל מיט חסידות, וואָלט ער דערגרייכט צו דער מדרגה פון ר' יהונתן אייבעשיץ 18).

אין דער רבנישער וועלט האָט מען תמיד באַוווּנדערט זיין סדר אין לערנען. ער האָט זיך מערסטנס אָפּגעגעבן מיט די „ספרי הראשונים", ניט געקוקט וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט יעדן תלמיד־חכם און יעדן שעפע־רישן מענטשן און געלערנט מיט אַזויפיל פּשטות, כאָטש ער האָט אין יעדער זאַך באַוויזן חדשות 19). ער איז באַטראַכט געוואָרן אַלס דער „מופת הדור".

---

18) זע, מאיר עיני הגולה א', ז' 57; „לובלין", באריכות

19) אויף דעם זאָגן עדות זיינע ספרים: 1) תשובת ר' עקיבא איגר (צוויי חלקים); 2) דרוש וחדוש (חלק א', פסקים); 3) הערות והגהות על ספר בית אהרן לר' אהרן מירעלס; 4) חדושים וחלוקא דרבנן על חדושי ר' נסים נירנדא, אויף מסכת בבא מציעא; 5) חדושים אויף אַ צאָל מסכתות; 6) תוספות ר' עקיבא איגר אויף די זעקס טיילן משניות; 7) הגהות אויף משנה און גמראָ א. ג. „גליון הש"ס"; 8) הגהות על שו"ע: יו"ד חו"מ און או"ח; 9) לקוטי הלכות; 10) אלה דברי הברית; 11) הגהות אויף פרי מגדים; 12) הגהות והשגות על הרמב"ם ונושא כליו; 13) חיבור כולל כל קושיות על הש"ם אשר הניח בצריך עיון און נאָך אַ צאָל ניט פאַרעפנטלעכטע כתבים.

ר׳ עקיבא איגר איז נפטר געוואָרן י״ג תשרי התקצ״ח. מ׳האָט אויס־געפּאָלגט זיין צוואה, סיי וואָס שייך דאָס אויסקריצן די עפּיטאַפּיע אויף זיין מצבה: „דאָ ליגט ר׳ עקיבא איגר, דער עבד פון גאָטס דינער אין די שטעט פרידלאַנד און פּויזן״ און זיינע זין, ר׳ שלמה און ר׳ אברהם, האָבן אַרויס־געגעבן זיין „דרוש וחדוש״ (וואַרשע, תרנ״ב), און די שו״ת און לקוטים (אַרויסג׳ פון די אַנדערע ברידער). זעקס פון זיינע זין האָבן פאַרנומען רבנות־שטעלעס (ר׳ אברהם אין ראַוויטש, ר׳ שלמה אין קאַליש, ר׳ משה אין וואַרשע, ר׳ וואָלף אין יאָהאַנעסבורג, ר׳ יצחק אין לאָמזשע, ר׳ שמואל אין מינסק. זיין ממלא־מקום איז אָבער געבליבן דער בן הבכור, ר׳ שלמה איגר, וועמענס זון, ר׳ לייבעלע, איז געוואָרן קאָצק־איזשביצער חסיד און ערשטער לובלינער רבי. נישט קיין וווּנדער דאָס צדקות פונעם אייניקל, וואָס האָט אַזויפיל צוגעזען ביים גרויסן זיידן, וועלכער שרייבט צו זיין זון ר׳ שלמה:

„...בעת שאני כותב אליך מצויר אצלי כאלו דמותך עומד לפני, ופנים אל פנים אדבר אתך״... דערביי — צו יעדן איינעם מיט אַזויפיל ליבשאַפט און פאַרערונג און דערצו אָן טיטלען, וועגן וועלכע ער האָט זיך אויסגע־דריקט, אַז עס איז אים מיאוס די גאַרנישט מיינענדיקע טיטלען און ער זאָגט אָן ניט צו רופן זיינע תלמידים מיטן נאָמען „תלמיד״: „איך האָב קיינעם קיין מאָל ניט גערופן תלמיד, ווייל איך בין ניט זיכער, ווער ס׳האָט פון וועמען געלערנט מערער... 20).

3. ר׳ לייבעלעס תורהס

ווען ר׳ לייבעלע איגר איז געקומען צום קאָצקער רבין און אים גע־פרעגט, וואָס פאַר אַ תירוץ וועל איך זאָגן צו מיין זיידן, ווען ער וועט מיך פרעגן וועגן דעם דין פון צוגרייטן זיך צום דאַוונען וואָס איז גורם פאַר־שפּעטיקונג... האָט דער קאָצקער אים געענטפערט: דו וועסט אים זאָגן, אַז ס׳איז דאָ אַ מפורשדיקע משנה, אַז אַן אַרבעטער וואָס איז געדונגען געוואָרן

20) אינטערעסאַנט איז, אַז אפילו ר׳ סעדיה גאון ווערט אין תוספות גיטין ב׳ ע״א, אַנהייב־וואָרט „המביא״, דערמאָנט אָן טיטל.

צו האַקן האָלץ און ער שאַרפט גאָר דאָס אייזן דעם רוב טאָג, איז דער בעל־הבית מחויב צו באַצאָלן פאַר די אַרבעט פון אַ גאַנצן טאָג, ווייל די השחזה, דאָס שאַרפן און שלייפן איז דאָך אַ טייל פון דער מלאכה... די הכנה צום דאַווענען איז אַ טייל פונעם דאַווענען... און אָט דעם דרך, צוזאַ־מען מיטן דרך פונעם גרויסן זיידן, איז געוואָרן דער שביל הזהב פאַר דעם „ארי׳ דבי עילאי״!

ר׳ לייבעלע איז געוואָרן דער חסיד אין דער הערלעכסטער אינטער־פּרעטאַציע פונעם וואָרט, געהאַלטן זייער שטאַרק פון רבין פון לובלין, ווייל ער האָט געבראַכט די ליכט פון חסידות אין פּוילן. ר׳ אברהם איגר דערציילט אין דער הקדמה צום „תורת אמת״, אַז דער נאָמען פונעם ספר, האָט דעם באַטרעף פונעם מחברס נאָמען און איז ענלעך צום נאָמען פונעם ספר „דברי אמת״ פון „רבינו איש אלהים קדוש ונורא הרב הקדוש הראשון מלובלין זצוקללה״ה. און אויך צוליב דעם ,ווייל אינעם ספר איז נרמז דעם הייליקן נאָמען לויט דער גימטריא, „יעקב יצחק הלוי״... ווייל איך האָב געוווּסט און געקענט זיין ליבשאַפט צום דאָזיקן ספר און צום רבין, וועלכן ער האָט באַטראַכט אַלס זיין רבי און געהאַט אַ שייכות צו אים אין שורש נשמתו... שטענדיק געהאַלטן פאַר זיינע אויגן דעם רבינס ספרים.

דער שבט מיהודה דערציילט אויך, אַז ווען ס׳איז באַקאַנט געוואָרן צו זיין פאָטער, אַז ס׳געפינט זיך נאָך דער כתב־יד פון „חוזה״, האָט ער זיך באַמיט דאָס צו קריגן און ווען ער האָט דאָרט אַריינגעקוקט, האָט ער אים צוגערופן מיט גרויס התלהבות, „זע די הייליקע ניצוצות וואָס שיינען פון די אותיות... אינגאַנצן אַנדערש ווי אין דרוק... און ווען ס׳איז געווען ביים טיש דעם חוזהס אייניקל ר׳ משולם זושא און געגעבן זיין האַנט צום הייליקן רבין, האָט ער אים געפרעגט, צי ער האָט אַמאָל געהאַלטן די האַנט פונעם הייליקן זיידן און ווען יענער האָט באַשטעטיקט אַז יאָ, האָט ער זיך אַזוי געפרייט און מיט התלהבות געדאַנקט דעם רבונו־של־עולם פאַר אָט דער זכיה צו האַלטן אַ האַנט וואָס האָט געהאַלטן די האַנט פונעם „חוזה״ און געזאָגט דערויף תורה, אויפן יסוד פון רבין ר׳ בונמס אַ געדאַנק אויף דעם מאמר חז״ל: מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי...

דער תורת אמת, ווי באַקאַנט, האָט זיך נוהג געווען צו זאָגן תורה ביים טיש, מערסטנס מענינא דיומאָ, אַזוי זאָגט ער ערב יום כפור (תרכ״ג)

דעם טעם פאַר וואָס מ׳זאָגט אין די צען תשובה טעג זכרנו לחיים... שבת בראשית, רעדט ער וועגן שכל, וואָס איז וויכטיק צו דערוווערבן חכמה אָבער אָן האַרץ, איז די חכמה ווערטלאָז למה זה מחיר... ולב אין!

רעדנדיק וועגן גאולת מצרים, זאָגט ער, אַז זי איז דער וואָרצל פון אַלע גאולות — אַלע הילפן פון דערלייזונג און רעטונג שטאַמען אַרויס פון גאולת מצרים 1). חנוכה, ווייזט ער אָן, באַדייט די אייביקע קדושה פונעם יידישן פאָלק און דעריבער האָט עס געמוזט געטאָן ווערן דורך כהנים... און דורך שמן־ליכט וואָס איז געווען „מאיר ובא”... אַלס סימבאָל, אַז עס טאָר ניט זיין קיין הפסק אין קדושת ישראל 2). און ביי אַן אַנדער געלעגנ־הייט, באַרירט ער דעם ענין אהבת השם לישראל, וואָס איז, לויט זיין באַ־הויפּטונג אומאָפּהענגיק, גרעניצלאָז און אייביק, ווי עס ווייזט דער נס חנוכה, אַז דער שמן וועט זיך קיינמאָל ניט אויסלאָזן און וועט אייביק משפיע זיין...

מיר האָבן דאָרט אַ תורה־שמועס וועגן לב טהור, אַ ריין האַרץ, ברענגט ער פאַרן רבין פון לובלין, אַז דעריבער איז דער אָנהייב און סיום פון דער תורה פאַרבינדן מיט די אותיות לב צו ווייזן, אַז דער עיקר כלל פון דער תורה איז אָפּהענגיק פונעם האַרץ, רחמנא לבא בעי... איז עס אַ פּרעכטיקער מאמר חסידות. און אַזוי דערמאָנט ער ביי יעדער געלעגנהייט די רביים וואָס האָבן משפיע געווען אויף אים.

אין די מערסטע מאמרים באַרירט ער די קדושה פון ישראל און גרויס־קייט פון יידן. ביי אַ געלעגנהייט, ווייזט ער אָן, אַז דער שורש פון קדושת ישראל, איז די קדושה־שפע פון השם יתברך און די בחירה, צו וועלכער יידן זענען עמפּינדלעך לבחור בטוב ולמאוס ברע, קומט פון השם וואָס האָט געטאָן גוטס פאַר יידן, זיי מקרב געווען און זיי געגעבן דעם חוש פון הבדלה...

אינעם ערשטן מאמר אויף פ׳ ויקרא, זאָגט ער, אַז דער ספר ווערט גערופן תורת כהנים און במילא איז ער דער מקור החסד והרחמים, ווייל כהן איז דער מקור פון רחמים, ווי די חז״ל זאָגן, הני כהני שלוחי דרחמנא... דאָס מיינט: זיי זענען די שליחים משפיע צו זיין מיט רחמים אויף דער

1) פ׳ בא.
2) חנוכה... באריכות.

וועלט... און דאָ ציטירט ער אויך פונעם ספר „זכרון זאת" אויפן פסוק: „אדם כי יקריב...", האַלטנדיק אַז דאָס ציטירן פונעם דאָזיקן צדיק וטהור, ברענגט מיט זיך קדושה און אַלדאָס גוטס, סיי אין רוחניותדיקע און סיי אין גשמיות־דיקע ענינים. אַזוי ביי יעדער געלעגנהייט, ווערט דער נאָמען פון לובלי־נער רבי, דער „חוזה", דערמאָנט דורך אים מיט אַ הייליקן ציטער.

רעדנדיק וועגן שבת, דריקט ער זיך אויס, אַז אַלע ימים־טובים ווערן אין דער תורה גערופן שבת, ווייל דער שורש פון זייער קדושה קוואַלט פון שבת... בלויז שבועות, ווערט ניט גערופן מיטן נאָמען שבת, ווייל דער דאָזיקער חג, האָט אין זיך אַליין דעם שבת און דערפאַר טאַקע האָט ער די אותיות שבת מיטן „ע"... און דעריבער זענען אַלע מודה ,אַז אין שבת איז געגעבן געוואָרן די תורה און כאָטש אין מרה זענען יידן אָנגעזאָגט געוואָרן וועגן שבת, האָט מען דעם זכור את יום השבת, ווידערהאָלט ביים מעמד הר סיני, ווייל דאַן איז נתגלה געוואָרן די קדושה פון שבת 3).

וועגן טעם פון עסן חמשה־עשר־פרוכט, זאָגט ער ,אַז ס'איז דערפאַר ווייל ס'איז באַוווסט, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן צוליב יידן, די הנאה דערפון איז וואָס דער ייד דאַנקט דעם באַשעפער פאַר דעם תענוג פון דער בריאה... דעריבער ווערן די מועדים באַשטימט דורך די פּראָדוקטן פונעם פעלד. פסח — רייפקייט פון תבואה; פרילינג; שבועות — יום־טוב פון שניט; סוכות — צייט פון תבואה־איינזאַמלונג, ווייל אַלץ איז פאַרן מענטשן. דורך מעשה האדם, ווען דער קערפּער קריגט דעם חיות, זאָל ער לויבן דעם באַשעפער. ט"ו בשבט, ווען ס'ווערט אויפסניי געגעבן חיות אין די ביימער, איז דער מנהג נהנה צו זיין פון די פרוכט און דאַנקען דעם באַשעפער... 4).

און ווייטער, וועגן מותר האדם מן הבהמה — אַ טיפזיניקע פילאָזאָ־פיע, באַווייזנדיק, אַז דער מענטש וואָס טוט מיט קדושה, קען ער אַריינ־ברענגען אינעם נפש הבהמות, אין גשמיות, דעם ניצוץ פון קדושה, וואָס איז דער שורש און חיות פון דער זאַך.

אין פרשת נח, שטעלט ער זיך אָפּ אויפן געדאַנק, פאַרוואָס ס'זענען געבליבן בלויז נח און אַלע מיט אים אין דער תיבה פאַר חידוש העולם

3) זע, שבועות־מאמרים.

4) מאמר לט"ו בשבט.

און די פיש אין וואַסער זענען אַלע געבליבן, ווייל אין פיש, דגים, געפינט זיך דער כח פונעם משל פאַר אהבת התורה, ווי עס ווערט געזאָגט אין מדרש 5) און פיש האָבן אָפענע אויגן צו זען מי ברא אלה... און זייער גלוסטונג איז, וואַסער, וואָס איז געגליכן צו תורה 6).

זיין זון, ר' אברהמעלע, האָט אין גאַנצן נאָכגעפאָלגט, די שיטה פון זאָגן תורה ביים טיש מעניני דיומאָ און וועגן געלעגנהייטלעכע פאַסירונגען.

אַזוי זענען מיר, ווי אין בראשית, זאָגט ער תורה אויף די זעקס מאָל „ישועות", וואָס מען זאָגט אין דער הבדלה, אַז זיי באַצוועקן ממשיך צו זיין ישועות אויף יידן די גאַנצע זעקס טעג פון דער וואָך. אין זיין ספר שבט מיהודה, געפינט מען תורה־שמועסן ביי געלעגנהייטן פון געבורטן פון אייניקלעך, ברית מילה, התחלת חומש, דאָס ערשטע מאָל ברענגען דאָס קינד אין חדר אאַז"וו א"וו.

דער תורת אמת און דער שבט מיהודה,ביידע זאָגן אַלעמאָל ביי געלעגנהייט תורה וועגן יידישע מנהגים, וועגן טראַדיציאָנעלע מאכלים; זיי געפינען אַפילו אין יידישן מאכל תורהדיקייט 7).

ר' לייבעלע רעדט ראש־השנה תרכ"ה, וועגן מנהג צו מאַכן ספעציעלע חלות פאַר ימים נוראים, געדופן פייגל און ער זעט אין דעם אַ סימבאָל צי האָבן ביים אָנהייב פון יאָר פאַר די אויגן, דעם פסוק „והיו הכרובים פורשי כנפים... און אַז כרובים זענען מרמז אויף רחמים, כנשר יעיר קינו... און נאָך אַ זאַך, די כרובים זענען מרמז אויף אחדות, די קדושה־איינהייטלעכקייט וואָס ווערט סינטעטיש פאַרבונדן דורך אהבה און יראה, און פורשי כנפים מיינט, פרישת סוכת שלום... און ער פאַרענדיקט מיטן ווונטש: „כצפרים עפות כן יגן ד' עלינו... מיט דער רחמים־השפעה...

אין יאָר תרכ"ז, האָט ער די ערשטע נאַכט פסח, זיך אָפגעשטעלט אויפן טעם פון עסן אייער ביים סדר, דערמאָנענדיק אַ וואָרט פונעם איזש־

---

5) רבה, ויחי, צ"ז.

6) דאָרט, באריכות, גאָר אַן אינטערעסאַנטער חסידישער מאמר.

7) אינטערעסאַנט איז, אַז אויך וועלטלעכע פאָרשער, געפינען אין יידישע מאכלים, קולטור־געשיכטע און טראַדיציע. זען, מ. קאָסאָווער, יידישע מאכלים, יודא א. יאָפע־בוך, ייוו"א, 1958, ז"ז 1—145; הירש אַבראַמאָוויטש, אכילות ביי יידן אין ליטע, „ליטע", בוך איינס, 1951, ז"ז 28—417; יצחק ריבקינד, אין זיינע שטודיעס וועגן ווערטער און יחוס־ווערטער.

ביצער זצלל״הה, אַז ביי אַלע געבוירענע ווערט דער געבורט פאַרענדיקט מיט איינמאָל, אויסער ביים געבורט פון אַן איי, וואָס דער תכלית פון איר באַשאַף, איז ניט פאַרענדיקט, נאָר אַן אָנהייב צו דער צווייטער יצירה, דער געבורט פונעם אפרוח, דאָס הינדל... אַזוי איז אויך געווען ביי יציאת מצרים, זי איז געווען אין דער בחינה פון „לידה הראשונה״... גוי מקרב גוי... ביז צו דער צווייטער לידה, געבורט פונעם פאָלק ביים מעמד הר סיני... פונקט ווי ביים איי ווערן פאַרוועבט די פעדים פון דעם גרעסערן געבורט, אַזוי זענען יידן געוואָרן די כלים גרייט צו קבלת התורה, כאָטש ס׳איז נאָך געווען אינגאַנצן פאַרהוילט... 8).

אין דער הקדמה פונעם בן המחבר צום „שבט מיהודה״, ווערט געזאָגט: „במה אקדם לד׳ אכף לאלקי מרום, עזר״י א״ל מאי״ר לארץ ולדרים... 9) כחצי שנה לפני פרוץ המלחמה הנוראה, מפני הרעה נאסף הצדיק... כ״ק אאמו״ר ע״ה זי״ע ביום כ״ב טבת, ג׳ וארא, בעצם היום נקרא אל השמים, שנת תרע״ד בצר״ה וח״שך גדו״ל לפ״ק, העולם חשך בעדנו והי׳ לאפילה...״.

און ער פאַרענדיקט:

„שם הספר שבט מיהודה עפ״י צוואת קדשו מפורש שיהי׳ כן שמו בשם אביו אא״ז הקדוש זצוקללה״ה, בוודאי כיון בזה על התפלה והבטחה של יעקב אבינו ע״ה לא יסור שבט מיהודה ומחוקק מבין רגליו...״.

אין די דאָזיקע עטלעכע אַריינפיר־ווערטער, האָבן מיר דעם מהות פון אָט דעם זון וואָס איז געווען דער דיוקן פונעם גרויסן און לעבעדיקן 10) לייב, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם גרעסטן דרך־ארץ ביי די גרויסע צווייגן פון דער משפחה, פון דעם סופר־משפחה, ווי עס ווייזן די בריוו צו אים, אין שייכות מיט סנדקאות 11).

---

8) זע, ,דאָרט באריכות.

9) ער טראָגט דעם נאָמען פונעם ערשטן עזריאל מאיר, ווען מ׳האָט זיכער פאַרגעבן זיין קעגנערשאַפט צום חסידות.

10) ל. י. ביאַלערס אויסדרוק „הארי החי״.

11) זע, אגרות סופרים, באריכות; אויך מיין בוך „לובלין״. וויסן דאַרף מען, אַז דאָרט איז ניט געווען קיין נשיאת פנים. אינטערעסאַנט איז, אַז ווען עס האָט זיך געהאַנדלט, אַז דער חתם סופר זאָל קריגן די רבנות־שטעלע אין אובין ישן, אונגאַרן פאַר זיין שוואָגער ר׳ שלמה אייגר, האָט ער ניט געשטיצט זיין קאַנדידאַטור, מסתמא, געהאַלטן אַז ער איז נאָך צו יונג, געווען ביים רייכן וואַרשעווער שווער, געזעסן ביים

ס׳וויזט די אָפּשאַצונג סוף־כל־סוף פון דעם עזריאל־מאיר, וועמעס נאָמען אַן אייניקל פונעם לייב האָט געטראָגן מיט חשיבות און די השפּעה פונעם גרויסן זיידן וואָס האָט פּערזאָניפיצירט מיט זיך רבנות און אדמורות אויפן העכסטן שטייגער.

4. משפּחה־פאַרצווייגטקייט

אין זיין שילדערן די „לובלין באספקלריה מאירה״, נאָכן איבערגעבן אין אַלגעמיינע שטריכן די „עיר ואם לארצות״, שטעלט זיך י. ל. ביאַלער אָפּ ביי דער משפּחה גראָדשטיין און גאָר באַזונדערס ביי דעם באַנייער פון חסידות לובלין, אדמו״ר ר׳ יהודה ארי׳ איגר זצוק״ל.

ביאַלער באַקענט אונדז מיט דער רבנות־קייט אשכנזי אין לובלין, שטעלט זיך אָפּ פּרטימדיק אויף די רעשטלעך פון אַן אָפּגעראַטעוועטן פנקס אין וועלכן ס׳איז פאַרצייכנט די קניה און דעם איבערבוי פון דעם „פּרנס־בית מדרש״ (תר״ג—1843) און דעם ביישטייער פון ר׳ ישראל חלפנס אלמנה פון אַרום 1.258 רובל כסף.

דאָס געלט און ווערטפולע צירונג איז איינגעלייגט געוואָרן ביי צוויי חשובים פון שטאָט, „רודפי צדק, גבירים מפורסמים״, איינער — רבי עזריאל־מאיר גראָדשטיין... און דער צווייטער — ר׳ אפרים־פישל הערר. פון דעם איז צו זען, אַז ר׳ עזריאל־מאיר ,איז געווען אין לובלין, די שטאָט פון גרויס לומדות, איינער פון די חשובי העדה, צוליב יחוס עצמו און יחוס־משפּחה. ער האָט געשטאַמט פון כמעלניק (אַ שטעטעלע אין פוילן), אַלס אָפּשטאַם פון ר׳ חיים ראַפּאָפּאָרט פון לעמבערג און אייניקל פון רבין ר׳ העשל, באַרימטער רב אין לובלין און אין קראָקע אין די ת״ח־יאָרן.

ר׳ עזריאל־מאיר איז געווען דער תלמיד חכם, נדבן, עסקן, האָבנדיק ביי זיך תורה וגדולה במקום אחד. ער איז אָבער געווען אַן אומקאָמפּראָמיס־

טיש פון תורה וגדולה... ער האָט דאָן גאָר געשטיצט ר׳ צבי הירש חיות, דעם תלמיד פון ר׳ אפרים־זלמן מרגליות און פריינט פונעם באַוווסטן אונגאַרישן כלל־טוער ר׳ שלמה ראָזנטאַל. באריכות אין י. ד. בית הלויס, רבי צבי־הירש חיות, תל־אביב, תשט״ז, ז״ז 85—92.

לעכער מענטש. ער האָט געענדערט זיין נאָמען פון ליפשיץ אויף גראָד־שטיין צוליב זיין ברודער וואָס האָט געהאַט נייגונגען צו די משכילים.

די גראָדשטיין־פאַמיליע איז געווען גוט פאַרצווייגט אין לובלין. לויט ווי זיי ווערן דערמאָנט אין די פנקסים, האָבן זיי פאַרנומען אַ בכבוד אָרט אין לובלין. מיר געפינען, למשל, אַז סיי די טאָכטער און סיי די שנור פון ר׳ עזריאל־מאיר גראָדשטיין, האָבן געהאַט „שטעט" אין דער ווייבער־שול פונעם פרנס בית־המדרש. אַזוי די פרוי פון ר׳ פישל גראָדשטיין, שנור פון ר׳ עזריאל־מאיר און אַזוי די פרוי פון ר׳ שמואל יעקעליש, די טאָכטער פון ר׳ עזריאל־מאיר. איר שוועסטער בת־שבע, פרוי פון ר׳ לייבעלע איגר, האָט איר חלק פאַרקויפט צו איינער איטא ראַשע, פרוי פון ר׳ נחום קאָריץ. ר׳ שמואל יעקעליש איז אויך געווען אַ גרויסער יחוס, אַן אייניקל פונעם לעגענדאַרן אייזיק ר׳ יעקעליש. אין דער זעלביקער ריי איז אויך געזעסן מרים־פּערל, פרוי פון בנימין שמואל (שמעלקע) און קרובה פון ר׳ עזריאל־מאיר גראָדשטיין.

ווי ביאַלער גיט איבער פונעם פנקס פונעם פרנס בית־מדרש, איז ר׳ עזריאל־מאיר גראָדשטיין, געווען איינער פון די הויפּט בעלי־בתים אין דעם בית־המדרש; ער איז געווען לויט די תקנות פון ו׳ חשון תרי״ז (1857), דער ערשטער פאַרטרויאונגס־מאַן און דאָס ווייזט, אַז דאָס בית־המדרש האָט געהערט צו די מתנגדים (זע „דאָס בוך פון לובלין", בית־המדרש אויפן נאָמען פון פרנס, פּאַריז, תשי״ג, ז״ז 88—90; 95—96) אין לובלין, אנציקלו־פּדיה של גלויות....)

ווי מיר זען האָט ער געהאַט הצלחה צו שידוכים. זיך משדך געווען מיט די גדולי הדור. זיין זון ר׳ פישל, האָט חתונה געהאַט מיט פריידקען, די טאָכ־טער פון ר׳ עקיבא איגר; אַן אַנדערע טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אייניקל פונעם גראָדנער רב, ר׳ בנימין ברוידאָ; זיין טאָכטער הדסה — מיט ר׳ שמואל יעקעליש און אַזוי אויך די אַנדערע קינדער. די יונגסטע, בת־שבע, באַשע, האָט חתונה געהאַט מיט ר׳ לייבל איגר, נאָכאַמאָל זיך משדך געווען מיט ר׳ עקיבא איגר.

געבוירן געוואָרן איז ר׳ לייבעלע אין וואַרשע. זיין מוטער, רבקה־גאָלדע, איז געווען די טאָכטער פון ר׳ ישראל הירשנזאָן צענצענימער, אַ

גאַר וויכטיקע פּערזענלעכקייט אין דער וואַרשע פון 19טן יאָרהונדערט 1). ער איז געווען אַן אייניקל פונעם באַרימטן וואַרשעווער למדן, ר׳ חיים דאַ־ווידזאָן וועלכער איז אויף דער עלטער און אויף דער רעקאָמענדאַציע פון ר׳ איטשע־מאיר אַלטער (רי״ם) געוואָרן וואַרשעווער רב 2). כאָטש ער איז געווען פירער פון די מתנגדים, איז ער געווען געאַכטעט אויך ביי די חסידים.

דאָס אייניקל ר׳ ישראל, איז געווען דער פאָרשטייער פון דער חסידי־שער עדה אין דער וואַרשעווער קהילה 3). איז טאַקע אינטערעסאַנט דער

---

1) זען, מאיר עיני הגולה, חלק א׳, ז׳ 50.

דוד פלינקער, אין זיין אָפּהאַנדלונג וועגן רבנים אין וואַרשע (וואַרשע, בעריכת יצחק גרינבוים, ז״ז 297—298, אויך בילד) שרייבט, אַז ער איז געווען דער איידעם פון ר׳ הערשעלע צענצענימער, שווער פון ר׳ שלמה איגר... דאָס איז ניט ריכטיק. דער שווער ר׳ שלמהס איז געווען ר׳ ישראל, וואָס איז לויט ביאַלערן געווען ר׳ חיים דאַ־ווידזאָנס אַן אייניקל פון דער מוטערס צד, און אַז הערשעלע איז גאָר געווען אַ מחותן דאַווידזאָנס.

ד״ר יעקב שאַצקי ,אין זיין ווערק, די געשיכטע פון יידן אין וואַרשע, באַנד 2, ייוואָ, 1948, ז״ז 68, 76, 132—133, 143—144, גיט איבער געוויסע פּרטים, וועגן וואַר־שעווער ערשטן רב הכולל, ר׳ חיים דאַווידזאָן (1760—1854), באַזירט אויף דער מאָ־נאָגראַפישער אַרבעט פון פרענק זאַגאָראָדסקי ,די פאַמיליע דאַווידזאָן, וואַרשע, 1924, ער דערמאָנט אָבער בכלל ניט קיין קרובהשאַפט צו די צענצענימערס־הירשזאָנס. ער גיט אונדז קלאָרע פאַטאָס פון ר׳ חיים און זיין זון ר׳ נפתלי.

ר׳ חיים, דער גרויסער תלמיד־חכם און פירנדיקע פערזענלעכקייט ביי די מתנג־דים, איז אויך געווען פאַרערט ביי די חסידים און ער איז געווילט געוואָרן אַלס רב הכולל צו די שלשים פונעם ערשטן הויפּט־רב, ר׳ שלמה זלמן ליפשיץ (נפטר גע־וואָרן י״א ניסן, תקצ״ט—1839), מחבר פון הלכה־ספר „חמדת שלמה“, אויפן פאַרלאַנג און גוטער רעקאָמענדאַציע פון די צוויי גדולים אין דער חסידישער וואַרשע, ר׳ יצחק מאיר אַלטער (ערשטער גערער רבי) און ר׳ יצחק קאַליש (וואָרקער רבי).

ער איז שוין דאַן אַלט געווען 80 יאָר און ס׳איז דאָס ערשטע מאָל אין דער גע־שיכטע פון רבנות, אַ זקן אין די גבורות, זאָל דערווילט ווערן אַלס רב. ער האָט דאַן אויפגעגעבן זיינע געשעפטן, זיך אַריינגעצויגן אין אַ הויז אויף נאַלעווקיס 32, כדי צו לעבן אין האַרץ פון יידישן געגנט, געהאַט אַ „מנין“ ביי זיך און געווען אַרום פופצן יאָר וואַרשעווער הויפּט־רב (נפטר געוואָרן אין יאָר תרי״ד — 1854, אין עלטער פון 94 יאָר). זיין געלט האָט ער צעטיילט אויף צדקה און אויך געשטיצט מחברים פון ספרים, אַפילו אויף וועלטלעכע טעמעס. בכלל געווען, לויט די דעמאָלט־דיקע באַגריפן אַ מער פּראָגרעסיווער מענטש... אין 1841, זיך געחתמעט צוזאַמען מיט ר׳ יצחק מאיר אַלטער און ר׳ יצחק קאַליש אויף דעם קול קורא ,אַז יידן זאָלן זיך נעמען צו ערד־אַרבעט... זע, שאַצקי, באריכות.

2) אין בוך „וואַרשע“, אויספירלעך.

3) זע, ביאַלער, „לובלין“, פרטימדיק.

פאַקט, וואָס ר׳ לייבעלע, האָבנדיק אַ פאָטער און אַ שווער, קנאותדיקע מתנגדים, איז גראָד געווען מער באַאיינפלוסט פון די זיידעס. ביידע זענען געווען באַהויכט פון אַ תמימותדיקייט, געלאַסנקייט, גוטסקייט און ביידע האָבן זיי געהאַט חסידישע נטיות. ביים וואַרשעווער זיידן, האָט ר׳ לייבעלע גאָר געהערט גוטע זאַכן וועגן די חסידישע מנהיגים.

דערצויגן געוואָרן איז ער, ווי אייניקע פאָרשער ווייזן אָן, ביי דעם וואַרשעווער עילוי ר׳ יצחק־מאיר, דער שפּעטערער גאון און ערשטער גערער רבי. דאָרט אין יענעם גרויס־חסידישן הויז האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט חסידישקייט; דאָרט האָט ער זיך אָנגעהערט וועגן לובלינער „חוזה", צו וועמען ער איז גייסטיק נקשר געוואָרן בכל ימי־נפשו... דאָרט האָט ער זיך אָנגעהערט וועגן ר׳ מענדעלע טאָמאַשאָווער, דעם שפּעטערדיקן קאָצקער רבי און ער האָט אָנגעהויבן האָבן די תשוקה צום חסידיזם.

אָנקומענדיק קיין לובלין, ווערנדיק אַריינגעצויגן אינעם קאָצקער קרייז, זענען די געפילן נאָך שטאַרקער געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן פילן, ווי דער רי״ם אין יאָר תקפ״ז, אַז ר׳ מענדל טאָמאַשאָווער איז דער אמתער ייִד... און מ׳דאַרף פאָרן צו אים.

לויט איין מיינונג ,האָט אויף אים משפיע געווען ר׳ ישראל, זון פון „חוזה", וועלכער האָט ניט געוואָלט ווערן רבי, געוווינט אין לובלין און געווען פון די פירנדיקע חסידישע פערזענלעכקייטן (שיח שרפי קודש, ג׳, ז׳ 13).

ס׳האָבן ניט געהאָלפן די אָפּשרעקונגען סיי מצד דעם פאָטער ר׳ שלמה און סיי מצד דעם שווער ר׳ עזריאל (נפטר געוואָרן ב׳ סוכות תרי״א 4). ער איז געפאָרן קיין קאָצק און געוואָרן דער איבערגעגעבנסטער קאָצק־איזשביצער חסיד־מקורב.

דאָרט, אין קאָצק, האָט ער זיך מתקשר געווען מיט ר׳ מרדכי־יוסף ליינער, אויך אַ טאָמאַשאָווער און אינעם רעוואָלט קעגן קאָצקער, איז ער מיטגעגאַנגען מיטן איזשביצער, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס צו זיין חסיד־מקורב, דעם קאָלביעלער רב, ר׳ מרדכי־זאב, אַז „דער וואָס מיינט, אַז ער ווייסט די סיבה, פאַרוואָס דער איזשביצער האָט אָנגעהויבן פירן בעת זיין

4) דאָרט, ז׳ 198, נוסח פון מצבה.

רבי האָט נאָך געלעבט, נאַרט זיך. אויף דער געשעעניש, קען מען זאָגן „במופלא ממך אל תדרוש 5).

די וויכטיקסטע עטאַפּן אין ר׳ לייבעלעס לעבן זענען געווען:

1. ביים פאָטער און זיידן; 2. ביים חדושי הרי״ם אין וואַרשע; 3. חתונה קיין לובלין, אינעם הויז פון מתנגדישן גביר און זיין נסיעה נאָך קאָצק; 4. דער דראַמאַטישער ריס צווישן איזשביצער מיטן קאָצקער אין יאָר ת״ר — 1840, ווען ער איז אינגאַנצן אַלט געווען פיר און צוואַנציק יאָר; 5. ווען ער איז געוואָרן אַן אבל, אין יאָר תרי״ב — 1852, אין עלטער פון זעקס און דרייסיק יאָר און ער איז איינגעלאַדן געוואָרן קיין פּויזן צו ווערן דער ממלא־מקום אויפן כסא־הרבנות און ער האָט געענטפערט, אַז ס׳איז אים ניחא צו בלייבן דאָ און הערן תורה פונעם הייליקן מויל, איידער ווערן רב אין דער ווייטער פאַר אים, פּויזנער קהילה; 6. שבט תרי״ד, נאָך דער פּטירה פונעם איזשביצער, ווען מ׳האָט אויף אים אַרויפגעצווינגען פאַרזעצן אין לובלין דעם איזשביצער דרך.

אינטערעסאַנט ווי חסידים זען סימבאַלישקייט אינעם מספר 13; סימבאַל אחד וואָס איז געוואָרן גורלדיק, אַזוי ביים פּשיסכער „יד הקדוש״, ר׳ יעקב־יצחק ראַבינאָוויטש, וואָס איז געווען מנהיג פון חסידיזם דרייצן יאָר (תקס״א—תקע״ד); אַזוי ביים רבין ר׳ בונם (תקע״ד—תקפ״ז); אַזוי ביי ר׳ מענדעלע קאָצקער, וועלכער האָט זיך פאַרשלאָסן אין יאָר ת״ר און אַזוי ביים איזשביצער ר׳ מרדכי־יוסף (תר—תריד) און אַזוי ביים זון ר׳ יעקב (תרי״ד־תרכ״ז). דאָס אייניקל ר׳ גרשון־העניך, האָט צוליב דעם פאַרלאָזט אין יאָר תר״מ איזשביצע און נפטר געוואָרן ווי דער זיידע און פאָטער, אין עלטער פון 52 יאָר, ווי די יאָרן פון שמואל הנביא. ווען מ׳איז געקומען צו ר׳ לייבעלען מיטן פאַרלאַנג ,ער זאָל ווערן רבי, איז ער אַלט געווען 38 יאָר און ער האָט זיך געבעטן ביי זיין חבר־חסיד ר׳ צדוק הכהן, מ׳זאָל צוריקפאָרן קיין קאָצק, אָבער דער לעצטער, האָט אים געזאָגט, ער וועט ניט זיין בכח אויסצוהאַלטן, ווען ער וועט זען ווי מ׳לאַכט אָפּ פון זייער רבין... און ר׳ צדוק האָט לאַנג ניט געוואַרט, אויף צומאַרגנס אַריין מיט די חשובע חסי־

5) זען, תפארת צדיקים, מער אויספירלעך אויף אַן אַנדער אָרט.

דים פון איזשביצע מיט קוויטלעך און אים געקרוינט אַלס רבי און ממשיך פון איזשביצע.

ר׳ לייבעלע האָט זיך דאַן איינגעשלאָסן פאַר אַ יאָר צייט מיט די ספרים פונעם „חוזה" און דעם גאַנצן לעבן געווען אונטערן איינפלוס פונעם חוזהס ספרים, ווי מיר האָבן שוין דאָ און ביי אַנדערע געלעגנהייטן דערמאָנט 6). ער האָט באַנייט חסידות אין לובלין, נאָך אַ הפסק פון 39 יאָר.

ווי שוין אויך דערמאָנט, איז ר׳ לייבעלע געווען אַ מוהל, ווי זיין פאָטער און זיידע. ביי אים האָבן אָבער די הכנות גענומען אַ סך שעהן און דער לובלינער רב, ר׳ יהושע העשל אשכנזי, איז אַרויסגעקומען קעגן דער דאָזיקער פאַרשפּעטיקונג... האָבן אים דאַן שטאַרק פאַרטיידיקט און געהאָלפן, דער גערער רבי ר׳ יצחק־מאיר און ר׳ צדוק הכהן, האַלטנדיק פונעם כלל: יאחז צדיק דרכו! 7).

יצחק אלפסי, אין זיין גאָר אינטערעסאַנט ווערק וועגן דער גערער דינאַסטיע 8), אָנהייבנדיק מיטן גרינדער פון דער דינאַסטיע, רבי יצחק־מאיר אַלטער־ראָטנבערג (געב׳ אין מאַגנישאָוו, ראַדאָמער גוב׳, אין יאָר תקנ״ט—1799; נפטר, אין גער, אין פויליש, גורא קאַלוואַריאַ, כ״ג אדר, תרכ״ו), שרייבט דאָרט וועגן רבי לייבעלע איגר 9), אַז ער פלעגט אָפט באַזוכן דעם חדושי הרי״ם און זיך באַראַטן מיט אים אין אַלע ענינים, אַוודאי אין הלכהשע ענינים. ער דערמאָנט דעם ענין סנדקאות, ווי דער רי״ם איז אַרויסגעטרעטן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון רבי לייבעלע קעגן דעם אָרטיקן לובלינער רב, ר׳ יהושע העשל אשכנזי, פאַרוואָס ער קומט שפּעט צו סנדקאות און במילא ווערט די מילה פאַרהאַלטן אויף נאָכמיטאָג.

דער רי״ם האָט אָנגעוויזן אַז דאָס פאַרשפּעטיקן אין מאַכן די געהעריקע הכנות איז אויסגעהאַלטן לויטן דין און אַזוי אַרום איינגעשטילט דעם לובלינער רב און צווישן רב און רבי איז געוואָרן שלום, לויטן באַגריף פון תלמידי חכמים מרבים שלום... 10). אינטערעסאַנט איז, אַז דער קוזין פון

6) זע מיין בוך „לובלין"; י. ל. ביאַלער, דאָרטן, ז״ז 199—200.
7) באריכות אין מיין בוך „לובלין".
8) גור, המייסד: בעל „חדושי הרי״ם", סיני, תל־אביב, תשי״ד — 1954.
9) ז״ז 82—83.
10) זע, בריוו אין מאיר עיני הגולה, חלק ב׳, סימן תר״ד.

רבי לייבעלע איגר, דער קראָקעווער רב, ר׳ שמעון סופר (זון פון חתם סופר) האָט אויך מתיר געווען, אָבער מיט אַביסל צוריקגעהאַלטנקייט, ווייל דאָס קען גורם זיין צו תקלה דורך הדיוטים, פּראָסטע מענטשן 11).

אלפסי, באַרירט אויך די מחלוקה צווישן די ראָם־דרוקער און די סלאָ־וויטאַ־אַרויסגעבער, די קעגנגעזעצטע שטעלונגען צווישן די צוויי גדולי הדור, ניט אַכטנדיק די פּריינטשאַפט וואָס האָט געהערשט צווישן זיי 12). די הקפּדה פון רעק״א, ווי באַקאַנט, האָט גורם געווען, אַז אַן אַרבעטער פון דער סלאַוויטער דרוקעריי, לייזער פּראַטגין, האָט זיך שיכורערהייט גע־האַנגען. דער סוף פון דפוס סלאָוויטאַ־ש״ס איז געווען אַ ביטערער. נישט געהאָלפן יחוס פון ר׳ פּינחסל קאָריצער...

דער רי״ם שרייבט צו ר׳ עקיבא איגר מיט גרויס רעספּעקט, מיט הכנעה.

אלפסי, אין אַן אַנדער ווערק 13) דערמאָנט אויך דעם פּאַקט, אַז ר׳ לייבעלע איגר, האָט נאָך דער פּטירה פונעם איזשביצער געוואָלט צוריק־פאָרן קיין קאָצק, אָבער צוליב פאַרשידענע מאָטיוון דאָס ניט געקענט טאָן און איבערהויפּט, צוליב דעם, ער זאָל חלילה ניט הערן קיין שלעכט וואָרט אויף זיין רבין ר׳ מרדכי־יוסף, וועמעס פּאַקטישער יורש ער איז געווען.

ער איז בכלל געווען באַליבט און געאַכטעט ביי אַלע שיכטן אין שטאָט, וועלכע האָבן געזען אין אים דעם אצילותדיקן צדיק. אַ שטאַרקע עוזרת צו זיין נייעם דרך איז געווען די עקרת הבית, בת־שבע, די רביצין באַשע און אויך זיין פּעטער ר׳ שמואל בירנבוים (ר׳ עקיבא איגרס איידעם) און זיין פּעטער ר׳ יעקב גראָדשטיין, וועלכער איז אויך געוואָרן אַ פייערדיקער חסיד, געוווינט אין באַרדיטשעוו און געדאַווענט צוזאַמען מיט זיין זון שלמה־מאיר אין בית־מדרש קדושת לוי. אויך זיינע ברידער ר׳ יאָסעלע אין פּילעוו און ר׳ ישראל אין פּענעק האָבן פאַרשטאַנען זיין דרך.

ער האָט אויך געהאַט נחת פון זיינע טעכטער הדסה־גרינע (די פּרוי

11) אגרות סופרים, חלק ר׳ שמעון סופר, 44.

12) וועגן דעם באריכות, דאָרט ז״ז 134—137; מאמר על הדפסת התלמוד, ז׳ חל״ק; עיר ווילנא, שטיינשניידר, ז״ז כ״ב—כ״ו; דובנאָוו, תולדות החסידות, ז׳ 180; שרי המאה, מימון־פישמאַן, חלק א׳, ז״ז 253—252.

13) הרבי מקוצק, בית הספר; רבי ישראל אראלטין, אמת ואמונה א״א מקומות.

פון ר׳ ישראל זיטמאַן פון קאַליש, מחבר פון ספר עזרת ישראל, תרמ״ג) און פון זיין טאָכטער גיטל, פרוי פון ר׳ נחמן רוקח, אין יאַסי, רומעניע.

ווען ער איז נפטר געוואָרן (כ״ב שבט תרמ״ח—1888), אין עלטער פון 72 יאָר 14), נאָך 43 יאָר זיין רבי און מנהיג פון אַ גרויסער חסידישער עדה, איז דאַן אָנגעפאַלן אַ גרויסער שניי, פונדעסטוועגן זענען געקומען צו דער לויה איבער 20 טויזנט יידן. דער שניי האָט ניט צוריקגעהאַלטן דעם עולם צו קומען קיין לובלין 15).

די רביצין באַשע, האָט בגזירת כבוד אם, אַרויפגעצוווּנגען אויף איר זון דעם כתר הרבנות. ר׳ אברהמעלע האָט ניט געהאַט קיין ברירה און געוואָרן רבי. ער איז נפטר געוואָרן פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און זיינע צוויי זין (ר׳ שלמה (תרל״ז — תמוז ת״ש) און ר׳ עזריאל־מאיר (תרל״ג — ה׳ תמוז תש״א) האָבן אים נאָכגעפאָלגט פאַר אַ פערטל יאָרהונדערט ביזן אויסברוך פונעם צווייטן וועלט־קריג און ס׳האָט זיך אָנגעפאַנגען דער חורבן פוילן און חורבן פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום.

מערקווירדיק, די צוויי אייניקלעך, גדולי האדמורי״ם אין אונדזער צייט האָבן גראָד געטראָגן מיט כבוד די נעמען פון זייערע קנאותדיקע זיידעס, ר׳ עזריאל־מאיר אין לובלין און ר׳ שלמה אין פויזן — די שאַרפסטע קעגנער פון חסידות! וואָס פאַר אַ שפּיצל די געשיכטע קען אָפּטאָן. ביידע זענען אָבער געגאַנגען אינעם וועג פון זייער זיידן ר׳ לייב, וועלכער האָט סינטעטיש צוזאַמענגעבונדן לומדות מיט חסידות — און ביידע, פירנדיק חסידות, האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט הלכה, געשאַפן אויפן געביט פון הלכה און באַזירט זייערע תורה־שמועסן אויפן יסוד פון לומדות, פלפול און קבלה.

ר׳ צדוק הכהן האָט אים אויך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן בעל־מופת, און ווען חסידים האָבן זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר אים וועגן זייערע קינדער וואָס זענען געווען קראַנק אויף חולא־נופל, שווינדזוכט און דערציילט אַז זיי

---

14) חסידים האָבן אין דעם געזען, דריי רמזים: דעם פסוק מספר ימיך אמלא (שמות כ״ג, כ״ו(אמלא — באַטרעפט צוויי־און־זיבעציק; כי בא שמש (בראשית כ״ח, י״א) באַטרעפט אויך 72; און אינעם פאַלן פונעם גרויסן שניי, דעם סימן פון הייליקייט — „כשלג ילבינו״ (עשי׳ א׳, י״ח).

15) זע, המליץ, 24, תרמ״ח; י. ל. ביאַלער, הארי החי, אנציקלופדיה של גלויות, הה„, לובלין, ז׳ 206, פריער באַנד י׳; זע אויך 161—164; מיין בוך „לובלין״.

זענען שוין געווען ביי באַרימטע צדיקים, וועלכע האָבן געגעבן קמיעות אָנצוהענגען אויף די קינדער און ס׳האָט זיי ניט געהאָלפן, האָט ער זיי גע־ראָטן אַרויפצוגיין צו ר׳ לייבעלען און ניט וועלן אָפּטרעטן פון אים. זיי האָבן געפאָלגט, ר׳ לייבעלע האָט געטאָן עטלעכע סגולות און ס׳האָט גע־האָלפן, — די קינדער זענען געזונט געוואָרן.

5. די צוואה פון ר׳ אברהמעלע איגר זצ״ל

ווען כ׳האָב צוגעגרייט צום דרוק מיין ספר „לובלין", האָב איך זיך באַמיט, אָבער אָן דערפאָלג, צו פאַרעפנטלעכן די צוואה פון באַרימטן לוב־לינער רבין ר׳ אברהמעלע איגר זצ״ל, בעל „שבט מיהודה". איך האָב זיך באַנוצט בלויז מיט טיילן, געדרוקט אין „איגרות ספרים". יאָרן־לאַנג האָב איך געהיט די קאָפּיע פון דער צוואה, אָבער בלויז איינמאָל האָב איך זי אַרויסגעגעבן און מער ניט צוריקגעקראָגן. איך האָב דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש.

נאָכן דערשיינען פון ספר לובלין, האָב איך באַקומען עטלעכע בריוו פון אַן אַלטן לובלינער חסיד, ר׳ מרדכי לעווינסאָן פון פילאַדעלפיע — אין איין בריוו, איז ער מיר מבשר, אַז ביי אים געפינט זיך די העתקה פון דער צוואה און דאָס גיט מיר די געלעגנהייט צום ערשטן מאָל צו פאַרעפנטלעכן אַ היסטאָרישן דאָקומענט, וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון חסידות אין פוילן.

מיר ווילן דערביי געבן אין יידיש עטלעכע פּאַראַגראַפן פון איינעם פון זיינע אינטערעסאַנטע בריוו (דאַטירט, יאַנואַר 13, 1952 — א׳ שמות, תשי״ב):

„...אַ דאַנק אייך פאַר דערמאָנען כבוד אדוני אבי הר׳ בעריש קאָצקער ז״ל... אַלע טעג פון מיין לעבן, זינט כ׳בין געוואָרן בר מצוה בין איך געפאָרן צום כהן זצ״ל ביז זיין פטירה נ״ע... מיין זיידע ר׳ נטע־אביגדור לעווינסאָן פון קאָצק, אַ גרויסער גביר, האָט ער זיין גאַנצן לעבן אויסגעהאַלטן אַלע זיינע קינדער; זיי חתונה געמאַכט אויף אַזאַ שטייגער, זיי זאָלן ניט דאַרפן זאָרגן פאַר פרנסה.

זיינע זין זענען געווען באַרימט אין דער חסידיש־לומדישער וועלט.

מיין פאָטער, דער עלטסטער זון, ר׳ בעריש קאָצקער און אַזוי זיינע איי־דעמס ר׳ אברהם־משה (מאראקאשעווער רבי) און ר׳ אברהם־יצחק סילמאַן (כמעלניקער רב) זענען געווען באַרימטע לובלינער חסידים. ווען דער זיידע פלעגט פאָרן קיין לובלין אויף שבועות און ראש השנה, האָט ער מיטגע־נומען אַלע אייניקלעך וועלכע זענען געווען אין בר־מצוה עלטער. איין מאָל, געדענק איך, האָט ער מיך און מיין קוזין פון מאַרקאשעוו מיטגענומען קיין לעווערטאָוו, נאָך איידער כ׳בין געווען בר־מצוה. דאָס איז געווען, ווען דער „תורת אמת״ (מהרי״ל איגר) איז דאָרט געווען אין יאָר תרמ״ז (1887) — (אַ יאָר פאַר זיין הסתלקות). איך האָב זוכה געווען צו נעמען שלום פון זיין הייליקער האַנט.

נאָך מיין חתונה, אין יאָר תרנ״ד (1894), פלעג איך עטלעכע מאָל אין יאָר פאָרן קיין לובלין צום כהן ז״ל, בין דאָרט געווען פון די יונגעלייט וואָס זענען געשטאַנען הינטער דער שטול ביים שולחן־הטהור און איין מאָל אפילו זוכה געווען אים משמש צו זיין אין דער אָפּוועזנהייט פון ר׳ יודל משמש.

נאָך דער פטירה פון כהן זצ״ל בין איך כסדר געפאָרן צום שבט מיהודה — ביז מיין קומען אין אַמעריקע, אין יאָר תרע״ג. שוין זייענדיק דאָ, האָב איך געבעטן ביי מיין יוגנט־פריינט ר׳ ישראל־נח איגר ז״ל (זון פון שבט מיהודה — נ. ש.), צו שיקן מיר די צוואה און אויב איר זייט פּאַראינטע־רעסירט, וועל איך אייך איבערשיקן אַ קאָפּיע...

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אייך איבערגעבן נאָך אייניקע פאַקטן וועגן דער עניוות פון שבט מיהודה. אין ווינטער תרס״ו (1906), איז מיין פאָטער קראַנק געוואָרן אויף אַ מאָגן־קראַנקייט. עטלעכע חדשים איז ביי אים געווען מיין ברודער ר׳ דוד־יהושע ע״ה. פאַר פסח איז ער אַהיימגע־פאָרן און זייענדיק ביי מיר אין לובלין (איך האָב געוווינט אין לובלין עט־לעכע יאָר) האָט ער געוואָלט, אַז איך זאָל פאָרן קיין קאָצק צום טאַטן אויף פסח. בין איך געגאַנגען זיך געזעגענען („לקחת ברכת פרידה״) פון שבט מיהודה, האָט ער מיר דאַן געזאָגט:

„— דו פאָרסט אַהיים צום טאַטן, זאָלסטו אַביסל פאַרבייגן דעם כבוד אב. דהיינו, ער וועט געוויס וועלן מקיים זיין די מצוות פון מצה ומרור מיט אַלע הידורים, פולע כזיתים און דאָס וועט אים שאַדן צום געזונט, זאָלסטו אים ניט לאָזן. זאָלסט אים זאָגן, פּוּנמיינעטוועגן, דאָס איך האָב

דיר אַזוי געהייסן אים ניט לאָזן. הגם, וואָס בין איך אַנטקעגן אים, כי מה אדע את אשר לא ידע, הן אין נגלה ווייסט ער אַ דין אין שולחן ערוך אַזוי ווי איך און ווער שמועסט אין נסתר, ווייסט ער נאָך בעסער פון מיר. נאָר עס איז אַ מצוה לשמוע דברי חכמים, הגם פאַר אים איז היינט ניטאָ קיין חכם. נאָר דאָך אַ גוטער פריינט בין איך דאָך צו אים...

דעם דריטן טאָג חול המועד פסח איז מיין פאָטער נפטר געוואָרן און ווען איך בין צוריקגעקומען קיין לובלין, האָב איך געבראַכט אַ מתנה דעם סידור „קול יעקב״ מיט כוונת האר״י על דרך הקבלה, וואָס איך האָב געפונען צווישן די ספרים פון מיין פאָטער ז״ל. דער רבי האָט מיר דאַן געזאָגט:

— „דעם סידור „קול יעקב״, ניט דו ווייסט אַריינצוקוקן אין אים און אויך איך ווייס גאָרנישט אין אים, נאָר אַלס מתנה, אין אָנדענק פון דיין טאַטן ע״ה נעם איך דאָס מיט אַ גרויסן דאַנק״.

וועגן זיין פאָטער ר׳ בעריש קאָצקער שרייבט ער מיר, אַז ער איז געזעסן כל ימיו און פאַרבראַכט בלויז אין תורה און עבודה, ווייל מיין זיידע האָט אים אויסגעהאַלטן מיט אַלץ, אַפילו די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, ווען ער איז שוין געווען שטאַרק פאַראָרעמט און אַליין געלעבט חיי צער, ניט וועלנדיק געניסן פון מתנת בשר ודם...

מיין פאָטער — שרייבט ער — האָט קיינמאָל ניט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות-שטעלע, כאָטש ער איז געווען אַ גרויסער למדן. נאָך דער פטירה פון כהן זצ״ל, האָט ער צוליב דעם טעם, ניט געוואָלט ווערן קיין „רבי״, ווייל ער האָט ניט געוואָלט געניסן פון אַנדערע.

איך קען אייך איבערגעבן, ווי אַזוי דער כהן זצ״ל, האָט גערעדט וועגן מיין פאָטער ז״ל. עס איז אַמאָל געווען אַ גרויסע שרפה אין קאָצק און עס איז אַוועק מיטן רויך זיין גאַנץ פאַרמעגן, אַפילו זיינע ספרים און די ספרים פונעם זיידן וואָס זענען געווען ווערט אַ הון רב און ער איז דאַן געווען אין לובלין דערוויסנדיק זיך פון דער שרעקלעכער בשורה. ר׳ יודל משמש, זייענדיק דערביי, ווי מען האָט דערציילט די שלעכטע נייעס און זעענדיק ווי ער ווערט גאָרנישט נתפעל, נאָר זאָגט כסדר „געלויבט השית״ב״, האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אַריין מיט אַ בהלה צום אדמו״ר הכהן זצ״ל, דערציילנדיק פון דער גרויסקייט פון מיין פאָטער, וואָס האָט זיך באַהערשט

און אויפגענומען די טרויעריקע בשורה פון ווערן אַ גרויסער אָרימאַן מיט פרייד. האָט אים דער כהן געזאָגט:

— „וואָס איז דיר אַ וווּנדער אויף ר׳ בערישן. דו האָסט דען אַנ־דערש געקלערט וועגן ר׳ בערישן. מיר איז גאָרנישט קיין וווּנדער. איך קען ר׳ בערישן.

איך וויל אייך אויך איבערגעבן פון זיין פטירה, וואָס איז געווען ווי פון אַ קדוש. פאַר דער פטירה, דעם ערשטן טאָג חוה״מו״פ, איז געקומען צו אים די שוועסטער, די מאַרקישאָווער רביצין, האָט ער איר געזאָגט: „אַז דו וועסט אהיים קומען, זאָלסטו בעטן דיין מאַן, ער זאָל מתפלל זיין, דאָס איך זאָל גרינג איבערקומען...״ די שוועסטער האָט זיך שטאַרק צע־וויינט:

„וואָס רעדסטו, השית״ב וועט דיר העלפן, וועסט נאָך זיין געזונט...״. האָט ער איר געענטפערט:

„דאָס איז אַ תפלת שוא, ווייל רוב גוססין למיתה... ער האָט זיך אָבער דאָך געשטאַרקט און צומאָרגנס, ערב שבת קודש, און פרייטיק־נאַכט גע־האַפט אויף דעם פרימאָרגן פון שבת, געקוקט אַלעמאָל אין פענצטער, זען צי ס׳איז שוין ליכטיק און ווען מ׳האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער קוקט אַזוי אויס דעם פרימאָרגן פון שבת, האָט ער געענטפערט, ווייל ער האָט געוואָלט מקיים זיין די מצוה פון סעודת שבת, ווייל דער כהן זצ״ל, אין דעם לעצטן שבת פאַר דער פטירה, האָט אויפגעגעסן דעם גאַנצן קוגל און ניט געגעבן קייז שיריים.

ווען ס׳איז ליכטיק געוואָרן האָט ער געוואַרט צו הערן קריאת התורה פונעם צווייטן צימער ווו סאָ׳יז געווען דאָס לובלינער שטיבל, אָפּגעדאַוונט, זיך געוואַשן מיט דער גרויסער „קוואָרט״, זיך געזעצט ביים טיש, געמאַכט „המוציא״, געגעסן אַ כזית, די זופּ, קוים באַוועגט די ליפּן, ווייל ער איז שוין געווען אין גסיסה־צושטאַנד, געבענטשט און נאָכדעם געדאַוונט מנחה, ווייל ס׳איז שוין געווען נאָך חצות און נאָכדעם געדאַוונט מוסף.

ער איז נאָכדעם אַריין אין בעט, זיך געהייסן ברענגען דאָס שטריימל, עס אָנגעטאָן און אַזוי זיך אויסגעצויגן, די פיס און די הענט, אויסהויכנדיק זיין הייליקע נשמה בנשיקה״...

***

און איצט די צוואה פון שבט מיהודה, ווי געצייכנט אויף דעם קאָנ־
ווערט:

„הנעתק מכתב יד בנו הר׳ ישראל נח איגר ז״ל אשר העתיק מכי״ק
ע״ת. און ווי דער שבט מיהודה האָט אָנגעשריבן אויפן קאָנווערט, איז ניט
דערלויבט געווען צו עפענען ביז דער לעצטער מינוט און אין דער אָנוועזנ־
הייט פון אַלע קינדער:

„הזהר והזהר לבל לפתוח שום איש בעולם את הקאָנווערט הזה קודם
רגע האחרון של אריכות ימים אשר יגזור ד׳ לי לחיים ואז יפתחו אותו בני
יחי״ שיהי׳ אז בביתי במעמד כולם יחד״.

די צוואה לייענט זיך:

„עזרי מע״י עושה שמים וארץ, אשר בידו נפש כל חי ורכב״א. יהי
שם ד׳ מבורך. צבא לאנוש עלי ארץ ולא ידע האדם את עתו. נתתי את לבי
לדרוש ולבקש את בני ואת החברה קדישא דעירנו יצ״ו וכל דורשי טובת
נפשי רוחי ונשמתי. בבקשה רבה ואזהרה גדולה איך להתנהג בי מרגע
אחרונה של ימי חיי עד כל ימי עולם והוא.

אין יידיש: מיין הילף איז פון ג־ט, באַשאַפער פון הימל און ערד, אין
וועמעס האַנט ס׳איז איבערגעגעבן די נשמה פון יעדן לעבעדיקן, זאָל ג־טס
נאָמען זיין געבענטשט. ער האָט באַשטימט פאַרן מענטשן אויף דער ערד
און קיין מענטש ווייסט ניט זיין צייט... איך האָב געטראַכט אין מיין האַרץ
צו זוכן און צו בעטן מיינע זין און די חברה קדישא פון אונדזער שטאָט,
ג־ט זאָל זיי היטן און שטאַרקן, און אַלע וואָס ווילן גוטס טוען פאַר מיר,
מיין גייסט און נשמה. מיט אַ גרויסער ביטע און וואָרענונג, ווי אַזוי זיך
נוהג זיין מיט מיר פון דער לעצטער מינוט פון מיין לעבן ביז דער אייבי־
קייט, און דאָס איז:

א) שלא לנהוג בי שום מנהג הנהוג עתה לעשות לאנשים אשר בשם
צדיקים יכונו, להדליק עד עת הקבורה נרות הרבה, רק כנהוג אצל אנשים
פשוטים קטני הערך וחלילה לשום איש להזכיר א״ע לפני גולם גויתי או
באיזה מקום בכל פינות הבית או אצל הקבר או לתוכו הן בשעת הקבורה
והן אח״כ לעולם, לא בע״פ ולא בשום רשימה על איזה נייר הנק׳ קוויטל.
חלילה וחלילה לעשות כן וכיוצא בזה.

מ׳זאָל זיך ניט נוהג זיין מיט מיר קיין שום מנהג ווי מען איז גע־

ווינט מיט צדיקים, אָנצינדן ליכט ביז קבורה, נאָר ווי מיט אַן איינפאַכן מענטש... קיינער זאָל זיך ניט מזכיר זיין פאַר מיר, ניט פאַר מיין קער־פער, ניט אין הויז און ניט ביים קבר... קיינמאָל ניט בעטן אויף אויסנווייניק און אויך ניט מיט קיין קוויטל...

ב) מי יתן ידעתי שאפעול, אני מבקש מאד לבל לעשות לי שום כבוד בלוי׳ גדולה ושלא להכניס אותי בשום מקום מקודש כמו ביהכ״נ או ביה־מ״ד וגם שלא להניח עלי שום ספר של תורה — וגם שלא להודיע לעיירות אנ״ש רק למעט הלוי׳ בכל מה דאפשר ואם יהי׳ באפשרות להוציא מטתי כלילה ולהסתיר הזמן ולגלות רק להחברה לוי׳ ונושאי המטה. המה לבדם יוציאו וישאו את מטתי וילוו אותי במנין עשרה עד זבולא בתרייתא.

הלוואי וואָלט איך געוווסט אַז איך וועל פועלן, בעט איך זייער מ׳זאָל מיר ניט טאָן קיין שום כבוד מיט אַ גרויסע לוויה און מיך ניט אַריינגעמען אין קיין שום הייליקן פלאַץ, ווי אַ שול אָדער אַ בית־מדרש און אויך ניט אַרויפלייגן אויף מיר קיין שום תורה־ספר און אויך ניט לאָזן וויסן אונ־דזערע מענטשן אין די שטעטלעך, נאָר טאָן אַלץ מעגלעכעס צו פאַרקלע־נערן די לוויה, און אויב מעגלעך אַרויסטראָגן די „מיטה״ ביינאַכט און ניט לאָזן וויסן די צייט, בלויז צו געציילטע חברה לוויה און נושאי המיטה, ביז אַ מנין...

ג) אשתי, בני ובתי יחי׳ והמשמשים ששמשו אותי בחיי מעודי עד יום האחרון, לא יהיו בחדר הרחיצה ולא ילוו אותי כלל וכלל, לא לפני המטה ולא לאחר המטה, ומטתי לא ישא רק החברה לוי׳ ונושאי המטה הקבוע בעיר, אחר טבילתם במקוה, כן גם תופר המלבושים וחופר הקבר הכל רק הקבועים בעיר ואחר טבילתם במקוה.

מיין פרוי, מיינע זין און טאָכטער און די באַדינער וואָס האָבן מיך משמש געוועזן ביים לעבן ביז לעצטן טאָג זאָלן ניט זיין, ניט אין חדר הרחיצה, ניט נאָכגיין דער לוויה און מיין מיטה זאָלן טראָגן די געוויינלעכע חברה נושאים פון שטאָט נאָך טבילה אין אַ מקווה, אַזוי דער וואָס וועט נייען די תכריכים און דער וואָס וועט גראָבן דעם קבר...

ד) מאד מאד אבקש בבקשה ואזהרה רבה לבל ליתן מקום קברי בהאהל הקדוש מקום קבורת שני הצדיקים הקדושים כ״ק אאמו״ר רבינו הקדוש זצקלה״ה והנה״ק הכהן זצקלה״ה, לא לבד שלא לעשות בי פירוד בין צדי־

קים הדבקים בחייהם ובמותם לא נפרדו רק גם בכל האהל עפ״י דין תורתינו קדושה שאסור לקבור אותי במקום קברי הצדיקים ורק אם אולי יורו המו־רים שאין למלאות חפצי זה, באשר כמדומה לי שראיתי מכבר באיזה ספר שו״ת, שנשאלה שאלה כזאת באחד שציווה שלא להניחו אצל אביו מטעם רא״צ (ולא אזכור התשובה) עכ״פ יהי׳ מקומי בצד שמאל של כבוד קדושת מר אבא זצקללה״ה לא מימינו בשום אופן ואבטח כי ר׳ שלמה־מאיר שליט״א לא יקפיד על זה, ורק אם יהי׳, באפשרות שיהי׳ מקומי בבי״ע הישן, ואם לאו בהחודש, יהי׳ באיזה מקום שיהי׳, מקום פנוי מקברות ארבע אמות מכל צד מקברי, ושיכתב בספר זכרון החברה קדישא שלא יקבר עולמית שום איש באותן ארבע אמות לא מחשש רא״צ רק להיפוך מהשש צא״ר או אם ירצו להקיף את הקבר וה״ד אמות מכל צד בגדר אבנים נמוך של ג׳ טפחים ולא יותר — וכן אם מקומי יהי׳ בעיר אחרת יהי״ הכל כנ״ל וחלילה וחלילה לעשות על קברי שום אהל או של עץ הנהוג כעת או שום מקום הדלקת שמן או נרות רק מצבה קטנה של אבן פשוט ושלא לרשום עלי׳ שום תואר של כבוד רק פ״נ בן רבינו הקדוש מוהר״יל זצקלל״ה בעל תורת אמת ואמרי אמת ושמו אברהם תנצב״ה, שבק חיים לישראל ביום וכו׳ בחדש... בשנת... ולא יותר אף תיבה או אות אחת וגם על אורך אבן פשוט בלי שום כתיבה וחלילה לשום אדם להזכיר עצמו או שום אדם או להניח שם איזה קוויטל... ומה טוב ששום איש לא יכנס כלל לפנים מגדר ושלא להדליק שם שום נר בשום זמן.

זייער און זייער בעט איך מיט גרויס בקשה און וואָרענונג ניט צו מאַכן פּלאַץ פאַר מיין קבר אינעם הייליקן אוהל, ווו ס׳זענען באַערדיקט געַ־וואָרן די צוויי צדיקים (מהרי״ל איגר און דער כהן זצ״ל), ניט בלויז ניט צו מאַכן קיין פּירוד צווישן די צוויי צדיקים, נאָר בכלל זאָל זיין פאַרבאָטן מיך צו לייגן אין הייליקן אוהל, נאָר אויב רבנים וועלן באַווייזן על פּי דין אַז מען מוז מיך ניט פּאָלגן... זאָל מען מיך לייגן פון דער לינקער זייט פון קבר פון מיין הייליקן פאָטער און כ׳בין זיכער אַז מיין ברודער שלמה־מאיר וועט ניט זיין קעגן דעם... בעסער וואָלט געווען מ׳זאָל מיך קובר זיין אויפן אַלטן אָדער נייעם בית־עלמין... און מ׳זאָל זיין באַהיט צו מאַכן אַרום מיין קבר אַן אוהל, אויסצוקריצן טיטלען אויף דער מצבה, צינדן ליכט... נאָר אויסקריצן די ווערטער, אַז דאָ ליגט דער זון פון אונדזער הייליקן

רבין מהרי״ל איגר, מחבר פון תורת אמת און אמרי אמת און זיין נאָמען איז אברהם... מער קיין וואָרט ניט.

ה־ו־ז) דף הרחיצה וכן המיטה לא תהיו חדשים, רק הדף והמטה הקבועים בעיר... המלבושים לא יהי׳ יקרים כלל רק כפשוטי וקטני הערך ויתפרם התופר הנהוג בעיר והטלית יהי׳ הנשאר לי מכ״ק אאמו״ר זצקלה״ה אם יהי׳ ראוי לעטפני בו... עד בה העתק מאשר התחלתי לכתוב ביום ב׳ תבוא י״א אלול, שנת תרס״א, ומכאן ואילך ביום הסמוך לחתימה.

אַלע זאַכן וואָס ווערן באַנוצט ביי אַ טויטן, אַריינגערעכנט די תכריכים זאָלן זיין די געוויינטלעכע וואָס ווערן באַנוצט פאַר יעדן פשוטן מענטשן. דעם טלית זאָל מען נוצן דעם פאָטערס וואָס איז ביי אים... געענדיקט דעם ערשטן טייל מאָנטיק, דעם 11טן טאָג אין אלול תרס״ה — 1905, אַרום 9 יאָר פאַר דער פטירה — נ. ש.

ח) ביום היא״צ אבקש ואזהיר מאד לבל להדליק נרות בשום ביהמ״ד או בית חסידים ושלא לעשות שום סעודה רק בני ידליקו כל אחד נר של שעוה לפני העמוד במקום תפלתו ויתפלל לפני התיבה וכן במוצש״ק שלפני יום היא״צ ומה טוב בכל ער״ח כל ימיהם ויעסקו כל ימיהם בתורה שבכתב ושבעל פה וביותר משניות בלימוד משניות כמסודר בסידור הרב עם ש״ת בשם הרה״ק מרוזין זצקלה״ה או כמו שנמצא במקומות אחרים בספרי המקובלים ולחלק צדקה לתיקון נשמתו כפי השגת ידם ולא ילכו על קברי כלל. גם יהדרו בכל שבת ויו״ט להתפלל מוסף לפני העמוד גם לעלות למפטיר.

אין דעם יאָרצייט־טאָג בעט איך און וואָרן ניט אָנצינדן ליכט אין קיין בית־המדרש אָדער חסידים־שטיבל; ניט צו מאַכן קיין סעודה. מיינע קינ־דער זאָלן אָנצינדן וואַקסענע ליכט און די זין זאָלן דאַוונען פאַרן עמוד און אויך מוצאי שבת פאַר דער יאָרצייט און נאָך בעסער יעדן ערב ראש־חודש און ראש־חודש. זיי זאָלן שטענדיק עוסק זיין אין לערנען אין תורה שבכתב און תורה שבעל פה און באַזונדערס אין משניות, ווי עס ווערט מסודר אין סידור הרב מיט די צוגאָבן פון ריזשינער זצ״ל און אין אַנדערע קבלה־ספרים און אויך געבן צדקה לויט זייערע מעגלעכקייטן און ניט גיין אויף מיין קבר. זיך באַמיען צו דאַוונען יעדן שבת און יום־טוב מוסף פאַרן עמוד און עולה זיין צו מפטיר.

ועתה בדברי ממונות הנוגע ג״כ לתיקון נשמתי:

ט) הסתה״ק שלי תעמוד תמיד בבית התפלה כ״ז שיתפללו אנשים בביהמ״ד שבביתי או באיזה מקום שיבחרו רובא דמינכר מהאנשים שהתפללו אצלי בחיים חייתי או ברבות הימים במקום שיסכימו הרוב מבניי יחי׳ או מבניהם וב״ב חרדים פה. וכן הסתה״ק של כ״ק אאמו״ר זצקלה״ה עם כלי הקודש — הסתה״ק של החסידים שבכתבו להם זה רבות יהי׳ ג״כ במקום שיתפללו הרוב מהם במקום אחד — הסתה״ק של המנות ר׳ לייבלי קאַזי־מירער ושל המנוח ר׳ מנשה־דוב עליהם שלום יהי׳ עפ״י הסכמת רוב מבני יחי׳ עם הסכמת אחי ה״ר שלמה־מאיר נ״י כפי הקוויטל שיש לי מאתו על חלקו בהס״ת הנ״ל.

די ספר־תורה מיינע זאָל שטענדיק שטיין אין בית־המדרש פון מיין הויז אָדער אין אַן אַנדער אָרט ווו ס׳וועלן דאַוונען די מערסטע מתפללים וועלכע האָבן געדאַוונט ביי מיר... אין שפּעטע יאָרן, ווו די מערהייט פון מיינע קינדער אָדער אייניקלעך וועלן אויסקלייבן זייער בית־תפלה... די ספר־תורה פון מיין היילין פאָטער און פון די פארשטאָרבענע ר׳ לייבעלע קאַזימירער און ר׳ מנשה־בער און אויך די ספר־תורה פון די חסידים, זאָלן זיך געפינען ווו די מערסטע מתפללים וועלן באַשליסן דאַוונען מיט דער צושטימונג פון מיין ברודער ר׳ שלמה־מאיר לויטן קוויטל וואָס איך האָב פון אים.

י) חלק הבית של ר״ל קאַזימירער ע״ה, הנכתב על שמי, לצורך צדקה בימי היא״צ שלו ושל אשתו ע״ה ,אבקש את בני יחי׳ שישתדלו שיוכלי למכרו ולעשות עם המעות דבר טוב ומועיל לשעתו או לזמן קצוב עפ״י חוו״ד חרוב מבני יחי׳ עם דעת ר׳ סנדר זילבער אך לא על עולמית; אולי נכון באיזה אופן שיתחלק לצדקה הקרן והרוחים יחד דבר שנה בשנה בימי היא״צ שלהם עד שנת תש״ג. דהיינו שנת החמשים של פטירת הנ״ל או לעשות בב״א דבר טוב הנחוץ בשעתו עפ״י חוות דעות הנל — וההוצאות ע״ז יקחו מבית הנ״ל.

דאָס חלק הויז פון ר׳ ליבוש קאַזימירער ע״ה, וואָס איז אָנגעשריבן אויף מיין נאָמען פאַר צדקה־צוועקן אין טאָג פון זיין און זיין פרוים יאָר־צייט, בעט איך מיינע זין, זיי זאָלן זיך באַמיען דאָס פאַרקויפן און מיט די געלטער טוען עפּעס אַ וויכטיקע זאַך פאַר יענער צייט אָדער פאַר אַ באַשטימ־

טער צייט, לויט דער פאַרשטענדעניש פון דער מערהייט פון מיינע זין, מיט דער צושטימונג פון ר׳ סענדער זילבער (שענסטער בעל בית, נדבן, עסקן און חסיד אין לובלין, זיין זון ר׳ הערשל איז געווען לאַנגיאָריקער פּרעזעס פון דער קהלה — נ. ש.) אָדער אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס געלט זאָל צעטיילט ווערן פאַר צדקה, סיי פונעם קרן און סיי פונעם ריווח ביז דעם יאָר תש״ג (1943 — דאָס יאָר ווען די נאַציס האָבן פאַרניכטעט דעם לובלינער „רע־זערוואַט״ און אָפּגעווישט דעם ישוב — נ. ש.) ביז דעם פופציקסטן יאָר פון דער פּטירה פון ר׳ לייבעלע קאַזימירער).

י״א) בביהכ״ס שתחת נומער 411 הנכתב על שמי, ישתדלי נא בני יחי׳, להחליטו לבית התפילה, באופן שיהי׳ בטוח ומובטח שיהי׳ תמיד בית תפלה לעדת יראים, והכנסת הדירה שתחתי׳ יהי׳ על הוצאות בית התפלה.

דאָס חסידים־שטיבל נומער 411 וואָס איז אָנגעשריבן אויף מיין נאָמען, זאָלן די זין זען, אַז ער זאָל בלייבן אַ בית־תפלה פאַר פרומע ייִדן און די הכנסות פונעם אונטערשטן שטאָק, זאָל זיין אויף אויסצוהאַלטן דאָס שטיבל.

י״ב) החצר ובית השחיטה של עופות הישן, ימכרו בהסכמת עדת יראים שבעיר והמעות יהי׳ על תלמוד תורה עפ״י חוו״ד היראים שבעיר.

דער הויף און דאָס אַלטע שחיטה־הייזל זאָל פאַרקויפט ווערן מיט דער גוטהייסונג פון אַן עדה פרומע ייִדן אין שטאָט און די געלט זאָל גענוצט ווערן אויף אַ תלמוד־תורה לויט דער באַשטימונג פון דער עדה פרומע ייִדן אין שטאָט.

י״ג) החוב 700 רו״ב על שמי בהיפּאָטיק של בית המנוח ר׳ נתנאל קאָפּילמאַן הוא של ת״ת ויעשו בזה עפ״י הגבאים דת״ת ולכשיסלקו הקונים את כל החוב יכתבו החוב על שמם...

דעם חוב פון 700 רובל (דאָן אַ גרויסע סומע — נ. ש.) פונעם היפּאָ־טעק אויפן הויז פון ר׳ נתנאל קאָפּעלמאַן ע״ה געהערט צו דער תלמוד־תורה און די גבאים זאָלן טאָן מיט דער סומע ווי זיי וועלן באַשטימען און נאָכדעם ווי די קויפער וועלן דערליידיקן דעם חוב זאָל עס ווערן איבער־געשריבן אויף זייער נאָמען.

י״ד) בהסך שש מאות רו״כ ליסטין לובלינער עם הקאנפאניס יעשו כפי הנרשם בקוויטל המונה עם הליסטין הנ״ל בנייר מיוחד, כן הליסטין המנו־

חים בנייר מיוחד לצורך תיקון עירובין יעשו עפ״י הסכמת ר׳ משה שטשע־ראַנסקי נ״י בצירוף עוד איזו אנשים נכבדים מהיראים יהי׳, הסכומים בקאָנ־ווערטלעך נרשם על כל אחד מי נתנם ולצורך מה ואת אשר לא ידעו בבירור, ישאלו להנותן ויעשו על פיו.

דאָ רעדט זיך וועגן לאָטעריע־ליסטע און מערקווערדיק, ווי ער וויל דווקא די באַראַטונג פון ר׳ משה שטשעראַנסקי, איינער פון די חשובסטע בעלי־בתים אין לובלין, אַ געווער „יושב״ פון די באַוווּסטע גערער חסידים אין פוילן און פאַרערער פון די לובלינער אדמור״ים — נ. ש.).

ט״ו) אם יזכנו עוד השית״ב מידו הקדושה באיזה רכוש מזומן וממה שיש לי בהבתים, ראשית הכל ישולמו כל החובות שלי ושל זוג׳ תחי׳ מה שלותה על פרנסתה ומה שיגיע לה לכתובתה עפ״י ד״ת ואם ישאר עוד מה שירשו בני יחי׳ היורשין דאורייתא, לא תטול בתי תחי׳ אף פ״א בתורת ירושה רק את אשר ידבנם לבם של בני יחי׳ כולם או מקצתם שיהי׳ לא־חותם תחי׳ הנ״ל יתנו לה בפירוש במתנה גמורה משלהם. על אמם תחי׳ אינני צריך לבקש כי בטח בעצמם יראו שיהי׳ לה דירה ומזונות בכבוד. אך גם זאת אבקש שבאם יאריך השית״ב ימי אמי מורתי הרבנית הצדיקות תחי׳ אחר אריכות ימי, יראו שיהי׳ לה הדירה ומזונות בכבוד.

אויב השם יתברך וועט מיך מזכה זיין מיט וועלכער ניט איז געלט־פאַרמעגן און פון די הייזער וואָס זענען אין מיין באַזיץ, זאָל פריער פון אַלץ ווערן באַצאָלט מיינע חובות און די חובות פון מיין פרוי וואָס זי האָט גע־באָרגט אויף פרנסה און איר זאָל מען באַצאָלן די כתובה לויט דעם יידישן דין און אויב ס׳וועט נאָך בלייבן ירושה פאַר מיינע זין, די יורשים לויט דער תורה, זאָל מיין טאָכטער ניט נעמען קיין חלק ירושה, בלויז נאָר דאָס וואָס אַלע אָדער אייניקע פון די ברידער וועלן איר געבן אַלס מתנה... וועגן דער באַהאַנדלונג פון זייער מוטער איז ניט צו דערמאָנען, זיי וועלן זיכער טאָן אַלץ איר צו באַזאָרגן מיט וווינונג און שפייז בכבוד. איך בעט אָבער, אַז אויב השם יתברך וועט געבן אריכות ימים מיין מוטער, די רביצין זאָל לעבן, זאָלן זיי אויך איר באַזאָרגן מיט דירה און מזונות בכבוד.

ט״ז) הספרים שלי מירושת כ״ק אאמו״ר זצקלה״ה יחלקו ביניהם בני יחי׳ עפ״י גורל עפ״י שומת הבקיאים והספרים אשר קניתי או שנתנו לי יתנו

את הדרושים לביהמ״ד שבביתי ומהם לביהמ״ד דרבינו הקדוש זצקלל״ה והדרושים לת״ת—לבית הת״ת.

מיינע ספרים פון מיין פאָטערס ירושה זאָלן די קינדער צעטיילן צווישן זיך, לויט אַ גורל און לויט דער אָפּשאַצונג פון מענטשן וואָס וויסן זייער ווערט; די ספרים וואָס איך האָב געקויפט אָדער מ׳האָט זיי מיר געגעבן, זאָל מען געבן אין בית־המדרש ביי מיין וווינונג און אין בית־המדרש פון רבינו הקדוש (געמיינט דעם „חוזה״ מלובלין — נ. ש.) און נוצלעכע פאַר דער תלמוד־תורה זאָלן געגעבן ווערן דער תלמוד־תורה.

י״ז) אם ישאר איזה סכום מזומן יתנו מזה איזה סך בצנעה לפני המטה ועל המלבושים ועל הוצ׳ הקבורה ובעד מקום וד׳ אמות מכל צד כמבואר לעיל.

אויב ס׳וועט איבערבלייבן אַ געוויסע סומע פאַר צדקה באַהאַלטן (מתן בסתר — נ. ש.). ביי דער לויה, אויף הוצאות תכריכים, קבורה און קבר מיט די פיר איילן אַרום, ווי שוין דערמאָנט.

י״ח) הכתובים של תורה המוחים בארגז שלחני הוא כך: כל הכתובים בכתב ידי משנים הראשונות קודם שהורגלתי לומר ד״ת העילים ברעיוני בשעת או סמוך לאמירה וידעתי כי בש״ק יתרצו אנשים הבאים לשמוע ד״ת הכינותי לי לפני השבת מאמרים בכתב למען אחזור עליהם בשבת מפי כתבי ולקבוע זכרונם במוחי שאוכל לאמרם על שלחני ומה שלא אמרתי אח״כ בש״ק רשמ־תי אחר השבת לא נאמר ואח״כ משנת תרנ״ב ואילך נמלכתי ע״ז ואמרתי רק העולה על רעיוני כמעט בעת הסעודה או סמוך לה לפני׳ ואני בעצמי לא כתבתי דבר זולתי פעמים כתבו איזו אנשים ורק מן פ׳ שלח תרס״ה נתעוררתי ונדרשתי לבקשת בני יחי׳ שאכתוב בעצמי את אשר אזכור ממה שאמרתי בש״ק ויוכלו בני יהי׳ להעתיק כל אחד לעצמו מהכתבים האחרונים ומכתיבת ידי זולתי ומה שימצאו שיבוש או טעות יתקנו וויעיינו בהם בכל עת הכושר להם ובפרט בש״ק ולהדפיסם לא אוכל להרשות בלתי אם באפ־שרות שיהי׳ בלי שום שום שער מהקדמה בהודעה מבטן מי יצאו רק שם הספר לבד — אולי שבט מיהודה.

מיט די תורה כתבים וואָס געפינען זיך אין טישלאַד זאָל זיין אַזוי: די וואָס זענען געשריבן געוואָרן דורך מיר אין די ערשטע יאָרן, איידער כ׳האָב זיך צוגעוויינט צו זאָגן דברי תורה וואָס פאַלט מיר איין ביים טיש... און די

כתבים פון נאָך תרנ״ב וואָס כ׳האָב געזאָגט בלויז דאָס וואָס מיר איז געקומען אויפן רעיון בעת דער סעודה און איך האָב ניט געשריבן, בלויז אַנדערע האָבן פאַרצייכנט און נאָר פון פ׳ שלח תרס״ה (1905) בין איך נאָכגעקומען דעם פאַרלאַנג פון מיינע קינדער צו פאַרשרייבן דאָס וואָס כ׳האָב געזאָגט שבת ביים טיש... זיי זאָלן קענען מעתיק זיין און אַריינקוקן אין זיי ביי אַ געלעגנ־הייט און אויב זיי געפינען אַ טעות זאָלן זיי מתקן זיין... צו דרוקן זאָל זיין פאַרבאָטן, סיידן אָן אַ הילע און אַ הקדמה וואָס זאָל דערציילן ווער ס׳איז דער מחבר... אפשר נוצן דעם נאָמען שבט מיהודה. (די גרעסטע צאָל פון תורה־שמועסן האָט אויפגעשריבן זיין חסיד־מקורב, ר׳ העשל טאַרבינער).

י״ט) בני ונכדי לא יזכירו אותי בכתביהם בשום תואר הכבוד אף לא „בהרב״״ רק אמנם בן לאאמ״ר אברהם תנצ״ה או יותר נכון רק בשם חניכת המשפחה. כן אני מבקש ומזהיר לכל מיודעי שכשיזדמן להם לזכור אותי בדבריהם לא יאמרו כנהוג „הרבי ז״ל״, רק „הלובלינער ע״ה״. וכן בכתב.

מיינע קינדער און אייניקלעך זאָלן מיך ניט דערמאָנען אין זייערע בריוו מיט קיין שום טיטל, אַפילו ניט הרב, בלויז שרייבן זון פון אברהם... אַזוי בעת איך אויך אַלע מיינע באַקאַנטע, אַז ווען ס׳וועט זיי אויסקומען צו דערמאָנען מיין נאָמען זאָלן זיי ניט זאָגן דער רבי ז״ל, נאָר דער „לובלינער ע״ה״ און אַזוי אין שריפט.

כ) עתה אתם בני ונכדי ומיודעי יחי׳. לא יעלה על לבבכם לחשוב את בקשתי בכל הנ״ל לאיזה צדקות וענויות, רק כן הוא הדבר כאשר כתבתי גלוי וידוע לפני היודע תעלומות סתרי כל חי וכולי האי, ואולי ירחם עלי השית״ב לבלתי ידח ממני נדח ויחתיר לי התירה מתחת כסא הכבוד ויחזירני בתשובה שלימה לפניו בעודי בחיים לתקן כל אשר שחתי.

ועליכם לחוס עלי שלא להוסיף עכ״פ מכאוב על מכאובי נשמתי בתת לי כבוד השייך לאיש ת״ח וצדיק ולעורר בזה ח״ו עוד הזכרת עוונותי המרו־בים. כי מהראוי הי׳ לגרר עצמותי על מטה של חבלים שיהי׳ בזיוני איזה כפרה על עוונותי אך מה לי לבקש דבר נמנע. אך עכ״פ מבקש ומזהיר אנכי למלאות כל מבוקשי הנ״ל ויה״ר שיהי׳ מיתתי והעדר כבודי כפרה לכל עוונותי.

ואתם בני יחי׳ עליכם להיות ברא מזכה אבא בהטבת דרכיכם וללכת בדרכי ד׳, לעסוק בתורה ובמעשים טובים, ולגדל את בניכם על דרכי התורה

ויראת שמים ולמנעם מן ההגיון ומתערובות שמץ ההסכלה הארורה, אולי תזכו אתם ובניכם להעלות מן שאול נפשי ומשחת ימי חיי לאור באור החיים האמתיים, אמן.

איצט, מיינע זין, אייניקלעך און פריינט זאָלן לעבן. ס'זאָל ניט קומען אויף אייער געדאַנק צו באַטראַכטן מיין פאַרלאַנג... אַלס אַן אויסדרוק פון פרומקייט און באַשיידנקייט. די זאַך איז, ווי איך האָב דאָס איבערגעגעבן, אַנטפּלעקט און באַוווּסט פאַר דעם וואָס ווייסט די באַהעלטעניש פון אַלץ באַשאַפענע... און אפשר וועט זיך דערבאַרעמען אויף מיר דער באַשעפער און מיך ניט פאַרשטויסן ,געבן מיר אַן אָרט אונטערן כסא הכבוד און צונעמען מיין תשובה, געפינען אַ תיקון פאַר אַלץ וואָס איך האָב פאַרדאַרבן.

און איר, האָט רחמנות אויף מיר, ניט צו מערן אַמווייניקסטנס ווייטיקן אויף די ווייטיקן פון מיין נשמה מיט געבן מיר כבוד וואָס געהערט צו אַ תלמיד חכם און צדיק און דערוועקן דערמיט חס ושלום מיינע זינד. ווייל געדאַרפט וואָלט מען שלעפן מיינע ביינער אויף שטריק, מיין בזיון זאָל זיין אַן אָפּקימעניש און פאַרגעבונג פאַר מיינע זינד — אָבער צו וואָס בעטן אַ זאַך וואָס וועט ניט זיין אויספירבאַר. בעט איך אַמווייניקסטנס מיר נאָכגעבן דאָס פאַרלאַנגטע... מיין טויט און אומכבוד זאָל זיין אַ פאַרגעבונג אויף מיינע זינד.

און איר מיינע זין, זאָלן לעבן, זאָלט זיין פון די וואָס זענען מזכה זייערע עלטערן מיט דער אויסבעסערונג פון זייערע דרכים, גיין אין ג־טס וועג, זיין פאַרנומען מיט תורה און גוטע מעשים און דערציִען די קינדער אויפן תורה־וועג און גאָטפאַרכטיקייט. זיי אויסהיטן פון דער פילאָזאָפיע און געמיש פון דער פאַרשאָלטענער און שעדלעכער השכלה אפשר וועט איר זוכה זיין מיך אַרויסצוראַטעווען פון גיהנום „שאול און שחת" און מיך ברענגען צו דער ליכט פון אמתן לעבן, אמן.

ובלב נשבר ונדכה אבוא על התחום, היום יום ה', ויחי, י"ד טבת, שנת תרס"ו אברהם בהרב הקדוש מוהרי"ל איגר וצוקלה"ה זי"ע ועכי"א.

מיט אַ צעבראָכן האַרץ, חתמע איך זיך, דאַנערשטיק ,ויחי, פערצן טאָג אין טבת, תרס"ו (1906) אברהם, זון פון ר' ליבלי איגר זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

און אַ צושריפט פונעם מעתיק:

„ופטירת עליית נשמתו הי׳ ביום כ״ב טבת, תרע״ד (1914). ענוותנותו וצדקתו יעמוד לנו ולכל ישראל, אמן״.

**
*

זאָל זיין הייליקער אָנדענק בלייבן אויף אייביק און דינען פאַר אַלע דורות אַלס מוסטערהאַפטע באַשיידנקייט פון אַ קדוש בן קדושים, אַ צווייג פון גרויסן יחוס, וואָס האָט אויסגעוואָרצלט פון זיך יעדן שמץ פון אָנער־קענונג פאַר זיך. 41 יאָר נאָך זיין פטירה און ווי לעבעדיק עס איז אין זכרון פון געציילטע לובלינער חסידים אויף דער וועלט, די פּרעכטיקע געשטאַלט פון ענו צווישן ענוים, דער גרויסער אוהב ישראל און טיף־דענקנדיקער ייד וועלכער האָט זיך איינגאַנצן מבטל געווען לגבי דער קדושה פון זיינע אבות און לגבי די צדיקים פון דור. די עניוות איז ביי אים געווען אַ יסוד — אַן עיקר אין זיין לעבן.

הרב רבי אברהם־יצחק סילמאַן, דער כמעלניקער רב, איז נפטר געוואָרן אין תרפ״ט. תנחומים צו זיין זון, דעם באַקאַנטן פירער פון תורה ועבודה, ר׳ יעקב סילמאַן, געפינען מיר אין „נתיבה״, ירושלים, פון א׳ כסלו, תרפ״ט. ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע לובלינער חסידים.

ר׳ יעקעלע סילמאַן איז צוריק געקומען קיין פוילן איבערנעמען אַ רבנות־שטעלע אין אַ שטעטל פון קיעלצער געגנט און ער האָט געטיילט דעם זעלביקן גורל פונעם פוילישן יידנטום, הי״ד.

קאַפּיטל זעכצן

אדמו״ר ר׳ צדוק הכהן

1. דער ריז צווישן ריזן

אין מיין ספר לובלין, האָב איך, שרייבנדיק וועגן כהן זצ״ל, אָנגעוויזן, אַז מיין אַרבעט איז ניט אויסשעפּנדיק, ווייל וועגן אַ ריז אין נסתר און נגלה, ווי דער לובלינער כהן שטעלט מיט זיך פאָר, איז אוממעגלעך צו שרייבן אויספירלעך. ער איז געווען דער רבי פון רביים און רבנים, דער מנהיג און צדיק אין מידות און אין עבודת השם — און אַפילו אין אַ ספּעציעל־געווידמעט ספר, קען מען ניט מצמצם זיין אַזאַ גדלות און גאוניות.

ווען ד״ר יצחק רפאל (ווערפל), פירער פון הפועל המזרחי און חבר הכנסת, האָט באַזוכט טאָראָנטאָ (פעברואַר 16—21, 1955) האָט ער מיר עטלעכע מאָל באַמערקט, אַז איך וואָלט געדאַרפט שרייבן וועגן דער השפעה פונעם כהן אויף הרב קוק זצ״ל, דעם טעאָרעטיקער פון רעליגיעזער תחיה און ציִען פּאַראַלעלן צווישן די צוויי גדולי הדור.

איך האָב זיך געפילט קאָמפּלימענטירט פון אַט דער אַרויספאָדערונג וואָס קומט פון אַ חסידות־קענער און פאָרשער. ער האָט מיר אויך געבראַכט אַ מתנה, דאָס דאָזן נאָר־וואָס דערשינענע בוך וועגן כהן פון הרב א. י. בראָמבערג, אייניקל פון ר׳ חיים שידלאָווסקי (ר׳ חיים פּעטריקאָווער) באַוווסטער חסיד פונעם כהן.

דורכלייענענדיק דאָס גאַנצע ספר (אַנטהאַלט 176 זייטן), באמת אַ גוטע אַרבעט, האָב איך געזען, אַז אַפילו נאָך אים, בלייבט נאָך אַלץ אַ ברייטער „מקום להתגדר״. מיר האָבן שוין עטלעכע ווערק וועגן כהן און עס

וועלן קומען אַנדערע און האָבן וואָס מוסיף צו זיין, ווי הרב בראָמבערג שרייבט וועגן אים: „אחד מבני העליה המועטים שבדור האחרון בפולניה. אישיות רבת גוונים: גאון וחסיד, מקובל וחוקר, אדמו״ר וסופר, פשטן ועמקן, איש האשכולות שהכל בו ומכל לא הניח ידו״. און ווען מ׳שרייבט וועגן אים, שרייבט מען במילא וועגן קאָצק, איזשביצע און גאָר באַזונדערס וועגן לובלינער איגר־חסידות.

אינטערעסאַנט, אַז אין דער זעלביקער צייט, ווען אַ ייִד אין טאָראָנטאָ איז געזעסן און געשריבן וועגן אַ כהן, איז אַ רב אין ירושלים געזעסן זיבן יאָר, טאָג און נאַכט און מיט גרויס פלייס פאַרענדיקט אַ מאָנאָגראַפיש ווערק. עס וועלן קומען נאָך ווערק וועגן כהן גדול, וועמעס חלומות צריכין לימוד... אַפילו די חלומות זיינע זענען גרויס אין אַלע הינזיכטן און חלומות האָט ער געהאַט אַ סך זינט דעם יאָר תר״ה, אַריינרעכענענדיק אויך דעם חלום זיינעם ווען ער איז אַריין אין דער חבריא קדישא פון איזשביצע.

זיין התנהגות איז מערקווירדיק פון זיין קינדהייט אָן: מערקווירדיק איז זיין אויפשטייג אַלס עילוי; מערקווירדיק זענען זיינע ערשטע טריט, זיין אַרומוואַנדערן צוליב דעם צוועק פון קריגן אַ „היתר מאה רבנים״; מערקווירדיק איז זיין ווערן אַ חסיד נלהב פון אַ מתנגד חריף, זיין תקופה פון שווייגן (פון תרי״ד, פטירה פון איזשביצער ביז תרמ״ח), זיין באַהאַלטן זיך אין חדרי חדרים, זיין קעגנערשאַפט צום פּלפּול־לערנען — און מערקווירדיק זיין פּירערשאַפט אַלס מורה ומנהיג פון תרמ״ח ביז תר״ס, ווען ער האָט זיך באַוויזן אַלס אומגעהויער שעפערישער כוח, מעין הנובע... און הרב בראָמבערג באַמערקט ריכטיק, אַז דורות וועלן ציִען יניקה פון זיינע ספרים און פון זיין לעבן בכלל.

2. ביאָגראַפיש

ר׳ צדוק הכהן ראַבינאָוויטש (תקפ״ג—תר״ס), ווי זיין אַפּיציעלער נאָמען איז געווען (צוליב פאַרשידענע טעמים געענדערט זיין נאָמען אויף רובינשטיין), האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ באַרימטער משפחה פון רבנים, גאונים, מתנגדים אין ליטע און קורלאַנד. זיין פאָטער, ר׳ יעקב, רב אין קרייז־

בורג, קורלאַנד, איז געווען אַן אייניקל פון ר׳ זלמן מירלס, רב אין אַל־טאָנאַ־האַמבורג־וואַנזבעק (אה״ו), שווער פון „חכם צבי״; זיין מוטער איז געווען די טאָכטער פון ר׳ צדוק הלוי הורוויץ, אייניקל פון של״ה.

זיין פאָטער ר׳ יעקב, איז געווען דער זון פון ר׳ אשר בן אביגדור הכהן, רב אין קריניק. ער איז אָבער, ניט געקוקט אויף זיין מתנגדישן אָפּשטאַם, געווען זייער נאָענט צום חסידיזם און ווי שמואל אונגער דער־ציילט 1) האָט ער אַ סך געליטן און געמוזט פאַרלאָזן זיין שטאָט, צוליב דעם וואָס די רביצין האָט זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז ביי איר מאַן אין הויז פאַרברענגען אין לערנען חסידישע יונגעלייט. ר׳ יעקב איז אויך דער מחבר פון אַ צאָל ספרים. דער כהן דערמאָנט זיי.

ר׳ צדוק איז געבוירן געוואָרן כ״ב שבט תקפ״ג 2) און שוין אַלס קינד האָט ער באַצויבערט אַלעמען און אַרויסגערופן באַוווּנדערונג מצד אַלע די וואָס האָבן געהערט פון אים. ער האָט, למשל, געמאַכט די ברכה „שהכל״ אויף דער מילך וואָס ער האָט געזויגן... בראַמבערג גיט צו, אַז צו דריי און אַ האַלב יאָר, האָט ער שוין געלערנט גמרא מיט תוספות.

ס׳האָט אַמאָל געטראָפן, ר׳ צדוק איז דאַן אַלט געווען אַרום זעקס יאָר, דאָס קינד איז אַרויס אין גאַס און שפּאַצירט, פאַרטראַכט אין לערנען און ניט דערזען, אַז אַ וואָגן מיט היי קומט אָן. דער וואָגן איז אַרויף אויף אים, צע־קלאַפּט אַזוי שטאַרק, אַז אַ העפּט איז געבליבן אויף זיין שטערן דעם גאַנצן לעבן.

זיין פאָטער ר׳ יעקב, דערהערנדיק פון דער געשעעניש, איז געפאַלן חלשות, קראַנק געוואָרן פון אָט דער שרעק און אין זעלביקן יאָר נפטר גע־וואָרן, איבערלאָזנדיק זיין צדוקל, אַ זעקס־יאָריק יתומל.

זיין מוטער האָט נאָכדעם חתונה געהאַט צום בעטאַנער רב און אים האָט גענומען זיין פעטער (דעם פאָטערס ברודער) ר׳ יוסף הכהן ראַבינאָוויץ, מחבר פונעם ספר „כפות זהב״ און שפּעטער — רב אין קריניק, ווו ער האָט פאַרגעזעצט זיין לערנען. זיין התמדה איז געווען אויסערגעוויינלעך און זיין עילויִשקייט איז אַריבער אַלע גרעניצן.

ביים פעטער אין הויז האָט ער געהאַט די ערשטע חלומות. דער פעטער

1) אין זיין „תולדות הכהן״, לובלין, שניידמעסער, תרפ״ד 1924, ז״ז 13—14.
2) לויט אונגער, כ״ג שבט.

איז אוועק און מ׳האָט פון אים אַ האַלב יאָר ניט געהערט; האָט ער געמאַכט „השבעת חלום״ און פון הימל האָט מען אים אַנטפּלעקט, אַז ער איז רב אין קרינִיק, ביי ביאַליסטאָק 3). אין עלטער פון אַכט יאָר האָט ער געמאַכט אַ סיום הש״ס און באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער געגנט. ר׳ יצחק אלחנן ספּעקטאָר (קאָוונער רב), ווערט דערציילט, האָט אים פאַרהערט און איז איי־בעראַשט געוואָרן פון זיין בקיאות און חריפות. ער האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז זיכער ,אַז ער וועט זיין אַ גדול בישראל. ער פלעגט שטיין אַ גאַנצע נאַכט און אַפילו קיין דרימל ניט געכאַפּט, שוין אָפּגערעדט פון צולייגן זיך בייטאָג.

צו 12 יאָר האָט ער שוין געשריבן שו״ת, ווי ער אַליין שרייבט אין זיין „אגרת הקדוש״, (פון יאָר תרכ״ד—1864) וועגן חיבת ישוב א״י. צו זיין בר־מצוה, האָט ער געהאַלטן די דרשה פּ׳ שקלים, (תקצ״ו), פיר פּלפּולים, גע־דרוקט אין זיין ספר „משיב צדק״ און אויך געשריבן שירים. ער האָט זיך דאַן אויך פאַרנומען מיט חקירה ספרים און געשריבן שטודיעס וועגן תולדות חכמי ישראל, ווי הגהות צום ספר „ערכי הכנויים״ פון ר׳ יחיאל היילפּרין, בעל סדר הדורות און אַנדערע.

צו דער בר־מצוה, ווי דערמאָנט, האָט ער געהאַלטן פיר גרויסע פּלפּולים האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג ביי די גדולים פון דור 4) און באַקאַנט גע־וואָרן אַלס עילוי פון קרינִיק — אַ נאָמען וואָס ער האָט געטראָגן ביז ער איז אַריין אין חסידים־לאַגער און באַוווּסט געוואָרן אַלס כהן פון לובלין.

ווען ער איז עלטער געוואָרן, ווערט דערציילט, האָבן שדכנים ממש באַ־לאַגערט זיין פאָטערס הויז. ס׳האָט אָבער אָפּגעגליקט דעם וולאָדאַווקער גביר ר׳ שמואל־הירש הכהן צו קריגן אים אַלס איידעם (דער ר׳ שמואל האָט גע־האָט געקליבענע בני תורה אַלס זיינע איידעמס). זיין גליק איז געקומען דורך זיין פריינט ר׳ דוד, אַן אָקסן־סוחר, וועלכער איז געקומען קיין קרינִיק און זיך דערוווּסט פונעם יונגן עילוי.

אין זיין שווערס הויז, האָט ער זיך געפירט מיט אויסערגעוויינלעכער חסידות. אויף פּסח, למשל, האָט מען פאַר אים געמוזט האָבן אַ באַזונדערע

3) זע, ש. אונגער, לתולדות הכהן, ז״ז 15—16; בראַמבערג, דאָרט באריכות.
4) תולדות הכהן, ז״ז 15—16.

קיך, באַזונדערע כלים און אַ באַזונדערן צימער. ער האָט ניט געגעסן צוזאַ־מען מיט דער פאַמיליע. ווער ס׳איז אַריין צו אים, האָט פריִער געמוזט אויסשאָקלען זיינע קליידער און אַלץ וואָס ער האָט געטראָגן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל חלילה ניט אַריינברענגען קיין שמץ פון חמץ... זיין בדיקת חמץ ערב פסח האָט געדויערט אַרום פיר־פינף שעה. ער איז אַזוי באַרימט געוואָרן אַלס גאון, צדיק און לעגענדאַרישע פערזענלעכקייט.

ער איז אַמאָל געגאַנגען מיט זיין שווער און פאַרבייגעגאַנגען אַ בוים, שטעלט ער זיך אָפּ, באַטראַכט דעם בוים איין מאָל און נאָכאַמאָל און רופט זיך אָפּ: — איך קען אייך זאָגן וויפל בלעטער דער בוים האָט... זאָגט צו אים דער שווער: — וואָס? כ׳וועל אַרויפגיין אויפן בוים ציילן? ענטפערט ער: — האַקט אָפּ אַ צווייג פונעם בוים און ציילט איבער די בלעטער און איך וועל אייך זאָגן וויפל בלעטער ס׳פעלן פונעם בוים... האָט דער שווער אַזוי געטאָ־ און זיך איבערצייגט, אַז דער איידעם זיינער איז געווען גערעכט.

ס׳קורסירן צווישן חסידים אומצייליקע אַזעלכע וווּנדער — אָבער ניט דאָ איז דאָס אָרט מאריך צו זיין. פאַר דער צייט וואָס ער איז געווען אין וולאָדאווקא, איז ער געווען „זיווה והדרה...״.

קנאה עסט אָבער אויף מענטשן און מתקנאים פון ר׳ שמואל־הירשן האָבן אויסגעטראַכט אויף זיין טאָכטער פאַרשיידענע שלעכטע זאַכן און דאָס אי־בערגעגעבן צום יונגען פרומען איידעם. דער לעצטער האָט אָנגעבאָטן אַ גט זיין פרוי — אָבער זי האָט קיין גט ניט געוואָלט נעמען. ניט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער וועלט קריגן היתר מאה רבנים.

די נסיעה איז פאַר דעם יונגען עילוי געווען גאָר אינטערעסאַנט. ער האָט זיך באַקענט מיט די גדולי־הדור, זיך מפלפל געווען מיט זיי און לסוף, אין יאָר תר״ד זיך באַזעצט אין ווינאָווי־טשעכאָוו־לובלין, ביים אָרטיקן רב ר׳ שלום־אליעזר, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן רב אין פּיעטרקאָוו (ער איז געווען דער שווער פון ר׳ לייבוש, רב אין כמעלניק און נאָכדעם אין אָזשע־ראָוו). דאָרט, אין טשעכאָוו, האָט ער חתונה געהאַט מיט חנה דבורה די צניעותדיקע טאָכטער פונעם אָרטיקן גביר און חסיד ר׳ ישראל־יעקב.

אין מיין ספר „לובלין״, האָב איך שוין אַביסל אַרויסגעבראַכט די דאָ־זיקע וואַנדער־עפּאָכע, ביז ער איז געקומען אל המנוחה... אויפן וועג האָט

ער זיך געטראָפן מיט די גאונֵי הדור, ווי ר׳ יעקב אָרנשטיין (לעמבערגער רב, מחבר פון „ישועות יעקב״), ר׳ צבי הירש חיות, ר׳ שלמה קלוגער, ר׳ יוסף שאול נאַטאַנזאָן 5) און מיט די גדולי האדמור״ים, ווי דעם חדושי הרי״ם, ר׳ שלום רוקח (בעלז), ר׳ חיים צאנזער (דברי חיים), ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער און אַנדערע ביז ער איז געקומען צום איזשביצער.

ווי געזאָגט פריִער, האָט ער נאָך אין גאָר יונגן עלטער זיך אָפּגעגעבן מיט שרייבן וועגן תולדות חכמי ישראל, לויטן סדר הדורות פון ר׳ יחיאל היילפּרין. ער האָט פּלאַנירט אַ לעקסיקאָן לויטן אלף־בית סדר. געבליבן פון יענע אַרבעטן זענען בלויז צוויי קונטרסים, איינער אַ קונטרס „זכרון לראשו־נים״, ווי ער אַליין שרייבט: „והחילותי לסדר קונטרס זה בשנת תקצ״ז, בעיר גידולי קריניק ואני נער בן י״ג שנה... כבר כתבתי קונטרס אמבוהא דספרי על הספרים מחז״ל בעלי התלמוד 6). דעם צווייטן קונטרס האָט ער גערופן „שמות בארץ״, אַן אָנהייב אַרבעט וועגן חכמי ישראל הגאונים והפוסקים מאחרי חתימת התלמוד 7).

אָבער דאָס פריִע חתונה האָבן, אין עלטער פון 15 יאָר, האָט ווייזט אויס אים אָביסל געשטערט, ניט אַכטנדיק וואָס ער איז ביים גרויסן ווײַן־סוחר אין וולאָדאַווקא 8) געזעסן טאָג און נאַכט על התורה ועל העבודה. ביים שווער אין הויז, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן זיין ספר „אוצר המלך״ (תקצ״ט) און אין עלטער פון 17 יאָר פאַרענטפערט ער אַ סך השגות פונעם ראב״ד אויפן רמב״ם. ער האָט דאַן, בשנת ת״ר פאַרענדיקט ש״ס, זיך אויסדריקנדיק:

---

5) זע, שואל ומשיב, מהדורא שתיתאי, סימן ג״ד, תשובה להרב החריף מו״ה צדוק הכהן מקריניק במדינת ליטא, שאלה וכו׳ אשר שאל בהיותו פה עמדי... און ער שרייבט ווייטער: „ומה שכתב חריפותו ובקיאותו סמך על דעתו ולא הזכיר המקומות ואני לא ידעתי...״

6) זע, דאָרט, באריכות. דער דאָזיקער קונטרס, איז לעצטנס דערשינען דורכן מוסד הרב קוק.

7) דער קונטרס אַנטהאַלט זעקס ערכין פון אות א׳. נאָכקאָפּירט פונעם כתב יד, דורכן אייניקל פון שפת אמת (מיין פריינט דער קדוש ר׳ דוד אַלטער פון לובלין, זון פון ר׳ משה בצלאל מגור און איידים פון לובלינער רבין ר׳ עזריאל מאיר איגר זצ״ל הי״ד). די צוויי קונטרסים, האָט ב. געפונען ביי ר׳ דודס ברודער ר׳ אברהם־מרדכי אַלטער און זיי איבערגעגעבן צום דרוק אין „סיני״, תש״ז (חוב׳ ניסן־אייר. זע, דאָרט, באַכבאַם. פון הרב מימון.

8) לויט ש. אונגער, געווען אַן אָקסן־סוחר... יעדנפאַלס, אַ רייכער ייד!

„סימתי את הש״ס בשנת טו״ב לימי חיי... און פאַרענדיקט אַ צאָל וויכטיקע מאמרים, צווישן זיי, דעם גרויסן מאמר וועגן לשון הקודש, טאַדלענדיק דעם אברבנאל פאַר געוויסע אויסדריקן זיינע, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז מ׳טאָר ניט אָפּנויגן פון די חכמי התלמוד.

דעם כהנס דרך בכלל, ווי ס׳איז באַקאַנט שוין פון דעם שפּעטער־דיקן פּעריאָד, איז געווען באַזירט אויף דער פעסטגעשטעלטער אַקסיאָמע, אַז פון די חז״ל טאָר מען נישט אָפּנייגן, זייענדיק איבערצייגט, אַז דער תלמוד איז ברוח הקודש... ער האַלט זיך ביי דער זעלבער מיינונג, ווי דער מהרש״ל אין זיין קריטיק אויפן אבן עזרא.

יענע צייט, די צייט פון זיין עסן „קעסט" אין וולאָדאַווקאַ, איז געווען פון די שעפערישסטע אין זיין לעבן, געשריבן אַ קונטרס צום סיום הש״ס, געשריבן אַ סך אויפן געביט פון חקירה, אפילו וועגן אַלגעברע.

די גרעסטע ענדערונג אין זיין לעבן, איז פאָרגעקומען בעת זיין נסיעה און די וואַנדערונגען און ער אַליין האָט אַ סך פאַרצייכנט פון זיין נסיעה. ער באַמערקט למשל וועגן ר׳ שלמה קלוגער (חכמת שלמה, בראָ־דער רב): „שאין עדיין העולם מכירו כל כך, כי הוא איש בעל מוחות רבים וזכה מן השמים ללמד על פי האמת ולכוון את ההלכה לאמתה" און וועגן ר׳ צבי חיות האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז „אין אים האָט ער ניט געפונען וואָס די וועלט זאָגט אויף אים...".

ער האָט אָנגעטראָפן אויף רבנים, וואָס האָבן באַלד מסכים געווען מיט אים וועגן היתר מאה רבנים. ס׳האָבן זיך אָבער געטראָפן אַזעלכע וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן און אַפילו אים אויסגעמוסרט, ווי ר׳ אהרן טשערנאָבילער, וועלכער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז מבייש אַ בת ישראל כשרה. דער צאנזער האָט אים געזאָגט, אַז על־פּי־דין קומט אים אַ היתר, אַזוי אויך דער חדושי הרי״ם, אָבער דאַרף אים געראָטן ניט גטן... (ער האָט באַדויערט פאַרוואָס ער האָט זיי ניט געפאָלגט 9). ר׳ אהרן טשערנאָבי־לער, ווערט אָנגעוויזן איז געווען דער רבי פון זיין שווער. ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער זעט ברוח הקודש, אַז זיין פרוי איז ריין פון זינד. ער האָט אָבער געוואָלט גיין לויטן דין...

---

9) זע, שיחות מלאכי השרת, י״ח.

די רבנים און רביים האָבן אים שטאַרק מקרב געווען, אַזוי דער חדושי הרי״ם, אַזוי ר׳ שלום רוקח, דער ערשטער בעלזער רבי, און אַזוי אַנדערע, אַ צאָל רביים האָבן געמאַכט אַ רושם אויף אים.

ער איז שטאַרק באַגייסטערט געווען פון דער התנהגות פון ר׳ מאירל פּרעמישלאַנער און פון דער אויסגעהאַלטנקייט פון זיין רביצין, וועלכע האָט אים צוריקגעהאַלטן פון נעמען „פדיונות״ — און ווען ער איז געוואָרן רבי, האָט זיין צווייטע פרוי, די צדיקת פון טשעכאוו, ביי לובלין, אים אויך אַרויסגעהאָלפן, ניט צו נעמען קיין פדיונות.

אויף זיין וואַנדער־וועג איז ער אָנגעקומען קיין לובלין צו ר׳ משולם־זלמן אשכנזי (רב אין לובלין, אין די יאָרן תקפ״ז—תר״ג) און דאָרט ביים רב אין הויז, האָט ער זיך באַקענט מיט ר׳ לייבעלע איגר און דער לעצטער האָט אים געראָטן פאָרן קיין איזשביצע. ער איז געוואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט און זיך געוואָלט באַקענען מיטן רבין, וואָס האָט געמאַכט פון רבי עקיבא איגרס אַן אייניקל אַזאַ פלאַמיקן חסיד.

דעם גרעסטן רושם האָט טאַקע געמאַכט אויף אים דער איזשביצער רבי, רבי מרדכי־יוסף ליינער, מחבר פון „מי השלוח״, וועלכער איז אין יאָר ת״ר אַוועק פון זיין רבין ר׳ מענדעלע קאָצקער און מיטגעצויגן מיט זיך אַ גרויסן עולם און אייניקע פון די גדולי החסידים, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך געפונען ר׳ לייבעלע איגר 10).

ווי דערמאָנט פריִער, האָט ער חתונה געהאַט אין ווינאָווי־טשעכאוו, פאָרשטאָט פון לובלין, געווען כסדר מיט ר׳ לייבעלע איגר און געוואָרן דער גרעסטער פאַרערער פון איזשביצער, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ פלפול־שמועס מיט ר׳ בעריש אשכנזי, מחבר פון ספר „נודע בשערים״ (רב אין לובלין, תר״ר—תרי״ב) און נאָך אים זיין זון ר׳ יהושע־העשל אשכנזי (תרי״ג—תרכ״ז), ער האָט פאַרגליכן דעם איזשביצער צו אביי ורבא... אין איזשביצע האָט ער געהאַט דעם גרויסן חלום, וואָס ווערט דערמאָנט אין קונטרס „דברי חלומות״ — אָבער חוץ דעם אַלעמען האָט

---

10) וועגן זיין ידידות מיט ר׳ לייבעלען, זע דאָרט, ז״ז ל״ג—ל״ד, אויך וועגן זיין שמועס מיטן איזשביצער, ווערט דערמאָנט אין פרי צדיק, פ׳ אמור: „וכדברי רבנו הקדוש זצ״ל...״ און „מורי הקדוש, שביתת שבת, ל״ד. וכפי מה שיצא מפיו הקדוש... ר׳ מרדכי־יוסף איז געב׳ געוואָרן בערך תק״ס — 1800, נפטר — תרי״ד.

דאָס ניט געענדערט זיין התמדה אין לערנען. אין קעגנטייל, דאָס האָט נאָך מער געשטאַרקט זיין לערנען. ס׳האָט זיך ביי אים אָנגעפאַנגען די תקופה פון התרוממות און התעמקות און יעדן טאָג פאַרן עסן האָט ער געמוזט מסיים זיין אַ מסכת, בכדי צו געניסן פון סעודת מצוה.

ביים טיש אין איזשביצע, זענען זיי געזעסן צוזאַמען, דער תורת אמת פריִער און נאָכדעם דער כהן. דער איזשביצער האָט שטאַרק מקפיד געווען אויף דעם סדר (דער תורת אמת איז עלטער געווען מיט זיבן יאָר). ס׳האָט אַמאָל געטראָפן, אַז דער כהן האָט זיך פאַרשפעטיקט, האָט דער איזשביצער אים באַמערקט, אַ פּולקאָווניק? דו דאַרפסט דאָך זיין אַ פּול־קאָווניק ביים מלך המשיח... כהנים זריזים... ער שרייבט אויף אַן אָרט וועגן זיין רבין: „וקבלתי ממי שנגלה לו מסוד ה׳ ליראיו“...

די איזשביצער־ראַדזינער האָבן אים אַרויסגעוויזן דעם גרעסטן יראת הכבוד. דאָס אייניקל פון ר׳ מרדכי־יוסף, רבי גערשון־העניך (נפטר ה׳ תרנ״א, אין עלטער פון 52 יאָר, פאַרנומען דעם כסא הרבנות געגנוי ווי זיין זיידע, 13 יאָר), דער שאַפער פון „תכלת“ און מחבר פון גרויסע ספרים, צוו. אַנד.: „סדרי טהרות“, „יסוד ישרים“ אויף אַלע ימים־טובים און די פּרשיות, דלתות שערי העיר, תפארת המנורה אויף זוהר, אורחות חיים אויף שולחן ערוך און אַנדערע. ער האָט צוליבן תכלת זיך שאַרף אויס־געדריקט קעגן די וואָס זענען געווען קעגן באַנוצן זיך מיט תכלת, וואָס האָט געמיינט אַ רעוואָלוציע אין דער רעליגיעזער וועלט. ווען ס׳איז גע־קומען צו דעם כהן, האָט ער אַרויסגעוויזן געוואַלטיקן דרך־ארץ. ווען דער כהן האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר ר׳ גרשון־העניכס פאָטער, ר׳ יעקב (מחבר פון בית יעקב), אויף חולשות גופא און „אי הולדות“... האָט דער לעצטער אים געזאָגט: זאָל ער מיר געבן אַביסל פון זיין תורה און איך וועל אים מזכה זיין מיט בריות גופא 11).

דעם כהנס התנהגות איז אומפאַרגלייכלעך. ער האָט קיינמאָל נישט געגעסן קיין פלייש, סיידן ביי אַ סעודה מצוה, האָט געענדיקט ש״ס יעדן חודש. ער האָט אויך ניט געוואָלט הנאה האָבן פון אַן אַנדערנס יגיע כפים,

11) די ווערסיע, פון אונגערס תולדות הכהן. בראַמבערג גיט עס איבער אין נאָמען פון רבי גרשון העניך.

אַפילו ניט אויף קיין שוה פּרוטה... אַ שניידער אַ שכן, משה פּלוימבוים, האָט דווקא געוואָלט אים מאַכן אַ מלבוש, האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט נעמען קיין מתנה, אַפילו זיך ניט געלאָזט פאַרריכטן זיין אייגענעם בגד, נאָר אַליין גענייט און פאַריכט.

ווי געזאָגט אין אָנהויב, האָט דער כהן געהערט צו אַ מתנגדים־משפּחה, וועלכע האָט דאָך געהאַט אַ נאָענטקייט צום חסידות — און צוזאַמען מיט זיין גוניאַלקייט איז געגאַנגען זיין פרומקייט, זיין צדקות. זיין נאָענטסטער חבר, זינט ער איז געקומען אין לובלין, איז געווען ר' לייבעלע איגר (געשטאָרבן געוואָרן אין יאָר תקע"ו און ר' צדוק הכהן, כ"ד שבט תקפ"ג). וועגן דער חברישקייט צווישן די צוויי איזשביצער חסידים און זייער איבערגעגעבנקייט צום איזשביצער רבין, ר' מרדכי־יוסף איז כדאי צו דערציילן באריכות.

3. לובלין און איזשביצע

די איזשביצער תקופה, ווערט ביים כהן פאַררעכנט פאַר די ליכטיקסטע. ווען נאָר ער האָט גערעדט וועגן איזשביצע, האָט ער גערעדט מיט התלהבות און גרויס התפעלות. דער לובלינער רב, ר' בעריש אשכנזי האָט אָנגעוויזן ,אַז מצוות שבת איז אַ „מצוות עשה" און דער איזשביצער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ מצוות „לא תעשה". דער כהן האָט שטאַרק פאַרטיידיקט דעם איזשביצערס מיינונג, זיך מפלפל געווען וועגן דעם צו באַווייזן ,אַז זיין רבי איז גערעכט. ווען ר' בעריש אשכנזי, האָט אים מיט אַ צייט שפּעטער געפרעגט: איר קאָנט דאָך פּלפּול בעסער פונעם איזשביצער, צו וואָס נעמט איר אויף זיך זיין הערשאַפט, האָט דער כהן אים געענטפערט: פון דעם איז ניט קיין ראיה. מיר געפינען אין דער גמרא: „אביי ורבא אמרי תרוויהו" איין שורה, און אויף דערויף, זאָגט דער גאון ר' יהונתן אייבעשיץ, זעקס בלעטער. איז ר' יהונתן גרעסער פון אביי ורבא? אויב אַזוי — האָט אים ר' בעריש געזאָגט — אויב דער איזשביצער איז גלייך ביי אייך צו אביי ורבא, איז ניטאָ וואָס צו פרעגן.

נאָך דער פּטירה פון זיין רבין ר' מרדכי־יוסף, אין יאָר תרי"ד, האָט ער באַווירקט ר' לייבעלע איגר, דעם תורת אמת, צו ווערן רבי און איבער־

נעמען איזשביצער נשיאות; אויך די אַנדערע גדולי החסידות פון איזשביצע, האָבן געוואָלט האָבן דעם תורת אמת אַלס זייער מנהיג. אָבער דער לעצ־טער, האָט פאַרגעשלאָגן דעם כהן, זיי זאָלן בײדע צוריקפאָרן קיין קאָצק, האָט דער כהן געענטפערט: איך קען ניט פאָרן קיין קאָצק, ווייל כ׳וויל ניט הערן קיין שלעכטס אויף אונדזער רבין. דער „כהן" האָט געגעבן דאָס ערשטע קוויטל צום תורת אמת 1) און נאָך אים ר׳ שמואל, רב אין ליסביק, באַקאַנט געווען אַלס גאון און צדיק.

ביים טיש האָט קיינער ניט געוואָגט צו זאָגן אַ וואָרט אין לערנען אין זיין קעגנוואַרט, ס׳האָט אַמאָל געטראָפן, אַז דער תורת אמת האָט גע־פרעגט וועגן אַ מקור, אַז מ׳דאַרף מקדש זיין די לבנה מוצאי שבת. האָט אַ יונגערמאַן זיך אָנגערופן און ניט ריכטיק. דערויף האָט ר׳ ישראל זיטמאַן, איידעם פון תורת אמת, זיך אָנגערופן: איך האָב גאָרנישט געוואָלט זאָגן... אָבער איצט, אַז הערשעלע האָט שוין געזאָגט, וויל איך ענטפערן, אַז ס׳איז אַ מאמר פון רבינו יונה מס׳ ברכות, סוף תפלת השחר.

דער כהן האָט שטאַרק פיינט געהאַט צביעות און ווען איינער פון די חסידים האָט אַמאָל אין אַ טאַנץ אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף אים, האָט ער זי גלייך אַראָפּגענומען און ווען יענער האָט אים געפרעגט: פאַרוואָס? האָט ער געענטפערט: ווייל דו ביסט בלויז אַ חבר צו טענץ וואָס רירט ניט אָן די קעשענע — אָבער לעצטע וואָך צו אַ „דבר מצוה" האָסטו ניט גע־וואָלט זיין קיין חבר...

דער תורת אמת האָט נוהג נשיאות געווען פון יאָר תרי״ד ביז תרמ״ח. דער כהן איז תמיד געקומען צו די טישן און דער תורת אמת האָט אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד, האַלטנדיק אים פאַר דעם כולו רוחניותדיקן מענטש — און דאַן איז געווען ביי אים די תקופת השתיקה 2).

דעם לעצטן ערב ראש־השנה, ווען דער כהן איז אַריין צום תורת אמת מיט אַ קוויטל, האָט דער תורת אמת דווקא געוואָלט זיך מזכיר זיין פאַר אים — און דערמיט האָט ער אים געמאַכט פאַר רבי.

אין יאָר תרכ״ז, נאָך דער פטירה פון ר׳ יהושע־העשל, האָט לובלין

1) זע, פריער

2) ער האָט דאָך, ווי באַקאַנט, דרייסיק יאָר געשוויגן.

אים געוואָלט אויפנעמען פאַר רב, ער האָט אָבער צוריקגעוויזן. ער איז געווען אַ התלהבותדיקער חסיד. גערעאַטן זיינעם אַ יונגנט־פריינט, וואָס האָט אים קריטיקירט פאַר ווערן חסיד ,אַז אויך ער זאָל פאָרן צו אַ רבין און זיך באַקענען מיט חסידות... ער האָט אויך אויפגעגעבן דאָס מפלפל זיין זיך לשם פלפול און ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות. טאָג און נאַכט, איז ער געזעסן איינגעשלאָסן אין זיין צימער איבער זיינע ספרים און כתבים. ער איז געווען אַריינגעטאָן אין שרייבן, פאַרענדיקט זיינע ספרים וואָס ער האָט אָנגעהויבן אין וולאָדאַווקאַ און אָנגעהויבן שרייבן זיינע חסידות־ספרים.

ניט געקוקט, וואָס ער איז געווען פאַראינטערעסירט, אַז זיינע ספרים זאָלן דערשיינען, האָט ער ניט דערלויבט דרוקן ביים לעבן זיינע ספרים און ווען די ראָם־דרוקעריי האָט זיך געווענדט אין יאָר תר״מ, ער זאָל זיי געבן זיינע ש״ס־הגהות, האָט ער זיי בשום אופן ניט געוואָלט געבן... זיינע שו״ת (צוויי חלקים, א. נ. „תפארת צבי״) זענען פון יאָר תר״ב ביז תרל״ג. איינע פון זיינע ענטפערס, איז צו אַ יוגנט־פריינט אין מאַנטשעסטער, פון יאָר תרכ״ד, וועגן חבת ארץ־ישראל און איז באַקאַנט אַלס „אגרת הקודש״. זינט תרל״ג האָט ער קיינעם ניט געענטפערט אין הלכה, ווי בראָמבערג, דריקט זיך אויס: „הסתגר כולו בתוך עצמו״...

דאָס איז ביי אים געווען די שווייג־תקופה (פון דער פטירה פון זיין רבין, דעם איזשביצער, אין יאָר תרי״ד ביז תרמ״ח). ער איז דאַן נישט אַרויס פון הויז, בלויז צו אַ דבר מצוה, ווי פדיון הבן און פאַר פסח, צוזאַמען מיט אדמו״ר ר׳ לייבעלע איגר, בעל תורת אמת, און דעם לובלינער רב, ר׳ שניאור־זלמן, מחבר פונעם הלכה־ספר „תורת חסד״. ער איז געזעסן און געשריבן אויף יעדן שטיקל פאַפיר וואָס איז געקומען אין זיין האַנט און געשריבן אין אַן אויסערגעוויינלעכן כתב־יד, קליין און קלאָר.

ער שרייבט אין „צדקת הצדיק״ (קט״ו):

„כשמחדש דברי תורה שלא יהיה מצד שום נגיעה בלב שרוצה כך או לתפארות או לחלוק אל דברי זולתו רק מצד התשוקה לידע האמת״.

בלויז מיט געציילטע מענטשן, יחידי סגולה, פלעגט ער ליב האָבן אַ שמועס טאָן, איינער פון זיי איז געווען, ר׳ מנחם פילצער, אייניקל פון חדושי הרי״ם. ווען דער טריסקער מגיד איז געווען אין לובלין און דאָרט געשטאַ־

נען עטלעכע טעג, איז דער כהן, צוזאַמען מיטן תורת אמת, געגאַנגען אים באַזוכן, איז דער געשפּרעך צווישן זיי געווען:

איך בין אייך מקנא, איר זיצט על התורה ועל העבודה און איך וואַנ־דער אויף דער וועלט... האָט אים דער כהן געענטפערט: „עבודת כבודו גדולה מעבודתנו, כי גם הכהן הגדול לא עבד עבודתו רק פעם אחת בשנה...״ (אייער אַרבעט איז אַ סך גרעסער; אויך דער כהן גדול האָט ניט געטאָן זיין עבודה, נאָר בלויז איין מאָל אין יאָר).

חסידים דערציילן, אַז ער האָט שטאַרק מכבד געווען דעם טריסקער מגיד — און אַז דאָס איז געווען צוליב דעם, וואָס אין דער יוגנט, האָט ער אַמאָל אַרויסגערעדט קעגן אים אַ בייז וואָרט... דאָס איז געווען, בעת דער מגיד איז געקומען קיין וולאָדאַווקאַ, און ער, אַלס יונגערמאַן, איז געשטאַנען ביי דער זייט פונעם טיש, האָט ער געהערט פון מגיד רעדן וועגן תפלה שלא בזמנה (ציטירנדיק אַ מדרש איכה, ג׳, ח׳) כל המתפלל עם הצדיקים... האָט דער כהן באַמערקט, אַז אין מדרש איז גאָר געזאָגט געוואָרן: כל המתפלל עם הצבור. ווען מ׳האָט וועגן דעם אויפמערקזאַם געמאַכט דעם מגיד, האָט ער געזאָגט, אַז ס׳איז אַ טעות־סופר, דורך דעם מדפיס וואָס האָט געזען „עם הצ״, האָט ער געמיינט עם הצבור און ס׳דאַרף זיין עם הצדיקים, האָט מען געזוכט אַן אַלטן דרוק און טאַקע געפונען אויך די דאָזיקע נוסחא. דער כהן האָט דערפון געהאַט גרויס צער.

דער תורת אמת האָט דעם כהן זייער ליב געהאַט. האָט ביי אים מקיים געווען די מצוה פון „מתנות כהונה״, געשאָכטן אַ שעפּס אָדער אַ קאַלב און אים געשיקט מתנות כהונה, הזרוע והלחיים והקיצה...

חסידים זענען אַמאָל געזעסן ביים תו״א און געשמועסט וועגן גדולי הרביים... ווען זיי האָבן געענדיקט, האָט דער תו״א זיי באַמערקט, און פון כהן האָט איר פאַרגעסן ער איז איינער פון זיי... און אָנגעהויבן רעדן מיט לויב וועגן אים, אַז ער איז אויסגעטאָן פון גשם העולם...

ווי געזאָגט האָט מען אים נאָך דער פטירה פון לובלינער רב, ר׳ יהושע העשל אשכנזי (געווען רב אין לובלין 14 יאָר, נפטר געוואָרן ה׳ תמוז תרכ״ז, ער איז געווען דער זון פון ר׳ משולם־זלמן אשכנזי, לובלינער רב פאַר ר׳ בעריש אשכנזי) געוואָלט אויפנעמען אַלס שטאָט־רב, האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין; ער האָט פשוט פיינט געהאַט רבנות. אַלס רב איז

דאָן אויפגענומען געוואָרן ר׳ שניאור־זלמן (מחבר פון ספר „תורת חסד״). ער איז געווען רב אין לובלין פון יאָר תרכ״ח ביז תרנ״ב, ווען ער איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

צווישן אים און ר׳ שניאור־זלמן, האָט געהערשט אַ שטענדיקע פּריוואַט־שאַפט און חברשאַפט און גאָר אָפט האָבן זיי פאַרבראַכט צוזאַמען אין לערנען.

ר׳ שניאור־זלמן, ווי באַקאַנט, איז געווען פון די חסידי חב״ד, געשטאַמט פון דער ליובאַוויטשער דינאַסטיע און איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ מנחם־מענדל, בעל ה„צמח צדק״. אויסער זיין גאוניות אין נגלה, איז ער געווען גרויס אין נסתר און גאָר באַזונדערס אין דער חב״ד־לערע.

אין יענער צייט האָט זיך דער כהן, ווי שוין דערמאָנט, אָפּגעגעבן מיטן שרייבן זיינע ספרים, אָבער בשום אופן ניט געוואָלט זיי געבן צום דרוק.

ר׳ שניאורזאָן שניאורסאָן איז נפטר געוואָרן אין ירושלים, אין עלטער פון 72 יאָר, ד׳ ניסן תרס״ב (1902) 3), און ווי מ. ש. סלונים גיט איבער, האָט ער געהאַט השפּעה אין ארץ־ישראל און ער האָט משפּיע געווען אויף ר׳ שניאור־זלמן סלאָנים, אויפצוגעבן זיינע געשעפטן אין חברון און ווערן רב ביי די חסידי חב״ד אין יפו 4).

4. ווען דער כהן איז געוואָרן רבי

נאָך דער פּטירה פון תו״א, זענען די חסידים געטיילט געוואָרן אין צוויי צדדים, אָבער ביידע, סיי דער כהן און סיי דער זון פון תורת אמת, ר׳ אברהמעלע איגר, האָבן ניט געוואָלט אָננעמען די נשיאות. דער כהן האָט געוואָלט, אַז דער זון זאָל ווערן ממלא־מקום, אויך דער לובלינער רב, ר׳ שניאור־זלמן האָט פאָרגעשלאָגן, אַז ר׳ אברהמעלע זאָל ווערן רבי. דעם כהנס פרוי, די צדיקת חנה־דבורה, האָט אים אויך געעצהט, ניט ווערן רבי, ווייל ס׳וועט אים מבטל זיין פון תורה. די חסידים האָבן אָבער אַרויסגע־

3) אוצר ישראל, ניו־יאָרק, תשי״ב, י׳ ז׳ 1995.

4) מ. ש. סלונים, תולדות משפחת הרב מלאַדי, תל־אביב, 94—95, תש״ז, ז״ז 112, 168, 176, 229.

צווונגען אויף אים נשיאות און ער האָט אין אַ גאָר קורצער צייט געהאַט טויזנטער נאָכפאָלגער.

חסידים דערציילן, אַז ווען דער באַרימטער לובלינער חסיד, ר׳ יצחק־אהרן איז אַריינגעקומען רעדן מיט ר׳ אברהמעלען, ער זאָל מיט אים גיין צום כהן, האָט ער געזאָגט, אַז ער איז מוכן ומזומן. די מוטער האָט דאָס געהערט, איז זי אַריינגעלאָפן מיט קללות אויף ר׳ יצחק־אהרנען און די קללות זאָגן חסידים, האָבן געווירקט; ר׳ יצחק איז באַלד נאָכדעם גע־שטאָרבן.

ווען דער כהן איז געוואָרן אדמו״ר, האָט ער זיך באַלד גענומען שרייבן אַ ספר תורה. יעדן פרייטיק נאָך טבילה ,האָט ער געשריבן דאָס ספר. צען יאָר האָט ער געשריבן, ביז ער האָט עס פאַרענדיקט און מקיים געווען די מצוה פון כתיבת ספר־תורה.

זיין ערשטע תורה, פ׳ בשלח ביים טיש איז געווען:

ס׳איז געשריבן, „דבר אל בני ישראל וישובו ויחנו לפני פי החירות״, מ׳דאַרף זיך פריִער גוט מיישב זיין, צו רוען אַ צייט, איידער מ׳גיט פרייהייט דעם מויל... דרייסיק יאָר ישוב הדעת; דרייסיק יאָר שווייגן, האָט ביי אים גענומען, ביז ער האָט נאָכגעגעבן צו ווערן אַ מנהיג פון חסידים.

אַ יאָר נאָך זיין ווערן רבי, איז אים זיין פרוי חנה־דבורה פלוצלונג געשטאָרבן (תר״ן), און ער האָט שטאַרק געטרויערט נאָך איר. ביים קבר האָט ער איר צוגעזאָגט האַלב פון זיין חלק עולם הבא, ווייל אַ דאַנק איר, האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו לערנען תורה.

מיט איר טויט האָט זיך געענדיקט זיין לעבנס־הכנסה. זי האָט אים געשפּייזט דורך איר געוועלבל מיט אַלטע בגדים. חסידים האָבן אים געוואָלט באַזאָרגן מיט „פדיונות״. ער האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט נעמען. ער האָט בלויז מסכים געווען ,אַז איינער פון די חסידים, זאָל פאַרזעצן דעם מסחר מיט גענוצטע קליידער און אים געבן דאָס סאַמע נייטיקסטע אויף צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן. אַ מאָלצייט אַ טאָג, נאָכן פאַרענדיקן, ווי זיין סדר איז געווען ,אַ מסכת, דאָס איז אַ סעודת מצוה, אַנדערש האָט ער ניט געגעסן און דאָס מאָלצייט איז באַשטאַנען פון אַ גלאָז טיי, אַ קיכל און אַביסל זופּ (יויך אָדער גריץ). לכבוד ר״ח, פלעגט ער שוין עסן אַ שטיקל הערינג...

ער האָט דאַן באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין ארץ־ישראל, זיך באַזעצן

אין הייליקן לאַנד, ווו ער האָט געהאַט אַ ברודער, ר׳ יצחק־אהרן, מיט וועלכן ער איז געשטאַנען אין שריפטלעכער פאַרבינדונג. ער האָט געהאַט געלט אויף הוצאות הנסיעה פון איינעם פון זיינע חסידים, וואָס האָט אים פאַרן טויט איבערגעלאָזט אַ גרעסערע סומע. ווען די חסידים האָבן דאָס דער־הערט, איז אַנטשטאַנען אַ טומל און מ׳האָט געטראַכט אַלערליי תחבולות, ווי אַזוי אים צוריקצוהאַלטן... איינער פון זיי, ר׳ בעריש קאָצקער, האָט פשוט געבעטן רחמנות האָבן אויף אים און די חסידים... דער כהן האָט אים גראָד געענטפערט, אַז חסידים האָט ער בלויז געזען אין איזשביצע און אַז היינט זעט ער ניט קיין חסידים.

דער סוף איז געווען: די חסידים האָבן אין דער צייט געקויפט אַ בנין, אַנגעהויבן בויען אַ בית־מדרש, שפּעטער גערופן „דעם כהנס בית־מדרש״ וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין יאָר תרנ״ז.

ווען ער האָט דאָס בית־מדרש מקדש געווען בקדושה עולמית, האָט ער געזאָגט, אַז לויט דער גמרא ווייזט אויס, אַז אַ בית־מדרש האָט די קדושה פון ארץ־ישראל, ווי די גמרא זאָגט: ר׳ יוחנן האָט זיך געוווּנדערט, ס׳איז דאָ אַלטע לייט אין בבל? ס׳איז דאָך געשריבן: „למען ירבו ימיכם על האדמה״? ווען מ׳האָט אים דערקלערט, אַז ס׳זענען דאָ אַזעלכע וואָס פעדערן זיך צו די בתי כנסיות און בתי מדרשות, האָט ער געזאָגט: אָט דאָס העלפט זיי. איז דאָך דאָס אַ באַווייז, אַז אַ בית־הכנסת אָדער אַ בית־המדרש, האָט אַ מעין פון קדושת הארץ און אויך אויף זיי איז געזאָגט געוואָרן: למען ירבו ימיכם על האדמה...

ר׳ בעריש קאָצקער, איז געווען פון די אָנגעזעענסטע חסידים צוזאַמען מיט זיין שוואָגער, ר׳ אברהם־משה מאַרקושאָווער (געוואָרן רבי נאָכן כהן), ר׳ ישראל פויגל, זשעליכאָווער, דער ראַכעווער רב, הרב יהודה־נח בראַ־ווער, מחבר פון אַ צאָל ספרים און אַנדערע. ר׳ בעריש קאָצקער פלעגט פאַרצייכענען די תורה־שמועסן, וואָס דער כהן האָט געזאָגט ביים טיש. צו־ליב זיין געוויין, איז דער כהן ניט געפאָרן קיין ארץ־ישראל, אַן עליה צו וועלכער ער האָט געשטרעבט זיין גאַנץ לעבן. ר׳ בעריש האָט נעבעך זיך געבעטן, ער זאָל האָבן רחמנות אויף די חסידים, כרחם אב על בנים, ניט איבערלאָזן זיי ווי יתומים. דאָס האָט געווירקט אויף אים ער זאָל ניט פאַר־לאָזן לובלין. אָבער ער האָט שטענדיק גערעדט וועגן חיבת הארץ.

בלייבנדיק אין לובלין, האָט ער גענומען פאַר אַ ווייב די טאָכטער פון ר׳ פישל סטוקטשינער, אַן אייניקל פון „יוד הקדוש״, וועלכע האָט געהאַט קינדער פון איר ערשטן מאַן און ער איז געוואָרן זייער פאָטער. ער איז דאַן אַלט געווען 67 יאָר און געלעבט מיט איר 10 יאָר. צוליב די קינדער האָט ער מסכים געווען צו „מעמדות״־געלט, באַהויפּטנדיק, אַז דעם „יוד הקדושס אייניקלעך דאַרף די וועלט מפרנס זיין״. ער אַליין האָט פון דעם געלט ניט געוואָלט נהנה זיין און בכלל זיך אויסגעהיטן פון נעמען וואָסערע מתנות אָדער פּדיונות.

אַ חסיד האָט אים אַמאָל געברענגט אַ מתנה און זיך געקליגט, אַז דאָס ברענגט ער אים בכורים: כל המביא דורון לת״ח... האָט ער באַין ברירה צוגענומען די מתנה, אָבער שבת ביים טיש, האָט ער קאָמענטירט דעם מאמר און געהאַלטן אין איין שטעלן די פראַגע: וכי ת״ח אני?... בלויז פּדיון הבן האָט ער גענומען און צוליבן ספק גענומען זעקס רובל און דעם זעקסטן רובל צוריקגעגעבן אויף משקה.

זיין התנהגות איז געווען מערקווירדיק אין אַ סך פּרטים. שבת, למשל, האָט ער געדאַוונט ביחידות, בלויז צו קריאת־התורה און מוסף געקומען דאַוונען מיט מנין... יעדן שבת־פרי האָט ער פאַרענדיקט די צוויי מסכתות: שבת און עירובין און ביים טיש געווען ממש אַ מעין הנובע; מוצאי שבת איז ער געווען פאַרחלשט צוליב דער יציאה פון דער נשמה יתירה...

ער האָט געפירט אַ פּנקס אין דער פאָרעם פון אַ טאָג־בוך, אין וועלכן ער האָט פאַרצייכנט אַלץ וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, אפילו די טעגלעכע חטאים....

ווי באַקאַנט איז ער געווען אַן אויסערגעוויינלעכער אוהב ספרים, זיינע ספרים־אַלמערס האָבן געציילט פינף טויזנט ספרים, צווישן זיי אַנטיקן, יקרי המציאות, אָבער ער האָט שטאַרק מקפיד געווען ניט צו לייענען אין ספרים החיצונים 1). ער האָט קיינמאָל ניט איינגעבויגן קיין בלעטל פון אַ ספר, נאָר פאַרלייגט מיט אַ שטיקל פּאַפּיר אַ צייכן אויף דעם וואָס ער האָט געדאַרפט האָבן.

רעדנדיק וועגן די מקובלים פון זיין צייט, האָט ער געהאַלטן, אַז בלויז

1) זע, דברי סופרים, ז״ז 50—51.

דריי האָבן גוט געקענט די תורת הקבלה: הרב מליאַדי (ר' שניאור־זלמן), דער קאָזשעניצער מגיד (ר' ישראל) און ר' צבי מזידיטשוב (ר' הערש זי־דיטשויווער).

ט' אלול תר"ס (1900) אינעם זיבן־און־זיבעציקסטן לעבנס־יאָר איז פאַרלאָשן געוואָרן דאָס הייליקע ליכט און דער כהן איז אַרויף אין הימל... השיב את נפשו בטהרה ובקדושה 2), ניט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין קינ־דער, נאָר דערצויגענע קינדער, טויזנטער חסידים און ספרים, סיי אויפן געביט פון חסידות, סיי אויפן געביט פון הלכה און סיי אויפן געביט פון פאַרשונג. ער איז דאָך ממש געווען דעם גאַנצן מעת־לעת פאַרטאָן אין לער־נען און ניט געקענט משיג זיין אַ מענטשן וואָס פטרט זיין צייט אויף גאָר־נישט.

ס'איז ניט דערלויבט געווען קיין הספדים, בלויז זיין שטיף־איידעם, רב אין שטעטל טשעפּלאוו, האָט געזאָגט עטלעכע ווערטער, אָנהייבנדיק: בנים לא נאמר אלא פרי צדיק... זהו ספריו!

זיין קבר געפינט זיך אינעם אוהל פון די דריי לובלינער צדיקים: דער תורת אמת, דער כהן אינמיטן און ר' אברהמעלע איגר. ווען מ'האָט גע־שטעלט דעם אוהל (אגב, דער איינציקער אין לובלין), האָט מען אינזינען געהאַט מאַכן אַ פּלאַץ פאַר ר' אברהמעלען, אָבער ער האָט אין זיין צוואה אָנגעזאָגט, נישט צו מאַכן קיין פירוד בין הצדיקים...

אהרן־זאב אשכולי, אין זיין גרויסער און באַלערנדיקער אָפּהאַנדלונג „החסידות בפולין" 3) שרייבט וועגן רבי צדוק הכהן: „הוא היה אחד האשים המצויינים בעולם החסידים... היה סופר מוכשר ומהיר כתיבה וספריו הרבים בחסידות הם מן העמוקים שבספרות זו"... (אין יידיש: ער איז געווען איינער פון די מערקווירדיקסטע פערזענלעכקייטן אין דער חסידישער וועלט... ער איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער שרייבער... זיינע ספרים אין חסידות זענען פון די טיפסטע אין דער דאָזיקער ליטעראַטור...).

דער כהן ,איז, ווי געזאָגט, געווען אַן אויסערגעוויינטלעכער חובב־

---

2) אברהם יצחק ראַבינאָוויטש, שילדערט אין מלאכי עליון (ז' 29) די לויה פונעם כהן.

3) בית ישראל בפולין, חלק ב', תל־אביב, תשי"ד, ערך ישראל היילפּרין, ז' 133.

ציון. אין איינעם פון זיינע תשובות, שרייבט ער מיט גרויס התלהבות וועגן חיבת הארץ און ישוב ארץ־ישראל. די ערשטע קאָרעספּאָנדענץ זיינע איז געווען אין יאָר תקצ״ה, ער איז דאַן אַלט געווען 12 יאָר, צו זיינעם אַ חבר, וועגן ליבשאַפט צו ארץ־ישראל. ער שרייבט צוו״א: „ארץ־ישראל היא קרקע המיוחדת... לכנסת ישראל...

מיט 29 יאָר שפּעטער, ווען ביידע זענען שוין געווען דערוואַקסענע, אין די פערציקער 4), און ווייט איינער פונעם אַנדערן, ר׳ צדוק איז דאַן שוין געווען באַקאַנט אַלס דער גאון פון לובלין און יענער יוגנט־חבר, אַ באַרימטער מעדיקער אין מאַנטשעסטער, ענגלאַנד און תלמיד־חכם אשר מארץ צר (ענגלאַנד).

שרייבט אים דער דאָקטער וועגן זיין חשק צו פאַרלאָזן ענגלאַנד און זיך באַזעצן אין א״י. ער וויל וויסן זיין מיינונג וועגן מצות ישוב א״י בזמן הזה... דער כהן, שרייבט אים, אין „אגרת הקודש״, אין יאָר תרכ״ד, אַז ער דאַרף זיך גאָרנישט אָפּשטעלן אויף שוועריקייטן, נאָר תיכף פאָרן אין היי־ליקן לאַנד, צו פאַרלאָזן דאָס „ארץ עשירה בכסף וזהב וכל חמדת החיים״ און עולה זיין לארץ הקדושה „נחלת ד׳ לישראל״. ער ציטירט דערביי אומ־צאָליקע מאמרים וועגן חיבת ארץ־ישראל. דער אמת איז, אַז ניט בלויז אינעם אגרת הקדוש, שרייבט ער אַזוי, נאָר אומעטום רעדט ער מיט באַ־גייסטערונג וועגן ישוב א״י 5). ער אַליין, האָבן מיר שוין דערמאָנט, האָט געטאָן אַלצדינג וואָס נאָר מעגלעך איז געווען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און זיך דורכגעשריבן מיט זיין ברודער ר׳ יצחק־אביגדור ראַבינאָוויץ, וואָס איז געווען אַ תושב ארץ־ישראל — אָבער לא מסתייעא מלתא...

4) זע, דברי סופרים, י״ד; ישראל קדושים י״ז; צדקת הצדיק ז׳.

5) ער שרייבט דאָרט (ז״ז קכ״א — קכ״ב) ואפילו תימא דאינה מצוה חיובית על כל אחד בזמן הזה, וכפשטי׳ דקרא, „וירשתם וישבתם״, דווקא אחר ירושה ושהיא כבושה תחת יד ישראל, ולא כהרמב״ן בספר המצוות, בהוספות למ״ע סוף מצוה ד׳, ומהרי״ט יו״ד, סימן כ״ד החזיק דברי הרמב״ן לפשיטות, לכך הקשה מזה אתוס׳ ע״ש. ובאמת אינו מוסכם וע׳ בספר מגילת אסתר, עם כל זה ליכא מאן דפליג דמעלה גדולה היא דירת ארץ־ישראל גם בזמן הזה וכל תנאים ואמו־ראים שהפליגו בשבח ישיבתה היו אחר החורבן, וכן הרמב״ם שלא מנאה למצוה חיובית מ״מ קבע להלכה מצות ישיבתה בפרק ח׳ מהלכות מלכים...

דער כהן פירט אויס אין זיין דערמאָנטער תשובה: „ומציון תצא תורה לעולם, שאין תורה כתורת ארץ־ישראל, ודאי אין לך ארץ טובה הימנה...״ 6)

ער לויבט אויך בבל, דערמאָנט, אַז יחזקאל איז געגאַנגען מיט פרייד קיין בבל, ווייל ער האָט דערפילט דאָס הייליקע ליכט וואָס גאָט וועט אויפ־שיינען פאַר די יידן אין בבל. („מפני שיחזקאל הרגיש אור הקדושה אשר יזריח הקב״ה לישראל בבבל) 7).

אין די אַנדערע ספרים, ווי אין ספר „אור זרוע לצדיק״, „מחשבות חרוץ״, „צדקת הצדיק״ און אַנדערע, לערנט ער דעם מענטש ווי זיך צו פירן אויף דער וועלט, אַ הדרכה פון אַ גרויסן וועגווייזער וואָס אַן אמתער און פולער ייִד דאַרף דורכפירן אין לעבן און דאָס פירט אָן ספק צו מענטשן־ליבשאַפט, פּרינציפּן וואָס פורעמען און דיסציפּלינירן דעם מענטשלעכן לעבן, מאַכן מעגלעך אָנצוהאַלטן די גייסטיקע ווערטן פון אַ תורהדיק לעבן...

5. סדר הלימוד און ספרים

ר׳ צדוק איז געווען טאָג און נאַכט פאַרנומען מיט לערנען תורה. ער האָט לגמרי ניט מסיח־דעת געווען פון תורה אַפילו אויף אַ רגע. ווען ר׳ יעקב ביאַלער איז געווען אין לובלין און זיינע חסידים האָבן אים באַלאַ־גערט מיט שלום נעמען, האָט ר׳ צדוק זיך באַקלאָגט פאַרן ביאַלער רבין אַז די חסידים שטערן אים אין לערנען... תורתו אומנתו איז ביי אים געווען אין ברייטסטן זין פון די ווערטער.

ער האָט אַ צאָל פון זיינע חסידים געראָטן ווערן מלמדים. ער האָט געהאַט אַ פּאָזיטיוו באַציִונג צו מלמדות. דאָס איז געקומען אַלס רעזול־טאַט, וואָס ער איז געווען איבערצייגט אַז דורך לערנען מיט אַנדערע, לערנט מען אויך אַליין. ער איז אַפילו געווען פאַראינטערעסירט אין אַ סדר הלימוד און ווען מ׳האָט פאַר אים אַמאָל אויסגעמוסרט, אַ יונגענמאַן, אַז ער לערנט אין אַ „ניט־כשרן״ חדר (אין אַ דעמאָלטיקן מאָדערנעם בית־ספר), איז זיין

6) דער „אגרת הקדושה״ איז געדרוקט אין ספר „פוקד עקרים״.

7) זע, זוהר, חלק ב׳, ב׳.

פראַגע געווען, צי ער לערנט מיט זיינע תלמידים דעם אלף־בית... האָט מען אים געענטפערט: שוין נאָכן קענען לייענען... אויב אַזוי, אויב מ׳לערנט מיט די קינדער די אותיות הקדושות איז גוט... איז ניטאָ וואָס צו באַשול־דיקן..

וועגן תפלה — שרייבט ער — אַז ניט געקוקט דערויף וואָס אין סתם תפלה איז גלייכער צו דאַווענען אין דער שטיל, איז גאַנץ גוט, אַמאָל אויסצו־דריקן דעם צער מיט קול... „לפעמים כאשר צר לאדם מאד ולא יכול עוד להכיל הצער בקרבו אם הוא צועק מעומקא דלבא וכמו שאמרו ז״ל: „ויצעקו בקול גדול, שאמרו בייא בייא, שהוא הלא „גוואַלט, גוואַלט״... ותפלה בצעקה כזו מתקבלת לפניו והיא „כל עצמותי תאמרנה״ בזוהר ואתחנן רס״ז, א׳, האי קרא דוד אמריה ברוחא דקודשא... 1).

ער האָט אויך אַרויסגעוויזן אַן אומגעווייניטלעכע ליבשאַפט צו ספרים. האָבנדיק ביי זיך אַ קאָלאָסאַלע ספרים־זאַמלונג, אַריינגערעכנט אויך ספרי השכלה. אין אייניקע ספרים פון דעם סאָרט האָט ער אַריינגעקוקט און אַפילו געלייענט בעיון 2), ניט געקוקט דערויף וואָס ער האָט שטאַרק מקפיד געווען ניט צו האָבן אין חסידישע הייזער די ספרי השכלה וואָס קענען פירן צו אפיקורסות. ווען אַ באַקאַנטער דרוקער האָט אים געפרעגט צי ער זאָל דרוקן ספרי השכלה, האָט ער אים געענטפערט: „בעסער צו פאַרקויפן „צלמים״, וואָס מיר זענען זיכער אַז בלויז גוי׳ים וועלן קויפן... נאָכן איבערקוקן מענ־דעלסאָנס ביאור, האָט מען אים געפרעגט, וואָס פאַר אַ פסול ער האָט אין זיי געפונען? האָט ער געענטפערט: יעדער פרשן, וואָס ברענגט ניט רש״יס פירוש אויף „ואני בבואי מפדן ארם״... איז אַן אפיקורס.

נאָכן איבערלייענען די דאָזיקע ווערטער פונעם כהן זצ״ל, האָט זיך געשאַפן דער פאַרלאַנג אַ בליק צו טאָן אין מענדעלסאָנס ביאור. ווי באַקאַנט, איז אַ ווייטער מהלך פון משה מענדעלסאָן, דער דייטשער און יידישער פי־לאָזאָף, פאַרטיידיקער פון יידן און יידישער אמונה, אָבער דאָך רעפאָרמאַ־טאָר און גערמאַניזאַטאָר פון די דייטשע יידן, ביז צו זיין ביאור וואָס איז אַ קאָמענטאַר און דערקלערונג אין דייטש אויף חמשה חומשי תורה און תהלים

1) פרי צדיק, פ׳ ואתחנן.

2) זע, בראָמבערג, ז״ז נ״ד—נ״ה.

— און דאָרט איז ער אַ פּולער ייִד, אַ פּשוטער מפרש וואָס זוכט אויף אַ ראַציאָנאַל־אָביעקטיוון אופן זיך צו דערגרונטעוועז אינעם אמתן טייטש פונעם וואָרט און פונעם פסוק, ווי אַן אָביעקטיווער פאָרשער, ווייט פון צו שטאַרקער יראת שמים, אָבער דאָך ניט קיין דערמוטיקונג פאַר אפּיקורסות.

איז דער חשק געווען זייער גרויס, צו זען אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט זיין שעדלעכקייט אַלס מפרש. און אָט ליגט פאַר די אויגן דער „ספר בראשית והוא חלק ראשון מחמשת חומשי תורה עם תרגום אונקלוס ופירוש רש״י וביאור מאת הרב החכם המפורסם מוהר״ר משה בן מנחם מדעסויא זצ״ל, ווילנא, בדפוס ר׳ יוסף־ראובן ב״ר מנחם מן ראָם, שנת תרי״ב לפ״ק 3).

אין דער הקדמה זיינער, דאַטירט בערלין, ר״ח ניסן, תקמ״ג לפ״ק, וואָס איז געחתמעט משה ב״ר מנחם־מענדל זלה״ה געפינט זיך אַ וואָרט נאָכן נאָמען, דאָס וואָרט כופר, וואָס איז באמת אומפאַרשטענדלעך ווי אַזוי דאָס איז אַריין. מעגלעך אַז דער בחור־הזעצער האָט דאָ געוואָלט אָפּטאָן אַ שפּיצל און זיך דערלויבט אַזאַ צוגאָב־וואָרט.

יעדנפאַלס, אין זיין אַריינפיר, לויבט מענדעלסאָן רש״ין און זיין פירוש, שרייבנדיק „המאור הגדול רש״י ז״ל, אשר אין ערוך אליו בכל מקום שדרך בדרך הפשט...״ 4).

ווי ער דערציילט, האָט ער זיך שטאַרק באַמיט צו האָבן פאַר זיך עטלעכע כתבי־יד פון רש״יס פירוש אויף תנ״ך: ואני הוספתי על ביאור רש״י הנ״ל (הרב שלמה מדובנא) וביארתי כל לשון לעז הנזכר בפירוש״י ז״ל ונעזרתי גם בזה עוזר רב על שני כ״י שבידי. כי על ידם ינצל הרב ז״ל מדברים זרים ותמוהים אשר באו בספרו שבדפוס מטעויות הסופרים או המדפיסים, או מדברי תלמיד טועה שכתב את סברתו על הגליון, והמדפיסים הכניסום עם דברי הרב 5).

3) אינטערעסאַנט איז, וואָס אויף דער אַנד׳ זייט פונעם שער־בלאַט, געפינט זיך אַ שורה: „יצא לאור על פי פקודת הממשלה״ און אויפן צווייטן שער־בלאַט: ספר המביאות אל הקודש פנימה והוא אקדמות מלין לספר התורה, מאת ר׳ אברהם אבן־עזרא, בבאורו לתורה ומאת ר׳ משה בן מנחם מדעסוי נ״ע בבאורו והעתקתו האשכנזית לתורה נדפס על פי פקודת הממשלה לתועלת בתי ספר אשר לבני עמנו בארץ רוסיא המעטירה.

4) מבוא, ז׳ 42.

5) ז״ז 43—44.

מערקווירדיק איז אָבער אַז אויפן פסוק „ואני בבואי מפדן...", וואָס ר' צדוק דערמאָנט, גיט מענדעלסאָן בלויז דעם אָנהייב פון רש"יס פירוש, אָבער ניט דעם אויספיר; ער איגנאָרירט, זעט אויס דעם אויספיר און לויט אונדזער מיינונג, דערפאַר, ווייל רש"י איז דאָרט שטאַרק נאַציאָנאַליסטיש און מענדעלסאָן, דער דייטשער ייִד, האָט דאָס ניט געקענט אַראָפּשלינגען; ער, דער דייטש פון מאָזאַישן גלויבן, האָט ניט געקענט זען און אוודאי ניט געקענט פילן אָט די הייסע געפילן צו ארץ־ישראל און די ליידן פונעם גלות...

מענדעלסאָן ציטירט אין זיין ביאור דעם אָנהייב פון רש"י: „ואקברה שם — ולא הולכתיה אפילו לבית לחם"... ווי אַלע טייטשן ,אַז דאָס האָט יעקב אבינו זיך פאַרענטפערט פאַר זיין זון יוסף, פאַרוואָס ער האָט זיין מוטער רחל באַערדיקט אויפן וועג און ניט אַריינגעפירט אין שטאָט אַריין...

מענדעלסאָן ברענגט דאָ דעם רמב"נס ענטפער, אַז יעקב האָט זיך פאַרטיידיקט דערמיט, וואָס צו דער מערת־המכפלה, וווּ זי האָט געדאַרפט קומען צו קבורה, איז געווען ווייט און זי איז געשטאָרבן פּלוצלונג און ער האָט ניט געקענט איבערלאָזן קינדער און פי. ער ברייטערט אויס די דאָזיקע דערקלערונג מיט אַן אייגענער אינטערפּרעטאַציע, אָבער איגנאָרירט און דערמאָנט ניט רש"יס אויספיר, אַז דאָס איז געווען על־פּי הדיבור, בכדי די מאַמע רחל, זאָל בעטן פאַר אירע קינדער, ווי דער פסוק זאָגט: „קול ברמה נשמע", אַ קול איז אין רמה געהערט געוואָרן, וואָס ווערט אויסגעטייטשט, אַז דאָס מיינט מען, אַז אין הימל איז געהערט געוואָרן רחלס געבעט אויף אירע קינדער. זי האָט געוויינט און אַלאַרמירט די פמליא של מעלה און האָט ניט געוואָלט צוריק אַריין אין קבר, ביז זי האָט באַקומען די גאַראַנטיע און פאַרזיכערונג, אַז אירע קינדער וועלן זיך אומקערן צוריק צו זייערע גרעניצן...

אַזעלכע נאַציאָנאַליסטישע געפילן און סענטימענטן זענען געווען צו שטאַרק פאַר דעם פאָטער פון דער השכלה־באַוועגונג, פאַר דעם גלויביקן אין דער עמאַנציפּאַציע און רעפאָרמאַציע.

די וועלט דערציילט, אַז נאָרדוי איז געקומען צום ציוניזם נאָכדעם, ווי ער האָט געהערט אַ מלמד לערנען דעם „ואני בבואי מפדן... די האַרציקע בענקשאַפט פון אַ ייִדן זיך אומצוקערן צו זיין לאַנד און ווי די געטרייע ייִדישע מאַמע האָט געוואַכט און ניט געלאָזט פאַרטרייבן אויף אייביק די ייִדן פון זייער היימלאַנד.

דער כהן זכרונו לברכה, האָט אין דעם געזען די כפירה פון גאולה... דער כהן וואָס שרייבט און רעדט אָזויפיל וועגן קדושת ישראל און קדושת ארץ־ישראל און ווידערהאָלט אומצאָליקע מאָל דעם געדאַנק ,אַז די ניצוצות הקדושה 6) דערלאָזן ניט דעם ייִדן צו גיין אויף שלעכטע וועגן, האָט מעג־דעלסאָנען ניט געקענט פאַרשווייגן זיין באַהאַלטן און פאַרלייקענען די נאַ־ציאָנאַלע געפילן וואָס דאַרפן באַווירקן יעדן טרייען ייִדן.

מיר וויסן ,אַז פון כהנס געדאַנקען־גאַנג, סיי אין נגלה און סיי אין חסידות, זענען אַ סך גדולי ישראל מושפע געוואָרן 7) און גאָר באַזונדערס, הרב קוק זצ״ל, אין וועמעס ספרים מיר געפינען זיינע רעיונות און פילאָ־זאָפישע בליקן.

ס'וואָלט געווען כדאי דאָ צו ברענגען אַ פולע ביבליאָגראַפיע וועגן כהנס ספרים, אָבער אויך דאָס קען נאָך ניט געטאָן ווערן, ווייל אַלעמאָל געפינט מען אַ נייעם מאַנוסקריפּט און ווי אונדז איז באַקאַנט, זענען נאָך געווען פאַרמאַכטע קאַסטנס מיט כתבי־יד ווען די נאַציס זענען אַריין אין לובלין און ווער וויסט וואָס זייער גורל איז געווען.

זיינע ספרים הייבן זיך אָן מיט זיין בר־מצוה דרוש פון יאָר תקצ״ו. שוין אין דער בר־מצוה דרשה זעען מיר אין אים דעם גאון און בעל הגיון.

די געדרוקטע ספרים פונעם כהן זענען:

1. תפארת צבי (שו״ת על יו״ד, ב׳ חלקים), געשריבן אין די יאָרן תרל״ד־תרי״ג. געדרוקט: בילגורייא, תרס״ט.
2. אוצר המלך, חדושים על הרמב״ם, תשובה בדין טומאת אוהל. געשריבן אין יאָר תקצ״ט, אין עלטער פון 16 יאָר.
3. משיב צדק, דין סוכה בשמיני עצרת, דרוש בר מצוה.
4. ספר הזכרונות אויף מצוות, צום ערשט געדרוקט אין וואַרשע תרפ״ט, און תפארת צבי, תשובה וועגן אַ ד״ר ראַבינער אין קעניגסבערג, וואָס האָט פאַרמאַכט די מקוה פאַר מענער... ער שרייבט מיט די שאַרפסטע ווערטער קעגן דאָזיקן מאָדערניסטישן רב. ער רופט אים „בריוני פרוצי ישראל... לעצטנס איז אַרויס דער ספר הזכרונות על מצוות התורה בצי־

6) זע, מחשבות חרוץ, ישראל קדושים און אַגד.

7) בראָמבערג באַרירט דעם דאָזיקן ענין.

רוף קונטרס „משיב הטענה" לחשבון עבור תקופות ומולדות, מהדורה שניה, ת"א, תשט"ז 8).

5. פרי צדיק אויף פרשיות פון דער תורה: א. בראשית, לובלין, תרס"א; ב. שמות, לובלין, תרס"ז; ג. ויקרא, לובלין, תרפ"ב; ד במדבר, לובלין תרצ"ג; ה. דברים, לובלין, תרצ"ד.

6. הגהות אויף גאַנץ ש"ס. נאָך אין יאָר תר"ט, האָבן די ווילנער „ראָם"-מדפיסים געוואָלט דרוקן די דאָזיקע הגהות. אָבער ער האָט זיי ניט געוואָלט געבן. אין דעם היטלער-פּעריאָד, ווערט איבערגעגעבן, איז זיין ש"ס פאַרלוירן געוואָרן, צוזאַמען מיט זיינע צושריפטן. לאָמיר האָפן, אַז די דאָזיקע הגהות וועלן זיך נאָכאַמאָל אָפּזוכן און די לומדישע וועלט וועט האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט אָט דעם אוצר.

7. צדקת הצדיק, חסידות מאמרים, לובלין, תרס"ב; ניו-יאָרק, צווייטע אויפלאַגע.

8. רסיסי לילה (דברי חסידות), לובלין, תרס"ג. ביים סוף, קונטרס „דברי חלומות.

9. דובר צדק (חסידות), פּיעטרקוב, תרע"א.

10. מחשבות חרוץ (חסידות), פּיעטרקוב, תרע"ב.

11. דברי סופרים, קונטרס לקוטי אמרים, לובלין, תרע"ג.

12. משיב צדק (וועגן דין סוכה אין שמיני עצרת) און סוגיא פון בל תוסיף און די דרשות פון זיין בר-מצוה אין יאָר תקצ"ו, געדרוקט פּיעטרקוב, תרפ"א.

---

8) אינעם דאָזיקן ספר, געשריבן אין זיין פריסטער יוגנט, נאָך אין יאָר ת"ר און דעם צוגאָב „משיב הטענה", געשריבן אין יאָר תר"ב, אין וואָלאָדאווקא, ווי אַן ענטפער צום שערשאָווער רב ר' דוד, מחבר פונעם ספר חומת ירושלים, אויף זיין „מגילת טענות", ווייזט ער זיך אַרויס אין זיין פולסטער גאונית און צדקות. מיר זעען אים שוין אין אָט די יוגנט-ספרים, דעם אומבאַגרייפלעכן בקי וואָס גייט ביי אים צוזאַמען מיט גאונישער חריפות.

יעדע מצוה ווערט ביי אים ברייט אַנאַליזירט און ער דרינגט אַריין אין סאַמע תוך און כוונה פון דער מצוה, צי דאָס איז די מצוה פון פריה ורביה, צי דאָס איז די מצוה פון מילה, צי דאָס איז וועגן איסור גיד הנשה, צי דאָס איז די מצוה פון קידוש און עיבור החודש, צי דאָס איז גאָר וועגן תפילת און מנהגי ראש-חודש אָדער דער באַדייט און מצוה פון תשובה.

13. פוקד עקרים און צום סוף, דעם אגרת הקודש, וועגן דער מצוה פון ישוב ארץ־ישראל, פיעטרקוב, תרפ״ב.
14. תקנת השבין (עניני תשובה), פיעטרקוב, תרפ״ו.
15. שיחת מלאכי השרת.
16. שיחת שדים, קונטרס לסיום הש״ס, לובלין, תרפ״ז.
17. ישראל קדושים (וועגן די הייליקייט פון יידישן פאָלק, לובלין, תרפ״ח.
18. קדושת שבת, מיט קונטרס וועגן שביתת שבת.
19. אור זרוע לצדיק (וועגן לשון הקודש און אַנד. ענינים, לובלין, תרפ״ט.
20. לבושי צדקה. ענטפערס אויף אַלע קשיות פון די אחרונים אויפן „לבוש", לובלין, תרפ״ט.
21. אוצר המלך (אויפן רמב״ם) און צום סוף אַ לענגערע תשובה (53 דפים) וועגן דין טומאת אוהל, לודז, תרצ״ט.
22. זכרון לראשונים (וועגן דער שלשלת הנבואה) און דערביי, אַ קונטרס שמות בארץ על חכמי ישראל נאָכן שלוס פונעם תלמוד. געדרוקט. לויט אַ העתקה פון אַ כתב־יד אין „סיני", תש״ז, חוב׳ ניסן־אייר.

הרב בראָמבערג דערמאָנט אויך די ספרים וואָס זענען נאָך ניט גע־דרוקט געוואָרן:

23. אַ פירוש אויף ספר איוב.
24. אַ פירוש אויף ספר ירמיהו.
25. וועגן מאכלות אסורות (ד׳ חלקים).
26. וועגן „אפרושי מאיסורא", סייגים פון רבנן.
27. שו״ת „אבן העזר".
28. שו״ת תקנת עגונה.
29. ספר לחבר את הש״ס מתחלתו ועד סופו.
30. הגהות על כל הש״ס.
31. חידושים על כל שו״ת ר׳ עקיבא איגר.
32. ראשון לציון, חידושים על כל הש״ס.
33. שמות העיירות, שמות כל ערי תבל איך צריכין להכתב בגיטין.
34. שם הגאונים.
35. ס׳ חכמת התכונה. „תשובה אריכתא" וועגן די בגדי כהן גדול און וועגן צורות הבית — אַן ענטפער צו זיין קרוב דעם שקלאָווער רב, הגאון ר׳־

משה־יצחק אביגדור, מחבר פון ספר „פרדס רמונים" און אַנד., זון פון בריסקער רב ר' שמואל און אייניקל פון לעצטן ווילנער רב, ר' שמואל.

36. ס' חכמת ההנדסה.
37. באור על מדרש רבה, ויקרא.
38. באור על הזוהר.
39. שו"ת מגן אברהם ויו"ד.
40. ס' גרגרת דר' צדוק.
41. ס' התכלת (צי ס'איז נוהג די מצוה פון תכלת אין אונדזער צייט און נאָך קונטרסים) 9). די דאָזיקע תשובה איז געשריבן געוואָרן אין פאַרבינדונג מיטן פּלאַן פון ראַדזינער רבין ר' גרשון חנוך־העניך ליינער (תקצ"ט—תרנ"א), אייניקל פון ר' מרדכי־יוסף, דער איזשביצער רב און מחבר פון „מי השלוח", רבי פון ר' צדוק אין חסידות. ר' גרשון־העניך, איז דער מחבר פונעם באַרימטן ספר „סדרי טהרות" און פון די תכלת־ספרים.

כדאי זיך צו באַקענען מיט דער אינטערעסאַנטער אַרבעט „תכלת בצי־צית בימינו" 10) אין וועלכער דער מלקט ברענגט אַרויס אויפן קלאָרסטן אופן אַלע ענינים אין באַצוג צו דער דאָזיקער מצוה, אויפן יסוד פון די ספרים פון ר' גרשון חנוך (העניך) ליינער, דער באַנייער פון תכלת, אין יאָר תרמ"ז. ער ברענגט אַרויס די פּאָלעמיק צווישן דעם ראדזינער רבין מיט די גדולי הדור, ווי מיר זען עס פון זיינע ספרים' „שפוני טמוני חול", „פתיל תכלת", „עין התכלת".

ביים סוף פון אָט דער זאַמלונג, דערציילט ער וועגן אומקום פון לעצטן ראַדזינער רבין, דעם קדוש ר' שמואל־שלמה ליינער הי"ד (אומגעקומען כ"ט אייר תש"ב, אין וולאָדאַווא, פוילן), וועגן דער שרעקלעכער פאַרצווייפלונג וואָס עס האָט געהערשט ביים שארית פון ראַדזינער חסידים און ווי

---

9) די דאָזיקע רשימה איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „הצפירה", י"ח אלול, תר"ס, דורך א. י. ראַבינאָוויטש.

10) ליקט וערך יעקב ליינר, הוצאת ועד חסידי ראדזין בישראל, תשי"ד; דאָרט, באַשטעטיקונג פון רב־ראשי, מהרי"א הלוי הערצאָג און דערקלערונג פון די הויפּט פון דער הסתדרות הכימאים בישראל און זיין תפילה „לבל יאבד ניר למצוות כהלכתה בבית ישראל".

אַזוי ס׳איז זיי געלונגען צו שאַפן אין מדינת־ישראל אַ צענטער פון תכלת־פּראָדוקציע, לויט די סימנים פון ר׳ גרשון־העניך און די גוטהייסונג פון די גרעסטע כעמיקער.

ער דערציילט וועגן דער גרויסער אסיפה, כ״ה טבת תשי״ב, פון ראַדזינער חסידים אין ישראל מיט ש. ז. שרגאי בראש, דער אַלטער ראַדזינער חסיד ר׳ העשל שפּירא, האָט אַרומגערעדט די גאַנצע אַנטוויקלונג פון תכלת און אַלס אילוסטראַציע געהאַט פאַר זיך דעם חלזון און אים געוויזן פאַר אַלעמען, אָנגעצויגן בלוט פונעם פיש און דערמיט באַנייט תכלת אין ישראל.

42. הערות ותקונים צום ס׳ שושן סודות פון ר׳ משה מקיוב 11).

11) דער דאָזיקער מאַנוסקריפּט געפינט זיך ביי צ. י. יוסקוביץ פון לאָדזש, איצט אין תל־אביב. זע אויך ש. אונגער, לתולדות הכהן, ז״ז 10, 42־43, 45־59.

קאַפּיטל זיבעצן

מאָדזשיצער ניגון

1. דער ניגון פון „אז ישיר״...

אין פּוילן דער מדינה, וואָס איז ניט לאַנג־צוריק געווען אַן אומאויס־שעפּלעכער כוחות־רעזערוואַר פון יידישן פאָלק, איז חסידיזם געווען די שטאַרקסטע פאָלקס־באַוועגונג איבער אַ קיילעכדיקן יאָרהונדערט. גרויסע דינאַסטיעס, מעכטיקע חסידישע „גזעס״ און „הייף״ זענען געווען פאַרצוייגט איבער דער לענג און ברייט פון מדינת פּוילן. די מערסטע דינאַסטיעס זענען געווען אָפּצווייגונגען פון לובלין, פון ר׳ יעקב הורוויץ, דעם „חוזה״ פון לובלין.

דער וועג האָט געפירט פון לובלין קיין פּשיסכע, קאָצק, גער, וואָרקע, סאָכאַטשעוו, איזשביצע, אַלעקסאַנדער און די אַנדערע אָנגעזעענע חסידישע דינאַסטיעס אין פּוילן. יעדער „הויף״ מיט זיין ניגון, מיט זיין נוסח, מיט זיין אופן פון תורה־זאָגן און טיש־פירן, פונקט ווי ביי די אוקראַינישע, רו־סישע און גאַליצישע רביישע, דינאַסטיעס. אין פּוילן פלעגן אויך געזונגען ווערן דבקות־ניגונים, לידער פון רבי לוי־יצחק באַרדיטשעווער; ניגונים לויטן נוסח „הרב״ — חבדער ניגונים און לידער פון געוואַלטיקער התלהבות און חסידישן ברען.

אין אַ פריערדיקן פּרק האָבן מיר דערמאָנט ר׳ אהרן קאַרלינערס ווערטער וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

מלאכים, שרפים ואופנים
פרעגן זיך אַוו גאָט ?

אוי ווײ
וואָס ענטפערט מען זײ?
לית אתר פנוי מיניה...
(ניטאָ קיין אָרט וואָס זאָל זיין ליידיק פון אים).

אויך אין וואָרקע פלעגן חסידים זינגען לידער מיט ייִדישע ווערטער, ווי דאָס לידל:

נישט געדאַוונט און נישט געלערנט
אָבי דעם אייבערשטן נישט דערצערנט...
וואָס האָבן מיר צו זאָרגן,
וואָס עס וועט זיין מאָרגן
לאָמיר בעסער פאַררעכטן
וואָס מיר האָבן קאַליע געמאַכט נעכטן...

אין אַלעקסאַנדער פלעגט מען אַ סך זינגען פון ר׳ יצחק וואָרקערס ניגונימלעך אין ייִדיש געמישט מיט לשון־קודש־ווערטער ,ווי דאָס לידל:

ווער ס׳האָט זיך באַהאַלטן
אונטער מיין באַלטן
דעם סימן, ר׳האָט ליב געהאַט
דעם טאַטן ,דעם אַלטן...

דער ניגון איז אויפגעגאַנגען אין קאָצק, אין סאָכאַטשעוו, אין סטרי־קעוו, אין ראַדזימין, אין גער, אין לובלין, צוזאַמען מיט דער תורה ביים טיש איז געפורעמט געוואָרן דאָס זמרל, די חסידישע מעלאָדיע, וועלכע איז גאָר אָפט געווען פון ניט־ייִדישן אָפשטאַם אָבער אַזוי פאַרייִדישט, מיט אייגענע אימפּראָוויזירטע אָרנאַמענטלעך, קרענצעלעך, אַז זי איז געוואָרן אמתע ייִדישע קאָמפּאָזיציע.

אַ פרייטיק־צונאַכטס, אַ „שלש־סעודות״ ביים רבינס טיש, די זמירות, דאָס געזאַנג — דאָס האָט שוין קיין עצבות ניט צוגעלאָזט.

ווער ס׳האָט נאָר געהאַט אַ שטיקל חוש פאַר נגינה, דער האָט באַלד געקענט דערקענען פון וועלכער דינאַסטיע דער ניגון שטאַמט.

אין פוילן זענען געווען גוט פאַרשפּרייט די אַלטע קאָצקער ניגונים און נאָך מער די גערער ניגונים פון חדושי הרי״ם און שפת אמת. מען פלעגט נאָך זינגען די לידער פון אַלטן רבין ר׳ העניך, באַזונדערס דעם „א״ב״־ניגון:

ניִשטאָ קיין אמונה, ניִשטאָ קיין געלט,
וואָס זשע אַרבעט מען אויף דער וועלט;
ניִשטאָ קיין בינה, ניִשטאָ קיין געלט,
וואָס זשע ברויעט מען אויף דער וועלט.

יאָ, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אָט די אַלטע קאָצקער, גערער, וואָרקער, סאָכאַטשאָווער ניגונים וועלן אויף אייביק געהערט ווערן אויף פוילנס ערד, אַז זיי וועלן אייביק פאַרפולן דעם חלל, אייביק פריילעך מאַכן די טרויעריקע געמיטער פון פוילישע חסידים, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז פון טרויער קומט פרייד...

היינט, נאָך די בלוטיקסטע יאָרן פון אונדזער געשיכטע, אויף די וועגן פון פיין און טויט אין דער נאַכטיקער שטילקייט — היינט האָט דער שונא אויף אייביק שטיל געמאַכט און פאַרברענט די שפּורן פון יענע גזעס אין פוילן דער מדינה. די חיה רעה, וואָס רופט זיך נאַצי האָט אַזוי גרויזאַם דערשטיקט דאָס הערלעכע אינעם פוילישן ייִדנטום. געבליבן איז בלויז דער גרויל, יאָמער און טיפער פחד פון דער געדיכטער, זינקענדיקער חושכקייט.

טיפע, דיכטערישע נשמות געווען — און מיט זייער ניגון, באַגלייט פון הויכע תורה־געדאַנקען, האָבן זיך געהערט די משיח־טריט פון אחרית הימים, אַלס טרייסט פאַר ישראלס פּיין, — צוויי טויזנט יאָריקע פּיין... דאָס אַלץ איז געווען! אַמאָל! אין פוילן פון פאַר תקופת מיידאַנעק!

אויך אָטוואָצק האָט זיך געטרייסלט און געוויגט אין חסידישן ליד. דער מאָדזשיצער ניגון האָט אָפּגעהילכט אין די סאָסנאָווע וועלדער. עס איז געווען דאָס קול פון גבורה, ייִדישער גבורה, וואָס האָט זיין אָפּשטאַם געהאַט אין דער פייערלעכקייט פון „אָז ישיר משה ובני ישראל...״

און פּלוצלונג — מאָדזשיצער ניגון טראָגט זיך איצט אַרום מיטן וואַנדער־שטעקן איבער דעם אוראַלטן מזרח און יונג־אַלטער אַמעריקע. דער ניגון טראָגט מיט זיך דעם געטלעכן צער און צאָרן פון דעם אַלטן פאָלק

ישראל. דער ניגון מאַנט, רייסט הימלען און זעצט פאַר ר׳ לוי יצחק באַר־דיטשעווערס טענות צום רבונו־של־עולם, דעם אַלמעכטיק־הייליקן. אינעם ניגון הערן מיר דעם יאָמער פון די געטאָס, דעם „אלה אזכרה" פון די קדושים און מאַרטירער. דער ניגון זוכט אַ „תיקון" אינעם לאַנד פון די אָבות אינעם לאַנד פון אונדזער צוקונפט, אינעם לאַנד פון אונדזער האָפע־נונג, אינעם לאַנד ווו די „פאַרזייטע קערנער ברענגען פרוכט".

די „גזע" פון מאַדזשיץ מיט אַלע אירע אָפּצווייגונגען און פאַרצווייגט־קייט ציט זיך נאָך פון עטלעכע דורות צוריק. דער אָפיציעלער פאַרשטייער פון מאַדזשיצער חסידות איז ביז זיין פטירה געווען דער באַרימטער רבי, שאָפער פון נגינה אדמו״ר ר׳ שאול ידידיה אלעזר טויב זצ״ל, וועלכער איז ניט ווייניקער באַרימט געווען אַלס חובב ציון, און וועלכער איז נסתלק געוואָרן אין ארץ־ישראל, — אין אַ צייט, ממש אין מינוטן, ווען ל״ג מלוכות האָבן ביים כסא־המשפט געאורטיילט, אַז ייִדן האָבן די רעכט אויף זייער היסטאָריש לאַנד...

ער האָט זוכה געווען אַרויפצוגיין אויפן „סולם" פון עליה קיין ישראל און דאָרט געפונען זיין מנוחת עולמים.

2. דינאַסטיע און פאַרצווייגונג

דער פאָטער פון דער מאַדזשיצער דינאַסטיע איז דער „סבא קדישא". ר׳ יחזקאל מקאָזמיר זצוק״ל, באַקאַנט מיטן נאָמען ר׳ יחזקאלע קאָזמירער (נפטר געוואָרן י״ז תמוז, תרט״ז, 1856) אויף וועמען די צדיקים פון דור האָבן געזאָגט, אַז ער איז פון די איבערגעבליבענע פון דער כנסת הגדולה, פון די פאַרצייטיקע צדיקים, פאַרמאָגנדיק דיזעלביקע אַטריבוטן און כאַ־ראַקטער־שטריכן. ער איז געווען אַן אייניקל פון איינעם פון דעם בעש״טס תלמידים, ר׳ שלמה־זלמן, מבני היכלא וחבריא של הבעש״ט און אַליין אַ תלמיד מובהק פון רבין פון לובלין ר׳ יעקב־יצחק הורוויץ זצ״ל, דער „חוזה" (זעער), וועלכער האָט געהאַט 33 הויפּט תלמידים, די פירנדע רביים פון דור, אָנהייבנדיק פון „יוד הקדוש", ר׳ יעקב־יצחק פון פשיסכע, ביז ר׳ צבי־אלימלך (ר׳ הערש־אלימלך דינעווער), מחבר פון ספר „בני

ישׂשכר״ און אַנדערע ספרים אין הלכה און אין חסידות. דער „חוזה״, ווי באַוווּסט, איז געווען איינער פון די 39 תלמידים פונעם רבין רבי בער, דעם מעזריטשער מגיד, וועלכער האָט איבערגענומען די חסידישע לערע דירעקט פונעם בעל־שם־טוב.

דער סעראָצקער רב ר׳ יוסף לעווינשטיין (מחבר פון „דור ודורשיו״), רעכנט אויס אַ רשימה פון 124 תלמידים פון לובלינער רבין, דערמאָנט אַלס איינעם פון די תלמידים ר׳ יחזקאל פון פּלונסק. ער מיינט געוויס ר׳ יחזקאל קאַזמירער, וועמעס פֿאָטער ר׳ צבי־הערש, איז געווען אַ פּלונסקער 1).

ר׳ יחזקאלע האָט שטאַרק געהאַלטן פון נגינה. ער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז ער פילט ניט קיין עונג־שבת, אויב ס׳איז נישטאָ קיין נייער ניגון צו די שבת־זמירות 2). פון אים ווערט אויך נאָכגעזאָגט דאָס ווערטל: „אַ חסיד וויינט און לאַכט אין איין רגע״. ענלעך צו דעם וואָס עס ווערט געזאָגט אין „זוהר״ (תולדות): „בכה ר׳ יצחק וחייך״ 3).

ר׳ יחזקאלע קאַזמירער איז געווען באַוווּסט אַלס בעל רוח־הקודש, און ווי חסידים זאָגן, איז ער באַטראַכט געוואָרן אַלס דער דריטער צווישן די רביים, וואָס האָבן געהאַט רוח־הקודש נאָכן בעש״ט: דער מעזריטשער מגיד, דער רבי פון לובלין און ער 4) און חסידים האָבן אים פּאַרוועבט אין מעשׂות און לעגענדעס. ער האָט געטייטשט די ווערטער „דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב״, דאָס זאָל מיינען, אַז די ווערטער וואָס מאַכן איבערגיין דאָס האַרץ, די ווערטער גייען אַריין אין האַרץ... האָט דערויף צוגעגעבן זיין אור־אייניקל ר׳ שאול־ידידיה אלעזר טויב זצ״ל 5), אַז מ׳האָט אים אַמאָל געפרעגט פון וואָס ווערט געשאַפן די שירה און נגינה? האָט ער גע־ענטפערט מיטן זעלבן געדאַנק, אַז די שירה און נגינה ווערן געשאַפן פון דעם מאַטעריאַל, וואָס גייט איבער דאָס האַרץ און אַז, דאָס איז די באַדיי־

---

1) זע „אהל הרבי״ פון ר׳ משה־מנחם־מענדל וואַלדען פון קעלץ, זון פון ר׳ אהרן וואַלדען פון וואַרשע, מחבר פון „שם הגדולים החדש״, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ תלמיד פון רבין ר׳ יעקב־יצחק לובלינער.

2) מ. ש. גשורי, „לחסידים מזמור״, פ״ה.

3) זע, קונטרס מאמרים פון אדמו״ר שליט״א ממאדזיץ, ג׳ אייר־סיון תש״ב.

4) זע, אוניווערסאַלע ענציקלאָפּעדיע.

5) אין דערמאָנטן „קונטרס מאמרים״.

טונג „אז ישיר — זאָגט רש״י דערויף: „עלה בלבו שישיר״, פון דעם וואָס זיין האַרץ איז אים איבערגעגאַנגען, האָט ער געזאָגט שירה, געזאַנג...

אויף דעם פּסוק „עבדו את ד׳ בשמחה״, האָט ער געפרעגט, צו וואָס דאַרף מען דאָס וואָרט „את״, נאָר דאָס צו זאָגן: פון „אלף ביז תיו״ זאָל מען שטענדיק זיין בשמחה, מען דאַרף זיין צופרידן מיט אַלץ וואָס עס פּאַסירט דעם מענטש, פון „א״, ביז „ת״. מען דאַרף זיין באַהערשט פונעם געדאַנק אַז כל מה דעביד רחמנא לטב עביד 6).

עס איז ניט באַוווּסט צי ר׳ יחזקאלע האָט טאַקע געשאַפן נגינה, צי ער האָט געזונגען, מען ווייסט אָבער, אַז ער איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון געזאַנג. אַ גרויסע צאָל אַנאָנימע ניגונים, האַלטן חסידים, שטאַמען פון אים.

צו ר׳ יחזקאלע קאָזמירער האָבן זיך די דעמאָלטיקע רביים און „גוטע ידן״ באַצויגן מיט גרויס יראת הכבוד. זיי פלעגן צו אים קומען שואל עצה זיין, זען זיין הייליקע התנהגות, זיין באַגייסטערטקייט. אויך ידן פון אַ גאַנץ יאָר פלעגן קומען אין מאַסן צו אים, און ער האָט יעדן אויפגענומען מיט זיין קלוגן בליק און באַהאַלטענעם שמייכל. גוטסקייט און קלוגשאַפט האָבן שטענדיק אַראָפּגעשיינט פון זיין פּנים. דאָרט האָבן די חסידים, האָפּקענדיק אין קאַראַהאָד, געפילט זיך פרייער, לעבעדיקער, ווייסנדיק ווי דער רבי זאָרגט פאַר זיי, טראַכט פון זיי, היט זיי פון כל־דאָס בייז.

ער האָט געהאַט גרויסע תלמידים, שעפערישע כוחות אין דער חסידישער וועלט. דער באַרימטער ראַדאָמסקער רבי ר׳ שלמה הכהן ראַבינאָוויטש זצ״ל, מחבר פון ספר „תפארת שלמה״, איז געווען זיינער אַ תלמיד אָבער נאָך בחיו, ווען ער האָט נאָך געלעבט, געווען רבי און פיל חסידים פון נאָענט און ווייט פלעגן קומען צו אים. ער אַליין איז נאָך אַלץ געווען דער תלמיד, צוגעבונדן צום רבין און איז כסדר געפאָרן קיין קאָזמיר.

איז ער אַמאָל געקומען קיין קאָזמיר אויף אַ שבת פאַר שבועות און געוואָלט בלייבן ביי זיין רבין ר׳ יחזקאלע אויפן יום־טוב שבועות. ר׳ יחזקאלע האָט אים אָבער אָפּגערעדט דערפון, אים געראָטן אהיימצופאָרן צוליב די חסידים, וואָס קוקן שוין אויס דעם יום־טוב, זיי זאָלן קענען

---

6) ענלעכעס ביי ר׳ משה־לייב סאַסאָווער, זען, אליהו כי טוב, בחסד עליון.

מקבל זיין דעם רבין אויף יום־טוב, ווי דער דין איז: חייב אדם לקבל רבו ברגל... דער ראַדאָמסקער רבי האָט אָבער דאָך ניט געוואָלט אַהיימפאָרן, ניט געקוקט וואָס אין ראַדאָמסק האָט מען אים דערוואַרט און אַז ער וועט ניט אַהיימפאָרן אויף יום־טוב וועט זיך דער עולם אין ראַדאָמסק פילן דער־שלאָגן און אין „הויף" וועט הערשן טרויער...

דער ראַדאָמסקער האָט אָבער דווקא געוואָלט פאַרבלייבן אויף יום־טוב אין קאָזמיר ביי קבלת התורה. זאָגט צו אים ר' יחזקאלע, דער פסוק זאָגט: „וירד משה מן ההר אל העם" (שמות, י"ט, י"ד) און רש"י באַמערקט דערויף: „דאָס קומט אונדז צו לערנען, אַז משה האָט זיך ניט געקערט צו זיינע געשעפטן, נאָר פונעם באַרג צום פאָלק. איז דאָך אין פלוג שווער: וועלכע געשעפטן האָט דאָס משה רבינו געפירט? איז ער געווען אַ וואַלד־סוחר? האָט ער געהאַנדלט מיט אַנדערע סחורה? די כוונה פון „שלא היה פונה לעסקיו", מיינט, ער האָט ניט געמאַכט קיין ספּעציפישע הכנות, נאָר ער איז געווען איבערגעגעבן און פאַרנומען מיט לערנען, פירן און גרייטן דאָס פאָלק צום גרויסן היסטאָרישן מאָמענט. דאָס איז דער שבח פון משה רבינו, דעם „רעיא מהימנא", ער האָט זיך פאַרלאָזט, פאַרנאַכלעסיקט, מבטל געמאַכט און זיך פאַרנומען מיט „צרכי ישראל"...

— יאָ, רופט זיך אָן דער הייליקער ראַדאָמסקער, — משה רבינו איז אַלץ געבליבן ביים באַרג סיני און פון מיר פאַרלאַנגט איר, כ'זאָל פאַרלאָזן דעם באַרג סיני. פאַרשטייט זיך אַז דער ראַדאָמסקער רבי איז שוין פאַר־בליבן אויף שבועות און אַלס גרויסער בעל־מנגן מיט אַ זיס־קלינגענדיקער שטים געזאָגט „אקדמות" און געדאַוונט מוסף 7).

ר' יחזקאלע פלעגט זאָגן זייער שאַרפע, טיף־דורכגעטראַכטע און ביז גאָר אָריגינעלע ווערטלעך. „אַ רבי, — פלעגט ער זאָגן, — איז ווי אַן אתרוג, וואָס מער קהל באַנוצט אים, אַלץ מער פאַרלירט ער דעם הידור...". זענען

7) זע, קונטרס מאמרים פון כ"ק אדמו"ר שליט"א ממאָדזיץ, קונטרס ג', אייר־סיון, תש"ב; ר' שלמה הכהן ראַבינאָוויטש פון ראַדאָמסק, איז געווען דער תלמיד פון „חוזה", פון ר' יעקב־יצחק הלוי הורוויץ פון לובלין, דער תלמיד פון ר' דוד לעלעווער, דער וווּנדער־צדיק ,דער סימבאָל פון חסד און רחמנות צו יידן און ניט־יידן, דער תלמיד פון ר' יחזקאלע קאָזמירער און תלמיד פון רבין ר' בער פון ראַדאָשיץ. זיין פאָטערס נאָמען ר' צבי הכהן.

אַמאָל געקומען צו אים די פירער פון לענטשנע (די שטאָט וואָס איז אַמאָל געווען באַרימט מיט אירע יאַרידן און וואָס איז פאַר אַ צייט געווען דאָס זיץ־אָרט פון „ועד ארבע ארצות"), און פאַרלאַנגט ער זאָל זיי געבן אַ פּאָ־סיקן רב, אַ גדול אין תורה און חכמה. האָט ער זיי פאָרגעשלאָגן זיין חסיד און מקורב, דעם גאון ר' חיים־ברוך קאוואַרטאָווסקי זצ"ל (מחבר פון ספר „ברכת חיים"), וועלכער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט נעמען אויף זיך דעם רבנות־אַמט, נאָר איצט געמוזט אויספאָלגן דעם פאַרלאַנג פון זיין רבין.

ווען דער לעצטער האָט איינגעשטימט צום רבנות, האָט ר' יחזקאלע זיך אויסגעדריקט: „איך האָב געהאַט אַ שיינעם אתרוג, האָב איך אים גע־געבן קהל צו בענטשן..." 8).

ר' יחזקאלע פלעגט זיך אויך אָפּגעבן און זיך פאַראינטערעסירן מיט כלל־אַרבעט, צוזאַמען מיט די דעמאָלטיקע באַרימטע רביים אין פּוילן דעם רי"ם (ר' יצחק־מאיר פון גער) און ר' יצחק וואָרקער, וועלכע האָבן זיך געווידמעט צו געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן.

ווען רבי יחזקאלע איז אַמאָל געקומען קיין וואַרשע, זענען זיי ביידע געקומען אים זען. איז עס געווען אין אַ ערב שבת, דער רי"ם האָט זיך גע־איילט אַהיים, און דער קאָזמירער האָט זיך געהאַט צוגעלייגט אַ ביסל אָפּ־רוען, האָט ער פאַרלאַנגט ביים זון, ער זאָל אַ ביסל עפענען די טיר, ער זאָל אים אַזוי קענען מקבל פּנים זיין. דאָס שלאָפן פון קאָזמירער האָט אויפן גערער רבין געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז ווען ער קומט בלויז צוליב דעם, האָט זיך אויך געלוינט. אַ הייליקייט האָט געהערשט אויף אים אַפילו בעתן שלאָפן: די הענט אַרויף איבערן האַלדז, פאַרבונדן מיט אַ טיכל אַזוי.

האָט זיך דער וואָרקער אָפּגערופן: „ביי מיר איז דאָס ניט קיין נייעס, עס איז אַ פאַרשטענדלעכע התנהגות. ווען מען זאָגט דער שניידער שלאָפט, דער שוסטער שלאָפט איז עס ניט אמת, ווייל אין שלאָף טוט ער ניט זיין אַרבעט. ווען מען זאָגט אָבער: דער צדיק שלאָפט, איז דאָס ריכטיק, ווייל אַ רבי איז אַפילו אין שלאָף — רבי". דער וואָרקער איז דאָרט געבליבן זיצן, געשיקט זיין משמש אים צו ברענגען די שבתדיקע בגדים און געוואַרט ביז דער קאָזמירער האָט זיך אויפגעכאַפּט און גענומען שלום.

---

8) קונטרס „תפארת ישראל", חוברת ד', תשרי, תש"ד.

אַזוי הייבט זיך אָן די מאָדזשיצער קייט („השלשלת הגדולה") פון קאַז־מיר־זוואָלין־מאָדזשיץ, וואָס האָט אַ סך בייגעטראָגן צו דער באַרייכערונג און קולטיווירונג פון דער חסידישער טראַדיציע, חסידישן פאָלקלאָר און אַריינגעוואָרפן גאַרבן ליכט אין פינצטערן לעבן פון די יידן אין גלות פוילן. ר׳ יחזקאלע איז פריער געווען אין פלאָנסק, נאָך דעם אין שעננא און דער־נאָך אין קאָזמיר.

נאָכפאָלגנדיק זיין גרויסן פאָטער, האָט דער זון אדמו״ר ר׳ שמואל־אלי׳ פון זוואָלין, באַרימט אין דער חסידישער וועלט אַלס צדיק און גרוי־סער אוהב ישראל, זיך אָפּגעגעבן מיט נגינה, ווי אַ פליכט און דערגענצונג אין דער עבודת הבורא. ער איז געווען אַ מנגן בחסד עליון און אַליין גע־שאַפן פאָלקס־מעלאָדיעס. זוואָלין האָט מיט נגינה שטאַרק אויסגענומען, אַ זוואָלינער ניגון האָט געקענט געזונגען ווערן אַפילו צווישן מתנגדים, ווייל עס איז געווען דער ניגון, וואָס האָט געהאַט אין זיך מער ווי די קבלהסטישע מעלאָדיע־ניואַנסן: דער ניגון, וואָס איז פאַרצווייגט און פאַרוואָרצלט אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן און אין דער אַלגעמיינער יידישער טראַדיציע.

ר׳ שמואל־אלי׳ האָט, ווי זיין פאָטער ר׳ יחזקאלע שטאַרק געהאַלטן פון דעם ניגון אַלס אינסטרומענט צו דינען השי״ת. אין די קבלה־ספרים, אָנהייבנדיק פון „זוהר" ביז דער חסידישער ליטעראַטור, איז זייער אַ סך געשריבן און געזאָגט געוואָרן וועגן דעם כח פון געזאַנג. אין „זוהר 9) ווערט געזאָגט: „...און זיי אַלע זינגען און פאַנגען אָן מיט געזאַנג און אַלע שטערן פון הימל און אַלע מלאכים העלפן זיי אַרויס". אויף אַן אַנדער אָרט ווערט געזאָגט: „אַלץ וואָס גאָט האָט באַשאַפן אויף דער וועלט זאָגט לויב און גע־זאַנג סיי פון אויבן אין הימל, סיי דאָ אויף דער ערד, אַפילו די קי זינגען". אויף דעם פסוק „וישרנא הפרות בדרך" (די קי זענען געגאַנגען אויפן גלייכן וועג) טייטשט דער „זוהר", אַז דאָס מיינט, זיי האָבן געזונגען נייע לידער, דהוו אמרו שירתא חדתא 10).

וועגן אַ סך ניגונים, ווערט געזאָגט, אַז משה האָט זיי געבראַכט די־רעקט פון באַרג סיני און זיי קענען דערוועקן דאָס מענטשלעכע האַרץ און

9) בראשית, מדורא חמישאה.
10) זוהר, חיי־שרה.

ווירקן אויף די צוהערער זיי זאָלן זיך דערהייבן צו השתפכות הנפש 11). ווען די קינדער פון דער וועלט האָבן ניט קיין פאַרמאַכטע אויגן און פאַר־שטאָפּטע הערצער, וואָלטן זיי ניט געקענט אויסהאַלטן פונעם געזאַנג אַרום דעם זון־צירקל 12).

„טויזנט פינף הונדערט און פופציק צען טויזנטער גרויסע זינגער, — דערציילט אונדז דער „זוהר" — זינגען צו הקב"ה, ווען עס ווערט נאָר טאָג; טויזנט פינף הונדערט און אַכט־און־פערציק — מיטאָג־צייט; טויזנט פינף הונדערט און ניינציק טויזנט צען טויזנטער — אין אָוונט..." 13).

די וועלט טאָר אויף אַ מינוט ניט בלייבן אָן אַ ניגון. די טויערן פון נגינה טאָרן ניט פאַרשלאָסן ווערן. אָן אַ ניגון איז די וועלט חרוב, איז די וועלט פאַרזונקען אין מעלאַנכאָליע. געזאַנג איז פון די בעסטע גייסטיקע מתנות וואָס דער באַשעפער האָט באַשאָנקען דעם מענטש און מיטן כח פון זמרל ווערן וועלטן געבויט און אויפגעשטעלט. נגינה האָט געקענט דערהויבן דעם מענטש צו נבואה, ווי דער „זוהר" (פ' בשלח) באַמערקט אויפן פסוק — „והי' כנגן המנגן ותהי עליו יד ד'" — דער נביא האָט געדאַרפט זינגען געווויסע ניגונים אום צו קענען באַקומען די נבואה, בלויז משה רבנו, דער אדון כל הנביאים האָט ניט געדאַרפט אָנקומען צו דעם מיטל פון געזאַנג.

ס'איז פאַראַן אַ מאמר, וואָס זאָגט, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט צוליב דעם ניגון און אַז די גאַנצע מענטשלעכע נשמה איז געקנאָטן פון די געזאַנג־אוצרות. דעריבער וועקט דאָס ליד צום לעבן, צו פרייד, צו העכערע רעיונות.

דאָס חסידות האָט אין ניגון געזען פונדאַמענטאַלקייט. ווי די חז"ל באַהויפּטן: „איזו היא עבודה שבשמחה ובטוב לבב? — הוי אומר זה שירה". שירה". אין פּשיסכע פלעגט מען זאָגן ניגונים מיט עסטעטישקייט און דורך דעם ניגון איז מען „אַרויס פון די כלים", ווייל אין ניגון איז געקומען צום אויסדרוק דער הייליקער געפיל פון פּשיסכער חסיד. אַזוי אויך אין קאָצקער ניגון און נאָך מער איז דער ניגון אַנטוויקלט געוואָרן דורך דער קאָזמירער־

11) פאת השלחן.
12) זוהר, ויקהל.
13) זוהר, אחרי.

זוואָלינער חסידות, ווו דער ניגון פאַרנעמט דעם אויבנאָן, ווי עס האָט אַזוי קלאָר דעפינירט די וויכטיקייט פון נגינה דער אַלטער מאָדזשיצער ר׳ ישראל זצ״ל מיט די ווערטער: „די וועלט זאָגט, אַז היכל הנגינה איז ביי דעם היכל התשובה, און איך זאָג: היכל הנגינה אַליין איז דער היכל התשובה״. דער לעצטער אין פוילן מאָדזשיצער רבי, ר׳ שאול-ידידי׳-אלעזר טויב זצ״ל האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז דעריבער מאַכט מען די זעלבע ברכה אויף שירה און זמרה ווי אויף תורה, ווייל תורה דאַרף גיין זאַלבעגאַנד מיט געזאַנג, לויטן געדאַנק אין דער גמרא: „הקורא בלא נעימה ושונה בלי זמרה״, מיטן לערנען טראָגט זיך דאָס געזאַנג פון ייִדיש-קייט, דאָס הייליקע ליד פון דער ייִדישער אמונה.

עס זענען אומאויסשעפלעך די אַלע מאמרים אין תלמוד וועגן נגינה. די גמרא דרשנט אויף עבודה בשמחה ובטוב לבב, אַז דאָס מיינט מען שירה 14) און דער העכערער אויסדרוק פון ייִדישן געזעץ ווערט געגליכן צו „זמירות״, ווי דער פסוק זאָגט: „זמירות היו לי חקיך״ 15).

ווען דער רבי ר׳ שמואל אלי׳ זצ״ל איז נפטר געוואָרן כ״ו אייר, תרמ״ח, איז זיין זון ר׳ ישראל זצ״ל, וועלכער האָט דעמאָלט געוווינט אין אָזשעראָוו, איינגעלאַדן געוואָרן פון די זוואָלינער חסידים און שטאָט-ייִדן צו פאַרנעמען זיין פאָטערס אָרט אַלס רבי און רב.

ר׳ ישראל זצ״ל איז געוואָרן דער ממלא-מקום פון זוואָלינער רבין און פאָרגעזעצט דאָס חסידות זוואָלין מיט גרויס פאַרנעם. נאָכדעם, ווערנדיק מאָדזשיצער רב און רבי, האָט ער דערהויבן דעם חסידישן ניגון צו דער העכסטער הויך, געשאַפן ממש וווּנדער-ניגונים. זיינע קאָמפּאָזיציעס זענען קרוינען אינעם היכל הנגינה, זיינע ניגונים וועלן בלייבן אייביק אין דער זמרת ישראל. זיין זינגען האָט אין זיך פון דעם סאָרט „נעים זמירות ישראל״ וואָס בלייבט אייביק. זיין שאַפן איז דער המשך פון דעם וואָס די גמרא זאָגט 16), אַז דוד המלך, דער מחבר פון „תהלים״, האָט זיך באַנוצט מיט די ווערק פון צען משוררים ,אָנהייבנדיק פון אדם הראשון ביז די בני קרח און האָט זיך באַנוצט מיט צען מוזיקאַלישע אויסדרוקן (מיט צען אינס-

14) ערכין, י״א, א׳

15) תהלים, קי״ט, י״ד.

16) ב״ב, י״ד, ע״ב; פסחים קי״ז, ע״א; זע, דאָרט באריכות.

טרומענטן), „אָן דעם ניגון, האָט ער אַמאָל געזאָגט, ווייס ער ניט ווי דער צדיק קען דערגרייכן צו די טויערן פון תפלה״.

אין זיין געזאַנג הערט מען די טענער אין וועלכע ס׳קומט צום אויס־דרוק די לויב צו גאָט, זיין שטאַרקייט און ווונדער וואָס ער באַווייזט איז אַלע דורות. אין זיין ליד קומט צום אויסדרוק דער וויי־געשריי פון אונדזער ליידנדיק פאָלק וואָס שפּאַלט הימלען. זיינע קלאַסישע שאַפונגען ווי „אזכרה אלקים ואהמיה״... און אַנדערע, זענען טיף, גייסטרייך, ווונדערלעך מיט זייער יידישן טאָן, מיט דעם פּאַטאָס און דעם חסידישן פאָלקס־עקסטאַז.

ר׳ ישראל מאָדזשיצער האָט, ווי שוין געזאָגט, באַצירט דאָס חסידות אויפן יסוד פון נגינה, געשאַפן, געזונגען און פאַרשפּרייט דעם חסידישן ניגון.

3. דער אַלטער מאָדזשיצער רבי, אדמו״ר ר׳ ישראל ז״ל

ר׳ ישראל מאָדזשיצער, אָדער, ווי חסידים רופן אים: „דער אַלטער מאָדזשיצער רבי זצ״ל״ (הסבא ממודזיץ), איז געווען דער גרעסטער שאַפער פון חסידישער נגינה, דער גרעסטער מחבר פון חסידישע קאָמפּאָזיציעס, דער רבי וועמענס יעדע תנועה, יעדע באַוועגונג, איז געווען מוזיקאַליש — דאָס גאַנצע לעבן — אַ הערלעך־חסידישע סימפאָניע! אַפילו אין די ערגסטע מאָמענטן פון זיין לעבן, אין די שרעקלעכסטע ליידן אין זיין קראַנקייט, האָט ער אַלץ געזונגען שירות ותשבחות. אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, די כוחות האָבן אים שוין געהאַט פאַרלאָזט, אַלע חושים אָפּגעשטעלט, בלויז דער חוש פון נגינה האָט אויסגעהאַלטן ביז דער לעצטער סעקונדע פון זיין נשמה־אויסהויכונג. דער געהער־חוש, דער חוש פון קינסטלעריש־פּאָעטישע אויפפאַסונג, האָט אים אויף קיין איין מינוט ניט פאַרלאָזט. דער חוש הנגינה ביי אים האָט געהאַט אַ „שלשלת־היוחסין״, אַן אַנטוויקלונג, וואָס איז געקומען בירושה פון זיין פאָטער און זיידע — הויכע מוזיקאַלישע נשמות, וועלכע האָבן געהיט אין זייערע הערצער „זמירות ישראל״...

ר׳ ישראל טויב זצ״ל — דער שפּעטער באַרימטער מאָדזשיצער רבי — איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תר״ט (1849), אין דעם שטעטעלע ראָט־

שוינס, פלאָצקער פראָווינץ, ווו זיין פאָטער, דער צדיק ר׳ שמואל־אלי׳ זצ״ל, באַוווסטער זוואָלינער רבי, האָט דעמאָלט געוווינט. דער יחוס זיינער ציט זיך צו איינעם פון די נאָענטסטע בעש״ט־תלמידים, ר׳ שלמה־זלמן, דער זיידע פון ר׳ יחזקאלע קאָזמירער זצוק״ל.

דער חוש הנגינה האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט פון זיין פריסטער יוגנט אָן, האָבנדיק דערויף דעם ענטוזיאַזם און דערמוטיקונג פון זיין פאָטער, וועלכער איז אַליין געווען אַ גרויסער מנגן און פונעם זיידן, דעם ליבהאָבער פון חסידיש געזאַנג 1).

ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, דערציילן חסידים, האָט ער פאַרפאַסט ניגונים, און ווען ער האָט זיך געשטעלט פאַרן „עמוד" „כזקן ורגיל", האָט ער אַרויסגערופן גרויס התפעלות מיט זיין ווונדערלעך דאַוונען. ער האָט פשוט באַצויבערט זיינע צוהערער.

צו 14 יאָר ווערט ער דער איידעם פון דעם אין פוילן באַוווסטן מנגן און גביר ר׳ חיים־שאול פרידמאַן פון אָזשעראָוו. פופצן יאָר איז ער געווען ביים שווער אויף „קעסט" און געווידמעט זיין צייט פאַר תורה און נגינה. מיט דער גרעסטער התמדה האָט ער זיך פאַרטיפט אין נגלה און נסתר און צו דערזעלבער צייט געשוועבט אין די היכלות פון דער געטלעכער סימפאָניע און אין דער אוניווערסאַלער האַרמאָניע.

נאָך די 15 יאָר „קעסט", האָט דער שווער אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ „סוחר", ווי דער שטייגער איז געווען אין פוילן. ער איז אָבער געווען פאַרטאָן אין מוזיק, מוזיקאַלישער פאַרטיפונג, געלערנט בהתמדה די קונסט פון מוזיק שאַפן, אין דעם ספר „מנצח בנגינות" פון ווילנער צבי־ניסן גאָלאָמב, זיך באַקענט מיט נגינה־כללים, זיך געשאַפן אַ קלאָרן באַגריף אין עולם הנגינה.

אין יענער צייט, דערמאָנען זיינע ביאָגראַפן 2) האָט ער אָנגעשריבן זיין גרויסן מאמר וועגן מוזיק, לויט אַ קבלהיסטישן אויסטייטש. די זיבן מוזיק־נאָטן זענען מרמז אויף די שבעת ימי בראשית, שבעה כוכבי לכת אַ טיפע אויסטייטשונג און דערקלערונג פון מוזיקאַלישער געניע, לויט דער קבלה־מיסטישער לערע, לויט דער תורת הנסתר...

---

1) זע מ. קיפּניס, „לחסידים מזמור", ז״ז ל״ג—ל״ד.

2) זע, מ. קיפּניס, דאָרט, ז׳, ל״ד.

דער דאַזיקער גרויסער און מערקווירדיקער חסידות־מאמר איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין זיין ספר „דברי ישראל", פ' מקץ 3).

אין אַריינפיר ציטירט ער רש"ין אויף דעם פסוק: „קחו מזמרת הארץ בכליכם" — שהכל מזמרים עליו כשבא לעולם; ציטירט ר' נחמן בראַסלאַ־ווער, אַז דאָס זאָל מיינען, יעקב האָט געשיקט יוספן אַ ניגון פון ארץ־ישראל; דער ניגון, ווי ער באַמערקט, זאָל געווען זיין אַ שבתדיקער ניגון. עס איז אַ תורה־שמועס פון גרויסן פאַרנעם. ער איז מקשר די זיבן מדרגות אין נגינה מיט די ז' ספירות און מיט דעם מאמר חז"ל 4): „כנור של מקדש של ז' נימין הי' שנאמר שובע שמחות — אל תקרי שובע אלא שבע", אַז דער בית־המקדש־האַרף איז געווען פון זיבן פעדים־סטרונעס.

זיין אויספיר: די חכמה פון נגינה איז פאַרוואָרצלט אין טיפע סודות; פון חכמת הנגינה קען דער מענטש זיך דערהייבן צו דער הויכער חכמה, צו תשובה, צו אמתער געטלעכער חכמה און פרייד. די מוזיק לערנט אונדז, אַז אַפילו ווען מען איז שוין אויפן העכסטן הויך פון קול, אַפילו ווען מען שלאָגט אָן די העכסטע טענער, דאַרף מען אַלץ געדענקען דעם ערשטן ני־דעריקסטן טאָן, דאַרף מען געדענקען דעם ערשטן מצב פון שפלות...

ווען זיין פאָטער, דער זוואָלינער רבי ר' שמואל אלי' ז"ל, איז נפטר געוואָרן, כ"ו אייר תרמ"ח (1888), איז ער איינגעלאַדן געוואָרן צו קומען פון אָזשעראָוו און ווערן ממלא מקומו, אַלס גייסטיקער פירער פון זוואָלין, אַלס אָרטיקער רב און רבי.

אין זוואָלין איז ער געווען בלויז צוויי יאָר. אין יאָר תרנ"א איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב און רבי אין דער שטאָט איוואַנגראָד (אין פויליש: דעמבלין און ביי די חסידים איז די שטאָט באַרימט אַלס מאָדזשיץ). נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דעמבלין־מאָדזשיץ געוואָרן אַ גרוי־סער באַן־צענטער אין פוילן.

אין דעמבלין־מאָדזשיץ האָט ער אין יאָר תרס"א, אַרויסגעגעבן זיין ספר „כללי אוריתא", לויט „א־ב". געלונגענע תורה־שמועסן לויט דעם חסידישן שטייגער, באַזירט אויף תלמודישע און קבלה־ספרים. אין יאָר תרס"ד ווערט פאַרעפנטלעכט זיין חסידות־ספר „דברי ישראל", אויף

3) געדרוקט אין „לחסידים מזמור", ז"ז ע"ז—פ"ב.
4) ערבין, י"ג.

תורה, לויט די סדרות פון דער וואָך, חלק א׳, בראשית, אין וועלכן עס געפינט זיך דער באַרימטער מאמר וועגן נגינה. אין יאָר תרע״ב איז דערשינען דער צווייטער חלק „דברי ישראל״, שמות. זיינע ספרים ווערן באַרימט בכל תפוצות ישראל און ער ווערט אַ סך ציטירט. דער דריטער טייל פון ספר „דברי ישראל (ויקרא), איז דערשינען דורך זיין ממלא מקומו, ר׳ שאול-ידידי׳-אלעזר זצ״ל. אין יאָר תר״ץ און אין יאָר תרצ״ח האָט דער לעצטער אַרויסגעגעבן די הגדה של פסח, א. נ. „אשי ישראל״, מיט צוויי פירושים פון זיין פאָטער „דברי ישראל״, און פון אים „ישא ברכה״ 5).

אין מאָדזשיץ האָבן אים די חסידים געקויפט אַ פּאַלאַץ אין אַ ווילע, אַ פּרעכטיקן בנין און אַ פּראַכטפולן גאָרטן און דאָס אַליין איז באַטראַכט געוואָרן פאַר דעם היכל פון עבודת ד׳ דורך נגינה און חסידישער מעלאָדיע. דאָרט האָט ער זיין ניגון אַרויסגעטראָגן און אים געלאָזט צום ערשט אויף דער פרייער גאָט-געבענטשטער לויטערער לופט; דאָרט האָט ער זיין הייליקן ניגון צו דער וועלט געבראַכט און יעדן ניי-פאַרפאַסטן ניגון ווי אַ הייליקייט באַטראַכט. אין אַלע פּויליש-חסידישע הויפן איז געזונגען געוואָרן דעם מאָדזשיצער נגינה.

און זיין סדר איז אַזוי געווען:

ער פלעגט אויפנעמען זיינע חסידים ביז גאָר שפּעט אין אָוונט, כמעט ביז דריי אַזייגער, נאָך חצות. אין די שפּעטערע שעהן פון די שטילע אָוונטן, האָט ער זיך צוגעהערט צו די בקשות פון חסידים, די פאַרצווייפלטקייט פון די אומגליקלעכע אין פּוילישן אומעט, געבעטן פאַר זיי, פאַר זייער וווילזיין אין אַלע ענינים און דער עיקר „בבני חיי מזוני״. פאַרטאָג, כעלות-השחר, אין זומער-טעג, פלעגט ער נאָכן אָפּגעזעגענען זיך מיט די חסידים, עפענען די פענצטער פון זיין חדר-מיוחד, אָנפילן זיך מיט די מעדיטאַציעס און מלאכים-געזאַנג, שוועבנדיק אין דעם עולם-הנגינה און אַזוי שאַפנדיק זיינע ניגונים אין די פרימאָרגן-שעהן, נאָך איידער עס קומט אָן דער מאָנטאָגער טאָג מיט זיין גרויסן ריטם און טומל.

מיטן אָנקום פון אַ זוניקן פרימאָרגן אין אַ לויטערער וועלט, האָט דער מאָדזשיצער ז״ל, געבראַכט זיין ניגון פון דרייסטן מאַרש, פון חסידישן

5) איבערגעדרוקט דורכן ועד אגודת חסידי מודזיץ, ניו־יאָרק, תש״ז.

יובל און חסידישער שמחה, וואָס איז אָנגעפילט מיט ציטער — וגילו ברעדה.

מיט זיין ניגון האָט ער אויפגעלעבט און ליכטיק געמאַכט דאָס פאַר־חושכטע געסל, דאָס פאַראומערטע לעבן — ליכטיק געמאַכט דעם ייִדישן האָריזאָנט אַפילו אונטערן בלייערנעם מיט כמאַרעס פאַרדעקטן הימל.

און האָט ער אַ טאָג קיין ניגון ניט געשאַפן, האָט ער זיך שטאַרק מצער געווען. יעדן טאָג האָט ער מיט זיין „קול נעים" אויסגעזונגען נייע מעלאָדישע מאָטיוון... „שירה חדשה שבחו גאולים" — און זיך אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט ווי אַ שטאַרק־ מוזיקאַלישע פערזענלעכקייט מיט אַן אייגענעם קאָמפּאָזיטאָרישן סטיל.

פאַרשיידן איז געווען זיין שאַפן, באַזונדערס די ניגונים צו שבת זמי־רות, צו „בני היכלא", „ידיד נפש", אאַז"וו. דאָס זענען די פּרעכטיקסטע געזאַנג־שאַפונגען אין דער חסידיש־ליטורגישער מוזיק. דאָס איז דאָך גע־זאַנג, וואָס דאַרף דערהויבן דעם מענטש צו דער הייליקייט פון שבת, צו דער פאָעטישקייט פון שבת־חדוהדיקייט.

אָבער ניט בלויז ניגונים פאַר „זמירות" האָט ער געשאַפן. באַרימט זע־נען זיינע ניגונים צו טיילן פון דאַווגען אין אַלגעמיין, צו קבלת־שבת, ספּע־ציעל זיינע ניגונים צוגעפּאַסט צו דעם „לכה דודי" פון צפתער פּיטן ר' שלמה אלקובץ, דער ניגון אויף „התעוררי, התעוררי", מיט אַזויפיל הת־עוררות און רעליגיעזער דערהייבונג, פאַרבונדן אויך מיט דער עקזאָטיש־קייט פון אָריענטאַלישן שאַפן.

און ניט בלויז אין תפילה און זמירות־נגונים איז זיין כח גרויס גע־ווען, אויך „פאָלקסטימלעכע" לידער האָט ער געשאַפן און לידער מיט אַ קבלהשן גרינטלעכן אינהאַלט.

באַרימט איז זיין „היימלאָזער ניגונדל" (חסידים רופן עס „מזמור לדוד"), דאָס ליד האָט ער געשאַפן אין וואַרשע בעתן ערשטן וועלט־קריג, ווען אין פוילנס הויפּטשטאָט האָט געהערשט הונגער און דחקות און ייִדישע היימלאָזע האָבן זיך געוואַלגערט אויף די וואַרשעווער גאַסן. מיט דעם ניגון דריקט ער אויס זיין האַרץ־פאַרביטערונג אויף דער מוראדיקער לאַגע און וועקט גלייכצייטיק בטחון און האָפענונג. מיט דעם ניגון האָט ער געזונגען דעם „מזמור לדוד" ביי שלוש סעודות, די ווערטער וואָס דריקן

אויס דעם וויטיק פון היימלאָזן און זיין התחזקות „גם כי אלך בגי צלמות לא אירא רע כי אתה עמדי", אויך, ווען איך וועל גיין אין טויטן טאָל, האָב איך ניט קיין שרעק, ווייל דו ביסט מיט מיר 6). ענלעך צו דעם אין תיקוני זוהר (י"ג), אַז עס איז פאַראַן אַ היכל אין הימל, וואָס ווערט נישט געעפנט נאָר דורך אַ ניגון — און די מלאכי השרת באַנוצן זיך מיטן ניגון און דאָס איז דער „שיר הגלגלים"...

מיט זיינע ניגונים האָט ער שטאַרק געווירקט אויפן געדריקטן גייסט פון די אָרימע מאַסן — ער האָט געוועקט ביי זיי די בענקשאַפט נאָך אַ פולער גייסטיקער און חומרדיקער אויסלייזונג.

און ר' ישראל מאָדזשיצער איז ניט געווען בלויז מחבר פון ניגונים, נאָר זיי אויך אויסגעזונגען אויף אַ ווונדערלעכן אופן. געווען דער שליח־צבור, וואָס האָט באַצויבערט מיט זיין מעכטיקער שטימע און זיסקייט. ער האָט געוווּנען די ייִדיש עפנטלעכקייט, די ייִדישע גאַס אין וועלכער ער האָט אַריינגעבראַכט די געהויבענע שטימונג, פול מיט האָפענונגען און פרייד. די גרעסטע מוזיק־קענער און קריטיקער האָבן אָנערקענט זיין שאַפן ווי דער וויכטיקסטער בייטראַג צו חסידישער נגינה.

**
*

ווי געזאָגט, האָט דער מאָדזשיצער געשאַפן זייער פיל: ניגונים צו ימים נוראים תפלות, צו די ימי החגים און שבת און „זמירות", לידער און „מאַרשן". אויף יעדער חתונה אין זיין פאַמיליע, פלעגט ער אָנגרייטן אַ נייעם ניגון. ווען די רביצין, דערציילן די חסידים, האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט, אַז זי האָט ניט באַוויזן צוצוגרייטן די נויטיקע חתונה־זאַכן אויף אַ קינדס חתונה, האָט ער איר מיט אַ שמייכל געענטפערט: „איך בין שוין פאַרטיק, כ'האָב שוין צוגעגרייט אַ ניגון".

צוואַנציק יאָר איז דער רבי געזעסן אין דער שטעטעלע מאָדזשיץ, ביי דער ווייסל, אַרויסקומענדיק אַלעמאָל מיט אַ שיר חדש. אַ „שלש סעודות" האָט געמיינט שעהן מיט שפע נגינה, אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון הערלעך געזאַנג אין אַ הייליקער אַטמאָספערע.

---

6) זע „קונטרס מאמרים", פון כ"ק אדמו"ר שליט"א (זצ"ל) ממודזיץ, כסלו, קונטרס ב', תש"ב, 9—12; צבי יהודה רבינוביץ, שבועות־בוך, עטרת יקותיאל, הניגון הערטילאי", ז' 1380.

אין זיין בית־מדרש און אַרום דעם רבינס בית־מדרש פלעגן הונ־דערטער און טויזנטער ייִדן מיט דער גרעסטער פּאַרטיפונג זיך צוהערן צום רבינס געזאַנג. מען האָט „געכאַפּט“, אָנשטאָט „שירים“ יעדעס תנועהלע פון רבינס „ידיד נפש“ און עס פאַרשפּרייט איבער גאַנץ פּוילן.

עס פלעגן קומען אים הערן זינגען אויך ניט־ייִדן און זיי זענען אַלע געווען באַגייסטערט פון זיין הימלישן געזאַנג און מוזיקאַלישע מאַטיוון.

פאַרשידענע לעגענדעס פלעגן קורסירן צווישן חסידים וועגן דעם כח פון מאָדזשיצער ניגון. מ. קיפּניס אין זיין לענגערער אָפּהאַנדלונג וועגן „ר׳ ישראל האדמו״ר ממודזיץ ונגונו“ 7) דערציילט אַ מעשה, ווי אַזוי דעם רבינס ניגון האָט צוגעצויגן דעם הויפּט־קאָמפּאָזיטאָר און זינגער אין אי־וואַנגראָדער פעסטונג ביי דעם רוסישן חייל און דערוועקט אין אים דעם ייִדישן פונק, וואָס איז שוין אינגאַנצן געווען פאַרלאָשן, ווי אַזוי דער לעצטער איז געוואָרן אַ פולשטענדיקער ייִד און נאָך געבראַכט דעם פּאָלקאָווניק צום רבין און אים געמאַכט פאַר דעם רבינס פאַרערער.

ווי געזאָגט האָט ר׳ ישראל געשאַפן אומציילבאַרע ניגונים, מאַרשן מיט שנעלן ריטם: קורצע און לאַנגע ניגונים מיט פאַרשידענע „פאַלן“, פולע און אָפּגעהאַקטע, געזונגען שטיל, קול־דממה־דקהדיק און הויך־שטימיק, דיאַ־לאָגיש, שטורמיש. דער באַרימטסטער ניגון איז דער „ניגון אזכרה“ אין זיין פולער גרויס, 32 פאַלן, וואָס נאָר גרויסע מנגנים קענען אים נאָכזינגען. אין דער חסידישער וועלט ווערט דער „ניגון אזכרה“ באַטראַכט ווי די אוי־טאָביאָגראַפיע פון רבין, זיינע ליידן און זיינע געבעטן. דער דאָזיקער ניגון, וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַ גרויס געשעעניש אין דער חסידישער וועלט, האָט אַ גאַנץ באַזונדערע געשיכטע און מיר וועלן עס איבערגעבן אויף דעם בקיצורדיקסטן אופן:

עס איז געווען אין יאָר תר״ע (1910). דער רבי ז״ל איז קראַנק גע־וואָרן אויף צוקער־קראַנקייט („דיאַבעטיס“) און אויף דער עצה פון וואַר־שעווער דאָקטוירים האָט ער געמוזט פאָרן קיין קאַרלסבאַד. דאָרט, אין קאַרלסבאַד, נעמענדיק די „בעדער“ און טרינקענדיק די מינעראַלע וואַסער, האָט ער געשאַפן דעם באַרימטן „אזכרה הקטן“, די ערשטע פאַרפאַסונג פון

---

7) „לחסידים מזמור“, ז״ז ל״ו—מ״א.

דער פּרעכטיקער קאָמפּאָזיציע אין קלענערן פאָרמאַט. ווי עס ווערט אי־בערגעגעבן אין „קונטרס תפארת ישראל" 8), פלעגט ער זיך פירן צו שפּאַ־צירן בהתבודדות, אין איינזאַמקייט, אין די קאַרלסבאַדער אַלייען, אויף די־אַרטיקע בערג און טאָלן, באַוווּנדערנדיק זייער שיינקייט און נאָך מער גע־שטוינט אויף די פּאַלאַצן און פּרעכטיקע בנינים און אין יענע מאָמענטן פלעגט ער זיך דערמאָנען אין ירושלים, די הייליקע שטאָט, וואָס איז אַמאָל געווען „משוש כל הארץ", די „כלילת יופי", און איצט איז זי חרוב און צעשטערט.

די דאָזיקע באַהאַלטענע געפילן און נשמה־דורשט נאָך ירושלימס פּראַכט, האָט ער אויסגעדריקט אין דעם ניגון:

אזכרה אלקים ואהמיה
בראותי כל עיר על תלה בנויה,
ועיר האלקים מושפלת עד שאול תחתיה...

(באַוויינט די געפאַלנקייט פון ירושלים, ווען אַלע שטעט וואַקסן און בליִען...).

ווען ער איז בשלום אַהיימגעקומען, האָט ער זיך געפרייט, אַז ער איז ניט געקומען ליידיק, אַז ער האָט מיט זיך געבראַכט דעם „אזכרה"־ניגון, וואָס וועט בלייבן לזכרון. דאָס איז געווען דער „אזכרה הקטן" 9).

ער איז נאָכדעם ווידער קראַנק געוואָרן אויף אַ פוס און זיין געזונט־צושטאַנד איז געוואָרן זייער געפערלעך, כמעט סכנת נפשות. די וואַרשע־ווער דאָקטוירים האָבן אים געראָטן צו אָפּערירן און אַראָפּנעמען זיין פוס.

די פאַמיליע האָט זיך געהאַלטן אין איין באַראַטן מיט פאַרשיידענע פּערזענלעכקייטן, געקלערט וואָס צו טאָן מיט דעם חולה־מסוכן, אָבער אָט איז געקומען זיין וואָרט, זיין באַשלוס: פאָרן קיין בערלין!... דאָס איז געווען אין יאָר תרע"ג. ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן דורכצומאַכן אַזאַ לאַנגע נסיעה, האָבן זיי מסכים געווען צו זיין פאַרשלאַג. הונדערטער רביים, רבנים, גדולי תורה און חסידים זענען געקומען זיך געזעגענען מיט אים, ווינטשן אים אַ רפואה שלמה. דער אַמשינאָווער רבי האָט דעמאָלט אין גרויס התלה־

8) אַרויסגעגעבן פון „ועד אגודת חסידי מודזיץ", ברוקלין, תשרי, תש"ז, חוב. ז'.
9) געדרוקט מיט נאָטן אין דערמאָנטן חוברת ז'.

בות אויסגעשריען: „אין זכות פון אייערע תפילות און ניגונים דורך וועלכע טויזנטער ייִדן זענען געוואָרן בעלי־תשובה, זאָל אייך גאָט שיקן אַ רפואה...״.

צוויי טעג נאָך זיין קומען אין בערלין, האָט דער באַרימטער פּראָפעסאָר איזראַעלסאָן, דורכגעפירט די אָפּעראַציע. ווי חסידים דערציילן, האָט ער אויך דעמאָלט בעתן אָפּערירן, געמורמלט מיט תפילה און נגינה.

ליגנדיק אין שפּיטאָל אין שרעקלעכע יסורים, האָט ער זיך אויף קיין איין מינוט ניט געשיידט מיטן ניגון. אַרויסקוקנדיק דורך די שפּיטאָל־פענצטער, זעענדיק דאָס רייכע בערלין, אירע מאַסיווע געביידעס, די ליכטיקע קופּאָלן, די רחבותדיקע סקווערן און אַלייען, די לאַנגע גאַסן מיט די סטאַטועס און פּאַלאַצן, האָט זיין האַרץ געוויינט אין אים אויף חורבן ירושלים און אַרויפקוקנדיק צו דעם בלויען לויטערן הימל, האָט ער זיך גענומען באַארבעטן און פאַרגרעסערן דעם „אזכרה״־ניגון און געהאַלטן אין איין זינגען און איבערזינגען די דאָזיקע פּרעכטיקע חסידות־קאָמפּאָזיציע, וואָס שטייגט איבער אַלע זיינע שאַפונגען.

מ. ש. גשורי דערציילט 10), אַז ווען דער רבי איז געקומען צוריק אַהיים, סוף ווינטער תרע״ד, האָט ער געמאַכט אַ גרויסע „סעודת הודאה״ אין וואַרשע. אין מיטן דער סעודה, אַרום חצות, האָט ער געמאַכט די „ברכת הודיה״, דערציילט וועגן זיינע איבערלעבענישן און וועגן זיין „אזכרה״־ניגון און געבעטן זיין זון, דעם שפּעטערן ממלא־מקום, צו זינגען דעם דאָזיקן עלעגישן ניגון, וואָס קלינגט ווי אַ חסידיש ייִדישער הימן, און ווען ר׳ שאול ז״ל האָט פאַרענדיקט, האָט ער אין גרויס התעוררות דערציילט און געזאָגט:

„אלה אזכרה ואשפכה על נפשי... במה אזכרהו? בנגינה. כמו שנאמר (תהלים ע״ז): אזכרה נגינתי בלילה!...

„ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געפאָרן קיין קאַרלסבאַד אין יאָר תר״ע און בין געגאַנגען שפּאַצירן אין גאַס, האָב איך זיך אַליין געפרעגט: צוליב וואָס בין איך דאָ געשיקט געוואָרן? האָט דען גאָט ניט געקענט שיקן די רפואה אהיים?... מן הסתם — האָב איך געטראַכט — בין איך געשיקט

---

10) „לקורות ביגון־היסורים „אזכרה״, הדאר גליון ל׳ (גליון חסידות, זומער תש״ז).

געוואָרן עפּעס מתקן צו זיין. אַזוי ווי איך בין דאָך אַ יודע־נגן, האָב איך דאַן פאַרפאַסט דעם „אזכרה״־ניגון, אפשר וועט אַ נפש מישראל זיך דער־מאָנען אין ירושלים און אין גלות השכינה״...

ווען מען האָט אים צוגעגרייט צו דער צווייטער אָפּעראַציע, אין כסלו תרפ״א, האָט ער אינמיטן נאַכט געהייסן אָנצינדן ליכט, אַ סך ליכט, אַריינ־רופן אין זיין צימער די משפחה און מיט אַלע כוחות זיך אויפגעזעצט, זאָגנדיק צום עולם: „איך וועל שוין מער פאַרן עמוד ניט שטיין. לאָמיר איינחזרן און איבערגיין אַלע תפלות און נגונים, איך וויל זיי הערן זינגען״.

זיין זון ר׳ שאול ז״ל, האָט גענומען זינגען. ביי יעדן „אָפּנויג״ האָט ער אים אָפּגעשטעלט און אויסגעבעסערט... מיט צוויי טעג שפּעטער, י״ג כסלו תרפ״א, האָט דער הייליקער צדיק אויסגעהויכט אין געזאַנג, זיין הייליקע נשמה! נצחו וגברו אראלים את המצוקים!

וואַרשע אין כסלו תרפ״א — די יאָרן פון נאָכן וועלט־קריג, די יאָרן פון בלוטיקן פאַרמעסט צווישן דעם פאַנסקע פוילן און באָלשעוויסטישן רוסלאַנד. די יידישע וואַרשע האָט זיך געפונען אונטערן שווערן איינדרוק פון דער גרויסער וועלט־מלחמה און האָט אַזוי געגאַרט נאָך אַ ניגון, און פלוצלונג, דאָס יידישע וואַרשע איז פאַריתומט געוואָרן. עס איז אַוועק פון איר דער באַזינגער, וואָס האָט איר מיט זיין געזאַנג דערפרייט, דערוואַ־רעמט, דערמוטיקט און געשטאַרקט... אַ גרוי־בלייענער הימל האָט דאַן באַ־דעקט דאָס חסידישע וואַרשע, עס איז אַוועק פון איר אַ צדיק הדור, אַן אציל־הרוח, דער רבי, וואָס האָט פאַרוואַנדלט דעם היכל הנגינה אויך אין אַ היכל־תשובה.

***

אין דער גאַלעריע באַקאַנטע רביישע טיפּן, איז ר׳ ישראל זצ״ל אַן אַן אייגנאַרטיקע פערזענלעכקייט. אין זיין נשמה האָט זיך אויסגעפורעמט אַ חסידות, וואָס האָט אַריינגענומען אין זיך די לערעס פון בעש״ט און „חוזה״ פון לובלין און נאָך מער די לערעס פון זיינע הייליקע עלטערן, ר׳ יחזקאלע קאָזמירער און ר׳ שמואל אלי׳ זצ״ל — ער האָט אָבער צוגעגעבן מער ווי אַ „נופך משלו״, אַן אייגנאַרטיקע ראָמאַנטישע ריכטונג, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק דורך זיין ניגון, וואָס האָט מרעיש עולמות געווען.

דורך זיין ניגון האָט ער געהאַלטן דעם עולם אין הויכער גייסטיקער שפּאַנונג, מיט זיין ניגון האָט ער געווירקט אויף דער ייִדישער נשמה; דורך זיינע מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס האָט ער פאַרכאַפּט ייִדישע הערצער און זיי גענומען אינעם קרישטאָל־ריינעם פּאַלאַץ פונעם היכל השירה והזמרה.

עס זענען געווען אַ סך רביים־מנגנים, שאַפער פון חסידישער נגינה, אָבער ניט אין אַזאַ פאַרנעם ווי מאָדזשיץ. אויך ביי אַנדערע חסידישע „טישן" איז דער ניגון באַטראַכט געוואָרן ווי אַ מיטל און אויסדרוק־פאָרעם פון עקסטאַז און דבקות... מוזיק בכלל איז דאָך אַזוי אַלט ווי די מענטשהייט, פאַרנעמט דאָך מוזיק אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער מענטש־הייט, און אין תנ"ך ווערן שוין דערמאָנט נעמען פון פאַרשידענע מוזיק־אינסטרומענטן. אויך דער ניגון איז פּונקט אַזוי אַלט ווי די מענטשהייט און ער איז שטענדיק ניצלעך געווען אויף צו פאַרטרייבן מעלאַנכאָליע און אַרויסרופן פאַרשיידענע רעיונות און עמאָציעס.

דער ניגון האָט אָבער זיינע סטאַדיעס פון אַנטוויקלונג און איינע פון די הדרגות, איז דער חסידישער ניגון, וואָס האָט דערגרייכט זיין זעניט אין מאָדזשיץ, וואָס האָט אַזויפיל קדושה אַריינגעבראַכט אין דער חסידישער מעלאָדיע און וואָס האָט דורכן ניגון געוואָלט רייך מאַכן די ייִדישע מחשבה און דאָס ייִדישע האַרץ, וואָס האָט דורכן ניגון געוואָלט באַווייזן די פּראַכט פון דער בריאה וואָס דערוועקט די פּאַראַלעלישע עניוות ביים מענטשן.

ווי האָט ר' מענדעלע קאָצקער 11) (ר' מנחם־מענדל מאָרגנשטערן, 1788—1859, תקמ"ח—תרי"ט) געזאָגט:

ווו געפינט זיך דער אויבערשטער ?
— ווו מ'לאָזט אים אַריין !
ווו לאָזט מען אים אַריין ?
— אין שטיבער ווו עס איז ריין !
וועלכע שטיבער זענען ריין ?
— דאָרט ווו מענטשן האַלטן זיך קליין.
מאָדזשיץ האָט דאָס באַוויזן דורך דעם ניגון.

---

11) זע פ. גראַניטשטיין, מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו, אַרויסגעגעבן צענטראַל פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע, בוענאָס־איירעס, 1946, ז' 56.

און ניט אומזיסט האָט דער באַרימטער אָסטראָוצער רב הגאון הקדוש ר׳ מאיר־יחיאל הלוי, זיך אַמאָל אויסגעדריקט אין גרויס תמימותדיקער עניוות: „פון מיין תורה בין איך ניט זיכער, צי מענטשן וועלן מתעורר ווערן, פון מאָדזשיצער רבינס געזאַנג וועלן זיך דערוועקן יִדישע הערצער צו תשובה״. דער מאָדזשיצער ניגון האָט זיין השפעה אויף דער יִדיש־חסידישער נשמה צוליב זיין אייגנאַרטיקן רעפלעקסיוון הינטערגרונט, וואָס אַנטשפּרעכט פולשטענדיק דעם ריטם פון פויליש־יִדישן מענטש. אין דעם מאָדזשיצער ניגון האָט דער פּוילישער חסיד געפונען דעם אינטימען דיכ־טערישן רוף פון מוט און בטחון, וואָס האָט פּאַריאָגט דעם גרויען נעפּל, די פינצטערניש און שרעק פון דער דראָענדיקער נאַכט.

***

אין וואָס באַשטייט די גרויסקייט פון אזכרה־ניגון? וועגן דעם „אזכרה״־ניגון איז שוין פיל געשריבן געוואָרן. גרויסע מומחים, מוזיקער און מוזיק־פאָרשער האָבן געשריבן וועגן דאָזיקן באַרימטן ניגון, וואָס רירט יִדישע הערצער, וואָס דרינגט אַריין אין די טיפע־טיפעניש פון יִדישן מענטש. מען באַוואונדערט ווי אַזוי אַ מענטש, ניט שרייבנדיק און ניט באַנוצנדיק זיך מיט קיין מוזיק־נאָטן, זאָל שאַפן אַזעלכע הערלעכע סימפאָנישע טענער.

מ. ש. גשורי, דער באַוווּסטער מוזיק־פאָרשער גיט אונדז אין זיין מאמר „היכל הזמרה המודזיצאית 12) אַן אויספירלעכע אָפּשאַצונג פון זיין שאַפן און באַזונדערס וועגן אזכרה־קאָמפּאָזיציע. מוזיק־קענער, שרייבט ער, גיבן צו, אַז מיט דעם אזכרה־ניגון, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ פּרעכטיקע שאַפונג... אין איר איז אַריינגעטאָן דער צויבער פון צדיק וואָס שאַפט... ער האָט אונדז געגעבן גוטס מיט דער פולער האַנט...

דער ניגון, זאָגט ער אונדז, האָט „מרחבים אין סופיקע״, ווי ער דריקט זיך אויס וועגן זיין קאָנטראַסטאַרטיקייט און ניואַנסירונג:

„והניגון עצמו עתים פועם כהמנון חוגג, ועתים יזל בשיח נפש עצוב. הנה חוליה אחת רועמת כגל מאיר, מלאה חיים... וחוקיה שיה... מתפוררת

---

12) אינעם בוך „לחסידים מזמור״, תרצ״ו, ירושלים.

ויורדת״... עס איז געווען דער צדיק, די פּאָעטישע פּערזענלעכקייט וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט די נאַטור, גאָטס וועלט, גאָטס באַשאַף און, ווי חסידים דערציילן, פלעגט ער נאָענטע נסיעות דורכויס מאַכן ביי אקס, פערד און וואָגן, אויסמיידנדיק די אייזנבאַן כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַטראַכטן די נאַטור און די לאַנדשאַפט.

פאַרנדיק אַמאָל אין אַ וואַלד ביי מאָדזשיץ, דערהערט ער די שטים פון אַ פאַסטעך. ער שטעלט זיך מאַמענטאַל אָפּ, כאַפּט אויף דעם פאַסטעכס מעלאָדיע און הייסט ווייטער פאָרן. זעענדיק, ווי די מיטפאָרער חסידים שטוינען אויף זיין האַנדלונג, זאָגט ער זיי: „איך זאָלט זיך גאָרנישט פאַרווונדערן, דער מענטש זאָגט ווידוי אין זיין ניגון און ווען אַ מענטש זאָגט ווידוי, דאַרף מען זיך צוהערן״...

מיר וואָלטן דאָ געדאַרפט, כדי צו געבן אַ פולע כאַראַקטעריסטיק פון מאָדזשיצער רבין, ציטירן אייניקע חדושי־תורה. צוליב דער באַשרענקטקייט פון פלאַץ, מוזן מיר זיך מצמצם זיין.

דער פסוק זאָגט: „וירא בצר להם בשמעו את רנתם״ — האָט ער ז״ל געפרעגט: אין אַ צרה זינגט מען? ס׳האָט דאָך געדאַרפט געזאָגט ווערן: „שמעו את צעקתם״ — ער האָט געהערט זייער געשריי!

האָט ער דאָס פאַרענטפערט מיט אַ מדרש וואָס פרעגט אויפן פסוק: „ותצאנה כל הנשים אחרי׳ בתפים ובמחולות״ — פון וואַנען האָבן זיי גענומען אין דער מדבר פויקן מיט פידלען? דער תירוץ, די נשים צדקניות זענען געווען בטוח, אַז דער אויבערשטער וועט טאָן מיט זיי ניסים, האָבן זיי באַלד צוגעגרייט און איינגעפּאַקט די תפים. דאָס איז אויך דער טייטש: וירא בצר להם בשמעו את רנתם, דער אויבערשטער האָט געזען אַז הגם זיי זענען נאָך אין אַן עת צרה, פונדעסטוועגן הערט מען שוין דאָס געזאַנג זייערס, צוגרייטנדיק די כלי־זמר. דאָס לערנט אונדז אַז אַ ייד אָדער כלל־ישראל איז חלילה אין אַן עת־צרה, און דאָך זינגט ער אויף דער ישועה וואָס דאַרף און וועט קומען, דאַן העלפט באַלד השי״ת.

דער אַלטער מאָדזשיצער רבי ר׳ ישראל טויב זצ״ל, איז נפטר געוואָרן, ווי מיר האָבן דערמאָנט, אין יאָר 1921. עס איז אָוועק דער פייערזייל אין דער חסידישער וועלט וואָס האָט געטראָגן אין זיך, אין זיין ניגון, דעם גייסט און כאַראַקטער פון חסידישן מענטש, די אומגעהויערע קראַפט פון פייער־

דיקן לעבעדיקן ווירקן, וואָס האָט פאַראויסגעטראָגן די מיסיע, פלאַם פון וואָרט און צויבער פון ווילן, וואָס האָט פּראָפעטיש אויסגעזונגען דעם צער און וויטיק פון גלות און משיח־טרוים אין דער אזכרה־סימבאָליק און אין קלאַסיש חסידישן תורה־וואָרט.

זיין ממלא־מקום איז געוואָרן זיין זון ר' שאול ידידי' אלעזר טויב ז"ל. דאָן רב אין שטעטל ראַקאָוו, קעלצער פּראָווינץ, וועלכער האָט, ווי דער פאָטער, מיט זיין בליצאַרטיקייט, באַהויכט פון דער חסידישער טראַדיציע, פאָלקס־ווייזהייט און נגינה־שאַפער, נאָכגעפאָלגט זיין פאָטערס דינאַמיק פון חסידישן געזאַנג.

4. דאָס ליכט וואָס האָט געלויכטן פון דער ווייסל ביזן ים הגדול

„ברעם ביום בהיר"... פאַנגט זיך אָן אַ קול־קורא, געשיקט פון ארץ־ישראל צו די מאָדזשיצער חסידים אין אַלע תפוצות ישראל — האָט גע־טראָפן די מוראדיקע טראַגעדיע, ווען עס איז פלוצלונג אַוועקגענומען גע־וואָרן דער ארון־הקודש, די קרוין פון אונדזער קאָפּ ,דער צדיק און אדמו"ר, ר' שאול ידידי' אליעזר טויב זצוק"ל, דער באַרימטער מאָדזשיצער רבי.

עס איז געווען דער לאַנגער שבת, דער שבת פון ט"ז כסלו תש"ח (29סטער נאָוועמבער 1947), ווען די גאַנצע יידישע וועלט האָט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג געוואַרט אויף דער אָפּשטימונג ביי די פאַרייניקטע פעל־קער וועגן גורל פון ארץ־ישראל און געקומען איז דער גרויסער היסטאָ־רישער מאָמענט: 33 האָבן געשטימט פאַר חלוקה און 13 קעגן, 10 האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען און איין מיטגליד, דער סיאַמער, האָט אינגאַנצן פאַרפעלט די זיצונג.

זונטיק פרי: די יידישע און אַלגעמיינע פּרעסע אין דער גאַנצער וועלט האָט מיט פרייד געלאָזט וויסן די גרויסע בשורה וועגן משפט העמים פאַר ציון און עם ישראל. דער חלום הדורות איז געוואָרן רעאַליטעט: די וועלט האָט אָנגעהויבן מתקן זיין דעם צוויי טויזנט־יאָריקן אומרעכט לגבי דעם יידישן פאָלק.

תל־אביב האָט יענעם זונטיק, געשטורעמט מיט טענץ און געזאַנגען: יחי העם העברי — איז געווען די לאָזונג.

דעם זעלבן זונטיק, י״ז כסלו, האָט די יידישע פּרעסע מודיע געווען וועגן דער פּטירה פון מאָדזשיצער רבין, וועגן דער פלוצלונגדיקער שקיעת החמה פון איינעם פון די גדולי האדמורים אין פּוילן און וועגן דער לויה פון באַרימטן שאַפער פון חסידישער נגינה, וואָס וועט פאַרקומען 10 אַזייגער פרי פון דער וווינונג פון זיין זון ר׳ שמואל אלי׳ דעם תל־אביבער רב, וועמעס אַדרעס איז אויף 31 כפר גלעדי, תל־אביב און פון דאָרט צום הר הזיתים, אין ירושלים 1).

עס זענען דערשינען אַ סך הספדים און אָפּשאַצונגען וועגן דעם נפטר. מיר וועלן ציטירן דעם אָפיציעלן בריוו צו די חסידים אין וועלכן עס ווערן איבערגעגעבן די לעצטע רגעים פון זיין הייליק לעבן.

עס איז געווען ערב שבת. אין דער פרי איז ער נאָך געווען ביים באַוווסטזיין, געלייגט תפילין. פאַרנאַכט האָט ער זיך געשטאַרקט מיט אַלע כוחות מקבל שבת זיין אין דער שטיל און שבת, 7.30 אין דער פרי, זייענדיק אַרומגערינגלט פון חסידים און פאַרערער, האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה בקדושה ובטהרה, ווי פאַרצייטיקע צדיקים קדושי עליון „נצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון הקודש ושאול ישאלו באבל״.

אין דער צייט פון דער גרויסער שמחה אין דער יידישער וועלט האָט זיך אָנגעפאַנגען די אבלות אויף ר׳ שאולן, דעם גרויסן חובב־ציון, וואָס האָט אַזוי געגאַרט להשתקע אין אונדזער הייליק לאַנד, דאָרט צו שאַפן די שירי ציון.

---

1) ר׳ בן־ציון שענקער, שרייבט מיר, אַז עטלעכע שעה פאַר זיין פּטירה איז זיין זון ר׳ שמואל אלי׳ צוגעגאַנגען צו אים, זעענדיק, אַז ער מאַכט מיט די ליפּן און אים געפרעגט:

— טאַטע, טוט דיר אַזוי ווי?...

— איי, — האָט ער געענטפערט, — אַן אויסדרוק, אַז ער פילט נישט קיין ווייטיק.

— וואָס דען, דו דאַוונסט?

— „כן״, — האָט ער געענטפערט אין לשון־קודש, ניט ווילנדיק אויסרעדן אינמיטן דאַוונען און מ׳האָט טאַקע געהערט אַ קול דממהדיקע זינגען „לכה דודי״, ביז בסיסה. און ווידוי־מאָמענט. נפטר געוואָרן מיטן ניגון אין האַלדז...

די גרעסטע רביים זענען געווען צווישן די מלוים, אויך די אָנגעזעענסטע רבנים, צווישן זיי, די רבנים ראשיים: הערצאָג און עוזיאל, דער חזון איש, הרב אונטערמאַן פון תל־אביב און אַנדערע.

ביים אָפענעם קבר אויפן הר הזיתים איז געקרוינט געוואָרן זיין עלטסטער זון, ר׳ שמואל־אליי, תל־אביבער רב (אויך אייניקל פון לובלינער רבין ר׳ אברהמעלע איגר) אַלס ממלא־מקום פון זיין גרויסן פאָטער, פאָרצוזעצן זיין דרך און חסידות און אָנצוהאַלטן די גרויסע שושלת קוזמירמודזיץ, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַזויפיל יום־טוב אינעם חסידישן לעבנסשטייגער, וואָס האָט מיט ווונדערלעכע נגינה דערהויבן יידן צו קדושה און התלהבות.

אין מאָדזשיצער ניגון האָט זיך דאָך אַנטפּלעקט דער טיפער נאַציאָנאַלער אינהאַלט פון חסידישן רענעסאַנס און די אומענדלעכע ספערע פון דער חסידישער באַגייסטערונג.

אין מאָדזשיץ האָט מען געפונען דעם אורשפּרונג פון גאולה־פּרינציפּ וואָס איז געקומען צום אויסדרוק דורכן בעל־שם־טוב, וואָס איז אָפּגעקירעוועט געוואָרן לויטן חסידישן מיטאָס צוליב אָפּהאַלטעניש אין הימל — דער מאָדזשיצער רבי האָט די תשוקה געוואָלט רעאַליזירן און עולה געווען אין ארץ־ישראל דאָרט צו פאַרשפּרייטן די ליכט פון קדושה אין לאַנד פון קדושה. ער האָט אָבער ניט זוכה געווען צו דער באַנייונג אין ארץ־ישראל. די זכיה זיינע איז געווען בלויז צו רוען אין אייביקייט, אין דער קדושה פון הר הזיתים.

***

צו די שלושים האָבן מיר געשריבן:

„אַ ייד וועט ווערן אין מזרח־אייראָפּע אַ מוזעאַלע זעלטנהייט" — אַזוי האָט געזאָגט היטלער ימ״ש אין יאָר הת״ש; און דאָס זענען נישט געבליבן בלויז ווערטער. עס איז געוואָרן צו אונדזער גרויסן ווייטיק — אַ בלוטיקע ווירקלעכקייט, אַ פאַרגאַזטער קאָנטינענט איז געבליבן פון די געביטן פון דער גרעסטער קאָנצענטראַציע פון יידן, נאָך דער יידן־אויסראָטונג.

געבליבן זענען בלויז נאָך דער ליקווידאַציע איינצלנע, על־פּי־נס געראַטעוועטע. שטעט און שטעטלעך ווו נאָר דער דייטשער באַנדיט מיט זיין

גיפט פון ראַסן־האַס האָט דערגרייכט, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גרי־בער פון מתים, מערסטע שטעט פון מזרח־אייראָפּע, זענען נאָך דער דיי־טשער ליקווידאַציע און זייער אכזריותדיקער סיסטעמאַטישקייט — געוואָרן ממש יידן־ריין — און אַ ייד דאָרט איז אַ מוזעאַלע זעלטנהייט.

אָבער אויך אין די מקומות ווו אַ ייד, אָדער יידן זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן — זענען עס נישט געווען פון אָט דעם קאַליבער ייד־פּאַרנעם ווי עס איז געווען דער באַרימטער מאָדזשיצער רבי זצ״ל. דער שריד פון אַ הערלעכער באַוועגונג ביי יידן; דער שריד פון חסידות און צדיקיזם — דער לעצטער רבי פון אַ דור מיט חסידישער וויזיע און מיסיע וואָס האָט פיל אויפגעטאָן אויף איינהאַלטן און שטילן צעשרויפטע נערוון.

איז זיין פטירה אַן „אבדה גדולה לכל בית ישראל״. עס איז אַוועק פון אונדז דער „נעים זמירות ישראל״ פון אונדזער צייט. און וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ד׳... עס איז אַוועק פון אונדז דער רבי מיט אַ גרויס דיכטעריש געפיל וואָס האָט באַקומען אויסדרוק אין זיין געלייטערט געזאַנג פון עולם השירה און אין חסידישן תורה־וואָרט אין זאָג און אין שריפט. עס איז אַוועק פון אונדז דער מענטש וואָס האָט אין אַ געוויסן שיכט פאַרגעשטעלט דעם קווינטעסענץ פון אַ שבט, אפשר דעם רירעוו־דיקסטן שפּרודלדיקסטן פון פאָלק ישראל — דאָס פּוילישע יידנטום מיט זיין קולטור־שטייגער.

יאָ, דער רבי וואָס האָט געצירט מיט זיין חסידישן ניגון די סאַמע קאַלטסטע מתנגדישע הערצער אין דער „ירושלים דליטה״, אין ווילנע, פון פאַר תש״א... איז פּלוצלונג נפטר געוואָרן שבת, פ׳ וישלח יעקב מלאכים (ט״ז כסלו תש״ח) אין תל־אביב, ארץ־ישראל.

עס איז געווען דער „שבת הגדול״ אין דער געשיכטע פון אונדזער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס. עס איז געווען דער אויסגעטרוימטער טאָג פון „ציון במשפט תפדה״ — ליכט מיט פינצטערניש זענען אַרויס אינעם לעצטן פאַרמעסט און די גאַנצע וועלט אין שפּאַנונג געהאַלטן און דער סוף — אַ שטראַל פון שמחה האָט געלויכטן איבער אַלעמענס פּנימער — דער נצחון פון 33! די אָנערקענונג פון אונדזער רעכט צו נאַציאָנאַליטעט, שטאַטלעכ־קייט און סוווערעניטעט אין ארץ־ישראל.

אינעם זעלבן שבת האָט אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה דער רבי

וואָס האָט מיט זיין חסידישן געזאַנג דערפרייט יִדישע הערצער; מיט זיין געזאַנג פון היכל השירה והזמרה געשטאַרקט יִדישע הערצער — דער גרויסער אוהב ישראל און חובב ציון האָט ניט זוכה געווען צו דער הייליקער בשורה „בחייו". ער האָט בלויז זוכה געווען צו אייביקער רו אין דער הייליקער שטאָט ירושלים...

שאול ישאלו באבל... דער פרישער קבר אויפן הר הזיתים האָט איינגעשלונגען איינעם פון די לעצטע נאָבלסטע געשטאַלטן פון דור חסידים-רביים, — דער רבי דורך וועמעס ניגון מיר האָבן זיך באַקענט מיט דער טיף-פאַרבאָרגענער דינאַמישקייט פון זיין כאַראַקטער, פון זיין ברויזנדיקן גייסט און קאַמפּס-ווילן; דער רבי — וואָס האָט געבראַכט דער חסידישער וועלט די אייביקע פּראַכט-קוואַלן פון וואַנען צו שעפּן פרייד, שטאָלץ, גלויבן און ווילן...

צו דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט, דעם מאָדזשיצער רבין, וועלכן איך האָב געהאַט די זכיה צו קענען, צו לערנען און נהנה זיין, פּאַסט זייער גוט דער מאמר אין מדרש (שיר השירים, רבה ג׳, י׳) אויף דעם פּסוק: מי זאת עולה מן המדבר... ווער איז דער וואָס גייט אויף פונעם מדבר, אַזוי ווי זיילן פון רויך, באַרויכערט מיט ווייַנרויך...

מי זאת עולה — ווער איז דער וואָס איז אויפגעגאַנגען פון היטלעריסטישן מדבר-שטורעם וואָס האָט אָפּגעמעקט פון דער אויבערפלאַך די פּעסטונגען פון ריינער תורה און חכמה אינעם רויך פון די גאַז-קאַמערן... זיך על-פּי-נס אַרויסגעריסן און זיך דערשלאָגן ביזן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, מיטברענגענדיק מיט זיך דעם שטאַרק-אַנטוויקלטן געוויסן פון גרויסער מיטלייד פאַר יעדן אומגליקלעכן און געפּייניקטן, בפרט נאָך די, וואָס זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון דער נאַצי-בלוטיקער הערשאַפט, אַרויסרייסנדיק זיך פון די מערדער-הענט.

מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט און היימישקייט האָט ער געשריבן צו יִדן פון אַלע ווינקלען וועלט, געוואָלט זיין אַ קרוב, אַ גואל צו אָט די איינצלנע, איינזאַמע, פאַריתומטע פון אַלץ און אַלעמען, וועלכע האָבן זיך געווענדט צו אים און ער איז גרייט געווען אים צו העלפן, מקרב זיין מיט אַלץ אין זיין יכולת.

און זיין ציל: ארץ־ישראל. אין טיפן און ווייטיקלעכן חושך, ווען איבער אים האָט געשוועבט דער אָטעם פון געשפּענסט, די בלוטיקסטע בלעטלעך פון גלות־אומקום, געזונקען אין טיפן טרויער און ערפורכט, שאַפט ער דעם „קדש את שמך אל מקדישי שמך", אונטער די הייליקע טרויער־טענער פון פאַרהערלעכטן קידוש־השם, איז ער עולה אין אונדזער הייליק לאַנד... האָט ער דאָך אַזוי פיל געשטרעבט צו ישוב ארץ־ישראל, צו שאַפן זיינע מעלאָ־דיעס אונטערן אוירא דארץ ישראל — און אהההי!

אנוש הכאב וגדול האבל — קול נהי נשמע בציון... ציון במר תבכה...

אייביק וועט זיין ליכטיקער אָנדענק וואַכן אין אונדז. עס ווערט גע־זאָגט: — דער קערפּער גייט צו דער ערד צוריק און דער גייסט — צום הימל"... גרויסע מענטשן בלייבן לעבן צווישן מענטשן, צדיקים במיתתם קרוים חיים! זיי שוועבן אין די מענטשן, לעבן אויף אין זיי, ווערן איינגע־אָטעמט אין לעבן.

תהא נשמתו צרורה בצרור החיים!

5. ביאָגראַפישע שטריכן

דער רבי ר' שאול ידידיה אלעזר טויב איז געבוירן געוואָרן הושענא רבה תרמ"ז — 1886) אין שטעטעלע אָזשעראָוו, ראַדאָמער געגנט, פּוילן, ווו זיין פאָטער ר' ישראל האָט געוווינט ביי זיין שווער, דעם גביר און חסיד ר' שאול פרידמאַן, וועלכער איז אויך געווען באַוווסט אַלס מנגן און גרויסער בעל־תפילה.

חסידים האָבן פאַרשיידענע גמטריות אין שייכות מיט זיין געבורט אין יאָר זמר"ת, געפינענדיק אַ סימן „עזי וזמרת יה" — ויהי לי לישועה: זמרת — דאָס יאָר; לישועה — דער טאָג; „זמרת יה" — זאָל באַטרעפן דער נאָמען שאול־ידידיה.

שוין אין זיין יוגנט האָט ער זיך אַרויסגעוויזן אַלס מוזיקאַלישער געניע

1) סימבאָלישער יאָר „זמרת", געזאַנג...

וואָס איז ביי אים געקומען נאַטירלעך, ניט לערנענדיק אָדער שטודירנדיק, נאָר אַלץ פון דער סביבה און בעיקר פון פאָטער.

ער האָט אַריינגעבליקט אין אייניקע מוזיק־ספרים, זיך געלערנט אַפילו שרייבן נאָטן — ער האָט זיך אָבער ניט געוואָלט צוימען פון די כללים אין מוזיק, נאָר אַליין געעפנט אַ וועג פאַר זיינע מוזיקאַלישע איינפאַלן און אַרויסגערופן גרויס התפעלות ניט בלויז ביי חסידים נאָר אַפילו ביי גרויסע מוזיק־פאַרשער.

אין יאָר תרע״ג (1913), פאַרפאַסט ער אַ טאַנץ־ניגון פאַר שבועות וואָס ווערט באַלד אויפגעכאַפּט אין אַלע חסידישע הויפן. מיט אַ יאָר שפּעטער אין יאָר תרע״ד, ווען עס האָט אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט־קריג, האָט ער פאַרפאַסט זיבן ניגונים פאַר די ימי־נוראים: „ארשת שפתינו״, „כבקרת״, „ממקומך״, „ויאתיו״, „חמול על מעשיך״ און אַנדערע.

צום ערשטן מאָל איז ער אין יאָר תרע״ג, בעת דער קראַנקייט פון זיין פאָטער אין בערלין, צו צום עמוד דאַווענען מוספים און זיך באַוויזן מיט זיין כוח אַלס שטאַרקער טענאָר, וואָס קען זיך אַראָפּלאָזן צו „דקה מן הדקה״ אין דער מענטשלעכער שטים און איז געוואָרן וועלט־באַרימט אַלס גרויסער שאַפער פון נגינה און אַלס רבי מיט דער לייבן־שטים, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכן. ער איז געקרוינט געוואָרן אַלס גרויסער מנגן אין דער חסידישער וועלט, וועלכער האָט באַנייט און געגעבן אַ תיקון דעם חסידישן ניגון וואָס איז פאַררעכנט אַלס הויפּט־עבודה אין חסידות.

ניט געקוקט אויף זיין פאַרטועגקייט אין הלכות נגינה איז ער עוסק יומם ולילה אין לערנען, סיי אין נגלה, סיי אין נסתר, און ער ווערט פאַר־רעכנט אַלס איינער פון די אָנגעזעענסטע רבנים אין פּוילן.

דאָס ערשטע רבנות זיינס איז געווען אין ראַקאָוו, אין עלטער פון 21 יאָר, ווו ער האָט אָנגעהאַלטן דאָס רבנות ביז דער פּטירה פון זיין פאָטער, אין יאָר תרפ״א (1921), ווען ער איז גערופן געוואָרן צו זיין ממלא־מקום פון זיין גרויסן פאָטער 2).

ער איז נאָכדעם אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין קאָרטשעוו (וואַר־שעווער וואָיעוואָדשאַפט). אויפן פאַרלאַנג פון זיינע חסידים האָט ער זיך

2) ראַקאָוו, — אַ שטעטעלע אין ראַדאָם־קעלצער ראַיאָן.

אין יאָר תרפ״ט (1929) באַזעצט אין אָטוואָצק, לעבן וואַרשע, ווו די חסידים האָבן אים געקויפט אַ ווילע און אויפגעשטעלט אַ ריזיק בית־המדרש און דאָרטן אין דער רייגער אָטוואָצקער לופט אין דער פּרעכטיקער לאַנדשאַפט, זיך אָנגעפילט מיט רוח ד׳ והי׳ כנגן המנגן... אין אָטוואָצק האָט ער געגרינדעט די ישיבה „תפארת ישראל״, אין וועלכער עס האָבן זיך ביזן אויסברוך פון קריג געפינען בחורים מופלגי תורה, למדנים בעלי־הוראה און דער רבי האָט זיי באַזאָרגט מיט אַלע הצטרכותן.

אָטוואָצק ליגט 28 קילאָמעטער פון וואַרשע און די דייטשע רשעים, אַזוי שנעל ווי זיי זענען פאַרטיק געוואָרן מיט דער אָקופּאַציע פון וואַרשע, אין סעפּטעמבער 1939, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף אָטוואָצק — און דאָס ערשטע איז געווען דאָס כאַפּן ייִדן, זיי שלאָגן מכות רצח, אָפּשערן בערד, אונטערצינדן בתי מדרשים ראַבעווען און שענדן.

די געשיכטע און מאַרטיראָלאָגיע פון די ייִדן אין אָטוואָצק איז אומבאַשרייבלעך 3). דער רבי האָט פאָראויסגעזען, וואָס פאַר אַ צרה עס קומט אויף דער אָרטיקער געטאָ, אינעם באַרימטן קוראָרט פון פּוילן. ער האָט געראַטן אַלע נאָענטע צו אַנטלויפן איידער די אויסזידלונג קומט.

ניט אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו זיינע וואָרענונגען. אין אַן אויסזיכטלאָזער לאַגע איז דער רבי מיט דער משפחה אַנטלאָפן קיין ווילנע, פון דאָרט קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד. נאָכדעם קיין יאַפּאַן און לסוף זיך געראַטעוועט קיין אַמעריקע.

אין אַזאַ מצב, בערום ובחוסר כל, אויסער מיט איין ספר תורה, האָט דער מאָדזשיצער רבי פאַרלאָזט אָטוואָצק, זיין פּרעכטיקע ווילע, דאָס גרויסע בית־מדרש ווו עס פלעגן דאַוונען טויזנטער חסידים און פאַרערער. ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיטן וואַנדערשטעקן איבער וועגן און אומוועגן און אומעטום ווו נאָר ער איז געקומען האָט ער געווירקט פאַר הצלה און אומעטום געקומען מיט זיין ניגון, אַזוי אַז אַפילו אין קאָבאָ, יאַפּאַן און אין שאַנכאַי איז געהערט געוואָרן דער מאָדזשיצער ניגון.

---

3) דער גורל פון אָטוואָצק איז געווען דער זעלביקער ווי דער גורל פון גאַנצן וואַרשעווער ראַיאָן. פריער סאַדיסטישע פּייניקונגען און נאָכדעם אומקום און ליקווידירונג, אין 1942. איז דאָס רעשטל איבערגעבליבענע אָטוואָצקער ייִדן געשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

ווען ער איז, ביים סוף פון שנת ת"ש, אָנגעקומען אין אַמעריקע, איז דאָס ערשטע ביי אים געווען מעורר צו זיין פאַר הצלת ישראל און ער איז געווען אַן עושה ומעשה, אַרויסווייזנדיק אַ גרויסן כוח פון מסירת־נפש פאַר הצלה־אַרבעט. ער פלעגט אַרומפאָרן אין די גרעסערע שטעט, צונויפ־געזאַמלט גרעסערע סכומים, אָבער אַהיימקומענדיק פלעגט ער אָנפירן מיט זיין אייגענע הצלה־אַקטיוויטעט געשיקט הילף צו די גראַטעטוועטע אין די לאַגערן. זיין ציל איז אָבער געווען ארץ־ישראל. זיינע אויגן זענען געווען געווענדט קיין ציון.

דריי מאָל האָט ער באַזוכט ארץ־ישראל: תרפ"ה, תרצ"ה, און תרצ"ח. וועגן יעדער נסיעה, האָט ער געהאַט זייער אַ סך צו דערציילן. ווען נאָר ער איז געקומען אויפן הייליקן באָדן, האָט ער אים מער ניט געוואָלט פאַרלאָזן — אָבער די חסידים אין פוילן האָבן ניט אָפּגעלאָזט און דווקא געוואָלט האָבן דעם רבין ביי זיך אין פוילן און ער האָט זיי ניט געוואָלט איבערלאָזן, כאָטש אין ארץ־ישראל זענען געווען מאָדזשיצער "שטיבלעך" און זיין בן בכור איז שוין געווען אַ תושב אין תל־אביב.

ער האָט זיך געהאַלטן אין איין גרייטן צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. זיין ניגון זאָל אַ נייעם תיקון באַקומען אין דעם הייליקן אוירא דארץ ישראל. ער האָט שטענדיק גערעדט וועגן ישוב ארץ־ישראל. זיינע תורה־שמועסן זענען תמיד געווען „רמזי ארץ ישראל". ער איז געווען אַ פייערדיקע חובב־ציון און שטענדיק געהאַט זיין טרעפלעך וואָרט און געדאַנק וועגן א"י און ציון־ליבשאַפט.

זיין פּלאַן האָט געהאַלטן ביים רעאַליזירט ווערן אין תמוז תש"ז, ווען ער איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל על מנת להשתקע און דערפילט אַז מיר האַלטן שוין ביי דער אתחלתא דגאולה, כי פקד ד' את עמו.

מיר האָבן אָבער ניט זוכה געווען צו הערן זיין ווונדערלעך געזאַנג אין באַפרייטן ישראל. עס איז אויסגעלאָשן געוואָרן דער ליכטיקער שטראַל און דער הר הזיתים האָט איינגעשלונגען זיין געהייליקטן קערפּער.

דער לעצטער ניגון זיינער פאַרן אָפּפאָרן קיין ישראל איז געווען „שמחה לארצך" 4).

4) געדרוקט אין חזן וויסערס עבודת החזן ב', תש"ח.

קוזמירער־מאָדזשיצער חסידות האָט אָבער דאָך געפינען אַ מקום אין ישראל. ר׳ שמואל־אלי׳ שליט״א, דער ממלא מקומו פון ר׳ שאול־ידידיה איז ממשיך דעם דרך קוזמיר־מאָדזשיץ אויך מיט נגינה. דער ערשטער „כינוס״ פון מאָדזשיצער חסידים אין ארץ־ישראל ט״ז טבת תש״ח האָט באַוויזן, אַז מאָדזשיצער חסידות לעבט אין ישראל, אַז די רייכע ירושה פון מאָדזשיצער זצ״ל וועט ניט גיין לאיבוד.

ר׳ שאול־ידידיה, די גרויסע פּאָעטישע נשמה, און גאון שירת ישראל האָט גענוג משפיע געווען ביים לעבן אַז זיין השפעה זאָל בלייבן אויף דורות.

6. גרויס אין שירה און אין תורה

דער מאָדזשיצער רבי ז״ל, איז געווען גרויס אין שירה, חסידות און אין תורת הנגלה — אַ למדן אין ברייטסטן זין פון וואָרט. געפירט טישן, גע־זאָגט טיפע חדושי תורה און געזונגען וווּנדערלעכע נגונים.

אַ גרויסע צאָל נגונים האָט ער פאַרעפנטלעכט אין די קונטרסים „תפארת ישראל״. אויך אַ סך פון זיין חדושי תורה האָט ער אָפּגעדרוקט אין די קונטרסים. אָבער בלויז די תורה שמועסן וואָס ער האָט מחדש גע־ווען זייענדיק דאָ אין אַמעריקע און פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז אַ גאָר קליינער טייל פון די חדושי תורה וואָס ער האָט געשאַפן.

ווי זיין חסיד מקורב און מנגן ר׳ בן־ציון שענקער לאָזט אונדז וויסן, האָט דער רבי ז״ל ביים אַנטלויפן פון פוילן איבערגעלאָזט ביי חסידים זיינע צאָלרייכע כתבי־יד און אַנדערע אַנטיקן, וועלכע זענען באַגראָבן געוואָרן אויף אַ געוויסן אָרט אין וואַרשע און זענען ביז היינט נאָך ניט געפונען געוואָרן.

דעם פאָטערס ספרים „דברי ישראל״ 1) זענען פאַרזען מיט זיינע הגהות. די הגדה של פסח „אישי ישראל״ 2) האָט זיינס אַ פּראַכטפולן פירוש. ווי פריינט שענקער גיט איבער, דרוקט זיך אַ ספר א״נ „ישא ברכה״. זייענ־

1) דערשינען אין תר״ץ.

2) דערשינען אין יאָר תרצ״ח.

דיק דאָ אין אַמעריקע, האָט ער באַוויזן דורכן „ועד חסידי מודזיץ" אַרויס־צוגעבן זיבן וויכטיקע תורה־העפטן אין וועלכע ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל מאָדזשיצער נגונים פון אים און זיין פאָטער.

אין די קונטרסים געפינט זיך אַ ים מיט וויכטיקן מאַטעריאַל פאַר חסידות 3), חיבת ציון און פלפול. זיין ביבליאָגראַף ר' בן־ציון שענקער האָט פאַרצייכנט אַ היבש ביסל מאַטעריאַל.

דער ממלא־מקום ר' שאולס, דער היינטיקער רבי אין תל־אביב, ר' שמואל־אלי' טאַוב, איז ווי דער פאָטער, אַ גרויסער אוהב־ישראל און חובב ארץ־ישראל. אַלע זיינע תורה־שמועסן זענען געבויט אויף אָט די צוויי קאָנ־צעפציעס. ניט וועלנדיק מאריך זיין מיט ציטאַטן, וועלן מיר זיך באַנוגענען מיט ברענגען בלויז איין וואָרט, איין געדאַנק, פון זיינס אַ וואָרט 3) אויף דעם פסוק ויעבור אברם בארץ (בראשית, י"ב, ו'), אויף וועלכן רש"י קאָ־מענטירט נכנס לתוכה. האָט ער געפרעגט, וואָס איז דאָ רש"י מחדש? אוודאי, אַז ער איז דורכגעגאַנגען דאָס לאַנד איז ער אַריין אין לאַנד...

די כוונה דערפון איז — האָט ער מסביר געווען — רש"י באַמערקט, אַז אברהם האָט נישט געקוקט אויף דער חיצוניות, נאָר אויפן פנימיות, אויפן תוך פונעם לאַנד...

אין דעם זין טייטשט ער אויס אַ סך פסוקים אין שייכות מיט ארץ־ישראל, אַז מען דאַרף ניט און מ'טאָר ניט זוכן קיין חסרונות און מאַכן אויספירן אויפן סמך פון אַ פרט, נאָר מען דאַרף זען דאָס פנימיותדיקע, דאָס גאַנץ־אַלגעמיינע, וועט מען במילא זען לויטער גוטס....

אין זיין „אומר ולקט" 4), ברענגט ער אַ געדאַנק פונעם פאָטער ז"ל, פאַרוואָס דער בעל־הגדה, ברענגט ניט קיין באַווייז אויף דעם „ועכשיו קרבנו המקום לעבודתו", ווייל בלויז דאָס אַליין וואָס אברהם אבינו איז געגאַנגען אין ארץ־ישראל, איז ער דערמיט אַליין דערנענטערט געוואָרן צו עבודת השם, ווייל דער, וואָס גייט פיר איילן אין ארץ־ישראל, האָט ער אַ חלק עולם הבא, האָט ער אמונה אין גאָט, כאלו יש לו אלהי...

אויף דעם מאמר: „האומר ירושלים לא אמר כלום" — האָט ער גע־טייטשט אַז מיט בלויז זאָגן און רעדן וועגן ליבע פון ירושלים דערגרייכט

---

3) בעת זיין באַזוך אין די פאַרייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, ווינטער 4־1953.
4) פאַרעפנטלעכט אין „נרות שבת".

מען גאָר גיט. דער עיקר דאַרף זיין דער אַקטיוו בפועל ממש פאַר בנין ירושלים.

אין דער „רמזי ארץ־ישראל" געפינט מען מערקווירדיקע געדאַנקען, אמתע פערל, וואָס זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ חסידישן רבין.

מיט ארץ־ישראל, זאָגט ער, איז דאָס זעלבע ווי מיט תורה ווו די חז"ל דריקן זיך אויס, אַז מען זאָל עוסק זיין אין תורה אַפילו שלא לשמה, ווייל דורכן שלא לשמה קומט מען צום לשמה. ווען אַ ייִד איז עוסק אין ארץ־ישראל, אפילו ער פילט ניט די קדושה פון לאַנד, וועט ער דאָס שפּעטער דערפילן.

אויף דעם פסוק: „כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם" — באַמערקט ער אַז דער „אני" איז איבעריק, נאָר דער מיין איז אַז אין ארץ־ישראל וועט השי"ת געבן יעדן איינעם דעם געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ, פונעם „אני" אין דער בחינה: אם אני כאן הכל כאן 5).

די מצוה פון ארץ־ישראל, — זאָגט ער אויף אַ צווייט אָרט — איז ניט קלענער פון דער מצוה פון שבת און תפלין.

וועט עמיצן איינפאַלן מען זאָל יוצא זיין בלויז מיט כוונות? עס פאַרשטייט זיך אַז מען מוז די מצוות פּראַקטיצירן. אויך די מצוה פון ישוב ארץ ישראל מוז מען פּראַקטיצירן, מען מוז זיך דירעקט באַטייליקן אין בנין ישוב פון אונדזער הייליק לאַנד 6).

ווען ער איז געווען אין ארץ־ישראל, האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ ייִד וואָס איז געזעסן און גאָרנישט געטאָן, האָט ער אים געפרעגט פאַר וואָס ער טוט גאָרנישט, האָט דער ייִד אים געענטפערט: „איך האָב ליב ארץ־ישראל בלויז צוליב דעם אוירא דארץ־ישראל, וואָס איז מחכים, וואָס מאַכט קלוג. האָט אים דער רבי געזאָגט: „די חכמים האָבן אָבער שוין לאַנג געזאָגט, אַז נאָר כל שמעשיו מרובים מחכמתו, חכמתו מתקיימת" (בלויז נאָר אויב די מעשים זענען גרעסער פון דער חכמה, ערשט דאַן קען די חכמה האָבן אַ קיום 7).

ביים געזעגענונגס־אָוונט, פאַר זיין אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט ער

---

5) קונטרס ד'.

6) קונטרס תפארת ישראל, חוברת ו'.

7) קונטרס ה'.

צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז איצט פאַרשטייט ער דעם באַדייט פון דער תפלה: „ותוליכנו קוממיות לארצנו״, ניט צו דאַרפן שוואַרצן גרענעצן, ניט צו פאָרן אויף עקסאָדוס״־שיפן און אַנדערע העפלה אומוועגן, נאָר טאַקע פאָרן א היים, צום לאַנד פון די אבות בקומה זקופה, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט שטאָלץ און כבוד. עס זאָל זיין קוממיות לארצנו.

ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער לעצטער, פערטער נסיעה, קיין ארץ־ישראל, האָט ער באַמערקט, אַז די פריִערדיקע נסיעות, האָט ער געמאַכט פאַר זיינע אבות, פאַרן זיידן, ר׳ יחזקאלע קוזמירער, דעם זיידן ר׳ שמואל־אלי זוואָלינער און זיין פאָטער ר׳ ישראל. אַלע האָבן געשטרעבט עולה צו זיין אין הייליקן לאַנד. „איצט פאַר איך פאַר מיר אַליין און להשתקע״.

אין זיין תנ״ך „מקראות גדולות״ אין וועלכן ער פלעגט טאָג־טעגלעך מעיין זיין, האָט מען געפונען אַ קנייטש אויפן בלעטל וואָס ענדיקט זיך מיטן פסוק ועמדו רגליו ביום ההוא על הר הזיתים 8) — אַ מערקווירדיקער סימבאָלישער סימן. ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, אויפן הר הזיתים.

ווען דער מאָדזשיצער רבי איז געווען אין א״י, איז ער עטלעכע מאָל איינגעלאַדן געוואָרן צום ערשטן נציב־עליון, סער הערבערט סעמועל. ווען דער לעצטער איז צוריקגערופן געוואָרן פון זיין אַמט, האָט ער דעם לעצטן שבת זיינעם, אַלס נציב, איינגעלאַדן דעם מאָדזשיצער רבין, צוזאַמען מיט די תושבים פון לאַנד צו דאַוונען אין דער חורבה שול פון ר׳ יהודה החסיד אין אַלט־ירושלים. דער רבי פלעגט שטענדיק רעדן וועגן זיין „שחרית״ אין דער היסטאָרישער חורבה־שול, וואָס איז געווען אַ געוואַגטער שריט מצד אים.

ווען ער האָט אָנגעהויבן זינגען „הכל יודיך״, האָבן כמעט אַלע מתפללים מיטגעזונגען אין גרויס התלהבות. צווישן די מתפללים האָבן זיך געפינען אויסער דעם נציב, הגר״א קוק זצ״ל, ר׳ מנחם מענדל אוסישקין און אַנדערע. נאָכן דאַוונען זענען זיי איינגעלאַדן געוואָרן אויף קידוש אין נציבס

8) זכריה, י״ד.

פּאַלאַץ, ווו הרב קוק האָט געזאָגט תורה, ער האָט געזונגען זמירות און עס האָט זיך געשאַפן אַ הייליקע אַטמאָספערע.

ווען ער האָט דעם ערשטן מאָל פאַרלאָזט א״י אויף צוריקצופאָרן קיין פוילן, האָט הרב קוק איינגעאָרדנט אַ סעודת־פרידה ביי אים אין הויז, ווו מען האָט געקענט אַרויסזען דעם הר־הבית און דער רבי האָט צום געזעגע־נען געזונגען „אזכרה״, וואָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. נאָכן טיש, האָט דער רבי געזונגען אַ לעבעדיקס און פאַרענדיקט אין התלהבות מיט אַ ריקודל, אַזוי אַז דער ספרדישער רב הכולל איז אַרויף אויפן טיש און געטאַנצט. ביים איצטיקן באַזוך האָבן זיךביידע דערמאָנט אין יענעם פריי־לעכן מאָמענט.

פונקט ווי ביי אַלע גרויסע רביים האָבן מאָדזשיצער חסידים געשאַפן אַ סך מעשיות אַרום דער לעגענדאַרישקייט פון זייער רבין.

ב. צ. שענקער דערציילט, אַז ווען דער רבי איז געקומען אין אַמע־ריקע, האָט אַ חברה (אַן אָרגאַניזאַציע) פון פוילישע ייִדן, אים איינגעלאַדן צו ווערן אַ מיטגליד פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, באַהויפּטנדיק, אַז ער וועט זיין דורך דער אָרגאַניזאַציע פאַרזיכערט מיט „קרקע״ לאחר מאה ועשרים שנה... האָט ער זיי געענטפערט, מיט אַ סאָרט פאַרויסדיקע זיכער־קייט: „איך באַלאַנג קיין ארץ־ישראל״...

שענקער גיט אויך איבער, אַז זייענדיק צום ערשטן מאָל אין א״י, אין תרפ״ה, איז דער רבי אויפגענומען געוואָרן פון דעמאָלטיקן נציב־העליון, סער הערבערט סעמועל, האָט אים דער נציב געפרעגט, פאַרוואָס דער רבי, אַלס מנהיג ביי ייִדן, זעט ניט שלום צו מאַכן צווישן די צעריסענע ירושלימער קהלות (ס׳האָט דאַן געהערשט די גרויסע מחלוקה צווישן הגר״א קוק, רב פון כנסת ישראל און צווישן הגרי״ח זאָנענפעלד, רב פון אגודת האשכנזים).

האָט אים דער רבי געענטפערט מיט אַ מדרש, וואָס זאָגט, אַז ווען דער רבונו־של־עולם האָט געוויזן משה רבינו די מנורה, וואָס האָט געדאַרפט זיין מקשה אחת... אויסגעהאַמערט פון איין שטיק גאָלד, נתקשה משה, איז משהן שווער געווען, ווי אַזוי מאַכט מען די מנורה פון איין שטיק?...

איז אין פלוג ניט צו פאַרשטיין, אַלץ איז משהן קלאָר געווען, נאָר דאָס האָט ער שוין ניט געקענט באַגרייפן?

די כוונה דערפון איז, דער רבונו־של־עולם, האָט געוויזן משהן אַ

מנורה פון איין שטיק, אַ סימבאָל פון ייִדישקייט ביים ייִדישן פאָלק. האָט זיך משה געוווּנדערט, ווי איז מעגלעך צו שאַפן אַזאַ סאָרט אחדות, ביים ייִדישן פאָלק, און אַז משהן איז דאָס שווער געווען — האָט דער רבי אויסגעפירט — ווי אַזוי קען איך מיך דאָס אונטערנעמען...

ר׳ שאול האָט זיך אַ סך אָנגעליטן אין זיין לעבן, דאָך שטענדיק געווען בשמחה... אָפּטימיסטיש און קיינמאָל נישט געוויזן קיין סימן פון טרויער און עצבות. ס׳איז אַמאָל געקומען צום פאָטער אַ חסיד און זיך אויסגערעדט וועגן זיין גורל, דאגות פּרנסה און קראַנקייטן און געווען שטאַרק פאַרצווייפלט. האָט אים ר׳ ישראל (אָדער ווי חסידים רופן אים, דער אַלטער רבי) געזאָגט: „וואָס וויינסטו? קוק נאָר אויף מיין שאולן, אַזויפיל צרות און אַלעמאָל בגילופין...״.

„דער רבי ז״ל — שרייבט אונדז בן־ציון שענקער — האָט געהאַט דעם כח מלבש צו זיין יעדער געשעעניש אין אַ ניגון. דער ניגון האָט אויסגעדריקט די באַהעלטענישן פון זיין נשמה... איינעם פון די באַרימטסטע ניגונים, האָט ער פאַרפאַסט מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, בעת דער שבעה פון זיין צווייטער פרוי (טאָכטער פון סטאָבניצער רב), עס איז אַ האַרץ־רייסנדיקער ניגון״ 1).

און ניט בלויז אינעם ניגון, נאָר אויך אין זיינע פּתגמים, תורה־שמועסן קומט צום אויסדרוק זיינע איבערלעבענישן, ווי זיין אינטערפּרעטאַציע אויפן פּסוק „והי׳ כי יצעק אלי ושמעתי כי חנון אני...״ 2), וואָס איז אַן אָפּשפּיגלונג פון זיין לעבנס־שיטה.

7. שאַפער פון נגינה

אַלס שאַפער פון חסידישער נגינה איז ער געווען אַ יחיד בדורו. ניטאָ קיין פאַרגלייך אין דעם זשאַנער פון זיין שאַפן. ער האָט געשאַפן אַן ערך 700 נגונים צווישן וועלכע עס געפינען זיך ריזן־ווערק אויפן חסידיש־מוזיקאַלישן געביט.

1) זען, קונטרס ה׳ „תפארת ישראל״, ז׳ 8, ניגון „ארשת שפתנו״...
2) זען, קונטרס ג׳, ז׳ 18.

אומצייליקע פאַרשער און מוזיק־קענער, האָבן געשריבן וועגן זיין מוזיקאַלישן באַדייט. די גרעסטע אַלזייטיקע אָפּשאַצונג וועגן זיין נגינה האָט אונדז געגעבן מ. ש. גשורי, אין זיין „לחסידים מזמור״ 3) און אַנדערע מוזיק־פאַרשונגען.

אַרום 100 נגונים זענען אָפּגעדרוקט אין פאַרשיידענע מוזיק־ביכער, צייטשריפטן און זשורנאַלן. אַן ערך 300 נגונים פאַרצייכנט דורכן ווילנער מוזיקער דורמאַשקין (מיט דער מיטהילף פון וואַרשעווער מוזיקאָלאָג, דוד אייזענשטאַט הי״ד), געפינען זיך אין מאַנוסקריפּט ביים היינטיקן רבין ר׳ שמואל אלי׳ שליט״א אין תל־אביב. אין די זיבן יאָר וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין אַמעריקע האָט ער פאַרפאַסט 80 ניגונים 4). דער באַרימטער חזן ר׳ יהושע ווייסער האָט אים אַ סך אַרויסגעהאָלפן אין פאַרצייכענען און באַאַרבעטן די נאָטן און אין זיינע צוויי בענדער „עבודת החזן״ אַריינגענומען מאָדזשיצער נגינה. אין צווייטן טייל, דערשינען אין יאָר תש״ח, איז אַריין ווי דערמאָנט, דעם רבינס ניגון אויף „שמחה לארצך״, וואָס ער האָט פאַרפאַסט ממש פאַר זיין אָפּפאָר קיין ארץ־ישראל.

מאָדזשיצער נגינה איז דאָס הערלעכע חסידישע געזאַנג, פאַרמאָגט אין זיך טיפן שמערץ און חסידישן אָפּטימיזם, וואָס ווערן אויף אַ סינטעטישן אופן אַזוי האַרמאָניזירט ווי הימלישע קלאַנגען אין דער מענטשלעכער נשמה. אַ מאָדזשיצער ניגון האָט אין זיך קבלה־אויסדרוקן, פון אמתן היכל השירה, באַגלייט מיט אהבת ישראל ושמחת ישראל און געהילט אין קדושה וטהרה.

ער האָט אַ סך געליטן, אַ סך מיטגעמאַכט אין זיין פאַמיליע־לעבן און בכלל געליטן פון פאַרשידענע צרות. אין זיינע ניגונים געפינט מען אַן אויסדרוק צו זיינעליידן, — אַזוי, אַז מען קאָן זאָגן אַז זיין לעבן איז געווען איין גרויסער ניגון.

***

די השפעה פון רבין איז געווען גרויס אויף אַלע מאָדזשיצער חסידים, באַזונדערס אויף די מאָדזשיצער מנגנים. אַפילו אין דער פינצטערער געטאָ

---

3) וועגן דעם — ווייטער.

4) געפינען זיך אַלע אין רשות פון דערמאָנטן מקורב זיינעם, בן־ציון שענקער.

און אויף די וועגן קיין טרעבלינקע האָט זיך געהערט דער מאָדזשיצער ניגון און די לעגענדע האָט געוואָלט, אַז דער הערלעכער „אני מאמין"־ניגון זאָל זיין די שאַפונג פון אַ מאָדזשיצער חסיד וואָס איז געפירט געוואָרן פון וואַרשע קיין טרעבלינקע. ער האָט געוואָלט מען זאָל גיין אין גאַז־אויוון מיט דער שטאַרקער אמונה אין משיחן, אונטער די הערלעכע טענער פון דער אייביקער אמונה.

מיט געוויין און פרייד האָבן ייִדן געזונגען אני מאמין, אני מאמין...
באמונה שלימה
בביאת המשיח אני מאמין

דער געטאָ־ניגון פון אני מאמין איז געבליבן. דער ניגון איז ניט אַנטרונען געוואָרן אינעם גי צלמות, דער ניגון האָט עולה געווען קיין א״י און דאָרט באַקומען זיין תיקון, אָנזאָגנדיק די אתחלתא דגאולה, די בשורה פון פריי ישראל.

דער מאָדזשיצער אני־מאמין־ניגון האָט דערקוויקט ייִדישע נשמות אין די שווערסטע רגעים פון לעבן, זיי געגעבן כוח בייצושטיין די שרעקלעכע שחיטות, די אכזריות אויף די טויט־וואַגאָנען און דעם שארית־הפליטה פון די מעפּילים, געגעבן כוח עולה צו זיין צום הייליקן לאַנד, צוצואײַלן די גאולה, עפענען די הימלען און וועקן רחמנות ביים בית־דין של מעלה.

דער חוט פון נגינה עילאית וואָס איז באַנייט געוואָרן אין בית מדרש פון מאָדזשיץ, אָנפאַנגענדיק פון ר׳ יחזקאל קוזמירער ביז ר׳ שאול־ידידיה אלעזר — דער חוט, לאָמיר האָפן, וועט קיינמאָל ניט איבערגעריסן ווערן.

מאָדזשיצער נגינה וועלן זינגען חסידים, חלוצים און אַלע וואָס ווילן הנאה האָבן פון אַ ריינער געהייליקטער ייִדישער מעלאָדיע. ניט בלויז „אזכרה" איז אַריין אין אונדזער קלאַסישער פאָלקס־נגינה, נאָר אויך די אַנדערע מאָדזשיצער קאָמפּאָזיציעס וועלן פאַרנעמען דעם אויבנאָן אינעם אוצר השירה החסידות. מאָדזשיצער „אָפּערעס" פאַר אקדמות און אַנדערע תפילות און געזאַנגען וועלן געוויס אויסגענוצט ווערן פון גרויסע מוזיק־שאַפער און מוזיק־פאָרשער.

דער מאָדזשיצער ניגון איז פאַרוועבט אין דער װוּנדער־לעגענדע פון חסידות — און אַזוי לאַנג ווי מען וועט שרייבן און געדענקען די חסידות־

עפּאָכע און אירע הערלעכע פּערזענלעכקייטן, וועט מען שרייבן וועגן מאָ־דזשיצער חסידות און מאָדזשיצער נגינה.

8. די קונטרסים „תפארת ישראל"

אין נאָוועמבער 1946, איז דער מאָדזשיצער רבי געווען אויף אַ באַזוך אין קאַנאַדע. אַ צייט געווען אין טאָראָנטאָ. האָבן מיר דאַן, ביי דער גע־לעגנהייט געשריבן וועגן רבין. אויך צו דער געלעגנהייט פונעם דערשיינען פון 7טן העפט „תפארת ישראל" 1).

„איך ברענג דאָ אַ גוטע ליטעראַרישע בשורה די ליבהאָבער פון חסי־דישן וואָרט און חסידישן ניגון — האָבן מיר דעמאָלט געשריבן 2), — אַ פּאַרגרעסערטן נומער „תפארת ישראל", „מאמרים וניגונים" פון באַרימטן מאָדזשיצער רבין אדמו"ר רבי שאול ידידיה אלעזר טאַוב. דער קונטרס אַנטהאַלט אַ צוויי צענדליק מאמרים, חדושים אין תורה, חסידישע מאמרים באַזירט אויף אומגעהויער בקיאות אין נגלה און נסתר, בקיאות אין תלמוד און מדרשים, און נישט ווייניקער אין די קבלה־ספרים, אין אַ פּרעכטיקן תורה־סטיל, מיט וועלכן בלויז געציילטע זענען געבענטשט".

דער מאָדזשיצער רבי איז געווען איינער פון די סאַמע פּאָפּולערסטע אדמורי"ם אין פּוילן פון פאַר דער שרפה. מאָדזשיץ איז געווען אַ באַרימ־טער צווייג פון דער קאָזמירער דינאַסטיע אינעם יידישן לעבן פון פּוילן וואָס איז געווען אַזוי לעבעדיק־פּולסירנדיק מיט יידישקייט: וואָס איז געווען אַזוי רייך מיט למדנים, שרייבער, רבנים און רביים פונעם אַלטן און מאָ־דערנעם שטייגער.

דאָס דאָזיקע לעבן, איז אומברחמנותדיק אונטערגעזעגט געוואָרן. די מערדערישע האַנט האָט געהאַט שליטה. עס איז אונטערגעהאַקט געוואָרן אַ גרויסער צווייג, דער סאַמע פּרוכטבאַרסטער פונעם בוים וואָס רופט זיך וועלט־יידנטום.

---

1) תשרי, תש"ז.
2) „דער יידישער זשורנאַל", נ' 79, 28טער נאָוועמבער, 1946.

דרייען זיך אַרום אויף דער וועלט יחידים-בודדים און זוכן ערגעץ-ווו אַן אחיזה. אין אַמעריקע זענען איצט פאַרזאַמלט פאַרשטייער פון פאַרשיי-דענע חסידישע דינאַסטיעס. עס איז שוין אַפילו דאָ אַן אָרגאַניזאַציע פון רביים, אַן אגודת האדמורי״ם און אייניקע מיינען, אַז חסידיזם ווערט אַ פאַק-טאָר אין דעם אַמעריקאַניש-יידישן לעבן.

אין דער אמתן, האַלט עס נאָך גאַנץ ווייט פון אַ חסידות-באַוועגונג אויפן אַמעריקאַנישן קאָנטינענט. די ניו-יאָרקער הימל-קראַצער קענען זיך ניט פאַרגלייכן צו די קאַרפאַטן-בערג פון אוקראַינע, ווו דער חסידיזם איז אייגנטלעך אַנטשטאַנען אַלס באַוועגונג. דאָרט איז דער באָדן ממש געווען צוגעפּאַסט: די ראָמאַנטיק, די דערהויבונג פון די פשוטע יידישע מאַסן, די ווירקונג און די שאַפונג פון די גרויסע חסידישע הויפן.

דאָרט איז געווען טראַדיציע, פרומקייט; יידן האָבן געזוכט אַן אחיזה און דאָס געפינען אין חסידות, אין די לערעס פון גרויסע חסידישע מנהיגים. אָבער דאָ, אין אַמעריקע? יעדער איז אַזוי מאַטעריאַליסטיש-רעאַליסטיש; דאָ זענען די באַדינגונגען פאַר חסידות שוין גאָרנישט קיין גינסטיקע. שווער צו פירן „טישן״, שבתדיקע, יום-טובדיקע אין דעם אַזוי וואָכעדיקן אַמע-ריקע; שווער צו פראַווען מלוה מלכהס, די סעודתאָ דדוד מלכאָ משיחאָ, נאָך דעם אַמעריקאַנעם שבת. נישטאָ די אַטמאָספערע פאַר אַטלאַסענע קאַ-פאָטעס, פאַר די ספאָדעקעס; נישטאָ דאָס פּלאַץ פאַר רביישע „גוטע יידן״...

דאָך האָבן געוויסע אדמורי״ם באַוויזן אויך אַריבערצוברענגען חסי-דות, איינצופלאַנצן חסידישע לערעס פון אהבת השם, תורה וישראל און פיל יידן ווערן „דערוואַרעמט״ און אויפגעלעבט אין דער חסידישער אַט-מאָספערע.

איינער פון די ווייניקע אדמור״ים, איז דער מאָדזשיצער רבי שליט״א, וואָס האָט אין משך פון זיין וווינען אין אַמעריקע, צוגעצויגן פיל מענטשן צום חסידישן דרך, הן דורך זיין זיסער נגינה און הן דורך זיינע תורה חדושים. און אַ דאַנק זיין איניציאַטיווע פאַרשטייט דער „ועד אגודת חסידי מודזיץ״ ווי אַזוי פּאָפּולער צו מאַכן מאָדזשיצער נגינה און מאָדזשיצער חסידות. זיי טוען דאָס דורך „קונטרסים״, דורך וועלכע מיר האָבן אַ מעג-לעכקייט זיך צו באַקענען מיט זיינע גאונישע חדושים אין תורה און נגינה, וועלכע גייען ביי אים צוזאַמען בבחינת קשר וחבור. מיר באַקענען זיך מיט

דער דינאַמישקייט פונעם מאָדזשיצער פאָלקס־ניגון. דער שרייבער פון די שורות האָט געהאַט די זכיה צו הערן פון מאָדזשיצער רבין תורה און נגינה — אַ שטאַרקער אָנהענגער געוואָרן נאָכן לערנען אין די „קונטרסים״; דורך די תורה־שמועסן פון אדמו״ר. האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אַ טייל פון דער גרויסקייט פון רבין, ווי אַזוי ער דערוועקט די התעוררות צו השתפכות הנפש, די התעוררות צו „וגילו ברעדה״, די התעוררות צו קדושה פון ארץ־ישראל, די התעוררות פון אהבת עם ישראל.

אינעם גרויסן צער וואָס האָט אונדז אַרומגעכאַפּט, איז דאָס זייער וויכ־טיק פאַר אייגענער התחזקות און טרייסט אין נצח ישראל. די רעטונג פון מאָדזשיצער רבין איז געווען אַ גרויסער נס. דאָס יידישע פאָלק מוז דאָך האָבן ווער ס׳זאָל אַרויסזינגען די הייליקע ווערטער אינעם ידיד נפש — כי זה כמה נכסוף נכספתי... ווער עס זאָל אַרויסזינגען אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט די בענקשאַפט און באַגער פון כנסת ישראל צו דער פראַכט פון דער אייביקער לויטערקייט. מאָדזשיצער נגינה האָט באַוויזן אָפּהילכן אינעם חלל פון דער וועלט און דערגרייכן איבער די פאַרצוימטע לאַגערן, געפירט יידישע „מעפּילים״ קיין תל־אביב, ווו מאָדזשיצער געזאַנג איז אַזוי פּאָפּולער. תל־אביב שעפּט ממש פונעם דאָזיקן לויטערן פאָלקס־געזאַנג.

נישטאָ מער דעם רבינס בית־המדרש, וואָס איז יעדן יו״ט און „יומא דפגרא״ געווען געפּאַקט מיט חסידים. נישטאָ מער די צונויפגעפּרעסטע מאַסע אַרום דעם טיש. נישטאָ מער די אַמאָליקע „מסובים״ און מקורבים; ניטאָ מער דער הויף פון חסידישער מלכות. ס׳איז אָבער געבליבן דער ניגון, דאָס זיסע חסידישע געזאַנג, די הייליקע קאָמפּאָזיציע וואָס איז בכח אַריינצופירן אין אַ שטימונג פון חסד־גוטסקייט און פון אומענדלעכע גאולה־גלוסטונגען; געבליבן איז מאָדזשיצער נגינה וואָס איז מיחד כלל־ישראל מיט דעם בורא, די שפּראַך וואָס איז שטאַרקער פונעם וואָרט, דער ניגון, וואָס איז „למעלה מן הדבור״.

איז דאָ ניט שייך צו שרייבן קיין רעצענזיע, אָדער וועלכע עס איז אָפּשאַצונג פון די מאמרי נגינה און נגונים אינעם דערמאָנטן זיבעטן קונטרס „תפארת ישראל״. די תורה־שמועסן דאַרפן ניט קיין הסכמה. עס זענען גע־דרוקט חדושי תורה אויפן חסידישן שטייגער פון די קדושים אדמורי״ם ר׳ יחזקאלע קאָזמירער זצ״ל, ר׳ שמואל אלי׳ זצ״ל פון זוואָלין, זיינע זיי־

שיר המעלות

אַ ניגון פון מאָדזשיצער רבין

נעהערט און פארשריבן דורך א. הירשין



דעס און פון זיין באַרימטן פאַטער, דעם מאָדזשיצער רבין הרה"צ ר' ישראל טאַוב זצוק"ל, דער מחבר פון די ספרים „דברי ישראל" און „כללי דאוריתא", גאון הנגינה אין דער חסידישער וועלט.

אינעם דאָזיקן קונטרס איז געדרוקט דער „ניגון אזכרה הקטן" פון יאָר תר"ע, דער ניגון וואָס האָט אויפגעשטורעמט דעם עולם הנגינה און וואָס איז נאָך אַלץ „מושפלת", האָט ער אַזוי טיף־האַרציק אויסגעזונגען דעם פון דער רעדאַקציע ווערט צוו"אַ געזאָגט וועגן דאָזיקן ניגון, אַז אין יאָר תר"ע, ווען דער אַלטער רב ז"ל, איז אויפן באַפעל פון דאָקטוירים געפאָרן זיך היילן אין די וואַרעמבעדער פון קאַרלסבאַד, פלעגט ער שפּאַצירן בעתן טרינקען דאָס וואַסער, אויף אַ בערגל, נישט ווייט פון דעם מינעראַלן קוואַל, און באַוואונדערט דעם פּראַכט פון שטאָט, די שיינע געביידעס, פּאַלאַצן און באַלד איז אים געקומען אויפן געדאַנק דער זכר ירושלים און אַנגעפאַנגען אַרויסזינגען זיינע געפילן אין די ווערטער „אזכרה אלקים ואהמיה..." אין דער טיף־רעליגיעזער שטימונג און אומגעהויער בענקשאַפט נאָך דער שטאָט, וואָס איז נאָך אַלץ „מושפלת", האָט ער אַזוי טיף־האַרציק אויסגעזונגען דעם דראַנג נאָך ציון־ליכט און ציון־אויפבוי.

מען דערציילט, אַז פאַרנדיק צוריק אַ היים, האָט ער געזאָגט צו זיין בני־בית: „איך, ב"ה גיי ניט אַ היים ליידיק, איך האָב דאָ אַ סך דערגרייכט, און ווען די רביצין האָט אים געפרעגט, וואָס אַזוינס ער האָט דערגרייכט, האָט ער געענטפערט: ס'איז מיר געקומען רעיונות פון מוזיק־חכמה, וואָס כ'האָב פריער קיינמאָל נישט געהאַט"...

ווען ער איז אַהיים געקומען, זיך געטראָפן מיט קינדער האָט ער זיי געזאָגט אין גרויס באַגייסטערונג: „איך האָב אייך געבראַכט «אַן אָנדענק», דעם ניגון «אזכרה», וואָס וועט זיין, ווי דער נאָמען, לזכרון"

דער דאָזיקער אזכרה־ניגון איז געוואָרן באַרימט צווישן חסידים און גוטע יידן. דער באַרימטער גאון און צדיק ר' מאיר־יחיאל זצוק"ל, אָסטראָווצער רב, דער באַרימטער גאון און צדיק ר' מאיר־יחיאל זצוקק"ל, ווען נאָר אַ מאָדזשיצער חסיד איז צו אים געקומען, האָט ער פון אים געבעטן זינגען דעם דאָזיקן ניגון און דערביי געגאָסן מיט טרערן. חסידים דערציילן, אַז נאָך דער פּטירה פון אַלטן מאָדזשיצער רבין, זאָל ער געוועזן זיך אויסדריקן, אַז דער מאָדזשיצער רבי האָט איבערגעלאָזן אַ גרויסן „עזבון"־ירושה, דעם ניגון וואָס קען מעורר זיין צו תשובה...

דעם גרויסן „אזכרה״־ניגון האָט ער פאַרפאַסט אין יאָר תרע״ג (1913), אין בערלין, בעת פּראָפעסאָר איזראַעלסאָן האָט אים אָפּעריִרט אויף אַ פוס.

וועגן דעם דאָזיקן ניגון איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן, צו דערמאָנען בלויז אייניקע פון די באַוווּסטע מוזיקאָלאָגן און חסידות־קענער מ. קיפּניס, מ. גשורי 1), צ. מ. רבינוביץ 2), מנשה אונגער 3) און אַ צאָל אַרטיקלען אין „טאָג״, ישראל ראַבינאָוויטש אין זיין ווערק 4) און אַנד.

וועגן דעם ניגון גופא גייט אָן אַ מחלוקה צווישן חסידים. טייל זאָגן, אַז דער ניגון באַשטייט פון 36 פאַלן און טייל זאָגן, אַז דער ניגון האָט 46 פאַלן. אַלע מבינים האַלטן, אַז דער ניגון שטעלט מיט זיך פאָר אַ וווּנדערלעכע מעלאָדיע, וואָס רופט אַרויס התעוררות און השתפכות הנפש. דער ניגון און די ווערטער, וואָס באַווייזן די געפאַלנקייט פון ירושלים בעת אַלע שטעט וואַקסן. וועגן די חסידישע מעשיות אַרום דער שאַפונג פון דעם ניגון וועלן מיר בעזה״י נאָך שרייבן. דאָ ווילן מיר בלויז דערמאָנען, אַז דער געטרייער יורש און ממלא־מקום פון אַלטן רבין, זצ״ל, שאול ידידי' אלעזר האָט ממשיך געווען די מסורה פון עבודת הבורא דורך נגינה און איז אַליין געווען אַ קלאַסישער יוצר פון דער חסידישער נגינה. מיט זיינע קאָמפּאָזיציעס פון חסידישער מוזיק האָט זיך פאַרן קריג גאַנץ פּוילן געשפּייזט. ווען דער רבי האָט געוווינט אין אָטוואָצק, ביי וואַרשע, פלעגן דאָרט קומען מוזיקער צו הערן זיינע שאַפונגען.

אין דעם פאָרליגנדיקן „קונטרס״ איז פאַראַן אַן אוצר פון נגינה, געשאַפן פון אים אַליין. עס זענען דאָ אין דעם נומער 9, נגונים, און ווי מבינים זאָגן, איז אין זיי דאָ דער עכטער יידישער טאָן, דער טיפער חסידישער ערנסט, וואָס נאָר אַ מענטש מיט אַ געטלעכן פונק און וואָס איז הויך מוזיקאַליש געבענטשט קען אויסאַרבעטן אָט די רייכע קאָמפּאָזיציעס. דער באַרימטער חזן ר' יהושע ווייסער האָט זיי רעדאַגירט און ער זאָגט עדות אויף זייער גרויסן ווערט און די וויכטיקייט פון אָפּהיטן דעם מאַטעריאַל פאַר די קומענדיקע דורות.

---

1) זע „לחסידים מזמור״, ירושלים, תרצ״ו.
2) „ארשת״, ירושלים, תש״ד.
3) „חסידות און לעבן״, ניו־יאָרק, 1946.
4) „מוזיק ביי יידן״ מאָנטרעאָל.

דער מאָדזשיצער רבי מיט זיין נגינה האָט אַ סך דערגרייכט, אָפּהיטנ־דיק דעם שטאַמבוים פון קוזמיר־מאָדזשיץ, וואָס האָט געמיינט אָפּהיטן דעם שטאַמבוים פון פוילישן חסידיזם. אין דער פרעמדער וועלט, נאָך דער שחיטה אויף אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, האָט ער באַלעבט דעם „אַמאָל", וואָס איז פאַר אונדזערע אויגן, ווי אַ קרבן עולה, אינגאַנצן אָפּגעגאַנגען מיטן רויך. ער, דער רבי, „מגולי פולניה", האָט זיך געשטאַרקט מיט נצח ישראל, געטראָגן מיט זיך דאָס פייער פון אַמאָל ,דאָס אומגעזעענע פייער, וואָס עס איז געבליבן דורך אים און נאָך אייניקע רביים, וואָס האָבן זיך פון די פייניקונגס־ און טויט־לאַגערן געראַטעוועט. ער שטאַרקט זיך אַליין און איז מחזק אַנדערע כדי אויף ווייטער צו קענען שפּינען דעם קיום פון ייִדן און ייִדישקייט. ער קלאַמערט זיך אינעם ניגון, אינעם געזאַנג וואָס פירט אין אַנדערע העכערע עולמות, אינעם ליכטיקערן ייִדישן מאָרגן, אינעם ניגון וואָס קען אויסלייזן דעם מענטש פון טרויער און לייד, וואָס שטאַרקט די נשמה און גיט חיות אויסצוהאַלטן די צרות.

אין דעם קונטרס זענען דאָ צען מאמרים „רמזי ארץ־ישראל". אינעם ערשטן מאמר, זאָגט ער אונדז זייער אַ גוט וואָרט אויף דעם פּסוק: „בנים אתם לד׳ אלקיכם" — ווען הייסן ייִדן בנים למקום ,נאָר ווען זיי זענען אין ארץ־ישראל און א״י קענען זיי דערגרייכן דורך אחדות, דעריבער איז „לא תתגודדו", זאָלט איר זיך ניט מאַכן קיין פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך, אגודות, אגודות...

וועגן זיין פּאָזיטיווער באַציִונג צום ציוניזם האָבן מיר שוין געשריבן, דאָ ווילן מיר בלויז באַטאָנען דאָס וואָס כ׳האָב פריִער באַמערקט, אַז מיטן פיזישן אומקום פון אונדזער פאָלק אין מזרח־אייראָפּע, שטייען מיר פאַר אַ צווייטער טראַגעדיע, די געפאַר פון פאַרניכטונג פון אונדזערע קולטור־אוצרות, און צווישן זיי דעם גרויסן מוזיקאַלישן אוצר פון חסידישער נגינה. עס איז דעריבער אונדזער פליכט אָפּצוהיטן דעם דאָזיקן אוצר, דורך זאַמ־לען די מאַטעריאַלן. יעדער מענטש האָט זיך זיין ניגון, וואָס בלייבט איבער נאָך אים. אוודאי האָט יעדער פאָלק זיין ניגון, יעדע באַוועגונג איר ניגון. דער מאָדזשיצער רבי האָט געטראָגן אין זיך דעם חסידישן ניגון, דער ניגון, וואָס לאָזט ניט איינשלאָפן ייִדישע הערצער; דער ניגון וואָס וועקט און רופט „לעבודת הבורא"; דער ניגון, וואָס לעבט אויף די אמונה אין „שדי" —

די פשטות פון גלויבן וואָס באַפעסטיקט ייִדישקייט אין זיין פולער גאַנצ־קייט. אין צייט פון רעזיגנאַציע און דעפּיטיזם פון איין זייט, און גלייכגיל־טיקייט און אַסימילאַציע — פון דער אַנדערער זייט, רופט דער ניגון צו שטאַרקער אמונה, וועקט דעם ייִדישן גייסט צו אַ נייעם נאַציאָנאַלן און רע־ליגיעזן ווילן — ווען אַפילו עס איז „חציר העם״, ווי ביאַליק האָט אַמאָל געקלאָגט, איז דער ניגון בכח אויפצולעבן אָט דעם „חציר״ צו אַ האַרמאָ־נישער גייסטיק־רעליגיעזער וועלט וואָס ווערט דערהויבן דורך שמחה פון התרוממות, וואָס טראָגט מיט זיך ישועה־שפּראָצונגען.

דער מאָדזשיצער ניגון טראָגט מיט זיך די שטימונג און די האָפענונג פון גאולה און בטחון, די גייסטיקע אַצילות פון חסידישן ברען. עס איז דער ניגון וואָס האָט זיך געטובלט אין די חסידות־קוואַלן און זיך דערהויבן אי־בער די גיהנום־פייערן און אָנגעזאָגט די אתחלתא דגאולה. עס איז דער ניגון פון „עליה״, דער ניגון פון חזון התחיה והתקומה — דער ניגון וואָס פירט דעם חסיד פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד צום „מעפּילים״־קאַמף — דער חסידישער „הוירא״ פאַר דער מדינת היהודים, דער הימן פון „ואף־על־פי־כן ולמרות־הכל...״.

עס איז דער אַקאָרד פון אונדזער פאָלקס־מעלאָדיע, וואָס האָט זיין אָפּ־שטאַם פון ווייטן עבר, דורך וועלכן עס קומט צום אויסדרוק אונדזער מאַר־טירערײ, די שטאַרק געשמידטע גלות־קייטן — און וואָס טראָגט זיך איצט אַזוי פאַרטרויליך איבער די בערג און פעלדער פון יהודה און גליל, נגב און צפון... „פרוק ית ענך מפום אריותא ואפק ית עמך מגוי גלותא...״. צו אַ ניי ייִדיש לעבן מיט אַן אייגענער נאַציאָנאַלער אינדיווידואַליטעט אויף דעם הייליקן באָדן פון אונדזערע שענסטע און איידלסטע גאולה־חלומות.

שרייבנדיק וועגן די קונטרסים „תפארת ישראל״, האָבן מיר ביי אַ געלעגנהייט געשריבן וועגן פּערטן קונטרס פון דער סעריע וואָס פלעגט דערשיינען פון צייט צו צייט דורכן „ועד אגודת חסידי מודזיץ״, אין וועלכן דער רבי איז באַטייליקט מיט מאמרים אין ייִדיש און העברעיִש, אויף פאַרשידענע טעמעס, אויך מעניני דיומא און מיט זיינע ניי־פאַרפאַסטע ניגונים.

מאָדזשיצער חסידישע נגינה, איז באַרימט אין דער ייִדישער וועלט.

וועגן מאָדזשיצער נגינה איז אַ סך געשריבן געוואָרן. דער באַרימטער ליי־טעראַטור־קריטיקער ש. ניגער האָט אין „צוקונפט" געשריבן וועגן חסי־דישער נגינה, ער דערמאָנט גאָר באַזונדערס מאָדזשיצער נגינה. אין „ארשת", יאָרבוך פון די רעליגיעזע שריפטשטעלער אין ארץ־ישראל, איז פאַראַן אַ מאמר א"נ „לחורבן החסידים בפולין" פון צבי־מאיר רבינוביץ, רעדט זיך זייער אַ סך וועגן מאָדזשיצער חסידות און נגינה.

מאָדזשיצער נגינה גייט איבער מפה לפה פאַר יאָרן און יאָרן פיל ניגונים זענען אַרויס אַנאָנים צווישן די פאָלקס־מאַסן, וועלכע זינגען זיי ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

דער מאָדזשיצער רבי בעתן פאַרשרייבן זיינע שאַפונגען אין נגינה האָט אוודאי איינזינען געהאַט און געוואָלט זיין אין דער בחינה פון כתבו לכם את השירה הזאת.

אינעם קונטרס „תפארת ישראל" זענען פאַראַן אַ צאָל ניגונים וועלכע קענען געניצט ווערן פאַר ימי נוראים תפילות, ווי דער ניגון אויף „חמול על מעשיך", „כבקרת רועה עדרו" א"אַ. אַ טייל פון זיי זענען פאַרצייכנט געוואָרן פון באַוווסטן מוזיק־קענער חזן יהושע ווייסער, אַן אָנערקענטער אויטאָריטעט אויף חזנישער נגינה.

אינעם קונטרס גייען אַריין אַ צאָל מאמרים און תורה־ווערטער פון מאָדזשיצער רבין, פון זיין פאָטער ר' ישראל זצ"ל, פון זיין זיידן ר' שמואל־אלי' זצ"ל און פון זיין עלטער־זיידן, דער „סבא קדישא", איינער פון די אבות פון פוילישן חסידיזם, תלמיד פון ר' יעקב־יצחק פון לובלין.

דער ערשטער מאמר אין ייִדיש איז וועגן חנוך. צווישן אַנדערן זאָגט דער רבי וועגן היגע קינדער: „אַמעריקאַנער געבוירענע קינדער זענען אויך ראוי מקבל צו זיין די ריכטיקע אמתע ייִדישע הדרכה...". עס איז נאָר אָפּגעלאָזנקייט מחמת אומוויסנהייט. דורך דעם קונטרס, ווערט פאַרשפּרייט מאָדזשיצער חסידות און נגינה און אַלס אַזעלכע, מאַכט די שריפט אַ פיינעם איינדרוק. עס פעלט אָבער די געניטע האַנט פון אַ רעדאַקטאָר און דער „ועד" וואָס גיט אַרויס די שריפט פון צייט צו צייט, דאַרף זיך באַמיִען אָנצושטעלן אַ דערפאַרענעם רעדאַקטאָר, פאַרגרעסערן און באַרייכערן די שריפט.

וועגן אַן אַנדערן קונטרס 1) האָבן מיר געשריבן 2):

„איך בין ניט קיין מנגן, בין ניט געבענטשט מיט קיין קול נגינה; כ׳האָב בלויז אַ חוש נגינה, אַ שטאַרקן חוש... און כ׳האָב ליב געזאַנג, באַזונדערס האָב איך ליב צו הערן חסידישע נגינה און גאָר באַזונדערס מאָדזשיצער נגינה, וואָס דערוועקט ביי מיר רעמיניסצענצן פון חסידישער התלהבות, חסידישער דבקות".

דער מאָדזשיצער ניגון איז האַרץ־דריקנדיק און מונטער־רוף; ער גיט אויסדרוק צו נשמה־געפילן. געגנוג צו דערמאָנען דעם ניגון „אזכרה", וואָס זאָגט עדות אויף אָט דעם כח הנגינה.

אינעם קונטרס „תפארת ישראל", חוב׳ ב׳, (ט), באַקענען מיר זיך סיי מיט די תורה־שמועסן, נוסח מאָדזשיץ, סיי מיט דער חשיבות פון נגינה ביי חסידים, סיי מיט די אָריגינעלע מאָדזשיצער ניגונים, באַגלייט מיט נאָטן. עס איז אַ העפט מיט גאָר אַ רייכן אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל.

דער ערשטער מאמר, איז פון ר׳ יחזקאלע קאַזמירער ז״ל, גרינדער פון דער קאַזמיר־זוואָלין־מאָדזשיץ דינאַסטיע. ער דערקלערט אויף זיין חסידישן שטייגער אַ הלכה אין דער גמרא סנהדרין י״ז, י״א: „בית דין שראו כולם לחובה, פוטרים אותו", אויב דאָס גאַנצע בית־דין האָט דערקלערט שולדיק דעם אָנגעקלאָגטן אין דעם פאַרברעכן, באַפרייט מען אים. זעט עס דאָך אויס צו זיין אומלאָגיש. באַווייזט אָבער ר׳ יחזקאל די לאָגיק פון אָט דעם דין און ווי גערעכט די חכמים ז״ל זענען געווען.

נאָכדעם קומט אַ מאמר וועגן תשובה פון ר׳ יחזקאל קאַזמירערס זון, ר׳ שמואל־אליהו, זוואָלינער רבי, און נאָכדעם אַ טיפזיניקער מאמר וועגן דעם כח פון נגינה פון ר׳ ישראל מאָדזשיצער, זון פון ר׳ שמואל־אלי׳ און זיידע פונעם היינטיקן מאָדזשיצער. ער קאָמענטירט און טייטשט אויס די פסוקים: „קחו מזמרת הארץ בכליכם" (בראשית, מ״ג, יא") און „ובשירי דוד

---

1) קונטרס „תפארת ישראל", אוצר התורה והנגינה, מכ״ק מרן הרה״ג מוה״ר שמואל אליהו טאַוב שליט״א, אדמו״ר ממודזיץ, תל־אביב, אייר תשי״ב, חוב׳ ב׳ (ט׳),, ז״ז ט״ב.

2) „דער ייד", זשורנאַל, טאָראָנטאָ, מאָנטיק, 29סטן יוני 1953; „קענעדער אָדלער", 11טן אויגוסט 1953; „דער ייד", ניו־יאָרק, פרייטיק, ז׳ תמוז תשי״ג, — יוני 19, 1953.

עבדך״, ציטירנדיק פון „קדושת לוי״ ז״ל, אַז די ניגונים פון עבודה, ווערן גערופן אָקטאַוועס און עס זענען פאַראַן מדרגות אין די אָקטאַוועס, פונקט ווי עס זענען דאָ פאַרשיידענע מדרגות אין אהבה און אין יראה. דער רמז פון חכמה אין עבודת הבורא, שטאַמט אַרויס פון דער חכמת הנגינה, און אַז דער מיין פון מזמרת הארץ איז חכמה פון נגינה.

עס איז אַ טיפזיניקע אָפּהאַנדלונג וועגן כח פון נגינה לויט קבלה און חסידות. דער זוהר, ברענגט ער, דריקט זיך אויס (תיקון יא): „דאית היכלא דלא מפתח אלא בנגינה ובגין דא דוד המלך לא נתקרב לההיא היכלא אלא בנגינה...״, — עס איז דאָ אַ היכל אין הימל, וואָס קען ניט געעפנט ווערן נאָר דורך געזאַנג, און דוד המלך איז אַ דאַנק דעם געזאַנג דערגאַנגען ביז דעם דאָזיקן היכל.

אַזוי טייטשט ער אויס דעם מאמר אין ערכין י״ג: „כינור של מקדש של ז׳ נימין הי׳ שנאמר שובע שמחות, א״ת שובע אלא שבע...״ — דאָס קען נאָר פאַרשטאַנען ווערן, ווען מען האָט אַ באַגריף וועגן דער קונסט פון געזאַנג וואָס איז געבויט אויף זיבן מדרגות־אָקטאַוועס, און אַז די זיבן קולות האָבן אַ שייכות צו די זיבן הייליקע אַטריבוטן, די מידות קדושות: חסד, גבורה, תפארת און אַזוי ווייטער, ביז מען דערגרייכט צו דעם העכסטן אַטריבוט, צו דער נימה השמינית, די העכסטע אָקטאַווע אין געזאַנג.

אין דעם קונטרס „תפארת ישראל״, זענען פאַרטראַכטן פינף דורות קאָזמיר־מאָדזשיץ חסידות. דער היינטיקער מאָדזשיצער רבי ר׳ שמואל־אליהו שליט״א איז פאַרטראָטן מיט אַ צאָל מאמרים, אַ גרעסערער מאמר מיטן נאָמען „אחדות ושלום״, אַרויסברענגענדיק אין אַ גוטן העברעיִש די וויכטיקייט פאַרן פיזישן און גייסטיקן קיום פונעם פאָלק די ייִדישע איינ־קייט.

ר׳ יחזקאלע קאָזמירער טייטשט דעם פסוק „אל תרגזו בדרך״, אין דרך החסידות, יעדער האָט אַ רעכט צו דינען דעם אויבערשטן אויף זיין דרך, ווייל עס זענען דאָ פילע דרכים אין עבודת השם.

צום סוף קומט דער מדור הנגינה, פון צען ניגונים מיט נאָטן. דעם ערשטן ניגון, ווי געזונגען פון ר׳ בן־ציון שענקער, איז דער ניגון „בני היכלא״, פון ר׳ ישראל מאָדזשיצער. פיר ניגונים זענען פון זיין פאָטער ר׳ שאול־ידידי׳ און פינף זענען פון דעם היינטיקן רבין.

דער ניגון „בני היכלא״, שטעלט מיט זיך פאָר חסידישע דביקות, „השתפכות הנפש והתפשטות הגשמיות״... דער ניגון אויף „מכלכל חיים״, שטעלט מיט זיך פאָר אַ פאַעטיש־האַרמאָנישע שאַפונג, אַ ליד צום יושב מרום, וואָס זיצט אויבן און שפּייזט אַלע לעבעדיקע.

פון די ניגונים פונעם היינטיקן מאָדזשיצער, ר׳ שמואל־אלי׳, דאַרפן דערמאָנט ווערן „והביאנו לציון עירך...״, „עוד ישמע בערי יהודה...״. דעם ערשטן ניגון האָט ער געשאַפן אויף דער שיף, זיך אומקערנדיק אַהיים קיין ישראל פון די פאַרייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע.

ליבהאָבער פון עכטער חסידישער נגינה, וועלן געפינען אַ טיפע באַפרידיקונג אין אָט דער שירה־זאַמלונג. זיי וועלן אויפסניי געפינען די ריינע קינסטלערישע יצירה, וועמעס הויפּט־עלעמענטן זענען תפילה, דביקות, שמחה.

מאָדזשיצער נגינה וועט אָן ספק, אין אַלע צייטן פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין די גייסטיקע ווערטן פון פאָלקס־שאַפן אויף די פאָלקס־מאָטיוון 3).

וועגן קונטרס, חוברת א׳ (ח), האָבן מיר בשעתו געשריבן אַז ער איז אַ פאָרזעצונג פון די זיבן קונטרסים וועלכע זענען דערשינען אין ניו־יאָרק 4).

עס איז אַן אינהאַלטרייכע זאַמלונג פון תורה־ווערטלעך און טיפזיניקע חסידישע געדאַנקען פון היינטיקן מאָדזשיצער רבין ר׳ שמואל־אלי׳ טאָוב שליטא, פון זיין פאָטער ר׳ שאול־ידידי׳ אליעזר זצ״ל, זיידן ר׳ ישראל זצ״ל, עלטער־זיידן ר׳ שמואל־אלי׳ זוואָלינער זצ״ל און פון ר׳ יחזקאל קאַזמירער זצ״ל.

עס איז אויך אַריין אַ קורצע ביאָגראַפיע פון אדמו״ר ר׳ שאול־ידידי׳ אליעזר זצ״ל, וועלכער האָט פאַרנומען דאָס רבנות אין ראַקעוו און אין קורטשעוו, פוילן, מחבר פון ספרים אין נגלה און נסתר, פאַרפאַסער פון טויזנט חסידישע ניגונים — „האלף לך שאול״. ער איז געבוירן געוואָרן

3) אינטערעסאַנט זענען זייערע תורה־ווערטלעך אין די דאָזיקע קונטרסים, ווי קונטרס ו׳, אות ח׳; קונטרס ב׳, אות ד׳; קונטרס ג׳, אות ג׳; קונטרס ד׳, אות י״; קונטרס ה׳, אות ח׳; קונטרס ז׳, זייט מ״ו, אות ב׳.

4) איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך „ועד חסידי מודזיץ״, תל־אביב, אונטער דער לאָזונג: „קול תורה ונגינה מודזשיצאית מציון״.

אין אָזשעראָוו (ראַדאָמער קרייז), אין יאָר תרמ״ז און נפטר געוואָרן שבת, ט״ז כסלו תש״ח אין תל־אביב ומנוחתו כבוד בירושלים עיה״ק.

דער מאמר פון היינטיקן רבין אדמו״ר ר׳ שמואל־אלי׳ שליט״א קאָן באַטראַכט ווערן פון די וואונדערלעכע טיפּזיניקע חסידישע מאמרים. עס איז אַ מוסטערהאַפטער פּאָרטראַג וועגן די צוויי סאָרטן קדושה ביים מענטש: קדושה אין גייסטיקן לעבן, קדושה אין מאַטעריעלן מענטשלעכן לעבן. דער מאמר איז געבויט אויף די צוויי ווערטער „קדושים תהיו״ און איז דורכגעפלאָכטן מיט מאמרי חז״ל, מיט חסידישע אַקסיאָמעס און מיט ציטאַטן פון זיינע עלטערנס מאמרים.

אין דער נגינה־אָפּטיילונג (שלשה דורות ניגוני מודזיץ), געפינט זיך דער ניגון „לא למעננו״, די לעצטע קאָמפּאָזיציע פון אדמו״ר ר׳ שאול־ידידי׳ אליעזר זצ״ל וואָס איז זייער פּאָפּולער אין ישראל און ווערט געזונגען אין אַלע קרייזן פון ישוב. עס זענען אין דער אָפּטיילונג אויך אַריין צוויי ניגונים פון היינטיקן רבין שליט״א „מכלכל חיים״ און „כי אנו עמך״.

פאַרשער פון חסידות וועלן אימפּאָנירט ווערן פון אַזאַ חסידות זאַמלהעפט און ליבהאָבער פון מאָדזשיצער נגינה וועלן זיין צופרידן ווען זיי וועלן זען ווי די „שושלת״ מאָדזשיץ־דינאַסטיע האָט געפונען איר פּלאַץ אין הייליקן לאַנד, אין ארץ אבות און נחלת בנים.

דער דאָזיקער קונטרס איז אַ בולטער באַווייז פון נאָכוווקס פון מאָדזשיצער ניגון און תורה־וואָרט וואָס האָט יאָר־צענדליקער געווירקט אין ידישן חסידישן לעבן אין פּוילן.

9. אינעם היכל פון מאָדזשיצער נגינה

וועגן מאָדזשיץ אויף דער פּלאַטע רעקאָרדירטע מוזיק, האָבן מיר געשריבן 1):

„אין דרויסן האָט געמבולט, ווי מ׳זאָגט אין ידיש, אַן עבירה אַ הונט אַרויסצולאָזן — אָבער נישט געקוקט אויפן גוס־רעגן, בין איך אַריבער אין

1) „דער ייד. זשורנאַל״, טאָראָנטאָ, 4טער יאַנואַר 1957.

הויז פון מיינעם אַ קאָלעגע, חזן נתן סטאָלניץ, צוזאַמען זיך איינהערן צו מאָדזשיצער נגינה. און וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ס׳איז אַ קאָלאָסאַלע שע־פערישע אַרבעט אויפן געביט פון חסידישער נגינה.

האַלט איך זיך נישט, ווי געזאָגט, פאַר קיין גרויסן מבין אויף נגינה; איך בין בלויז אַ ליבהאָבער פונעם חסידישן קלאַנג... איך האָב זיך אָבער פשוט ניט געקענט אָפּרייסן פון אָט דעם מלוה־מלכה־רעקאָרד.

בן־ציון שענקער, דער סאָליסט, האָט אונדז ממש איבערראַשט מיט זיין דביקותדיק זינגען, מיט זיין געפיל־שטימע, אַ געשולטער זינגער בחסד עליון. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז חסידים מיט שטריימלען און זיידענע קאַפּאָטעס זיצן ביים כנורו של דוד, זינגען שירות ותשבחות און זענען נהנים מזיו השכינה... אין די עטלעכע קורצע ניגונים: ויתן לך, המבדיל, אתקינו סעודתא, אליהו הנביא און אַנדערע, האָט ב״צ שענקער, צוזאַמען מיטן מאָדזשיצער כאָר, אונדז אַוועקגעפירט אין די הויכע עולמות.

מיר האָבן געפילט די נשמהדיקייט פונעם אמת־חסידישן ניגון, נוסח מאָדזשיץ — אַ רבייִשע דינאַסטיע וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיטן גרינדער פון שושלת, ר׳ יחזקאל קאַזמירער (תלמיד פון לובלינער „חוזה״, נפטר 1855); זיין זון ר׳ שמואל־אליי פון זוואָלין (1887), מחבר פון אַ סך ני־גונים און זיין זון ר׳ ישראל טויב (1921), דער גאון פון דער חסידישער קאָמפּאָזיציע וועלכער איז נאָכגעפאָלגט געוואָרן פון זיין זון ר׳ שאול־ידידי׳, אַ למדן אין נגלה און נסתר און שאַפער פון אַרום 700 ניגונים. אַ גרויסע צאָל פון אָט די ניגונים זענען פאַרשריבן אויף נאָטן.

דער איצטיקער מאָדזשיצער רבי, ר׳ שמואל־אליי שליט״א, וועלכער איז אויך אַן איניקל פון ר׳ אברהמעלע איגר זצ״ל (מחבר פון „שבט יהודה״) פאָלגט נאָך זיין פאָטער, סיי מיט נגינה־יצירות און סיי אין חסידישע התנהגות...

ס׳איז געווען אַ נחת־רוח צו פאַרוואַנדלען אַ דאַנערשטיק אָוונט אין אַ מוצאי־שבתדיקן גייסט, צו הערן די הערלעכע טענער פון מלוה־מלכה, אויפ־צוהאַלטן די שבתדיקייט, דעם ניגון פון אייביקן שבת.

נ. שמן

10. דער היסטאָריקער פון חסידות-נגינה און פאָרשער פון נגינת מאָדזשיץ

יעדעס פאָלק האָט זיך, ווי געזאָגט, זיין ניגון. דורך דעם ניגון קומט צום אויסדרוק זיין אייגנאַרטיקייט. נגינה איז דער סימן מובהק פון דעם פאָלקס קולטור און טראַדיציע; וויזט אָן אויף זיין פראָגרעס, פאָרשריט... פאַראַן לידער וועלכע זענען קאָנאָניזירט, פאַרהייליקט: נאַציאָנאַלע הימנען... זיי ווערן געזונגען, אָדער אין פייערלעכע מאָמענטן אָדער אין קריטישע סיטואַציעס — און ניט בלויז קען דאָס געזאָגט ווערן וועגן ניגון מיט ווערטער; דאָס זעלביקע קאָן געזאָגט ווערן וועגן מעלאָדיעס וועלכע זענען לויט אַלעמענס מיינונג, אָפּשפּיגלונג פון פאָלקס אַנטוויקלונג.

חסידות, ווי אַ באַוועגונג, האָט אַריינגעבראַכט אינעם יידישן לעבן דורך אירע געניאַלע שאַפער, ניט בלויז חסידישע התנהגות, ניט בלויז חסידישן ברען און התלהבות — נאָר אין אַ גרויסער מאָס דעם אייגענעם נוסח הנגינה, דעם אייגענעם טאָן, די אייגנאַרטיקע מעלאָדיע אין וועלכער עס וואָרצלט די דערהויבנקייט און די פאַרטיפונג פון חסידיזם...

דער חסידיזם האָט שוין זיינע פאָרשער, זיינע היסטאָריקער — אָבער ווייניק, גאָר ווייניק איז געשריבן געוואָרן וועגן חסידישן ניגון, וועגן זיינע מאָטיוון, דורך דעם ניגון, האָבן די קלאַסיקער פון חסידות, געפונען די מעגלעכקייט איבערצוגעבן די ראָמאַנטיק פון אָט דער פאָלקס-לערע. דער ניגון איז געוואָרן די הייליקע סימפאָניע פון די „דרי מעלה״, צוזאַמען מיט מיט די „דרי מטה״.

איינער פון אירע געטרייסטע פאָרשער, פעדאַנטיש און פינקטלעך ביז גאָר, איז מ. ש. גשורי (געבוירן אין פוילן מיט בערך 62 יאָר צוריק, געקומען קיין ארץ-ישראל אין יאָר תרפ״א (1921), אַן עסקן „רב פעלים״, איינער פון די גרינדער פונעם „הפועל המזרחי״, טעטיק אין פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע באַוועגונגען אין לאַנד, — אָבער שטענדיק זיך געווידמעט צו דער פאָרשונג פון נגינה בכלל און חסידישער נגינה בפרט. נאָך פון „פאָטערס הויז״, האָט ער געבראַכט מיט זיך די ליבע צו נגינה און אין דעם „ארץ השיר״, אינעם לאַנד פון „שירה חדשה״... מיט

פולער רייפקייט זיך פאַרנומען אויף אָט די וועגן פון געזאַנג; געזאַמלט ני־גונים, מעלאָדיעס, פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען — און לעצטנס גיט ער אַרויס זיינע שריפטן אויף אָט דעם קעגנשטאַנד — די וויכטיקסטע טיילן, די ווערק וועגן חסידישער נגינה אין אַלע אירע פאַזן, אין אַלע אירע וואַריאַנטן — דעם ניגון אין אַלע „הייף״.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ ספר מיטן נאָמען „לחסידים מזמור״ און מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אַ גרעסערע אַרבעט, אַ מער אַרומנעמענדיקע, „נגינה וחסידות בבית קוזמיר״, און ווי ער לאָזט אונדז וויסן איז עס דאָס ערשטע פון אַ סעריע, וואָס וועט נאָכגעפאָלגט ווערן און צוזאַמענשטעלן די גרויסע אַנטאָלאָגיע פון חסידישער פאָלקס־נגינה אַזוי, אַז מען קאָן מיט רעכט זאָגן, אַז די חסידישע ליטעראַטור, איז אַ סך באַריי־כערט געוואָרן דורך מ. גשוריס ווערק, דורך דעם שלל מאַטעריאַלן וואָס ער האָט אָנגעקליבן — און בעיקר וועגן נגינה פאַרנעם און שאַפונג אין מאָדזשיץ.

דאָס ווערק האָט אויך אַ ווערט אַלס מאָנאָגראַפיע פון אַ שטאָט וואָס איז מער ניטאָ, קוזמיר, די שטאָט וואָס איז געבויט געוואָרן מיט אַ טויזנט יאָר צוריק און האָט אַריינגעשריבן הערלעכע בלעטער אין דער געשיכטע פון פוילישן ייִדנטום, אָט די קוזמיר איז מער נישטאָ, קוזמיר, וועלכע איז, ווי י. י. טרונק 1) שילדערט איר, די צפת פון מזרח־אייראָפּעיִשן (פינקט־לעכער: פוילישן) ייִדנטום, איז אונטערגעגאַנגען — און כדי צו פאַרצייכענען פאַר דורות איר „גלאָריע״ פון אַמאָל, די לעגענדעס אין וועלכע זי איז גע־וואָרן פאַרוועבט, איז עס פון גרויס וויכטיקייט — און דאָס אַליין איז שוין אַ גרויסער אויפטו, ניט אַכטנדיק וואָס די פאַקטן ,די געשיכטלעכע כראָניק, זענען אפשר ניט אַזוי שטרענג וויסנשאַפטלעך קאָנטראָלירט — אָבער דאָך גיט עס אַן אַלגעמיין און אַלזייטיק בילד פון דער שטאָט.

מ. ש. גשורי, שרייבט אָבער בעיקר וועגן חסידות אין קוזמיר, זיבן דורות, זיבן אָפּצווייגונגען פון אַ דינאַסטיע — און אין איר פיר דורות קוזמיר מאָדזשיץ.

גשורי, אַרבעטנדיק פיבערדיק אויפצוזאַמלען די חסידישע ניגונים, האָט זיי אויך געגעבן אַ לבוש, אַ תיקון און געשאַפן דעם רעאַלן בנין פון

---

1) אין זיין „פוילן״, 7טער באַנד.

דעם אַבסטראַקטן סימבאָליזם און אין דעם זין, איז זיין אַרבעט אַ פּיאָנע־רישע, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס אין זיין אַריינפיר „בשער הקובץ":

„נגינת החסידים היתה אוצר של אנרגיה דתית. תולדות החסידות הן לא רק האישים והמעשים המהוים אותה, אלא גם ניגונים. נגון היה מאז יסוד חסידות בימי הבעש"ט... מקור להתרוממות רוח...".

פאַר דעם אַריינפיר, גיט ער אונדז אַ רשימה פון די „שלשלת ראשי החסידות הכללית וצדיקי בית קוזמיר". מיר ווילן דאָס ברענגען פאַר דעם אינטערעס פונעם לייענער:

דור ראשון:

ר' ישראל ב"ר אלעזר (בעש"ט, ח"י אלול, תנ"ח — חג השבועות (ס' סיון תק"ך).

דור שני:

ר' דוב בער בר אברהם (נפטר י"ט כסלו, תקל"ג).

דור שלישי:

ר' יעקב־יצחק הלוי הורוויץ ב"ר אברהם־אליעזר „החוזה מלובלין" תק"ה — י"ט אב, תקע"ה).

דור רביעי:

ר' יחזקאל בר צבי־הירש, הצדיק מקוזמיר (תקס"ו — י"ט שבט, תרט"ז).

דור חמישי:

ר' שמואל־אליהו ב"ר יחזקאל, הצדיק מזוואָלין (כ"ו אייר, תרמ"ח).

דור ששי:

ר' ישראל ב"ר שמואל־אליהו, הצדיק ממודזיץ (תר"ט — י"ג כסלו, תרפ"א).

דור שביעי:

ר' שאול ידידי' אליעזר טוב, הצדיק ממודזשיץ (הושענה רבא תרמ"ז — ט"ז כסלו, תש"ח).

די רשימה איז, אַן און פאַר זיך, וויכטיק, פאַר דער כראָנאָלאָגיע פון חסידות־שטודיע אין פּוילן. דער מחבר שרייבט אויך וועגן די אַנדערע צווייגן אין אָט דער קוזמיר־דינאַסטיע — אָבער בעיקר, אינטערעסירן אים די צענטראַלע פיגורן, די שטערן פון דער דינאַסטיע און העריבער שרייבט ער

ווייניק וועגן די אָפּשטאַמיקע, ווי די אדמורי״ם פון זוואָלין, ניישטאָט, וואָלאָמין און אַנד. פשוט דערפאַר, ווייל ביי זיי האָט שוין דער ניגון ניט פאַרנומען דעם צענטראַלן פונקט אין חסידישן דרך. ער שרייבט וועגן זיי, קלענערע מאָנאָגראַפיעס און דער עיקר שטעלט ער זיך אָפּ ביי מאָדזשיץ, מאָדזשיצער נגינה, און טוט דאָס מיט דער מיטהילף פון מומחים, יעדער אויף זיין געביט. ער דריקט אויס זיין דאַנק, צו הרב דוד פערקאָוויץ, פאַר זיין מיטהילף אין רעדאַגירן און אַרויסגעבן דאָס בוך; צו לייב קאַליש פון ירושלים (פון זון אפאלע־אָמשינאָווער רבי, איידעם פון „שבט מיהודה״ פון לובלין) פאַר זיין צוגרייטן די טאַבעלן און די נאָטן; צו חזן יהושע ווייסער (ע״ה), צו בן־ציון שענקער פון ניו־יאָרק פאַר מסדר זיין די סטעראָטיפּן פון די נאָטן און אַנדערע.

דעם ערשטן קאַפּיטל פאַנגט ער אָן מיט די שעפער פון פּוילישן חסידות, מיט די ברידער, ר׳ שמואל שמעלקע הורוויץ, אָנרופנדיק אים: „מנגן אימפּריביזטור בחסד עליון ומיחידי סגולה של אמני הנגון בחסידות״... ער איז געווען אַ יליד טשאָרטקאָוו, האָט ער דאָס ערשטע רבנות געהאַט אין אַ קליין פאַרגעסן פּויליש שטעטל, אויף די ברעגן פונעם טייך ראַדימקאַ, ראַדאָמער ראַיאָן — ריטשעוואָל, וועלכע איז אַ דאַנק אים באַרימט געוואָרן אין דער חסידישער וועלט. זיין ברודער איז געווען דער גאון הדור, ר׳ פּסח הורוויץ, מחבר פון „הפלאה״ און אַנדערע באַרימטע ספרים.

גשורי באַשרייבט גלענצנדיק דעם אָנפאַנג פעריאָד פון חסידות פּוילן, די „בת זקונים״, ווי ער רופט אָן פּוילישן חסידיזם. ווען אין אוקראַינע, ליטע און גאַליציע ,האָט דאָס חסידות אָנגעהויבן פאַרעלטערט ווערן, האָט אָנגעהויבן וועלקן, איז עס אין פּוילן אויפגעשפּראָצט געוואָרן מיט נייע קוואַלן און מיט אַ נייעם ניגון... ער מאָלט די פּירנדע חסידישע פּערזענלעכקייטן מיט אַ גוואַלטיקער אינטימקייט... זיי זעגען אים אַלע אַזוי נאָענט, אַז די נאָענטקייט פילט זיך אין יעדער שורה. ער פילט דאָס פּוילישע חסידות מיט אַלע רמ״ח אברים און ער דרינגט אַריין טיף אין דער פילאָזאָפיע פון חסידות, ניט רעכענענדיק זיך דערמיט, וואָס די גאוני ליטע האָבן אויסגעלאַכט און אָפּגעשפּעט פונעם חסידיזם אין יענעם ערשטן פעריאָד, ווי ער דריקט זיך אויס:

„עמקות נפלאה מציינת את ספרות שנוצרת בליטא... הרציונלית גברה

על כל גאוני ליטה אף שנהו אחר חכמת הנסתר, עד שאחד מהם, רבי חיים מזוואָלין, מתלוצץ על „הכסילים האומרים כי בכל מקום ובכל דבר שוכנת אלהות גמורה..."

„ההתבוננות העמוקה טבעה את חותמה אף על החסידות הרוסית, וזו יצרה את השיטה הפילוסופית והעיונית, היא שיטת חב"ד, בעלת עקרים והנחות מחקריות ורציונליות שכן תורת חב"ד מבכרת את המחשבה על הרגש, המוח על הלב...".

אינעם חב"דער ניגון געפינט גשורי די חב"דער טיפקייט, מוח־אַרבעט, אַנדערש ווי ביי די חסידישע הויפן אין גאַליציע, אוקראַינע 2), פוילן, אָבער. האָלט ער, האָט געשאַפן די סינטעזע פון בעש"טס ניגון — דעם פאָלקסטימ־לעכן — און דעם חב"דער — פאַרטיפונגס־ניגון — דער שאַפער פון אָט דער שיטה, איז געווען דער לובלינער רבי ר' יעקב־יצחק, דער „חוזה" פון לובלין: „בניגונו של 'החוזה' מלובלין ניכרת רוח חדשה..." און אין לובלין, האָלט ער, איז געשאַפן געוואָרן דער באַגריף פון שמחה און חסידות.

ער גיט דאָ אַ געלונגענע אָפּשאַצונג און באַמיט זיך אויף אַ געשיכט־לעכן אופן צו פאַרוואַנדלען לעגענדעס, מיטאָלאָגישע סיפורי מעשיות אין היסטאָרישע פאַקטן.... ער זעט דעם „חוזה", אין ליכט פון חסידישע פאַר־שונג און דעם דרך, איבערן תהום פון „באַרדיטשעוו ביז כמעלניק" (ווי ד"ר א. קאַראַלניק האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, געווייגלעך אין אַנדערן זין). אין אָט דעם „תהום", זעט ער דעם וווקס פון די היסטאָרישע איינגעפונדע־וועטקייט פון דעם „זעער" נאָך אין לאַנצוט, ווען ער האָט אָנגעהויבן פירן רביסטווע בחיי רבו, דעם ליזשענסקער, און דער רבי איז געווען צופרידן פון אָט דעם תלמיד, געבנדיק אים דעם „מאור עינים", צו ווערן דער „זעער". אין די ווערטער פון „שרף", ר' אורי סטרעליסקער: „ווער ס'קומט קיין לובלין, זאָל ער זיך פאַרשטעלן, אַז די שטאָט איז ארץ־ישראל, דער חדר פון בית־המדרש — ירושלים; דער בית־המדרש הר־הבית; דירה פון חוזה — אולם, עזרה, היכל; חדר החוזה — קדשי קדשים — און נאָך: „השכינה מדברת מתוך גרונו"...

---

2) זע, דאָרט, ז"ז 12—14.

3) זע, גשורי, דאָרט, ז' 18, שיר און נאָטן פון ר' אלימלכס „צור משלו"...

ר׳ יעקב־יצחק האָט אַ סך געענדערט פון זיין רבין ר׳ אלימלכס דרך, באַזונדערס אַרויסגעוויזן קעגנערשאַפט צו די „שיינע ייִדן״, וועלכע פּראַווען תעניתים און פּייניקן זיך... ער זאָגט: „אפילו ווען ער וועט זען אַז מ׳פירט זיי אויפן עולם־העליון מיט פויקן און טענץ אין גן־עדן פאַר זייער ממעט זיין עולם הזה תענוגים, ווי שלאָפן אאַז״וו, וועט ער זיי אַלץ נאָכשרייען, ביסט אַלץ אַ שוטה...״.

אין אים זענען געווען פאַרייניקט די תורה פון מעזריטשער מגיד און די קדושה פון ר׳ אלימלך ליזענסקער. דער ניגון איז אין לובלין געשטעלט געוואָרן אויף אַ גאָר הויכער מדרגה. גשורי שילדערט געזאַנג אין לובלין: „כל פה זמר, וכל רגל רקדה, הפיות כאלו נפתחו מאילהם וזמרו זמירות גם בלי מלים... זמרו ורקדו, וכל העולם נדמה כאלו מזמר ומרקד עמהם... 4).

גשורי גיט איבער וועגן דער אַנטוויקלונג פון ניגון, זיין אורשפּרונג און אַנטוויקלונג פון דער צייט פון די נביאים ביז צו ר׳ יחזקאל קאַזמירער, דעם תלמיד מובהק פונעם „חוזה״, וועלכער האָט געהאַט רשות, אַריינצוגיין צום רבין, ווען נאָר ער האָט געהאַט דעם פאַרלאַנג ,סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט און געלערנט ביים לובלינער דעם ווערט פון נגינה און דאָס איבערגעגעבן צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער 5).

צום ערשטן מאָל, האָבן מיר אין דער זאַמלונג פון מאמרים אַ כמעט פולע ביאָגראַפיע פון ר׳ יחזקאלע קאַזמירער, געשריבן פון דעם חסידות־קענער און פאָרשער צבי־מאיר רבינוביץ 6).

ר׳ יחזקאל איז געבוירן געוואָרן אין פּלאָנסק, פּוילן, אין יאָר תקס״ו. דאָס שטעטל, ווי באַקאַנט, האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל פּערזענלעכ־קייטן, אַריינגערעכנט דעם היינטיקן פּרעמיער פון ישראל, דוד בן גוריון.

ר׳ יחזקאלס פאָטער, ר׳ צבי־הירש, איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ ל״וניק. זיין זיידע ר׳ זלמן, איז געווען פון די ראשונים צווישן דעם בעש״טס חסידים. דער „הויכער יונגערמאַן פון פּלאָנסק״, ווי מ׳האָט אים גערופן, איז פריִער געפאָרן צו דעם קאָזשעניצער מגיד, ר׳ ישראל, אויך צום „יוד

---

4) ז׳ 19, נאָטן צום זמר „לאל אשר שבת״, ז׳ 25.

5) זע, דאָרט, ז״ז 28—29.

6) זיינע מאָנאָגראַפישע ווערק וועגן די אבות פון חסידיזם, האָבן אַ שם, סיי צווישן פאָרשער און סיי צווישן העברעיש־לייענער.

הקדוש", אָבער בעיקר, אַ תלמיד מובהק פון לובלינער. ער איז נסתלק געוואָרן ט"ו (י"ז) שבט, תרט"ו (תרט"ז) און זיין ממלא־מקום איז געוואָרן ר' שמואל־אלי' פון זוואָלין.

וועגן אָט דער „שושלת", שרייבט גשורי, אַ גרעסערע אָפּשאַצונג, א"ב „קול רנה וישועה באהלי צדיקים 7), אַריינוואָרפנדיק דערביי אַ וואָרט וועגן דער שטאָט קאָזמיר און די פאַרצווייגונג פון דער קאָזמירער דינאַסטיע. ער דערציילט וועגן דער שטאָט:

„היא העיר ההיסטורית קזמירש, החונה על פס הויסלה, נקראת על שם קזימירש הגדול, מלך פולין, שלקח לו לאשה ,אחת מבנות היהודים, את אסתר. (אייניקע „ספורי מעשיות", חזרן איבער, ווי ס'וואָלט זיך בעסער געפּאַסט צו געבן מער געשיכטלעכער מאַטעריאַל וועגן דער שטאָט קוזמיר אין אַלגעמיין, וועגן אָרטיקן ישוב (און פאַרוואָס ניט דערמאָנען ר' מאָטעלע קוזמיר, פון דער טריסק־טשערנאָבילער דינאַסטיע?). פאַרשטייט זיך, דער מאַטעריאַל איז ניט אויסגעשעפּט און דער מחבר האָט איבערגעלאָזט אַ „מקום להתגדר"...

ר' יחזקאל האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך פיר זין: ר' דוד צבי (ניישטאָטער רבי, פאָטער פון יאַבלאָנער דינאַסטיע); ר' שמואל־אליהו (זוואָלינער רבי, ממלא מקום); ר' חיים קוזמירער און ר' אפרים פון שעננע.

ר' שמואל אלי' איז געווען אַ וווּנדערבאַרער מנגן, „מנגן מפליא פלאות" 8) ער האָט תמיד גערעדט וועגן דעם ווערט פונעם ניגון און אַז פאַרן זינגען דאַרף מען מאַכן אַלע הכנות פון קדושה און טהרה: „צריך להכין ולטהר בכל מיני טהרות...". די אחריות פון „שלמות הניגון", איז אַזוי גרויס, אַז „כל הגורע כאלו פגם גרם לו בגוף; כל המוסיף — כאלו בא להוסיף על רמ"ח אברים שבאדם (גשוריס מיינונג איז, אַז פון דעם מאמר, שטאַמט י. ל. פּרצעס „דער גלגול פון אַ ניגון"). דעריבער, מיינט גשורי, פאַרנעמט ר' שמואל־אלי', די פאַסיקע פּאָזיציע אין נגינה שאַפונג.

ר' שמואל־אלי' איז נפטר געוואָרן כ"ו אייר תרמ"ח, אין עלטער פון

---

7) דאָרט, ז"ז 33—47.

8) ציטירט פון ספר „תפארת שלמה", פון טאָראָנטער רב ר' אברהם שמואל צבי זילבערשטיין ז"ל, אַרויסג' פּיעטרקוב, תרפ"ג.

69 יאָר, איבערלאָזנדיק פינף זין: ר׳ משה (זוואָלינער רבי, פּאַטער פון באַ־ ווסטן מנגן ר׳ חיים־ירחמיאל), ער איז געב׳ געוואָרן אין יאָר תקצ״ז און נפטר געוואָרן ד׳ ניסן, תרע״ח; ר׳ ישראל (מאָדזשיצער רבי, באַרימטער מנגן, תרל״ט—תרפ״ד); ר׳ יעקב (ראַדאָמער רבי, אויך מנגן, איידעם פון ר׳ לייבוש עפּשטיין, אָזשאַראָווער רבי, אייניקל פון ר׳ לייבוש הגדול, רב אין אָפּאָלע ביי קוזמיר, תלמיד פון חוזה מלובלין, וועלכער האָט אויך זיך נוהג געווען צו זינגען ביים טיש 9).

גשורי שילדערט פּרעכטיק די תקופה מאָדזשיץ, דעם מאָדזשיצער עולם הנגינה ,די חסידים מנגנים, שאַפער פון „אָפּערעס״, וואַלצן, מאַרשן, אַזעל־ כע ווי ר׳ יודל קויפמאַן, דער „לירישער טענאָר״, וועמען מ׳האָט גערופן, דער יידישער קאַרוזאָ; ר׳ יעקעלע ראַדאָמער; ר׳ יחזקאלע טארלער; ר׳ עזריאל־דוד פאסטאג און נאָך און נאָך. דער לעצטער, זאָל זיין דער מחבר פון „אני מאמין ״געטאָ־ליד 10).

ל. ביין, ווידערהאָלט דאָס שוין געזאָגטע און גיט צו אַביסל אייגנס וועגן מאָדזשיצער נגינה, אין זיין מאמר „הנגינה בשושלת זוולין מודזיץ״ (ז״ז 51—57).

אַ גאָר פּרעכטיקער מאמר, געמישט מיט גלענצנדיקן רעפּאָרטאַזש, איז דער מאמר פון מ. קיפּניס (הי״ד) „מסביב לנגינת מודזיץ״ (ז״ז 58—68).

אין זיין שטרענג קריטישער און טיפער אָפּשאַצונג פון די ניגונים „אזכרה״ און „מזמור לדוד״ (אָדער למחוסרי בית), ווייזט זיך גשורי אַלס גרויסער מוזיקאָלאָג, קענער פון חסידישער נגינה. ס׳איז דאָ פאַרטיפונג, וויסן און פאַרשטענדעניש פאַר דעם מאָדזשיצער ניגון אין גאַנץ פוילן 11).

הרב דוד פּרקוביץ, דערציילט אין אַלגעמיינע שטריכן וועגן מאָדזשי־ צער ניגון, ציטירט פון פאַרשידענע ספרים וועגן באַדייט פון ניגון און שמחה, דברי תורה „ציצים ופרחים לצדיק מקוזמיר״ 12). אַן אינטערעסאַנ־ טער אוצר פון מאָדזשיצער תורת חסידות.

מיר האָבן אין דעם ספר אַ מאָנאָגראַפיע וועגן ר׳ יחזקאלע קוזמירערס

---

9) זע, דאָרט, ז׳ 47, באריכות.

10) דאָרט, ז״ז 49—50.

11) זע, ז׳ 78.

12) ז״ז 182—102.

עלטסטן זון, ר׳ דוד־צבי (ניישטאטער רבי) און וועגן זיין ספר „חמדת דוד״, אַרויסגעגעבן נאָך זיין פּטירה (כ׳ תמוז, תרמ״ג, אין עלטער פון 74 יאָר), דורך זיין תלמיד ר׳ שמואל־יעקב קאָפּל הכהן, רב אין קאַלושין. ער ציטירט אויך פונעם ספר „איש צדיק ואיש חסיד״ 13).

גשורי באַשרייבט אויך הערלעך די פּערזענלעכקייט ר׳ חיים־שאול פרידמאַן פון אָזשעראָוו. דער ימים־נוראים בעל־תפלה ביי ר׳ יחזקאלע קאָזמירער, אויף וועמען חסידים האָבן געזאָגט אַז זיין נשמה איז משׁשת ימי בראשית צוגעגרייט געוואָרן פאַר אָט די תפלות. ער האָט זוכה געווען צו ווערן דער שווער פון ר׳ ישראל מאָדזשיצער. וועגן זיין נגינה:

„וקולו הי׳ אדיר כקול רעם בגלגל, עצמת הקול יחיד עם סגולת היופי והנום... קולו נשמע במרחק של קילומטר אחד...״ (נפטר, כ״ח תמוז, תרמ״ה).

פון וויסנשאַפטלעכן בייטראָג דאַרף גערעכנט ווערן דער גרעסערער מאמר פון יצחק שפּירא „הנגינה בישראל ובעמים״. ער פאַנגט אָן מיטן אורשפּרונג פונעם ניגון, ניגון פון אוראַלטער מענטשהייט, תנ״ך־נגינה, ניגון אין לעצטן יאָרהונדערט, חסידישער נגינה, ביז ניגון אין מאָדזשיץ — „והיה כנגן המנגן ותהי עליו יד ד׳״, באַנוצנדיק זיך אויך מיטן קלאַסישן אויסדרוק פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער „קחו מזמרת הארץ״, דאָס זאָל מיינען זמר, ניגון של ארץ־ישראל, ווי דער צפתער גאון מקובל דריקט זיך אויס. עיקר השיר ונגון הוא בארץ ישראל, ושם עיקר הארת הנגון הקודש...״.

פ. פלאַקסער שרייבט וועגן ניגון „אני מאמין״ (שיר הגיטו), ער גיט די נאָטן און דערציילט, ווי אַזוי דער ניגון איז געשאַפן געוואָרן, אויפן וואַגאָן טרעבלינקע. ווען מען לייענט די דאָזיקע פּאָעטישע באַשרייבונג, ווערן די אויגן איבערפולט מיט טרערן און ניט ווילנדיק פאַלן זיי אויפן געזיכט.

אַ באַזונדער קאַפּיטל ווידמעט גשורי „שושלת קוזמיר ובנותיה (ז״ז 126—128), ווידערהאָלט זיך, אָבער וויכטיק מכמה טעמים, אַנווייזנדיק געווי ווי די זין און אייניקלעך האָבן זיך פאַרשפּרייט: קאָזמיר, אָזשעראָוו, בלוינע, וואָלאָמין, זוואָלין, יאַבלאָנע, מאָדזשיץ, נאָווידוואָר, ניישטאָט (ניט עיר חדש ביי דער ווייסל, ביי וואַרשע), שעננע, וואַרשע, ניו־יאָרק — אַ פולע רשימה,

13) ז״ז 103—106.

מיט אַלע דעטאַלירטע פאַקטן און כראָניקס „לפי מיטב ידיעותיו ובקיאותיו של הרב דוד פרקוביץ״.

אין דער דאָזיקער זאַמלונג געפינען זיך אַ שלל מיט גוטע ווערטלעך פון מאָדזשיצער, וועגן נגינה: שפת הנגינה היא — צמצום. בכחו של ניגון אחד לבטא את התוכן של ארונות מלאות ספרים...״, „היכל הניגון — היכל התשובה!״...

שמואל ראָטשטיין, שרייבט וועגן „בצל האילן וענפיו״ 14), צוויי דער־ציילונגען, איינע, וועגן יום־טוב שבועות ביי ר׳ יחזקאל קאָזמירער; די צווייטע, פּרעכטיקע שילדערונג פון לעצטן מאָדזשיצער רבי, ר׳ שאול־ידידיה אליעזר, „הד צלילים של נגוני מודזיץ״, מאַכנדיק דעם שפּאַציר פון ראַקעוו, ווו ער האָט אָנגעהויבן צו לייכטן ביז תל־אביב, ווו ס׳זענען אויף אייביק פאַרלאָשן געוואָרן די ליכט פון זיינע אויגן, די ליכט פון דעם „איש השירה... איש יקר־רוח!״.

דער לעצטער מאָדזשיצער רבי, איז געווען דער ערשטער צו פאַר־עפנטלעכן נאָטן צו מאָדזשיצער ניגונים, דורך חזן הירשין, דערשינען אין דער „אילוסטרירטער וואָך״ אין וואַרשע, אין יאָר תרפ״ב.

11. שטרעבונג קיין ציון

צענדליקער יאָרן האָט דער מאָדזשיצער רבי געשטרעבט צו פאַר־ווירקלעכן זיין ווונטש, צו שאַפן חסידות און נגינה אינעם לאַנד פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, אינעם לאַנד פון אונדזערע נביאים, אין לאַנד פון תהלים־געזאַנגען און מלכות־ישראל־פּראַכט. דאָרט, האָט ער געהאָפט, צו געפינען דעם ריכטיקן באָדן פאַר חסידות־באַוועגונג. וואָס שייך מאָ־דזשיצער נגינה איז זיין ווונטש רעאַליזירט געוואָרן. דאָס דאָזיקע געזאַנג ווערט איצט געזונגען אין גאַנץ ארץ־ישראל, באַזונדערס אין תל־אביב, ווו די יידישע ראַדיאָ גיט באַזונדערע פּראָגראַמען אויסגעפילט מיטן מאָדזשי־צער פאָלקס־ניגון.

14) ז״ז 131—138.

נ. שמן

מיר האָבן אין אַ פריִערדיקן פרק שוין גערעדט וועגן חסידות און ציון־ליבשאַפט, איינשליסנדיק מאָדזשיצער חסידות. אין איינעם פון די קונטרסים „תפארת ישראל" (קונטרס „ז" פון חודש תשרי תש״ז) געפינט זיך אַ זייער געלונגענער תורה־שמועס וועגן די השבעותן וואָס גאָט האָט באַשווירן ייִדן „השבעתי אתכם בנות ירושלים אל תדחקו את הקץ", שרייבט דאָרט אדמו״ר ממודזשיץ, אַז די חכמים מיינען דערמיט צו זאָגן, אַז מען זאָל ניט צווינגען דעם „קץ", אָבער די התחלת הגאולה איז זיכער אומבאַדינגט אַ מצוה. אין יעדער עובדה איז דאָ אַן התחלתא און אַ גמר. אין דער גאולה פון ייִדישן פאָלק איז דאָ אַן „אתחלתא דגאולה" און עס איז אויך דאָ אין פאַטענץ דער גמר אין וועלכן מיר אַלע גלויבן „בכל יום שיבא".

די חכמים מיינען אַז דעם „קץ" — דעם גמר — זאָל מען ניט דוחק זיין. דער גמר איז מן השמים, ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: „לאל גומר עלי, ועוד; לא עליך המלאכה לגמור", און ער פאַרענדיקט זיין מאמר מיט די ווערטער (אין ייִדישער איבערזעצונג): אָבער מיר מוזן דוחק זיין די אתחלתא דגאולה און מיר מוזן דעריבער זיך שטאַרקן מיט אַלע מעגלעכקייטן איבערצוקומען אַלע שטרויכלונגען און מכשולים וואָס שטעלן זיך קעגן אונדזער אַריינקומען אין אונדזער הייליק לאַנד און הלוואי וואָלטן מיר מיט דעם וועג געגאַנגען נאָך פון פריִער, וואָלטן מיר שוין איצט געקענט שטיין און וואַרטן אויף דעם ווירקלעכן קץ און גמר הגאולה וכו׳, וכו׳ 1).

„ווען אַ מענטש, גיט צו דער רבי, דאַרף זיך איינאָרדענען, איז די התחלה די דירה, אַ דירה מוז ער שוין האָבן, מ׳קען אים ניט הייסן וואַרטן... מיט מעבל איז אַנדערש, דאָס איז שוין דער „קץ", דאָס קומט שפּעטער. מיט דער שיינער מעבל קען ער וואַרטן...

ייִדן דאַרפן אַ היים! די דירה איז ארץ־ישראל! מיט דעם קען מען ניט וואַרטן. עס איז דאָך אַ פראַגע פון סכנות נפשות. מיט אַנדערע אַטריבוטן פון אַן אויסגעלייזטער ארץ־ישראל, מיטן בית־המקדש, קרבנות און גאָר וויכטיקע קנינים פאַר אַ ייִדישלאַנד, מיטן „קץ" קען מען דערווייל וואַרטן און האָפן, זאָל מען ניט דוחק זיין דעם „קץ"...

---

1) זע, ז״ז ל״ז און ל״ח.

מילואים און הוספות

מלכות ריזשין

מיר האָבן, צוליב ניט פאַראויסגעזעענע סיבות, נישט געקענט שרייבן באַזונדערס וועגן די דינאַסטיעס ריזשין־טשאָרטקאָוו־סאַדיגערע און זייערע אָפּצווייגונגען. און דער אמת איז, אַז כמעט אין יעדן פּרק ווערט דער מעזריטשער מגיד דערמאָנט, דער רבי ר׳ בער, וואָס איז געווען דער פּאַקטישער ממלא־מקום פון בעש״ט און וואָס האָט געצויגן זיין יחוס פון דוד המלך. זיין אייניקל, ר׳ ישראל פרידמאַן (ר׳ ישראלטשע ריזשינער, תקנ״ז—תרי״א) האָט זיך געפירט מלכותדיק, מאַיעסטעטיש ווי אַ בן־מלך אין גלות, וועלכער האַלט גרייט דעם סצעפּטער פאַר מלכות בית דוד.

ר׳ ישראל, ווי דער זיידע, האָט נישט צוגעלאָזן קיין עצבות. שטענדיק האָט דאָרט געהערשט שמחה, אַפילו אין צייט פון גזירות און צרות. ער האָט אַמאָל געהייסן כלי־זמר שפּילן און חסידים טאַנצן בעת אַ גזירה פון דער צאַרישער רוסלאַנד, בכדי צו פאַריאָגן די עצבות און שטאַרקן דעם בטחון אין חסדי השם.

אויף אַ מסירה צו מלכות, אַז ער באַטראַכט זיך פאַרן מלך לבית דוד, איז ער אַרעסטירט געוואָרן און אַלס רעזולטאַט, געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד. ער האָט אויך געשיקט זיינע חסידים קיין ארץ־ישראל דאָרט גרינדן אַ ישוב און זיי באַאויפטראַגט צו בויען אַ שול, וואָס איז געווען אַ בנין מפואר אין ירושלים.

מיט יאָרן שפּעטער האָבן אייניקע אדמור״ים פון דער דאָזיקער דינאַסטיע זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל, איינער פון די אייניקלעך ר׳ ישראל, דער הוסיאַטינער רבי, האָט זוכה געווען צו זען די אתחלתא דגאולה. ער האָט אַ סך אויפגעטאָן פאַרן ישוב און געווירקט אין די קרייזן פון תורה

ועבודה, פועלי אגודת ישראל און אַנדערע רעליגיעזע באַוועגונגען אין לאַנד. ער איז נפטר געוואָרן מיט עטלעכע יאָר צוריק אין עלטער פון 92 יאָר, זייענדיק באַליבט און געאַכטעט אומעטום.

וואָס שייך נגינה האָט ריזשין־טשאָרטקאָוו און די אַנדערע אָפּצווייגונגען פון דער שושלת אַ סך בייגעטראָגן, נאָכפאָלגנדיק דעם ריזשינער וועלכער איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון נגינה, גערעדט וועגן נגינה, געהייסן זינגען פיוט און געזען צו האָבן אַ מנגן מיט פאַרנעם. ר׳ יהושעלע סקווערער איז אַ לענגערע צייט געווען דער בעל־תפלה און מנגן ביים ריזשינער און נאָכדעם ביים ממלא־מקום, זיין זון ר׳ דוד־משה זצ״ל (תקפ״ז—תרס״ד), דעם גרינדער און באַגרינדער פון אָט דער טשאָרטקאָווער אָפּצווייגונג פון דער מעזריטשער דינאַסטיע, דער גרויסער יורש פון ריזשינער חסידות, האָבנדיק דעם נאָמען פונעם „נעים זמירות ישראל״. ער, דער טשאָרטקאָווער, האָט נאָך מער פון די אַנדערע ברידער־צדיקים פון ריזשינער הויז, געשטעלט אַלס יסוד אין זיין הנהגה, די נגינה, ווי עס ווערט אַרויסגעבראַכט אין די ספרים, ליקוטים און זכרונות פון זיינע תלמידים 1) און נגינה, ווי באַקאַנט, איז ניט פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן ביי די אַנדערע ברידער, שעפער פון די דינאַס־טיעס: בויאַן, הוסיאַטין, באָהוש, שטיפּינאַשט. ביי אַלע איז געהערט געוואָרן דער ניגון, אין דער בחינה פון „והי׳ כנגן המנגן״...

דער, וואָס האָט בייגעווינט אַ שמחה בית־השואבה אָדער אַ שמחת־תורה אין טשאָרטקאָוו, דער האָט געקענט זאָגן, אַז ער האָט געזען אמתע שמחה, אַז ער האָט געהערט דבקותדיק זינגען! אין דער חסידישער מיסטיק געקומען צו אַן עקסטאַז און דורך דער חסידישער מעלאָדיע געקומען צו דער בענקשאַפט פון אחרית הימים, שיבת ציון און מלכות בית דוד.

טשאָרטקאָוו האָט געהאַט אייגענע מנגנים, בעלי תפלה. פון צייט צו צייט פלעגן קומען געסט־מנגנים, איינער פון די באַרימטע חזנים, זיידל ראָוונער פלעגט קומען זייער אָפט מהנה זיין דעם רבין מיט נגינה און חזנות. ער פלעגט אויך קומען קיין סאַדיגערע, ווייל ער האָט געוווסט אַז דאָרט פילט מען נאַטירלעכע ליבע צו געזאַנג און מוזיק.

---

1) זען, דברי דוד, לקוטי דברים של ר׳ דוד משה פרידמאַן מטשורטקוב, באספו ע״י ישראל רפופורט, הוסיאַטין, תרס״ד.

גאָר באַזונדערס פלעגט אויסנעמען אין סאַדיגערע דער באַרימטער ניסן בעלזער (ספּיוואַק), וועגן וועמען זאַלודקאָווסקי שרייבט, אַז ער געהערט צו די חזני הרגש און ביים חסידות האָט ער געפינען דעם רגש פאַר געזאַנג. ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער סאַדיגערער חסיד.

נאָך דער פּטירה פון ר׳ דוד משה (הושענאָ רבה, תרס״ד) איז זיין זון ר׳ ישראל פרידמאַן (תרי״ז—תרצ״ד) געוואָרן ממלא־מקום און נאָכגעפאָלגט זיין גרויסן פאָטער מיט התנהגות טשאָרטקאָוו, אויך וואָס שייך שירה וזמרה. ער אַליין פלעגט זינגען ביים טיש — אָבער מערסטנס געהאַט זיינע מנגנים און חזנים. איינער פון די נאָענטסטע מנגנים איז געווען ר׳ חיים מאָניש לאהס וועלכער האָט אויף יעדן שבת, חג ומועד צוגעגרייט אַ נייעם ניגון... ער איז געווען דער אמתער נאָכפאָלגער פון ר׳ יהושע סקווערער, דער ש״ץ הגדול אין מלכות ריזשין.

ר׳ מאָניש איז געבוירן געוואָרן אין טולטשין (אוקראַינע) אין יאָר תרכ״ז — 1867. זיין פאָטער ר׳ משה, איז געווען בעל תפלה ביי ר׳ דוד טאַלנער. דער טאַלנער האָט אים שטאַרק מקרב געווען. ר׳ מאָניש, דער זון, ווייזט אויס, האָט געזוכט חזנות אין אַנדערע חסידות־צענטערן, אַ צייט אויך געווען חזן אין באַרדיטשעוו און פון דאָרט אַוועק קיין טשאָרטקאָוו, ווו ער איז געוואָרן הויפּט־מנגן ביים רבין און גאָר אַ סך אויפגעטאָן פאַר חזנות און נגינה — אַפילו איינשטודירט אַ כאָר פון משוררים. זיינע ניגונים ווערן נאָך עד היום געזונגען פון טשאָרטקאָווער, סאַדיגערער חסידים.

דער טשאָרטקאָווער רבי ר׳ ישראל האָט זיך אין יאָר תרע״ד, אין צייט פונעם ערשטן קריג באַזעצט אין ווין, ווו ער איז געווען געאַכטעט, באַליבט און רעספּעקטירט צווישן אַלע ייִדן און אויך נישט־ייִדן פון דער עסטרייכי־שער הויפּטשטאָט, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן צו אים גרויס יראת הכבוד.

נאָך זיין פּטירה (י״ג כסלו, תרפ״ד), האָט זיין זון, ר׳ נחום מרדכי, זיך באַזעצט אין תל־אביב און אינעם לאַנד פון די אבות און ייִדישן טרוים ממשיך געווען דעם דאָזיקן דרך און דער טשאָרטקאָווער ניגון ווערט געהערט אין אַלע טיילן פון דער ייִדישער מדינה.

נ. שמן

ראַפּשיץ

דער רבי ר׳ אליעזר דזשיקעווער האָט דערציילט, אַז ער איז אַמאָל געווען מיט זיין פאָטער ר׳ נפתלי ראָפּשיצער אין לובלין, האָט פּאַסירט אַז אַ חסיד פון אונגאַרן, אַ גרויסער תלמיד־חכם און ירא־שמים, האָט געבראַכט וויין פון זיין ווייגאַרטן (דער לובלינער רבי האָט נישט געטרונקען קיין וויין נאָר פון אַ ייִדישן ווייגאַרטן) וואָס ער האָט ספּעציעל צוגעגרייט פאַרן רבין.

דער דאָזיקער חסיד האָט געבראַכט מיט זיך צוועלף פלעשער וויין און געוואָרט מהנה צו זיין דעם רבין וואָס איז פונקט נישט געווען אין שטאָט. דערווייל איז ער אַריינגעגאַנגען צום „ייִד הקדוש" און געוואָלט אים מכבד זיין מיט אַ פלעשל וויין. דער לעצטער, נעמענדיק אין האַנט דאָס פלעשל, זאָגט: „ס׳איז יין נסך" און גיט עס אים צוריק.

דער ייִד איז צוריק אין דער אכסניא, געטראָפן דאָרט ר׳ נפתלי ראָפּשיצער און אים דערציילט זיינע צרות, ווי אויך אַז ער האָט אַליין געמאַכט דעם וויין און אים געהיט מיט אַלע חומרות און אַז ער ווייסט, אַז ס׳איז אויף דעם וויין נישטאָ קיין חשש...

ר׳ נפתלי ראָפּשיצער האָט אים געראָטן ער זאָל וואַרטן ביז דער רבי וועט קומען און אָן מורא אים איבערגעבן די מתנה.

און אַזוי איז טאַקע געווען. ווען דער רבי איז אָנגעקומען און דער חסיד איז אַריינגעגאַנגען נעמען שלום, האָט ער אים געגעבן די מתנה און דער רבי האָט דעם וויין גענומען מיט פאַרגעניגן און גלייך צוגערופן דעם שמש און אים געזאָגט: פון דעם וויין זאָלסטו מיר געבן אויף קידוש...

דער ייִד איז געלאָפן מיט גרויס שמחה צום ראָפּשיצער, וועלכער האָט אים אָנגעזאָגט אַז פרייטיק־צו־נאַכטס, ווען דער רבי וועט קומען צום טיש און מ׳וועט שטעלן דעם וויין פאַר קידוש, זאָל ער אים אָנווייזן, צי ס׳איז פון זיינע פלעשער...

און אַזוי איז טאַקע געווען.

דער רבי איז אַריינגעקומען, געזאָגט שלום עליכם... ביז ער איז גע־גאַנגען מאַכן קידוש. דער רבי האָט אַריינגעגאָסן דעם וויין אין בעכער —

און ווי זיין שטייגער איז געווען צו נעמען דעם כוס און פריער זאָגן, צי אויף דעם וויין איז אַ שאלה אָדער נישט — און ווען יאָ! — אָוועקגעשטעלט דעם וויין; און אויב ס׳איז נישט געווען קיין חשש, האָט ער געעפנט זיינע אויגן און גענומען דעם כוס אין דער רעכטער האַנט און געמאַכט קידוש. ווען ער האָט דאָ גענומען דעם כוס, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און נאָך אַ ווייל זיי געעפנט און געזאָגט כהאי לשנא: דער וויין איז כשר. איך פיל אָבער אויף אים אַ שאלת־חכם און דעריבער בעט איך, מ׳זאָל מיר געבן אַנדערן וויין...

ס׳האָט אויך אַמאָל פּאַסירט, ווי ר׳ אליעזר דזשיקעווער האָט איבער־געגעבן, אויך אין נאָמען פון זיין פאָטער, דעם ראָפּשיצער, אַז ווען ער איז געווען ביים „חוזה" אויף פּסח, האָט דער „חוזה" ביי דער הגדה, געזאָגט אויף דצ״ך עד״ש באח״ב — דרייט זיך אַ דייטש באחב.

די חבריא קדישא ביים טיש, האָבן זיך איבערגעוווּנקען און נישט פאַר־שטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. געפירט האָט מען זיך ,אַז בעת דער רבי האָט געמאַכט וועלכע נישט איז ענדערונג, האָט אַ גדול פון דער חבריא אים אויפמערקזאַם געמאַכט אַריינצוקוקן אין דער הגדה. דער ראָפּשיצער האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט וועגן דעם און דער רבי האָט ווידער אַריינגעקוקט אין דער הגדה און ווידער געזאָגט: „דרייט זיך אַ דייטש באחב.." אַזוי צום דריטן מאָל און אַלע האָבן שוין פאַרשטאַנען אַז דאָ איז נישט פּשוט...

נאָך די ערשטע טעג פּסח, די ערשטע נאַכט חוהמ״פ איז אָנגעקומען אַ וואָגן מיט דעם באַרימטן צדיק רבי שמעון אודערבערגער פון דייטשלאַנד, באַקאַנט געווען מיטן נאָמען רבי שמעון דייטש. אַזוי ווי ער איז אַראָפּ פונעם וואָגן, איז ער גלייך אַריין צום רבין נעמען שלום און דער רבי האָט אים געזאָגט: רבי שמעון! איך האָב געפילט און זיך משתתף געווען אין אייער צער וואָס איר האָט געהאַט פּסח ביינאַכט ביים זאָגן די הגדה...

ווען ער איז אַרויס פונעם חדר מיוחד, האָט די חבריא געפרעגט רבי שמעונען וואָס ביי אים האָט פּאַסירט... האָט ער זיי דערציילט, אַז ער איז געפאָרן אויף פּסח צום רבין, אָבער אַזוי ווי ער איז אָנגעקומען אינעם דאָרף אַכעוו (בעכעוו) ביי לובלין, זענען די רעדער צעבראָכן געוואָרן און ביז מ׳האָט זיי פאַרריכט, איז שוין געווען צו־שפּעט אַריינצופאָרן אין לובלין און ער האָט געמוזט פאַרבלייבן אינעם דאָזיקן דאָרף.

ער האָט געהאַט גרויס עגמת־נפש, זיך פאַרשטעלנדיק ווי דער רבי מיט דער חבריא קדישא זיצןביים סדר אין לובלין און ער זיצט דאָ פאַרוואָרפן אין אַ דאָרף ביי אַ פרעמדן טיש... אינמיטן דער הגדה האָט ער זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן און אַרויס אינדרויסן זיך אויסוויינען... דאַן — האָט ער אויסגעפירט — האָט דער רבי מער נישט געקענט זיך איינהאַלטן און אויס־געדריקט זיין מיטגעפיל מיטן זאָגן: „דרייט זיך אַ דייטש אין אַכעוו"... 1)

1) זען, צבי מאָשקאָוויטש, אוצר הסיפורים, חלק ה', ירושלים תשי"ג.

דער אָנטייל פון גערער רבין אין ציבור־לעבן

וועגן גערער רבינס אָנטייל אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועגן זיין רופן און וועקן יידן צו אמונה, יראת השם און באַציונגען צווישן מענטש און מענטש, איז וויכטיק צו לייענען זיינע בריוו פון תרס״ה, תרפ״ב, תרפ״ו און תרצ״ז.

נישט בלויז שרייבט ער צו זיינע חסידים אין פוילן; ער שרייבט צו גערער חסידים אין אַמעריקע, צו אַ יונגנמאַן אין בוענאָס־איירעס און צו זיינע מקורבים אומעטום.

גערער חסידים האָבן געטאָן אַ גוטע און נוצלעכע זאַך מיטן פאַרעפנטלעכן זיינע בריוו א״נ „אוסף מכתבים ודברים״ (מכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א מגור) מה שכתב ואמר לטובת חיזוק התורה והדת״, אַרויסג׳ וואַרשע, תרצ״ז און צום צווייטן מאָל, באַלד נאָכן קריג, אין אויגסבורג, תש״ז, עי״ אברכי ובחורי חסידי גור, אודים מוצלים מאש בחסד ה׳ הנמצאים כעת במחנה לנדסברג, עם הוספת שלשה מכתבים שכתב כ״ק מרן שליט״א מגור בירושלים....

דער אוסף (בריוו־זאַמלונג) אַנטהאַלט ניינציק (90) בריוו: 16 בריוו האָבן צו טאָן מיט אַלגעמיינע ענינים, חסידות, אמונה, שמירת שבת, הכנסת כלה א״אַ; 41 בריוו, באַהאַנדלען ענינים וואָס האָבן אַ שייכות וועגן אָרגאַניזירן די אָרטאָדאָקסיע, גרינדונג פון אגודה, חנוך, ישיבת חכמי לובלין, ישיבות און בית יעקב שולן, פועלי אגודת ישראל אאַז״וו. ער שרייבט צום ליובאַוויטשער רבין מוהריי״י שניאורסאָן וועגן דער גרינדונג פון אגודת שלומי ישראל (מכתב כ׳), ער שרייבט צו רבנים, ער שרייבט צו מקורבים און ווערט נישט מיד מעורר צו זיין וועגן דער וויכטיקייט פון דער נייער חרדישער אָרגאַניזאַציע.

צווישן די בריוו, האָבן מיר געפונען זיינעם אַ מכתב צום קירכענדאָרפער רב, ר׳ אשר לעמיל שפיצער, וועגן באַזוך פון מונקאַטשער רבין אין גער און אַז נאָכן פאַרהאַנדלען מיט אים וועגן אגודה־ענינים און אַנדערע געביטן פון חיזוק התורה, האָט ער אים נאָכגעגעבן געוויסע ענינים, בכדי דער מונקאַטשער (באַקאַנט אַלס קנאותדיקער עקסטרעמיסט), זאָל אויך קע־

נען ווערן אַ מיטגליד אין דער אגודה. איינס פון די זאַכן, וואָס ער האָט צוגעשטימט, אַז אין דער מתיבתא זאָלן די בחורים נאָך 16 יאָריקן עלטער, ניט לערנען לימודי־חול, אַז קופת רמבעה״ג זאָל נישט ליידן פון אגודהשן קרן הישוב און אַזוי ווייטער.

דער מונקאַטשער רבי, פאַרשטייט זיך, איז נאָך אַלץ נישט געווען צופרידן און געמאַכט דערקלערונגען אין אונגאַרן פאַר זיינע חסידים, אַז אין דער וואַרשעווער מתיבתא, האָט מען געטראָפן בחורים לערנען (לימודי חול) בגילוי־ראש און נאָך אַזעלכע באַשולדיקונגען. דער גערער רבי ענטפערט שאַרף און לייקנט דאָס אָפּ; באַווייזט, אַז דאָס איז ווייט פון אמת...

צווישן די בריוו, געפינט זיך איינער, וואָס קלערט אויף פאַרוואָס ער האָט נישט געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע, אַז דאָס האָט גאָר צו טאָן מיט דער מזרחי, כאָטש ער האַלט אַז „מזרחי אַמעריקא לפי השקפתם ומקומם איננו מסוכן... אולם במדינתנו לא כן הוא״... אין פוילן האָט ער שטאַרק באַקעמפט די מזרחי. אין אַ בריוו צו אָסטראָווצער רב, ר׳ מאיר־יחיאל זצ״ל, דערמאָנט ער, די מעשה יאַבלאָנא, אַז זיין פאַרייניקן זיך מיט די חפשים, איז אַ געפאַר.

בעת דער גרינדונג פון דער פועלי אגודת ישראל, שרייבט ער זיי אין יאָר תרצ״ה, בלויז עטלעכע ווערטער מיטן ווונטש פון „תחזקנה ידיכם להיות הכל רק ע״פ התורה והמסורה״.

דרייצן בריוו געפינען זיך אינעם אוסף, וואָס האָבן צו טאָן דירעקט מיט ארץ־ישראל, בריוו פון ירושלים, פון דער ערשטער נסיעה (תרפ״א) פון דער שיף אאַז״ו. אינעם לעצטן בריוו, ווי געצוימט און צמצומדיק ער איז מיט ווערטער, האָבן מיר אַ פולשטענדיקן פראָטאָקאָל, סיי וועגן זיין איינדרוק און סיי וועגן זיינע השקפות וועגן ישוב און בנין הארץ און ווי אַזוי די אגודה און אָרטאָדאָקסישע יידן בכלל דאַרפן זיך פאַרנעמען מיט ישוב ארץ־ישראל אין אַלע אירע פאַרצווייגונגען, „כי ברבוי העולים החרדים לא״י תתגדל השפעתם שמה, וזה יגרום שמירת קדושת הארץ״...

אינעם לענגערן בריוו, גיט ער איבער זיין פּאָלעמיק מיט הרב קוק ז״ל, וועמען ער טיטולירט אַלס איש האשכולות בתורה ומדות תרומיות... אָבער... „אהבתו לציון עוברת כל גבול ואומר על טמא טהור״... עס איז אַ גאָר־גאָר אינטערעסאַנטער שמועס פון וועלכן מ׳קען אַ סך לערנען און אויך, ווי אַזוי ער האָט זיך באַמיט און שטאַרק זיך אָנגעשטרענגט צו שאַפן שלום צווישן

הרב קוק און הרב זאָנענפעלד — און אַז די באַנעמונג פון הרב קוק איז געוואַלטיק גרויס און ערלעך, און אַז ער האָט גוטע כוונות און נישט געקוקט וואָס די מערהייט איז מיט אים טיילט ער צו כבוד די עלטערע רבנים און מיידט אויס מחלוקת...

מיר געפינען דאָרט בריוו און רופן וועגן שטיצע פאַר דעם כולל רמ־בעה״ן, וועגן מחצית השקל לטובת ישוב ארץ־ישראל, וועגן דער גרינדונג און אויסהאַלט פון דער ישיבת אמת אין ירושלים. אין אַלץ איז ער דער פּראַקטישער מענטש און פאַר אַלץ זוכט ער אַ ראיה פון תנ״ך, תלמוד, ספרי־תקנות. ער איז אויך אומעטום דער ליבעראַלער תורה־מנהיג, אויסער אין זיין קאַמף קעגן די פרייע, קעגן די ציוניסטן, קעגן ועד הלאומי.

מיט דערזעלביקער זעלישקייט, שרייבט ער קעגן דער פרייער פּרעסע און רופט צו גרינדן אָרטאָדאָקסישע צייטונגען. פריער זיך אַרויסגעזאָגט פאַר „דאָס יודישע וואָרט" (תרע״ו), דערנאָך פאַר דעם „יוד" (תרפ״א) און ווען דער „יוד" האָט אויפגעהערט דערשיינען, האָט ער געהאָלפן גרינדן „דאָס יודישע טאגבלאט" און גערופן צו שטיצן דעם דאָזיקן אָרגאַן (תרצ״ה־תרצ״פ). געשריבן זייער וואָרעם וועגן „דרכנו" און אַנדערע אגודה־אויס־גאַבעס.

ראש השנה תרצ״א, האָט ער געזאָגט פאַר די תקיעות: „אַזוי ווי עס מערן זיך די לעצטע ציטן ביכער, צייטונגען און ביבליאָטעקן אין וועלכע ס׳געפינט זיך ניבול־פּה... מוז מען נזהר זיין זיי נישט צו לייענען און נישט אַריינלאָזן אין הויז אַריין"...

אינטערעסאַנט איז זיין בריוו, אין וועלכן ער פאַרלאַנגט אַז אגודה־ביכער וועגן פינאַנצן, זאָלן נישט געשריבן ווערן מיט די נעמען פון גוייִשע חדשים, נאָר ניסן אָדער תשרי...

מיר וואָלטן געקענט אַ סך מאריך זיין מיט ציטירונגען, אָבער צוליב קיצור, מוז מען דעם לייענער אָפּשיקן צו באַקענען זיך מיטן אוסף מכתבים, כדי ער זאָל האָבן פאַר זיך אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער גרויסקייט פון דעם דאָזיקן גייסטיקן מנהיג.

ג. שמן

ר׳ אברהם לאַנדאָ

ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער האָט אויך פון צייט צו צייט געענטפערט אויף פאַרשיידענע שאלות וואָס רבנים פון די ווייטסטע מקומות האָבן געפרעגט ביי אים, אַריינגערעכנט אויך אַמעריקע, אין יענער צייט געמיינט מער ווי מרחקים אָדער באַגריף פון מדינת הים...

איינער פון די רבנים וואָס האָבן ביי אים געפרעגט, האַלטנדיק אים אַלס פוסק אחרון, איז געווען ר׳ יוסף משה ארנזאָן, דער מחבר פון די ספרים „פרדס החכמה", „פרדס הבינה" און שו״ת „מטעי משה", אַ געבוירענער אין סאַלאַנט, רוסלאַנד, האָט ער זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, אין יאָר תרכ״ב (1862) און פאַרנומען איינע פון די דאַן גאָר וויכטיקע רבנות־פּאָסטנס, אין ניו־יאָרק, ער איז געווען רב אין בית־מדרש אויף אלן גאַס, דאַן קאָמפּאַקט מיט יידן.

דער בעל הפרדס, ווי עס ווייזט אויס, איז געווען, ווי זיין קעגנער, הרב אברהם־יוסף אַש (געב׳ אין סימיאַטיץ, פּוילן, אין יאָר 1813 און געקומען קיין ניו־יאָרק אין יאָר 1852 און דאָרט נפטר געוואָרן אין יאָר תרמ״ח—1888) פון די רבנים וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די הלכהשע ענינים, מיט ענינים גיטין און קדושין, הלכות אישות און דיני טרפה איסור, והיתר — און זיי האָבן קאָרעספּאָנדירט מיט די גדולי הדור.

וועגן אַן ענין אין שייכות מיט גט דורך פּאָסט און שליחים, האָט ר׳ רוסף־משה זיך געווענדט צום טשעכאַנאָווער רב, און ווי ער פירט אויס, האָט ער געפסקנט, לויטן פסק פונעם טשעכאַנאָווער (זע, מטעי משה, תשובה י״ב: י. ד. אייזנשטיין, אוצר זכרונותי, תר״צ, צווייטער טייל, ז׳ 343).
ר׳ יוסף־משה איז נפטר געוואָרן אין שיקאַגאָ, כ״ה אלול, תרל״ה—1875.

SOCIEDAD HEBRAICA ARGENTINA
BIBLIOTECA
BUENOS AIRES

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ה. שאָשקעס — פוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באלאַבאַן — די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאָליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (**לידער**)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) **ד״ר ה. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (**לידער**)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן (**זכרונות**)
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (**ראָמאַן**)
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים

60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (**ראָמאַן**)
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צ״
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָ. (**זכרונות**)
69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען (**אויספאַרקויפט**)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע, 1937
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו (**אויספאַרקויפט**)
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך
82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (**ראָמאַן**)
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג (**זכרונות**)
89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (**אויספאַרקויפט**)
90) **ז. י. אנכי** — ר' אבא און אַנדערע כתבים
91—92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין געוויש פון מאַשינען (**ראָמאַן**)
94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (**קראַקע**)
95—96) **יאַנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן (**זכרונות**)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954).
97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (**ראָמאַן**)
99) **פּועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) **י. הירשהויט** — יידישע נאָפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאַליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, ביי „די אידישע
צייטונג", בוענאָס־איירעס, 1955).
102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע
103) **פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער)** — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (**ראָמאַן**)
105־106־107) **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן
(פרעמירט דורכן ניימאַן־פאָנד, פּאַריז, 1958).
108—109) **מרדכי שטריגלער** — געצרעמט מיטן ווינט (**ראָמאַן**)
110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — וואַרשע און לאָדזש
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1956).
112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאַליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, בוענאָס־איירעס, 1956).
113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 (**זכרונות**)

114) **פנחס שטיינוואַקס** — ייִדן צום געדענקען
115) **ק. צעטניק** — דאָס הויז פון ליאַלקעס
116) **מאַקס ווײַנרײַך** — פון ביידע זייטן פלויט
117) **אליעזר וויזל** — און די וועלט האָט געשוויגן
118) **ש. בערלינסקי** — ירושה
(פרעמירט דורכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) **ד״ר יוסף טענענבוים** — צווישן מלחמה און שלום
120) **יוסף אָקרוטני** — סוף קאַפּיטל
121) **זיגמונט טורקאָוו** — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
122) **בער י. ראָזען** — פּאַרטרעטן
123) **אברהם טענענבוים־ארזי** — לאָדזש און אירע ייִדן
125—124) **משה קאַגאַנאָוויטש** — די מלחמה פון יידישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע
127—126) **אברהם זאַק** — קנעכט זענען מיר געווען
(פרעמירט דורך דער באַריס סוראָוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) **יעקב גלאַטשטיין** — ווען יאָש איז געפאָרן
130—129) **דוד פלינקער** — נייע צייטן (**ראָמאַן**)
(פרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) **משה יודל שעליובסקי** — אין דער וועלט אַריין
(פרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) **ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט** — צווישן ביידע וועלט־מלחמות
133) **לעאָן לענעמאַן** — דער חשבון בלייבט אָפן
134) **שלמה פראַנק** — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) **מ. באַקאַלטשוק** — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) **פנחס וועלנער** — אין יענע טעג
137) **אלימלך ראַק** — זכרונות פון אַ יידישן **האַנטווערקער**־טוער
138) **הירש אַבראַמאָוויטש** — פאַרשווונדענע געשטאַלטן
139) **ב. טערקעל** — זכרונות פון דער מלחמה־צייט
140) **י. ל. וואלמאן** — פוילישע ייִדן (**ראָמאַן**)
142—141) **נ. שמן** — דאָס געזאַנג פון חסידות
144—143) **צבי כהן** — שטורמישע דורות (ראָמאַן)

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג
שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער
העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה

עס גרייט זיך צום דרוק

דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פוילן
שלמה ברײַנסקי — זשעליכאָווער מענטשן

Se terminó de imprimir el día
8 de abril de 1959, en los Talleres Gráficos "ZLOTOPIORO
HNOS.", calle San Luis 3149.
Buenos Aires - Rep. Argentina

וועגן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צום פאַרלאַג
„דאָס פוילישע ייִדנטום“, זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 — Buenos Aires (Argentina)

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 142

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA

Copyright by:
N. SHEMEN
Toronto, (Canadá)

N. SHEMEN

LA CANCION DEL JASIDISMO

TOMO II

★

Editado por la
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA
Buenos Aires. 1959